STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08473

YUGNT, UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

Max Makofsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יוסף מאַרגאָשעס

מ. מאקאוואסקי

יוגנט

און אנדערע דערציילונגען

ניו־יאָרק, 1953

מיין ליבער, געטרייער
לעבנס־באַגלייטערין
מנוחה׳ן —
אַ מתנה.

אַנמערקונג פון מחבר:

די ערשטע דערציילונג „יוגנט״, פונקט ווי די איבעריקע אינעם בוך, איז דורכאויס געשפּונען פון שרייבער׳ס פאַנטאַזיע. אויב נעמען פון שטעט, פון מענטשן, אָדער געשעענישן וועלן זיך צוזאַמענטרעפן מיט דער ווירקלעכקייט, וועט דאָס זיין בלויז אַ ריינער צופאַל.

מ. מ.

YOUTH

and Other Stories

Copyright, 1953
by
M. Makofsky

ביכער פון זעלבן מחבר:

א שאָפּ אין רידזשוואוד, 1939

דערציילונגען, 1947

הילע און שער־בלאַט געצייכנט פון י. זעלדין

אַדרעס פון מחבר:
M. Makofsky, 180 Longfellow Ave.
Bronx 60, N. Y.

200

מ. מאַקאָווסקי

יוגנט

(נאָוועלע)

1

שטיל און פאַרלאָזט זעט אויס דאָס שטעטל טעווין אין ווינטער־צייט. די הייזער מיט די שמאָלע גאַסן ליגן געקאָוועט אין אייזיקן שניי, וואָס איז נאָך געפאַלן מיט חדשים צוריק. פריער — דער שניי; נאָכדעם איז אַ רעגנדל געקומען; און באַלד נאָכדעם — אַ פרעסטל, וואָס האָט דעם שניי פאַרוואַנדלט אין שפּיציקע, גליטשיקע אייז־גרודעס אַז ס׳איז געווען אַ געפאַר אין גאַס צו גיין.

פונעם נאַרעוו־טייך וואָס ליגט ביים ברעג שטאָט ציט אַ ביטערע קעלט, וואָס מאַכט נאָך שווערער דאָס לעבן פון די אָרעמע מענטשן אין די חורבה׳דיקע הייזער וואָס האָבן ניט געגנוג האָלץ געהאַט אָנגעגרייט פאַרן ווינטער די שטוב אָנצוואַרעמען. אַט־דער זעלבער נאַרעוו, וואָס אין זומער האָט ער געבראַכט שפּע פאַר דער באַפעלקערונג און פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער געקלאַפּ פונעם האַמער, באַגלייט מיט געזאַנג פון מענטשן וואָס אַרבעטן אויף די געהילצן, וואָס שווימען פון דאָרטן אָפּ קיין דאַנציג, און פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ פריידיקער געטומל פון שווימער און שיפלער, — שטייט ער איצט, דער זעלבער טייך, אַן עלנטער, אַ פאַרגעסענער.

שטיל און פאַרלאָזט זעט איצט אויך אויס דער מאַרק — די פּרנסה־בירזשע פונעם שטעטל אין ווינטער־צייט.

שוין חדשים איז קיין יאַריד נישט געווען. פאַר דעם פּויער מיט זיין אויסגעמאַטערט פערדל איז, צוליב די פאַרשנייטע וועגן, שווער אין שטאָט צו קומען מיט זיין סחורה. פּוסטעוועט דערפאַר דער מאַרק. די שטאָטישע הענדלער דרייען זיך אַרום אָן פּרנסה. די קרעמער שטייען פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, קוקן מיט אויגן אויס, אַז אימעצער זאָל אַ טיר עפענען; אויב ניט עפּעס קויפן, איז כאָטש פאַר הימלעכקייט וועגן.

אויף איינער פון די שמאָלע גאַסן צווישן אַ ריי חורבה׳דיקע שטיבער

האָט פון יאָרן געוואוינט די פאַמיליע גישעס. ער, שמואל, אַן עלטערער פרומער איד, אַ גרויסער למדן, וועלכער איז אַלע זיינע יאָרן, ביז ער האָט געקראָגן אַ שוואַכע האַרץ, געווען דער הויפּט גמרא־מלמד פונעם שטעטל. איצט לעבט ער פון דעם, וואָס זיין פרוי גישע האַנדלט אויפן מאַרק. איצט, ווינטער־צייט, ווען דער מאַרק האָט געפּוסטעוועט, האָט מיט פּרנסה זיי אַרויסגעהאָלפן זייער בן־יחיד דוד. דוד׳ן האָבן טאַטע־מאַמע דווקא דערצויגן אויף זייער פרומען שטייגער: געגעבן אים לערנען פריער אין תלמוד תורה, דערנאָך אין ישיבה געלערנט ביז זעכצן יאָר, און געהאָפט האָבן זיי, אַז זייער בן־יחיד וועט אויסוואַקסן אַ למדן און אַ פרומער איד. נאָר זינט די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין יאָשע בער׳ס בערשטער־פאַבריק.

דער דאָזיקער איבערברוך אין דוד׳ס לעבן איז געשען מיט דריי יאָר צוריק. דער זעכצן־יאָריקער דוד, אַ הויכער, אַן איבערגעוואַקסענער ישיבה־בחור מיט אַ פאַרמאָרעט פּנים, מיט בגדים — אויסגעריבענע, פאַרלאַטעטע, פון וועלכע ער איז צוליב זיין הויכן וואוקס שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסן, איז אַהיים געקומען אויף יום־טובים מיטן געדאַנק: צו קריגן ביי טאַטע־מאַמע אַ נייעם בגד, און פּשוט — כאָטש איבער יום־טוב זאָט אָפּעסן...

געטראָפן האָט דוד אינדערהיים דעם טאַטן קראַנק אין בעט. די נויט האָט געוויעט פון יעדן ווינקעלע...

די געטרייע מאַמע גישע האָט שטילערהייט געשלונגען די טרערן, און האָט איינצייטיק געטרייסט איר דוד׳לען, אַז בזכות זיין תורה לערנען וועט גאָט זיי נישט פאַרלאָזן. אויף דער מאַמע׳ס האָפערדיקע רייד האָט דוד גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז איבער די יום־טובים, דערנאָך דערקלערט טאַטע־מאַמע, אַז ער וועט נישט פאָרן צוריק לערנען אין דער ישיבה. ער קומט אָן צו דער אַרבעט אין יאָשע בער׳ס בערשטער־פאַבריק.

די מאַמע, וועלכע האָט זיך שטענדיק גע׳יחוס׳ט, אַז ביי איר אין דער משפּחה געפינט זיך נישט קיין איינציקער באַלמעלאָכע, נאָר בלויז למדנים און סוחרים, האָט געבראָכן מיט די הענט, גע׳טענה׳ט: איר זון וועט פאַרשעמען איר פרומען טאַטן אין קבר, און זי, די מאַמע, וועט איר פּנים זיך שעמען צו ווייזן פאַר לייטן! זי האָט געהאַלטן אין איין זאָגן:

— געדענק, דוד׳ל, דו פאַרבייטסט תורה אויף נישט קיין סחורה!

דער טאַטע, אָבער, האָט געהאַלטן מיטן זון:

— וואָס ווילסטו פון אים, גישע? ר׳ יוחנן האָט געמעגט זיין אַ

שוסטער? און דער צווייטער תנא ר׳ יצחק האָט געמעגט זיין אַ שמיד?! האָ?...

נאָר נאָך אַלע טענות איז דוד אָנגעקומען אַרבעטן אין יאָשע בער׳ס בערשטער־פאַבריק. ער האָט אָנגעהויבן פאַרדינען. איינצייטיק האָט ער געלייענט און געלערנט פון ספרים, נאָר גישט פון די ספרים, וואָס טאַטע־מאַמע וואָלטן פאַר אים אויסדערוויילט...

:: :: ::

אַ פרימאָרגן אין סוף חודש מערץ:

דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ גראָער כמורנער טאָג. שטיל איז נאָך געווען אין גאַס. די ביימער פון ביידע זייטן „נייעם וועג״, וואָס ציט זיך אַרויף צום קלויסטער, זיינען געווען פאַרשנייטע. אַ נייער שניי האָט זיך שוין געדרייט אין דער לופטן און איז געפאַלן לאַנגזאַם אויף דעם פאַרשנייטן באָדן. דוד האָט אינעם פרימאָרגן זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן שלאָף. ער איז אַהיים געקומען שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט, פון אַ באַראַטונג, וואָס ער צוזאַמען מיט חברים טוער פון פאַבריק האָבן געהאַלטן ביים חבר אַבראַם אויפן קוואַרטיר. ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן; ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען... וואָס ס׳קאָן פאַסירן, אויב די באַלע־באַטים פון פאַבריק וועט געלינגען קריגן פון אימעצן אָנגעוויזן מיט אַ וואָרט אפילו, ווער עס האָט געוואָגט ביי זיי אין פאַבריק אַריינוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס ביי יעדן אַרבעטער אין קעשענע... ער האָט געטראַכט, דוד, פון דעם לערן־אינגל פּיניע, דעם לעבעדיקן יאַט, צו וועמען די דאָזיקע געוואָגטע אַרבעט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן — צי וועט ער?...

איז ער געלעגן, דוד, מיט שווערע מחשבות. און ווען ער איז שפּעט קוים איינגעשלאָפן, האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט פון טשאַטעס ווילדע הינט, וואָס זוכן אים אַרומצוריינגלען און באַפאַלן...

אין שטוב איז קאַלט געווען ווי אין דרויסן. פון די צעלעכערטע ווענט האָט געטריבן אַ ווינט מיט אַ פראָסט און געמאַכט צו פרירן דאָס וואַסער אין עמער און געמאָלן שגייאיקע בלומען אויף די שויבן. דער טאַטע איז נאָך פון באַגינען אין בית־מדרש אַוועק, וואו ס׳איז וואַרעם צו זיצן און לערנען און אויך כאַפּן אַ שמועס. און די מאַמע איז שוין וואָך געווען. זי איז געשטאַנען אַ הויכע, אַ געבויגענע, דעם קאָפּ איבער־געדעקט מיט אַ וואַרעמע געלבלעכע פאַטשיילע, מיט אַ שטערצל אין דער האַנט, גרייט צו גיין צום שכן יודל דעם אויליאַרניק, צו ברענגען אַ הייסע קויל אָנצוצינדן די נאַסע האָלץ און אָנוואַרעמען די אַלטע קאַלטע שטוב.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די מאַמע מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, און מיט אַנגסט געוואַרט אויף איר דוד׳לען... זי איז געלעגן אַ פאַר־ביטערטע, אַ פאַרזאָרגטע, צי עפּעס האָט חלילה ניט פּאַסירט מיט איר זון, און בכלל — וואוהין קומט ער אַהין גאַנצע נעכט?...

איר בן־יחיד, אויף וועמען זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט אויסוואַקסן צו גאָט און צו לייט, און דערפאַר אים געשיקט אין דער ישיבה לערנען, האָט ער זיך גאָר אינגאַנצן איצט אָפּגעריסן פון לערנען, און נעמט מער ניט אַ ספר אין האַנט אַריין!

און אויב די צרות זיינען נאָך נישט גענוג, איז פאַר דער פרומער מאַמען צוגעקומען אַ גרעסערע זאָרג: וואָס ער, דוד׳ל, טראָגט זיך אַרום מיט טריפה׳נע ביכלעך, וואָס איז אַ מורא אין שטוב צו האַלטן!

איצט, אינעם פרימאָרגן, ווען נאָך אַ נאַכט נישט דערשלאָפן איז ער גרייט געווען גיין אין פאַבריק, האָט זי צו אים מוטערלעך געזאָגט:

— זע, ווי בלאַס דו ביסט... עפּעס אַ קליינינקייט, אַז מ׳שלאָפט זיך ניט אויס...

זי האָט אַ ווײלע געשוויגן און באַלד ווידער פאַרגעזעצט מיט טענות:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט אַהיים געקומען? און וואוהין ווערסטו פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט, שדים ווייסן וואו?...

מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט אַ קול פול מיט צער האָט זי פאַר אים ס׳האַרץ אויסגערעדט, וואָס פון אים, דעם ישיבה׳ניק, איז געוואָרן! אַ פאַרביטערטע האָט זי געפרעגט:

— ווי האָסטו קיין רחמנות ניט זיך אַרומצוטראָגן מיט ביכלעך, וואָס עס איז אַ מורא אין שטוב צו האַלטן? און וואָס וועט זיין, אַז...

זי האָט מער נישט געקענט ריידן, די מאַמע... דוד האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט, און האָט די טיר אָן עפּן געטאָן אַוועקצוגיין. אָבער די מאַמע איז אים נאָכגעגאַנגען און מיט שטילן צער געזאָגט:

— דוד׳ל, — האָט זי זיך געבעטן ביי אים, — זאָג מיר צו, אַז היינט, נאָך דער אַרבעט, קומסטו גלייך אַהיים! געדענק, שפּיל זיך ניט מיט פייער...

דוד האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אויסגעדרייט. די מאַמע איז נאָך לאַנג געשטאַנען ווי אַ געליימטע פון יענער זייט טיר און מיט בענקענדיקע אויגן איר דוד׳לען נאָכבאַגלייט, ביז ער איז פאַרשוואונדן. דערנאָך האָט זי, אַ געבויגענע, איינגענורעט דעם קאָפּ אין איר פאַטשיילע, גענומען קריכן איבער שפּיציקע, גליטשיקע אייז־גרודעס, און דערקראָכן צום שכן יודל, צו קריגן אַ „הייסע קויל”. און מיט אַ ציטערדיק האַרץ, וואָס זי דאַרף ביי יענעם עפּעס בעטן, האָט זי דאָרט הכנעה׳דיק פאַמעלעך די

טיר געעפנט, און תיכף זי צוגעמאַכט מיט אַ שטאַרקן געקלאַפּ, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילער קאַלטער גאַס.

מיט אַ שווער געפיל, פאַרוואָס ער האָט דער מאַמען מיט קיין וואָרט נישט געקענט טרייסטן, האָט דוד זיך אַוועקגעלאָזט אין יאַשע בער׳ס בערשטער־פאַבריק.

דער שניי האָט געהאַלטן אין פאַלן. אַ שטיל־פאַרביסענער פראָסט האָט געפריגט זיינע אברים, און ער, דוד, האָט געשפאַנט און געטראַכט: צי וועט עפּעס דאָרט אין פאַבריק היינט ניט פאַסירן?! דער לערן־אינגל פּיניע האָט דוד׳ן אָפּגעוואַרט, מיט אַ גאַס פאַר דער פאַבריק, אַ מוטיקער, אַ שטאָלצער. זיינע קליינע אויגעלעך — פייערדיקע, האָבן קיין רגע נישט גערוט. ער האָט דוד׳ן איבערגעגעבן, ווי אַזוי נעכטן פאַרן אַהיים גיין האָט ער אַזוי קונציק אַריינגעשאַרט די פּראָקלאַמאַציעס אין די אַר־בעטער׳ס קעשענעס, אַז „אַפילו קיין האָן האָט קיין קריי נישט געטאָן"! אַ צופרידענער פון די נייעס, האָט ער צו פּיניע׳ן אויסגעדריקט זיין צוטרוי, און מיט אַ לייכטערן געמיט אַריין צו דער אַרבעט.

זיין שכן אַבראַם, אַ הויכער, קרעפּטיקער ביאַליסטאָקער בחור, אַ טוער פונעם „בונד", האָט דוד׳ן באַגריסט מיט אַ וואַרעמען בליק, וואָס ס׳האָט אויסגעדריקט: „אַלץ איז אין אָרדענונג." דוד האָט אָבער באַ־מערקט, אַז די רואיקייט אין פאַבריק איז אַן אומנאַטירלעכע... שפּעטער, ווען מ׳האָט געאַרבעט באַלד אַ שעה און די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן, האָט פונעם ווינקל כאַצקעלע דער טרעסטינער, אַ בחור אַ ברען, אויך איינער פון די „טוער", וועלכער איז צו יעדער צייט גרייט געווען צו פאַרציען אַ ניגונ׳דל, איצט אויך געפּרוווט די שטילקייט איבעררייסן מיט אַ פאָלקס־לידל. ער האָט געזונגען שטיל און פאַמעלעך:

...די פייערדיקע ליבע, וואָס טוט אין האַרצן ברענען;
וואָס טויג מיר אַ ליבע פירן, אַז מיר קענען זיך ניט נעמען!

כאַצקעלע האָט באַלד זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ העכערן טאָן, און דערוואַרט אַז אימעצער זאָל אים אונטערהעלפן און צעטרייבן דעם אומעט מיט דער שרעק... און ווען קיינער האָט אַפילו מיט קיין סימן נישט באַוויזן דאָס צו טאָן, האָט כאַצקעלע געפּרוווט בייטן דאָס געזאַנג, און אָנגעהויבן זינגען דעם שטאָט־חזנ׳ס האָפּקע פון ראש־השנה׳דיקן דאַ־ווענען: „היום תאמצנו" — אַ געזאַנג, וואָס האָט אַלע מאָל, אין דער ערגסטער געדריקטער שטימונג, געווירקט אויף די געמיטער, און אַלע ווי איינער האָבן מיטגעהאָלפן. איצט אָבער, ווען כאַצקעלע האָט גע־זונגען האָט דאָס אויף קיינעם נישט געווירקט; אומרואיקע זיינען די

אַרבעטער געשטאַנען ביי די געשטעלן און מיט אַ ציטער געוואָרפן אַן אויג צו דער טיר...

דער באַלעבאָס איז נישט געקומען, און מיט דעם נאָך מער פאַרשאַרפט די אומרואיקייט. געטראַכט האָבן איצט די אַרבעטער, צי איז דער באַלעבאָס צומאָל ניט אַוועק און געלאָזט וויסן נאַטשאַלסטוואָ, און באַלד־באַלד וועלן זיי זיך דאָ אַריינלאָזן... די מערסטע פון זיי, אָבער, האָט פאַראינטעריגירט בלויז: ווער? און ווי אַזוי די פּראָקלאַמאַציעס זיינען געקומען אין זייערע קעשענעס... שפּעטער, פאַר מיטאָג, ווען קיינער פון די באַלעבאַטים איז נישט אַריינגעקומען, האָט די שטימונג זיך דווקא געענדערט צום בעסערן: צוביסלעך האָבן אַרבעטער זייערע קעפּ אויפגעהויבן, געשמועסט צווישן זיך. פריער אין דער שטיל, דערנאָך — העכער און העכער. כאַצקעלע דער טרעסטינער האָט פּלוצלונג אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיט דעם געזוכט צו פאַרטרייבן דעם אומעט אין פאַבריק; מיט די שוואַרצע טשופּרינעס צעפאַלן איבערן פּנים, האָט ער מוטיק זיך צעזונגען מיט אַלעמען אין כאָר בר־כוכבא׳ס ליד:

...געקומען איז די צייט —\
יאָ־יאָ — די צייט!\
זי איז שוין גאָרניט וויט —\
יאָ־יאָ — ניט וויט: —\
דאָס לאַנד באַפרייען —\
יאָ־יאָ — באַפרייען!\
דאָס לאַנד באַנייען —\
יאָ־יאָ — באַניי — —

די טיר האָט זיך מיט אַ מאָל אַן עפן געטאָן. ס׳איז אַריינגעקומען יאָשע בער׳ס איידעם גדליה, אַן אויסגעפּאַשעטער יונגערמאַן, אַ למדן מיט סמיכות אויף רבנות, וואָס יאָשע בער האָט אים איינגעהאַנדלט אין מירער ישיבה פאַר זיין יונגער טאָכטער טילי, אַ שטשופּלע, אַ קליינע, מיט קרומלעכע אויגן... גדליה איז איצט געווען דער הויפּט־פירער פון פאַבריק. ער, מיט יאָשע בער׳ס עלטסטן זון אייזיק, זיינען אַריין מיט פּנים׳ער — בייזע, צערייצטע. זיי האָבן זיך געדרייט פון איין אַרבעטער צום צווייטן. ענדלעך איז דער באַלעבאָס גדליה צוגעקומען צו דוד׳ן, אים פאַרבעטן צו זיך אין קאָנטאָר.

דער באַלעבאָס גדליה האָט רואיק אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קעסטעלע טורעצקי׳ס פּאַפּיראָסן, איינעם פון זיי אַריינגעשטעקט אין אַ בורשטינענעם ציגאַר־שפּיצל, וואָס ער האָט געהאַט איינגעהאַנדלט אין

לייפּציג. און ווען ער האָט דעם ערשטן פּולן מויל רויך אַרויסגעבלאָזן, האָט ער אָנגעוויזן דוד'ן אַ בענקל ביי זיין שרייב־טיש.

ער האָט געפּרואווט אַזוי צו פאַרבלייבן רואיק, דער באַלעבאָס גדליה. נאָר דער ברענענדיקער פּאַפּיראָס מיט דעם בורשטינענעם ציגאַר־שפּיצל האָט, ווי אויף להכעיס, זיך געוויגט צווישן גדליה׳ס שאַרפע ציינער; מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן, וואָס אַט־אַט פּלאַצט דאָס אַרויס, און מיט אַ געמאַטערט שמייכעלע, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף זיינע אויסגעפּאַשעטע באַקן, האָט ער געזאָגט:

— נעכטן, פאַרן אַוועקגיין אַהיים, האָט אימעצער אונטערגעוואָרפן ביי די אַרבעטער אין די קעשענעס פון זייערע מאַנטלען, וואָס הענגען דאָרט אויפן וואַנט, אַן אויפרייצנדיק מיאוס בלעטל, פול מיט ליגנס קעגן די באַלעבאַטים פון פאַבריק! וויל איך צוערשט אַז דו זאָלסט וויסן, אַז דאָס אַרט אונדז ווייניק, ווען אַפילו מיר וועלן דאַרפן די פאַבריק צושליסן! מיר האָבן בלויז רחמנות אויף די ערלעכע אָרעמע מענטשן, וואָס זיינען לחלוטין אָפּהענגיק אַן אונדז צו שפּייזן זייערע פאַמיליעס — פאַר זיי טוט אונדז דאָס האַרץ ווי...

ער האָט אַן עפן געטאָן דעם טיש־שופלאָד, אַרויסגענומען די פּראָקלאַמאַציע און געלייענט:

„...צו אַלע בערשטער אַרבעטער!

„דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בערשטער־בונד, וועלכער האָט דעם אויפזיכט איבער דעם ביאַליסטאָקער ראַיאָן — שטעט און שטעטלעך, וואו נאָר איר אַרבעט אוממענטשלעכע לאַנגע שעה׳ן פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, און וואַרטן אויפן חסד, אַז אייער באַלעבאָס, אָדער אייער מייסטער זאָל דערלויבן אייך אַהיים גיין! — מוז צו דעם נעמען אַ סוף!

„ברידער בערשטער אַרבעטער!

„די שעה פון אייער באַפרייאונג איז נאָענט! דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד איז גרייט מיט אייער הילף אָנצוהויבן אַ מעכטיקן קאַמף אין יעדער פאַבריק פאַר אַן אכט־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג!

„און מיר רופן צו אייך, ברידער אַרבעטער:

„פאַראייניקט אייך, ברידער! שליסט זיך אָן צו די איבעריקע אין אייער פאַבריק אין אַ ברידערלעכן בונד! צוזאַמען — פאַראייניקטערהייט לאָזט וויסן אייערע באַלעבאַטים, אַז די שעה איז געקומען, וואָס איר וועט מער ניט שקלאַפן ביי זיי ביז שפּעט ביינאַכט! לאָזט זיי וויסן, אַז איר זיינט באַרעכטיקט און גרייט אויסצוקעמפן אייער מענטשלעכע רעכט צו לעבן און צו געניסן!

„דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בערשטער־בונד.״

ווען ער האָט פאַרענדיקט לייענען, דער באַלעבאָס, האָט ער די פּראָקלאַמאַציע פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט און דאָס צוריק אינעם שופלאָד אַריינגעלייגט, ווי ער וואָלט מיט דעם וועלן דוד'ן וואָרענען, אַז אויב נויטיק וועט ער זיך מיט דעם באַנוצן... און דערביי רואיק, געמיטלעך געזאָגט:

— ווי כ'זע אויף דיין פּנים, ביזטו גאָר ניט איבערראַשט, וואָס כ'האָב דאָ געלייענט; אַפּנים, דו ווייסט נאָך פריער פון דעם, ווי איך, — האָ?

ער האָט פאַררויכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס, דער באַלעבאָס גדליה, און איינצייטיק נישט אַראָפּגענומען זיינע גרויע שטעכיקע אויגן פון דוד'ן. ווען דוד האָט אָבער גאָרנישט ניט געענטפערט, האָט גדליה זיך נעענטער צוגערוקט צום שרייב־טיש, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר, וואָס פאַר אַ געשעפטן פירסטו מיט דעם אַבראַמ'ען? כ'מיין, מיט אָט־דעם הויכן ביאַליסטאָקער בחור? צוליב וואָס קומסטו ביי אים אויפן קוואַרטיר אַזוי אָפט?

ער האָט ווידער אָנגעשטרענגט די אויגן אויף דוד'ס פּנים, דער כיטרער גדליה, ווי ער וואָלט געזוכט דאָרט אַ באַשטעטיקונג אויף זיין פאַרדאַכט. צו זיין באַדויערן, האָט ער אויף דוד'ס פּנים גאָרנישט ניט באַמערקט וועלכע ס'איז ענדערונג, פּונקט ווי די גאַנצע געשעעניש וואָלט אים גאָר נישט פאַראינטערעסירט. מיט געהויבענע אַקסלען האָט דוד זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי ניט, צוליב וואָס איר האָט מיך אַהער גערופן. צו הערן לייענען די פּראָקלאַמאַציע? דאָס האָב איך געפונען אין קעשענע און געלייענט. טאָ וואָס דען ווילט איר פון מיר? טאָר איך אפשר ניט באַזוכן דעם מענטשן, וועלכער איז מיין פריינט, טאָר איך ניט?...

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, דוד, און מיטן שמייכל זיך אַ הויב געטאָן צוריקגיין צו דער אַרבעט. דער באַלעבאָס האָט אים געבעטן זיך אַוועקזעצן, און גענומען ריידן צו אים, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— ניין, דוד, — האָט ער וואָרעם געזאָגט, — איך בין נישט דער מענטש, וואָס וויל דיר זאָגן אַ דעה זיך צו חבר'ן מיט וועמען דו ווילסט. נאָך אַלעמען בין איך נישט דיין ברודער, אַפילו נישט אַ ווייטער קרוב. פאַרשטיי מיך אָבער, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, וואָס איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דו, שמואל דעם מלמד'ס אַ זון, זאָלסט זיין מיט יענע חברה פאַרמישט!... איך פרעג דיך, ווי אַ פריינט: ווי קומסטו דאָרטן מיט זיי?... ביסט אַ בחור אַ תלמיד־חכם, האָסט

דיינע אַלע יאָרן געלערנט אין ישיבות, דו דאַרפסט זיך אויסקלייבן אַ בעסערע סביבה — כ׳מיין, אַ בעסערן חבר ווי אָט־דער...

ער האָט פאַרענדיקט, דער באַלעבאָס, מיט אַ געמיינעם זידל־וואָרט. דוד׳ס בלוט האָט אַ זיד געטאָן און ער האָט פאַרביסן געזאָגט:

— איך פאַרבאָט אייך, ר׳ גדליה, מיך צו לערנען וואָס איך זאָל יאָ טאָן און וואָס ניט! — און זיך אַ הויב געטאָן אַוועקצוגיין.

דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן איראָניש שמייכעלע און אַ זאָג געטאָן:

— נו... אויב דו ווילסט ניט הערן וואָס איך זאָג, וועסטו אָבער מוזן אויסהערן וואָס זיי — „נאַטשאַלסטוואָ״ — וועלן האָבן צו זאָגן! פאַרשטייסטו מיר — —

דוד איז אויפגעשפרונגען אַ צעקאָכטער:

— איר מיינט, איר וועט מסור׳ן? איר? איר, וואָס דאַוונט אין מזרח־וואַנט מיט פאַרגלאָצטע אויגן — איר?...

— פאַרוואָס ניט? — האָט גדליה מיטן שמייכעלע געזאָגט, — ביי מיר איז עס דווקא אַ גרויסע מצווה אויסצוראָמען אַזעלכע ווי דו! אדרבה.

דוד האָט זיך פון אים אויסגעדרייט ווי פון אַ נבלה. ביים טיר האָט ער דעם באַלעבאָס דערקלערט:

— איר קענט טאָן וואָס אייער האַרץ גלוסט, ר׳ גדליה. איר מעגט אָבער זיכער זיין, אַז אויב איר וועט זיך נאָר ווענדן צו נאַטשאַלסטוואָ, וועט איר חרטה האָבן. האָט עס אין זינען, ר׳ גדליה!

ביים טיר פון פאַבריק־שטיבל האָט דוד דערהערט ווילדע קולות פון יאָשע בער׳ס זון אייזיק, — איינער פון די באַלעבאַטים, וועלכער האָט, אגב, געשפילט אַ ראָלע פון כלומרשט „גוט־ברודער״ מיט די אַרבעטער. דוד האָט אַ ריס געטאָן די טיר און ער איז באַגעגנט געוואָרן פון דעם באַלעבאָס אייזיק׳ס אויפגערעגטן פנים:

— אַ גוט־מאָרגן, פאַניע דאָקטאָר! — האָט אייזיק זיך טיף פאַר־נייגט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז אים אין פנים אַריין. — וואָס מאַכן זי? — האָ?...

— איר זעט, — האָט אייזיק זיך אויסגעדרייט צו די אַרבעטער, — אָט־דער... גישעס זון, וואָס זיין מאַמע טאַנצט אויף אַלע קדושות אין די שולן, און דער זון אירער וויל נישט אַנדערש, נאָר איר זאָלט אַרבעטן אויפן זייגער! אָט־אָ־דער וועט דאָס אייך לערנען וויפיל שעה׳ן איר דאַרפט אַרבעטן! איר הערט?...

דער באַלעבאָס האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דוד׳ן, און מיטן וויַז־פינגער אונטער דוד׳ס נאָז געוואָרנט:

— דו הערסט, טריפה'נער ביין! אַזוי לאַנג זאָלסטו מיט דיין חברה „פּאַראַייניקטע" ליגן דאָרט און קרענקען, ווי לאַנג ביי אונדז אין פאַבריק וועט מען ניט אַרבעטן אויפן זייגער — דו אויסוואורף — דו...

דוד האָט אַ וואָרף געטאָן די אַרבעט און גאַליק געזאָגט:

— איר זאָלט שוין אָוועקנעמען אייער נבזה'דיקן פינגער פון אונטער מיין נאָז — שוין, די מינוט!...

ער איז געשטאַנען קעגן אים, דוד, ווי אַ שונא, און האָט באַמערקט ווי דעם באַלעבאָס' פּנים, וואָס איז ביז איצט רויט געווען פון אויפרעגונג, איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן, און ווי יענער רוקט זיך אויף אַהינטער... אין פאַבריק־שטיבל איז שטיל געווען, ווי אַלע מיטאַמאָל וואָלטן די אַרבעט אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענט. אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ ווילד געמורמל, דער באַלעבאָס האָט אויסגעשטרעקט ס'פּנים צו דוד'ס שכן אַבראַם און צו אים געזאָגט:

— און וואָס ווילט איר, פיינער מענטש? וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט אייך אַהער געבראַכט? ווער — —

— און איר זיינט אַן אומווירדיקער קערל, אַ אידיאָט, אָט וואָס איר זיינט! און מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן, באַלעבאָס מיינער... — האָט אַבראַם גע'חוזק'ט.

דער באַלעבאָס, אַ באַליידיקטער, האָט זיך אויסגעדרייט צו די אַר־בעטער, און מיט אַ געמאַכטן ערנסט צו זיי געזאָגט:

— איר זעט, מענטשן, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן?... איך ראָט אייך ווי אַ גוטער פריינט, אַז איר זאָלט שוין זוכן ערגעץ אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן. מיר שליסן איינגיכן די פאַבריק!

ער האָט דערביי געשמייכלט אונטער די וואָנצעס, דער כיטרער באַלעבאָס אייזיק. דאָס געשעפט איז געווען אַ צו־גוטער ביסן פאַר דער גאַנצער יאָשע בער'ס גרויסער משפּחה, אַז זיי זאָלן צושליסן! וואָס דער באַלעבאָס אייזיק האָט מיט זיין לעצטער דערקלערונג יאָ געזוכט, איז צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די עלטערע איינגעזעסענע אַרבעטער פונעם שטעטל, וואָס ציען זייער אָרעמע חיונה פון דער פאַבריק. די דאָזיקע מענטשן האָט ער אַרויסגערופן צום ריידן... זיך איינשטעלן פאַר זייער באַלעבאָס. צום סוף האָבן אַלע געשוויגן, אַפּנים, ווי זיי וואָלטן טראַכטן, אַז אַרבעטן ווייניקער שעה'ן איז בעסער...

דערפאַר, ביינאַכט אין בית־מדרש, באַלד נאָך מעריב דאַווענען, ווען באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעשטעלט ריידן וועגן די געשעענישן אין פאַבריק, און דערמאָנט די „פּראָקלאַמאַציעס", וואָס פאָדערן אַן אַכט־

שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג, איז מיטאַמאָל אויסגעוואָקסן דער באַלעבאָס אייזיק און צו זיין געזאָגט:

— זייט וויסן, אידן, מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז צום בעסטן איז צו שליסן די פאַבריק און פטור אַן עסק!

ער האָט פאַרביסן די ליפּן, דער באַלעבאָס אייזיק, ווי ער וואָלט געגעבן מיט דעם אַנצוהערעניש, אַז גאָט ווייס אין וואָס פאַר אַ געפאַר ער מיט יאָשע בער׳ס משפחה געפינען זיך אַצינד... נאָר צום סוף האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— ווער, מיינט איר, איז דאָ שולדיק? דער סמאַרקאַטש דוד גישעס

— יאָ, יאָ, ער איז איינער פון די „פאַראייניקטע״, ווי זיי רופן זיך אָנעט...

— וואָס רעדט איר? — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אברהמ׳ל טאַרבע, — צוליב אָט־דעם זשוליק זאָלן אידן אָפּגעבן זייער פּרנסה? איז שוין טאַקיש די וועלט הפקר? וואָס?

לייזער הערשל דער שניט־קרעמער האָט פאַרזשמורעט די אויגן זיינע, ווי ער וואָלט געשטאַנען שמונה־עשרה, און געשוימט מיטן מויל:

— אייערע בערשטער זיינען מיינע קונדן... ניין, איך וועל זיכער ניט שווייגן. נישקשה, איך ווייס וואו אַ טיר עפנט זיך...

דאָס געזעמל אין בית־מדרש איז גרעסער געוואָרן. אידן, וואָס זיינען געזעסן מיט אַ ספר און געלערנט, זיינען איינגעשטילט געוואָרן. איינער פון זיי, אהר׳עלע בעקער, וואָס איז צופעליק געקומען אין בית־מדרש, האָט זיך צוגעהערט צו די אויפגערעגטע אידן, און צו זיי געזאָגט:

— מיר דוכט, אַז די מענטשן אין פאַבריק זיינען גאָר ניט אַזוי אומגערעכט. איז דען טאַקע ווייניק אַכט שעה אַ טאָג? אָט אַרבעט איך ביי חיים לייזער׳ן אפשר אַכצן שעה אַ טאָג! איז רעכט אַזוי, נישט צו האָבן צייט אַפילו גוט אָנקוקן די היים?

— אָט האָסטו דיר אַ שפּאָגל־נייעם „פאַראייניקטן״! — האָט אייזיק יאָשע בער׳ס אַרויסגעפּלאַצט אַ בייזער און זיך אָפּגעטראָגן.

דער שניט־קרעמער לייזער הערשל האָט פאַרזשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן אויפן בעקער־געזעל און זיך גע׳כעס׳ט:

— זע נאָר ווער עס רעדט... ווער צווינגט דען אימעצן צו זיין אַ בעקער־יונג? מ׳ווערט אַליין אַ באַלעבאָס און מ׳פאַרשפּאָרט צו קלאָגן!
— געהערט אַ מעשה!

— דאָס האָט גאָרניט צו טאָן צו אונדזער ענין, — האָט דער קרעמער אברהמ׳ל טאַרבע זיך געבייזערט, — מיר ריידן דאָ וועגן עפּעס אַנדערש, און איך זאָג, אַז מיר טאָרן נישט דערלאָזן אַז די פאַבריק

זאָל זיך שליסן! אַ האַלבע שטאָט ציט פון דעם חיונה! איך וואָלט געזאָגט, אַז צום רב דאַרפן מיר גיין און זאָגן אים, אַז ער זאָל שוין באַפעלן דעם בונטאָווטשיק, דוד גישעס, ער זאָל גלייך קומען צו אים... און אויב ער וועט ניט קומען, זאָל דער רב האַלטן אַ דרשה נאָך דעם שבת אין בית־מדרש, און וואָרענען — —

דער שניט־קרעמער לייזער הערשל האָט נישט געלאָזט זיך אויסריידן:

— וואָס זאָגט ער דאָרט? „צום רב זאָל מען גיין"? בטלנות! אָט־די הפקר־יונגען לאַכן זיך אויס פון אַזעלכע זאַכן. אויב יאָ גיין, איז שוין בעסער צו די, פאַר וועמען זיי מוזן האָבן דרך־ארץ... נישקשה, מיר וועלן ניט שווייגן!...

נאָך דעם שניט־קרעמער׳ס בייזוויליקע אָנצוהערעניש, וואו ער קליבט זיך צו גיין, האָבן די דערבייאיקע מענטשן מיט די נעז פאַרדרייט. אהר׳עלע בעקער האָט גאַליק באַמערקט:

— פע... איר מעגט זיך שעמען פון אייער מויל דאָס אַרויסצוריידן, נאָך דאָ אין בית־מדרש! — און מיט פאַרדרוס זיך פון אים אויסגעדרייט.

צו מאָרגנס, ווען שמואל מלמד איז מיט די דאָזיקע נייעס אַהיים געקומען און דאָס איבערדערציילט דער ווייב, האָט די מאַמע גישע זיך גוט אויסגעוויינט און צו זיך געמורמלט:

„וואָס איר קינד איז באַשערט אונטער זיין נאָגל, זאָל דאָס געשען אין זייערע קעפּ און אין זייערע לייב־און־לעבנס פון דער גאַנצער יאָשע בער׳ס משפּחה, מיט אַלע זייערע פריינט, וואָס בילן און ווילן שלעכטס טאָן איר ליב איינציק קינד — איר דוד׳לען".

2.

באַלד ווי דער יום־טוב פּסח איז געווען פאַריבער, האָבן די צעבליטע, באַגרינטע דיקעביימער פונעם „נייעם וועג" וואָס פירט צום קלויסטער, צוזאַמען מיט די טיפע, גרינע וואַסערן פונעם נאַרעוו, צוריק אויפגעלעבט. דערציילט האָבן זיי, אַז דער גרויזאַמער קאַלטער ווינטער איז שוין אַוועק, און באַלד־באַלד וועט דער ליבער זומער פאַרנעמען דעם פּלאַץ און וועט ווידער ברענגען שפע פאַרן מענטשן אין שטעטל.

דוד האָט דעמאָלט שוין געאַרבעט אין אַ ביאַליסטאָקער פאַבריק, לויט דער עצה פון חבר אַבראַם. חבר אַבראַם האָט, צוליב זיין אַקטיווי־

טעט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „בונד״, געמוזט פאַרלאָזן יאָשעַ בער׳ס פאַבריק מיט חדשים צוריק. אויך דוד האָט זינט יענער צייט, ווען אין פאַבריק האָט זיך באַוויזן די ערשטע פּראָקלאַמאַציע, געהאַט אַ סך אויסצושטיין סיי פון די באַלעבאַטים אין פאַבריק, סיי פון דער מאַמע׳ס טרערן אינדערהיים. און דערפאַר האָט ער פאַרלאָזט ס׳שטעטל.

אין ביאַליסטאָק האָט דוד געאַרבעט צוזאַמען מיט חבר אַבראַמ׳ען און צוזאַמען געווען טעטיק אינעם „בונד״, און פון צייט צו צייט איז אים אויסגעקומען זיך אַרומצוטראָגן מיט פאַרבאָטענע ליטעראַטור, וואָס ער האָט באַדאַרפט באַזאָרגן פאַר חברים אַרבעטער אין זיין געבורט־שטעטל. און קיין בעסער קוואַרטיר ווי ביי זיין פעטער און מומע האָט ער זיך גאָרניט געקאָנט ווינטשן. זיין פעטער, יוסף דוואָרקין, איז געווען אַ בכבוד׳יקער געשעפטס־מענטש, אַן אייגנטימער פון אַ הויף מיט עטלעכע צענדליק איינוואוינער; דער פעטער איז אויך געווען איינער פון די גבאים אין שול, וואו ער האָט געדאַוונט אָפט פאַרן עמוד. און צוליב דעם אַלעמען איז ער געווען פאַרבונדן מיט „נאַטשאַלסטוואָ״, ווען ער האָט אָפט איינגעלאַדן אויף אַ צובייס ביי זיך אַהיים, וואָס די וואוילע מומע שרה האָט פאַר זיי צוגעגרייט. אויף דוד׳ן מיט זיינע געשעפטן האָט קיינער זיך ניט אומגעקוקט.

ס׳האָט פּאַסירט אין אַ זומער־אָוונט:

דוד איז געקומען אַהיים פול באַלאָדן מיט פאַרבאָטענע ליטעראַטור, וואָס ער האָט מאָרגן באַדאַרפט אָפּשיקן אין זיין שטעטל. ווי תמיד אין דער לאַגע, האָט ער פריער מיט אַ כיוון זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קורצן וויזיט ביי דער מומע מיטן פעטער, זיך נאָכגעפרעגט וואָס זיי טוען, און תיכף זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם־שטיבל, וואו דוד מיט זיין קאָזין אָסיפּ זיינען געשלאָפן. דעם פאַרבונדענעם פּעקל ליטעראַטור האָט דוד פאַרשטעקט אונטערן בעט, און אַליין זיך געזעצט ביים אָפענעם פענצטער לייענען דעם נייעם נומער „אַרבעטער שטימע״, וואָס דער בערשטער־בונד האָט דעמאָלט אין געהיים אַרויסגעגעבן. דוד איז שרעקלעך מיד געווען, האָט ער געלייענט און איינגעדרעמלט. שפּעט אין אָוונט האָט אים אויפגעוועקט דער קאָזין אָסיפּ, האַלטנדיק די דאָזיקע צייטונג אין האַנט...

אָסיפּ האָט דווקא פאַר קיינעם גאָרנישט דערציילט וועגן דעם. בלויז זיין באַציאונג צו דוד׳ן האָט פון זינט יענעם אָוונט זיך געענדערט. ווען דוד איז פון אַ באַראַטונג אַהיימגעקומען שפּעט אין אָוונט, האָט דער קאָזין אָסיפּ געהאַט טענות:

— וואו ביסטו געווען? מיט וועלכע חברה שלייעסטו זיך אַרום?

— וואָסי? איך בין מחויב דיר אַלץ צו דערציילן, מיין טייערער קאָזין?

ווען אָסיפּ איז איינמאָל צוגעשטאַנען מיט פּרעטענזיעס: ער מוז וויסן, ווייל דער פעטער און די מומע פרעגן זיך נאָך... האָט דוד זיך פּלוצלונג גענומען באַקלאָגן, אַז עס איז אים שטאַרק אומעטיק אַליין צו זיצן אין צימער און דערפאַר פאַרברענגט ער מיט באַקאַנטע אינעם רעסטאָראַן, וואו ער עסט זיינע מאָלצייטן.

אָסיפּ האָט אים באַטראַכט מיט נאַרישע אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— אפשר וואָלסטו גאָר געקומען צו מיר אין טאַנץ־זאַל? דאָרטן זיינען פאַראַן בחורים און מיידלעך וויפיל דו ווילסט. און פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע אויך ניט טאַנצן מיט זיי, ס׳פּאַסט דיר אפשר ניט?

— גוט. איך גיי מיט דיר, — האָט דוד קורץ געענטפערט.

דער זאַל — ברייט און גרויס, איז בלויז איין ווינקל איצט געווען פאַרנומען און באַלויכטן מיט אַ ריי בליצלאָמפּן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ מאַטן שיין אויפן געלן גלאַנציקן דיל. אַרום אַ צוויי צענדליק פּאָרלעך — יונגע מיידלעך־בחורים — האָבן זיך געדרייט אויפן דיל אונטער די טענער פון עטלעכע מוזיקאַנטן, וואָס האָבן דאָרט אויף אַ בינעלע געשפּילט.

אָסיפּ, אַן אויסגעפּוצטער, אין אַ ליכטיקן זומער־אַנצוג, זיינע העל־ברוינע האָר פאַרקאַמט פונעם קורצן שטערן אַרויף איבער דער פּאַטעל־ניצע, האָט קיין מינוט נישט גערוט, נאָר כסדר זיך אַריינגעמישט צווישן אַ טאַנצנדיק פּאָרל, — אָפּגעשטופּט דעם „ער״, אָט־דער וואָס פירט אַן דעם טאַנץ, און אַליין פאַרנומען זיין פּלאַץ. און אַמאָל דאָס זעלבע געטאָן מיט דער „זי״ — געלערנט זיי, ווי פּינקטלעך צו „שטעלן״ אַ פוס, ווי זיי דאַרפן ציילן די טריט, און בכלל ווי פלינק זיך צו באַוועגן. פאַר דוד׳ן איז די טאַנץ־קונסט פרעמד געווען, איז ער געשטאַנען און בלויז באַוואונדערט אָסיפּ׳ס רירעוודיקע פיס: ווי לייכט און ווי שטיל זיי באַרירן דעם דיל, און ווי די פיס זיינע פאָלגן נאָך, נישט בלויז דעם ריטם, נאָר אויך יעדן קנייטש פון די מוזיקאַנטן. ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט און באַוואונדערט, ביז ער איז מיד געוואָרן. ער האָט זיך דעמאָלט צוגעזעצט אויף איינעם פון די ליידיקע שטולן ביי דער וואַנט.

ערשט איצט איז דוד מיד געוואָרן פון זיין איינזאַמקייט און טענות געהאַט: צו וואָס האָט אָסיפּ אים אינגאַנצן אַהער געבראַכט? איצט, ווען ער האָט אים געפאָלגט און געקומען אַהער, וואו עס געפינען זיך יונגע טאַנצנדיקע פּאָרלעך, זיצט ער גאָר איינער אַליין ווי אַן איבעריקער, און וואו איז אָסיפּ? נאָר אַפּנים, אַז איצט, אין זיין טאַנץ־קלאַס, דער־קענט ער גאָרנישט דעם קאָזין זיינעם, ווייל איצט איז ער בלויז אַ

געשעפט־מענטש, וואָס זוכט בלויז צו באַדינען זיינע קליענטן, וואָס באַצאָלן אים דערפאַר. און זיי, די קליענטן? האָבן זיי דען צייט געהאַט מיט אים זיך צו באַקענען? וואָסי? איז ער דען פאַר די אַלע אַזוי אָנציענד מיט זיין ישיבה־בחור׳שן שעמעוודיקן פנים?

ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, דוד, פון די ישיבה־יאָרן, ווען ער האָט געהאַט אַ „טאָג צו עסן" ביי אַ בעקער־פאַמיליע. ביים עסן איז דאָרטן די באַלעבאָסטע מיט איר מיידל, אין זיינע יאָרן, געזעסן קעגן אים ביים טיש און געלאַכט פון אים — דעם נאַרישן ישיבה־בחור, וואָס שעמט זיך די אויגן אויף זיי אויפצוהויבן... און שפּעטער, שוין אַרבעטנדיק אַ שטיקל צייט אין דער שכנ׳ישער שטעטל טרעסטינע, וואו ער איז אויף אַן אָוונט געווען געלאַדן מיט די דאָרטיקע בחורים־מיידלעך ביי חבר שלמה׳ן אין שטוב, וואו אַלע זיינען געווען אַזוי היימיש, איז ער, דוד, געזעסן איינער אַליין אַ פאַרטראַכטער...

ער האָט פּלוצלונג אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל חרטה געהאַט פאַר זיינע נאַרישע געדאַנקען, און צו זיך געפרעגט: וואָס גייט אים אָן דער גאַנצער ענין? בכלל, ווי קומט ער אין אַ טאַנץ־קלאַס? האָט ער צוליב דעם צוועק פאַרלאָזט זיינע ליבסטע אין שטעטל? אָן אויפגערעגטער האָט ער זיך אַ הויב געטאָן און גיך פאַרלאָזט דעם טאַנץ־זאַל.

פרייטיק־צו־נאַכט, צו וועטשערע, איז דוד געווען געלאַדן ביי זיין פעטער און מומע.

ווי דער אמת, האָט דוד, וועלכער האָט דורך דער גאַנצער וואָך זעלטן פאַרזוכט אַ געשמאַקן מאַלצייט, זיך קוים דערוואַרט אויף דעם פרייטיק־צו־נאַכט — דער מומע שרה׳ס פיינע געשמאַקע מאכלים. דער פעטער יוסף דוואָרקין האָט אַפילו געהייסן אים „באַצאָלן" מיט העלפן אים זינגען זמירות, אויך צו זיין דער דריטער מאַנצביל צום בענטשן אין „מזומן". דער זינדל אָסיפּ, אַט־דער טאַנץ־מייסטער און אַן אָפּטער באַזוכער פון די „פיינע" הייזער, האָט פונדעסטוועגן די אַלע צערעמאָניעס גענומען ערנסט. — „וואָס צו גאָט איז צו גאָט" — האָט ער דוד׳ן איינגערוימט אין אויער.

פון זינט יענעם אָוונט, וואָס דוד איז, אַן איגנאָרירטער, אַליין אַוועק פון טאַנץ־זאַל, האָט אָסיפּ זיך געפונען שולדיק קעגן אים. און איינמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט, נאָכן עסן, האָט ער גענומען דוד׳ן אויף אַ שפּאַציר און געזאָגט:

— איך גיי דיך באַקענען מיט אַ מיידל פון דיין גלייכן, וועסט זען, דוד...

ווען דוד האָט שמייכלענדיק געשוויגן, האָט אָסיפּ גוט־ברודעריש אים אונטערן אָרעם גענומען, אים געפירט צו אַ טונקל־באַלויכטענעם פאַבריק־געסל. אַ קליין הילצערן שטיבל איז דאָרט געשטאַנען מיט צע־עפנטע פענצטער, פונוואַנען די צאַנקענדיקע בענטש־ליכט האָבן די טונקלקייט נאָך מער פאַרשאַרפט, און קוים וואָס מ׳האָט געקענט באַמערקן דאָרט אויף אַ באַנק זיצן אַ מיידל, וואָס האָט אויסגעזען גאָר יונג.

דאָס מיידל האָט תיכף זיך אַ הויב געטאָן, און דער קאָזין אָסיפּ האָט אויף גיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, פאָרגעשטעלט דוד׳ן אַלס זיין „קליינשטעטלדיקן קאָזין". אויף דוד׳ס ליפּן האָט זיך באַוועגט אַ שמייכל פון אָסיפּ׳ס אומטאַקטישקייט. אָבער זי, דאָס מיידל, האָט אויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער, וואָס אין דער רגע האָט דוד נישט געקענט פעסטשטעלן, צי זי לאַכט פון אָסיפּ׳ס באַמערקונג, צי זי לאַכט אים, דוד׳ן, אויס.

זיי האָבן געשפּאַצירט ווייט אַרונטער מיטן אַלטן שאָסעי, וואָס פירט צום וואָקזאַל. זאַלבעדריט זיינען זיי געגאַנגען. אין דער ווירקלעכקייט אָבער, האָט מיט איר בלויז אָסיפּ גע׳סוד׳עט זיך... אַט־דער סוד׳ען זיך אין דוד׳ס געגנוואַרט, וואָס האָט יעדעס מאָל זיך פאַרענדיקט מיט איר קוויטשיק געלעכטער, האָט דוד׳ן אויפגעקאָכט. ס׳האָט אים אָבער אויס־געפעלט מוט זיי איבערצורלאָזן... האָט דוד זיך מיטגעשלעפּט אָן אויס־געלאַכטער, אָן איבעריקער...

שפּעטער, ווען ער איז, אַ שטילער, אַ פאַרשעמטער, אַהיים געקומען, האָט ער ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט בייזע מחשבות וועגן דעם טאַנץ־מייסטער אָסיפּ. פאַר כעס, וואָס ער איז אַזוי הילפלאָז קעגן אים, האָט ער זיך אַליין פאַרהאַסט. ס׳האָט אים נישט אַזוי פאַר־דראָסן אויפן מיידל, וועלכע האָט זיך גע׳סוד׳עט און גע׳חוזק׳ט פון אים, וויל נאָך אַלעמען, האָט ער געטראַכט, איז ער פאַר איר אַן אומבאַקאַנטער, נאָך מיט אַ שעמעוודיק פּנים, אָבער ער, דער קאָזין זיינער — —

ווען אָסיפּ איז אַהיימגעקומען און באַמערקט זיין צעקרימטן פּנים, האָט ער אים גענומען טרייסטן:

— זאָרג ניט, דוד. איך האָב זיי געגנוג... וועסט זען מיט וועמען איך וועל דיך איצט באַקענען...

— מוחל, אָסיפּ! איך לאָז פון דיר מיט דיינע אַלע באַקאַנטע, האַלט זיי פאַר זיך, מיין טייערער קאָזין!

ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט חוזק, דוד, ווי ער

וואָלט מיט דעם געזוכט זיך ס'האַרץ אָפּקילן און נוקם זיין. דעם קאָזין אָסיפּ איז דאָס אַפּנים גאָר נישט געפעלן געוועזן צו הערן; זיין רויט־געוואָרן פּנים האָט אויף דעם עדות געזאָגט. מיט שפּיזיקע אויגן האָט ער אים אַ ווײַלע באַטראַכט און האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו כאַטש, וואָס זי, טייבקע, האָט געזאָגט וועגן דיר? דו זעסט אויס אין אירע אויגן אַ קליינשטעטלדיקער נאַר! אָט וואָס זי האָט געזאָגט — כאַ־כאַ־כאַ...

ער האָט זיך צלאַכט, אָסיפּ, מיט אַ ווילדן, אומנאַטירלעכן געלעכטער; ער האָט געלאַכט און זיך געבויגן אַרויף און אַראָפּ, איינצייטיק זייענדיק דורך די ציינער:

— נאַר... נאַר... אַ קליינשטעטלדיקער נאַר — כאַ־כאַ־כאַ . . .

ער האָט אַזוי לאַנג געלאַכט ביז ער איז מיד געוואָרן, און האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ שטול, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף אַהינטער. דוד האָט מיטגעלאַכט און האָט מיטן געלעכטער געזוכט אויס'חוזק'ן זיין פּוסטן קאָזין מיט זיינע באַקאַנטע. אָבער צוביסלעך האָט דער געלעכטער ביי אים אויפגעהערט. דאָס וואָרט „נאַר", וואָס דאָס מיידל האָט אים באַטיטלט, האָט אים גענומען ווערגן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער, אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט זיינע ביידע הענט און געטראַכט ווי גיך צו אַנטלויפן פון דאַנען.

ער האָט איצט באַדויערט פאַר דעם גאַנצן נאַרישן שפּיל, זיך צו פאַרמאַסקירן פאַר דעם פּוסטן טאַנץ־מייסטער, בעת ערשט נעכטן איז אים קוים געלונגען אָפּצושיקן אין זיין שטעטל דאָס פּעקל ליטעראַטור, וואָס איז אַ צייט געלעגן דאָ אונטערן בעט... ער האָט געטראַכט ווי גיך צו קריגן אַ נייע קוואַרטיר, מחמת ווער ווייסט, וואָס דער קאָזין זיינער איז נאָך פעיאיק אויפצוטאָן? אין דער זעלביקער צייט, האָט אין דוד'ן ערגעץ גענאָגט, געמאָנט... זיין יוגנטלעכער שטאָלץ האָט ניט געקאָנט גרינג אַרונטערשלינגען די מיאוס'ע באַליידיקונג פון מיידל מיטן נאָמען טייבקע. אַ נקמה־געפיל האָט אים פלוצלונג באַהערשט און האָט דערווייל צונישט געמאַכט זיין פריערדיקן באַשלוס — צו אַנטלויפן...

ער האָט זיך קוים דערוואָרט אויף אַן אָוונט, ווען זיין קאָזין, אָסיפּ, האָט איינגעוויליקט נאָך אַ מאָל מיט אים צוזאַמען באַזוכן דאָס מיידל טייבקע.

דאָס האַרץ ביי אים האָט האַסטיקער געקלאַפּט, ווען ער, דוד, האָט זי ווידער דערזען איצט שטיין ביים אָפענעם פענצטער, צוזאַמען מיט אַ מיטליאַריקער פרוי, וואָס האָט געפּאַסט צו זיין איר מאַמע. טייבקע האָט מיט אַ שמייכל אויסגערופן:

— אָה, ס׳איז גאַסט... ביטע, אין שטוב אַריין...

זי האָט מיט די הענט געראָפן צו זיך אין שטוב, און באַשטאַנען דווקא אויף איר פאַרלאַנג. אויך די מאַמע האָט זיי פריינטלעך אין שטוב אַריינגעבעטן. אָסיפּ האָט זיך באַלד מיט אַ תּירוץ אויסגעדרייט און פאַרשוואונדן. דוד איז אַליין געבליבן ביים אָפענעם פענצטער אַ שווייגנדיקער, מיט אַ פּנים, ווי ס׳וואָלט ביי אים אויסגעפעלט ווערטער. טייבקע איז אַ שמייכלענדיקע פון שטוב אַרויס צו אים. און אַזוי, אָן ווערטער, האָבן ביידע אָנגעהויבן זייער שפּאַציר, טיפער אין שטאָט.

ס׳איז געווען אַן אָנגענעמער זומער־אָוונט. די לבנה — אַ מיטל־חודש׳קע, אַ פולע, האָט געהאַלטן אין פאַרבאַהאַלטן זיך אָפּט אונטער אַ וואָלקן. טיף אין שטאָט האָבן ליכטיקע שוי־פענצטער און גאַז־לאָמפּן באַלויכטן די גאַסן. דאָ וואו זיי האָבן געשפּאַצירט, איז געווען טונקל. איצט, ווען דוד איז אַליין מיט איר געגאַנגען און האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן אַלע זיינע טענות, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט און צונויפגעשטעלט, האָט אים גראָד אויסגעפעלט מוט אַ מויל צו עפענען. און זי, טייבקע, וועלכע האָט גאַרנישט געדענקט פון יענעם אָוונט און נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז ער איז בייז אויף איר, האָט זיין איצטיק שווייגן אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז זי האָט דאָ פאַר זיך אַ שעמעוודיקן בחור. האָט זי געשפּאַצירט מיט איר שמייכל ווי אַ זיגערין, וואָס אָט־דער־אַ שטילער שעמעוודיקער בחור קומט שוין דעם צווייטן מאָל צו איר, און איינצייטיק געטראַכט, מיט וואָס זי זאָל אָנהויבן דעם געשפּרעך.

ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען אַ בוך־געשעפט, האָט טייבקע געפרעגט:

— איז אייך אפשר באַקאַנט אָט־דער בוך־געשעפט? האָט איר געהערט פונעם נאָמען קאָטינק?

זי האָט געקוקט אויף זיינע ליפּן, ער זאָל שוין אַמאָל אויסרעדן אַ וואָרט. באַמערקט האָט זי פאַר זיך אַ צעטומלטן מענטש, גלייך ווי ער זאָל גאָרנישט באַנעמען דאָס וואָס זי פרעגט אים. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער ענדלעך געענטפערט:

— יאָ, באַקאַנט. פון דאָרטן האָב איך אָפּט געקראָגן ביכער צוגעשיקט אין שטעטל.

אַ צופרידענע פון זיין ענטפער, האָט זי זיך נעענטער צוגערוקט און אים דרייסטער געפרעגט:

— אַזוי... איר לייענט ביכער? זיינט איר דאָך — זעט, האָט

איר שוין געלייענט טאָלסטאָי׳ס „קריג און פרידן“ און טשעכאָוו׳ס „קאַרשן־גאָרטן“, האַ?

זי איז געווען צודרינגלעך מיט איר פרעגן; זי האָט געהאַלטן אין הויבן דעם קאָפּ און קוקן אויף זיינע ליפּן, ווי זיין ענטפער וואָלט פאַר איר געווען געוואַלדיק וויכטיק. דוד האָט דאָס באַמערקט און אויסגעמיטן איר צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער וועגן ליטעראַטור.

ער האָט געביטן די טעמע:

— אפשר אַריינגיין אין אַ קאַפע־הויז עפּעס איבערבייסן?

— מיט פאַרגעניגן!

זיי האָבן אויסגעזוכט אַ קאַפע־הויז, געקראָגן אַ טישל פאַר זיך. דוד האָט זיך געזעצט קעגנאיבער איר. און אַזוי האָבן זיי ביידע צום ערשטן מאָל זיך ריכטיק אָנגעקוקט אין דער ליכט...

דוד האָט דערזען נאָך גאָר אַ יונג מיידל, אַ צאַרטע, מיט אַ קליין רונד פּנים, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשיינט ליכטיקע ברוינע אויגן, אָנגעווענדט צו אים. און ווען ער האָט באַטראַכט אירע שיינע שוואַרצע האָר, די צוויי דיקע צעפּ וואָס זיינען חנ׳עוודיק געלעגן אַרום קאָפּ, און איר ברוינע געפּאַסטע קלייד מיטן קורצן אויסשניט אַרום האַלדז, — האָט זיך אים פאַר אַ ווייל אויסגעדוכט, אַז ער האָט דאָ באַגעגנט אַ גימנאַזיסטקע מיט ביכער אונטערן אָרעם... זי איז געזעסן אַ שטילע, און מיט רואיקע פאַרשנדיקע אויגן געניִשטערט אויף זיין פּנים, ווי זי וואָלט געזוכט צו דערגיין דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף דעם שעמעוודיקן בלאַסן בחור.

דאָס מיידל האָט אים איבערראַשט מיט איר קלוג־צניעות׳דיקער האַלטונג; אין יענער מינוט האָט ער איר מוחל געווען אַלע באַליידיקונגען און איז גרייט געווען זיצן לעבן איר און הערן אירע רייד. נאָר אַנשטאָט ריידן האָט זי אויף גיך זיך אַ הויב געטאָן און באַשטעלט קאַווע מיט פּוטער־קוכען און אַליין באַצאָלט. ווען זי האָט דאָס עסן געבראַכט, האָט זי צוגערוקט צו אים אַ טעפּל קאַווע און פלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, צוליב וואָס זיינט איר געקומען צו פאָרן ביי אונדז אין שטאָט?

ס׳האַרץ אין אים האָט אַ ציטער געטאָן און אין מוח האָט זיך אַ מיש געטאָן דאָס ערגסטע אויף איר... אָבער אירע אויגן — גרויסע, וואַרעמע, האָבן אַזוי מילד געקוקט אויף אים, צוזאַמען מיט דער נאַאיוויטעט, וואָס האָט געווייעט פון איר גאַנצן וועזן און אים באַרואיקט. ער האָט בייסיק געענטפערט:

— אַ קליינשטעטלדיקער קומט זיך לערנען שכל אין אַ גרויסער שטאָט, אָט־וואָס.

זי האָט אַ מאָדנעם שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט פון יענעם אויפדערנאַכט מיט זיין קאָזין אָסיפּ, און תיכף באַמערקט:

— אויב איר זיינט אַהער געקומען מיט דעם צוועק זיך דאָ אויס־לערנען שכל, איז גאָר ניט פריילעך מיט אייך; כ'האָב מורא, אַז איר וועט צוריקפאָרן דער...

— דער זעלבער נאַר, מיינט איר?...

דוד איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, און געפילט ווי זי וואָלט אים איצט אויסגעפּאַטשט, און אפשר נאָך ערגער... ער האָט אַ טראַכט געטאָן: זיך אַ הויב טאָן פון טיש און — פּטור! און דאָך איז ער ווי אַ צוגעשמידטער געבליבן זיצן, ניט ווייסנדיק צו וואָס.

זי האָט פּלוצים געזאָגט:

— אָה... וואָס איך האָב גאָר פאַרגעסן פרעגן ווי מ'רופט אייך! איז עס נישט מאָדנע?

— דוד, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— אַ שיינער נאָמען, ס'געפעלט מיר. און מיך רופט מען טייבקע.

ער האָט געשוויגן און גאָרנישט געוואָלט באַמערקן; זיין צונג האָט זיך נישט געריכט צו זאָגן כאָטש אַ וואָרט, ס'זאָל איר געפעלן. ווייל אויסער וואָס טיף אין האַרצן האָט ער נאָך געטראָגן אַ שנאה צו איר נאָמען, וואָס האָט אים דערנידעריקט אין די אויגן פון זיין קאָזין מיט איר סוד'ען זיך, און מיט איר קוויטשיק געלעכטער, איז דאָס מיידל בכלל געווען פאַר אים אַ רעטעניש: אָט רעדט זי פון גרויסע שרייבער, איז באַגייסטערט פון זייערע ווערק, און אָט לאַכט זי אויס איר באַגלייטער מיט אירע שניידנדיקע באַמערקונגען... און אין דער זעלביקער צייט האַלט זי אים ווי אַ מאַגנעט מיט אירע בליק־קלוגע ענטפערס, און מיט אירע רואיקע, גרויסע ברוינע אויגן, וואָס לאָזן — —

— איך וועל שווערן, דוד, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רעיונות, — אַז איר טראַכט איצט וועגן מיר... געטראָפן?!

זי האָט חנ'עוודיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי זי זאָל וועלן צווינגען אים זיך מודה זיין, אַז זי האָט געטראָפן. דוד האָט נישט אויס־געהאַלטן איר חנ'עוודיקן בליק און דרייענדיק צו איר מיטן קאָפּ, באַ־מערקט:

— נו... זייט איר עס אַ נייגיריקער מענטש!

— זיכער בין איך, — האָט זי צוגעשטימט. — איך בין אַפילו נייגעריק צו טרעפן אייך מאָרגן, איך וויל מיט אייך עפּעס ריידן.

— ניין, טייבקע. נישט מאָרגן און נית אַ גאַנצע וואָך. כ׳בין פאַר־נומען מיט זייער וויכטיקע אַרבעט. ס׳טוט מיר לייד.

זי האָט אָנגעכאַפּט זיינע ביידע הענט, זיי פאַרקוועטשט אין אירע, און דרייסט געֿ׳טענה׳ט:

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז דו האָסט וויכטיקערע אַרבעט ווי זען מיך ?...

מיט נייגיר האָט זי איצט געקוקט אויף זיין פּנים, געזוכט דאָרטן דעם איינדרוק פון איר געוואַגטער פראַגע, ביז ער האָט זיך געמוזט צעשמייכלען און געזאָגט:

— איך באַוואונדער דיך, טייבקע... איז אָבער אוממעגלעך דו זאָלסט ריידן צו מיר איצט?

זי האָט אַ ברוגז׳ע געענטפערט:

— ניין. איצט האָב איך גאָר נית צו ריידן. איך גיי אַהיים.

זי האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. דוד האָט זי קוים אָנגעיאָגט. אַ פאַרלאָרענער האָט ער געפרעגט:

— ווען וועלן מיר זיך ווידער זען, טייבקע?

— אין אַ וואָך אַרום, אין קאָטינק׳ס בוך־געשעפט, — האָט זי אַ ברוגז׳ע געענטפערט און פאַרשוואונדן.

אויף צוריקוועגס אַהיים האָט דוד געשפּאַנט אַ ניי־באַלעבטער. אַ האָפּערדיקער, מיט אַ פריידיק געפיל, זיך שלאָפן געלייגט.

3

די געהיימע אַרבעט, פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס דוד האָט פון צייט צו צייט צוגעשטעלט צו די אַרבעטער פון זיין שטעטל, האָט זיך ביי אים איצט פאַרגרעסערט. צו דעם האָט ער געמוזט ווערן אַ הענדלער מיט מאַנצבילשע שלייקעס און וויבערשע האָר־נאָדלען.

דאָס האָט פּאַסירט, ווען דער אַלרוסישער בערשטער־פאַראיין האָט אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן פאַר אַן אַכט־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג. ס׳האָט זיך ראשית צו דעם געפאָדערט ליטעראַטור צו פאַרשפּרייטן אין די פאַבריק־שטעטלעך, וואָס וועט אויפקלערן די דאָרטיקע אַרבעטער. אויף חבר אַבראַמ׳ס רעקאָמענדאַציע, איז פאַר אָט־דער וויכטיקער געהיימער אַרבעט באַשטימט געוואָרן דוד.

אַזוי אַרום, האָט די אַרבעט — שמוגלען ליטעראַטור — ביי דוד׳ן זיך פאַרגרעסערט און אויך געלייגט אויף אים מער אחריות. ווייל ביז

איצט, ווען ער האָט באַזאָרגט בלויז די אַרבעטער פון זיין שטעטל, האָט ער דאָס פעקל ליטעראַטור געשיקט מיט יאָסי׳ן, איסראָקע דעם באַלעגאָלע׳ס זינדל, אָן אייגענער יאַט, וועלכער האָט יעדער וואָך געבראַכט סחורה פון ביאַליסטאָק אין שטעטל. איצט אָבער, ווען די מיסיע זיינע איז געווען צו באַזאָרגן די אַלע אַנדערע שטעטלעך, האָט ער געקענט דערגרייכן צו זיי בלויז מיט דער באַן. דאָס האָט געמיינט: ער האָט געמוזט די ליטעראַטור אַליין אַהין אָוועקפירן.

דאָס פעקל ליטעראַטור איז געווען אַזוי פאַרבונדן, עס זאָל מעגלעך זיין אומבאַמערקט דאָס צו פאַרשטעקן אונטער דער באַנק, צי אין ערגעץ אַנדערש. אויך זיין גרייט אין צייט פון געפאַר דאָס צו פטר׳ן.

אָבער כדי זיך ניט צו וואַרפן צו אָפט אין די אויגן פון די קאָנדוקטאָרן, אָדער די צאַרסקע זשאַנדאַרן (זיי זאָלן אים נישט פאַרדעכטיקן מיט זיינע צו־אָפטע רייזעס מיט דער זעלבער באַן און אין דער זעלבער שעה), האָבן די געניטע טוער פונעם קאָמיטעט דוד׳ן פאַרשאַפט אַ לייכטן טשעמאָדאַנטשיק, אָנגעפילט מיט מאַנצבילשע שלייקעס, קראַוואַטן, מעסערלעך, ווייבערשע שפּילקעס, קעמעלעך, און פּאַרפיום. מיט אָט־דער סחורה האָט דוד אין דער צייט פון דער רייזע געוואַנדערט מיט אַ צעעפנטן טשעמאָדאַנטשיק, וואָס איז מיט אַ רימען געהאַנגען אויף זיין נאַקן — פון פּאַסאַזשיר צו פּאַסאַזשיר, אויסגערופן זיין סחורה און זיי אָנגעבאָטן צו קויפן.

דוד איז געפאָרן ביז צו דער סטאַנציע מ. דאָרט האָט פאַר אים שוין געוואַרט אַ נאָענטער חבר פון יענער שטעטל, אָדער דער רויטער פסח — דער באַלעגאָלע אַליין, אויף וועמען מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. דוד האָט זיי איבערגעגעבן דאָס פעקל ליטעראַטור און מיט אַ צווייטער באַן, וואָס פאָרט צוריק, איז ער אַהיים געקומען האַלבע נאַכט.

נאָך אַזעלכע אָנגעשטרענגטע נעכט, איז מאָרגן באמת שווער געווען צו אַרבעטן. צום גליק, האָבן די באַלעבאַטים קיינמאָל אויף דוד׳ן קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. אַ ביסל האָבן אים צוגעהאָלפן זיינע באַלמעלאָכישע פינגער, פאַר וועלכע באַלעבאַטים האָבן שטענדיק גרויס רעספּעקט... אָבער צום מערסטן, האָט דאָרטן אין פאַבריק געווירקט די גרופּע „פאַראייניקטע" מיט דער אָנפירונג פון זיין בעסטן פריינט אַבראַם. ער, אַבראַם, האָט געזאָרגט, אַז דוד זאָל קריגן די לייכטסטע אַרבעט אין פאַבריק.

אין אַ וואָך אַרום, אין דער זעלבער שעה, האָט דוד זיך באַגעגנט מיט טייבקע׳ן אין קאַטינקע׳ס בוד־געשעפט.

ער האָט זי באַגעגנט, ווען זי איז געשטאַנען און געבלעטערט אַ נייעם בוך. ווען זי האָט אים דערזען, האָט אַ ליבער שמייכל אויף איר פּנים זיך באַוויזן. אַ ציטערדיקע האָט זי באַמערקט:

— זעסט, דוד, איך האָב אויף דיר געוואַרט... גוט וואָס דו האָסט מיך נישט אַנטוישט. אָבער... וואוהין ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן פאַר אַ גאַנצע וואָך? ווייסטו, וואָס עס מיינט פאַר מיר אַ גאַנצע וואָך?...

ער האָט באַמערקט אַ פּערלדיקע טרער בלישטשען אין איר אויג... זי האָט זיך באַלד געענדערט און אָנגעהויבן שמייכלען. אַ פריילעכע האָט זי אים אונטערן אָרעם גענומען און פון געשעפט אַרויסגעפירט. אין גאַס האָט זי אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— האָסט אפשר געלייענט דאָסטאָיעווסקי'ס בוך „פאַרברעכן און שטראָף"? איז דאָס, זאָג איך דיר, אַ מייסטערווערק! ער פירט דיך פּסיכאָלאָגיש אינעם טיפסטן פאַרבאָרגענעם ווינקעלע פון דעם מענטשנ'ס נשמה, דעקט דאָרט אויף אַלע סודות — —

בעת זי האָט גערעדט באַגייסטערט פון אָט־דעם בוך, האָט זי זיך איינגעגראָבן אין זיין פּנים... דוד האָט מער נישט אויסגעהאַלטן איר שאַרפן בליק. ער האָט מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— ווי איך זע, ביסטו פאַרכאַפּט פון דאָסטאָיעווסקי'ן. איצט איז פאַר מיר מער קיין וואונדער ניט, וואָס דו ביסט אַזוי טשיקאַווע, טייבקע...

— ניין, דוד, — האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ, — איך בין ניט פאַר־כאַפּט פון קיינעם פון זיי! איך לייען די שרייבער און קריג אַרויס פון זיי בלויז דאָס, וואָס מיר געפעלט. טשעכאָוו'ס אויסגעחלומ'טע מענטשן געפעלן מיר פונקט ווי טאָלסטאָי'ס טיף־מענטשלעכע העלדן — —

זי האָט אויסגערעכנט נעמען פון פיל באַוואוסטע שרייבער און די ווערק זייערע, וועלכע געפעלן איר. ביי דוד'ן האָט דער קאָפּ זיך אַזש גענומען דרייען פון די נעמען און פון איר אַנאַליז... ער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— און אידישע שרייבער לייענסטו?

— זיכער. איך האָב געלייענט מענדעלע'ס „ווינטש־פינגערל", שלום עליכמ'ס „סטעמפעניו", אויך שלום אַש'ס „שטעטל" האָב איך געלייענט.
— האָט טייבקע זיך געגרויסט.

— ס'געפעלט מיר, טייבקע, ביסט אַ טייער מיידל. און אפשר האָסטו אויך געלייענט אָדער געהערט פון אַ שרייבער קאַרל מאַרקס, וואָס האָט אָנגעשריבן גאָר אַ גרויס ווערק „קאַפּיטאַל"? ווייסטו פון דעם, טייבקע?

— יאָ, איך ווייס. אימעצער האָט מיר דעם בוך געגעבן צו לייענען. אָבער ס'איז צו־טרוקן פאַר מיר, — האָט טייבקע ווי זיך פאַרענטפערט.

— איך קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס? — האָט דוד זיך גע׳חידושט.— לאָמיר נאָר פאַרשטיין: אויב דו אַרבעטסט, למשל, שווער אַ גאַנצע וואָך, ווילסטו גאָרניט זען צו קריגן דאָס וואָס דיר קומט, נאָר נעמסט וויפיל מ׳וועט דיר געבן, ווייל דער אויפרעכענען איז אַ צו־טרוקענער עסק?

טייבקע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געענטפערט, אָבי זיך אָפצוטשעפּען פון אָט־דעם געשפּרעך.

— איך אַרבעט ניט אין קיין פאַבריק. איך ניי פאַר באַלעבאָסטעס אין זייערע היימען.

— און דײַן טאַטע וואָס טוט? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט.

— מײַן טאַטע אַרבעט ביי וועבעריי, און בײַנאַכט לערנט ער אין בית־מדרש. נו, ביסטו שוין איצט צופרידן?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און ווידער געפרעגט:

— און דו? קומסט זיך גאָר קיינמאָל ניט צוזאַמען מיט די היגע אַרבעטער? באַטייליקסט זיך גאָר קיינמאָל ניט אין זייערע טעגלעכע קאַמפן פאַר אַ בעסער לעבן? עס אינטערעסירט דיר גאָר ניט?

זי האָט געשוויגן און ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער — זיך צו דערוויסן מער פון איר — ווער זי איז און מיט וועמען זי חבר׳ט זיך. און ווען זי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, האָט ער באַמערקט:

— אַפּנים, ווילסט נישט מודה זיין, אַז אויסער לייענען ביכער אינ־טערעסירט דיך קיין אַנדער זאַך ניט... אמת, טייבקע?

אַ ברוגז׳ע האָט זי זיך אויסגעדרייט און האָט געזאָגט:

— זע נאָר, זע, אָבי איך האָב געמיינט, אַז דו קענסט קיין מויל ניט עפענען! צום סוף, נעמסטו מיך אויף אַ שטרענגען פאַרהער, ווי דו זאָלסט זיין אַ פּראָקוראָר... דאַכט זיך, איך האָב דיר שוין אַלצדינג דערציילט, טאָ וואָס נאָך ווילסטו פון מײַנע אַכצן יאָר?

— און איך בין שוין ניינצן, — האָט ער געגעבן דעם געשפּרעך.

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, דערנאָך אומעטיק באַמערקט:

— דאָס מיינט, דוד, אַז מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער גייסטו אַוועק דינען „פאָניע׳ן״! און וואָס וועט פון מיר דעמאָלט ווערן?...

— זאָרג ניט, טייבקע. אין צוויי יאָר שפּעטער וועט דער צאַר מער ניט הערשעווען אין רוסלאַנד.

זי האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט. נישט אַזוי פון זיין נביאות זאָגן, ווי פון דעם וואָס ער האָט איר באַרואיקט און געהייסן זיך ניט זאָרגן. פאַר דער יונגער טייבקע, וועלכע האָט אים געליבט מיט איר ערשטער פייער־דיקער ליבע, געקוקט אים אויף די ליפּן, און געציילט זיין יעדער וואָרט, צי דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט האָט צו איר אַ שייכות, האָט דער באַ־

רואיקנדיקער ענטפער געהאַט אויף איר אַ פּאָזיטיווע ווירקונג; און אַ פרייד, וואָס בלויז יונגע פאַרליבטע זיינען אימשטאַנד דאָס צו באַגרייפן, האָט איצט איינגעהילט איר צאַרטן וועזן; איר מוח, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט ספיקות וועגן זיין ליבע צו איר, איז מיט אַ מאָל געוואָרן באַשעפטיקט מיט טראַכטן וועגן איר און זיין צוקונפט: ווי אַזוי ממשות־דיק צו דערגרייכן און צו פאַרווירקלעכן אין לעבן איר לאַנגן מיידלשן חלום...

זי איז מיטגעגאַנגען ווי אַ נאָענטע, אַ פאַרטראַכטע... ווען זיי האָבן פאַרבייגעשפּאַצירט אַ קליינעם רעסטאָראַן נאָענט צו איר היים, האָט טייבקע צו אים באַמערקט:

— זעסט אָט־דעם רעסטאָראַנדל? די באַלעבאָסטע דאָרטן, פייגע געלעס, מיט איר טאָכטער צירל, זיינען גוטע באַקאַנטע מיינע. איך טרעף דאָרט אָפט דיין קאָזין אָסיפ, וואָס חבר'ט זיך מיט צירל'ען. וואָלסטו געוואָלט איצט מיט מיר אַהין אַריינגיין, דוד?...

זי האָט אים ווידער געקוקט אויף די ליפּן און געזוכט צו קריגן זיין צושטימונג. און ווען ער האָט צוגעשטימט, האָט זי, ווי אַ זיגער, אים אונטערן אָרעם גענומען און אַהין אַריין.

אינעם רעסטאָראַן, וואָס האָט געוויינטלעך באַדינט די אַרבעטער פון דער טוך־פאַבריק אין דער מיטאָג־שעה, זיינען איצט, אָוונט־צייט, קיין קונדן נישט געווען. די באַלעבאָסטע מיט איר טאָכטער, ביידע שמייכלענדיקע, האָבן די באַקאַנטע געסט וואַרעם באַגריסט און פריינטלעך געלאַדן צום טיש. די באַלעבאָסטע, שוין אין די טיפע פערציקער, מיט אַ מיד פאַרהאָרעוועט פּנים, האָט צוגעבראַכט כּיבוד — די באַרימטע ביאַליסטאָקער לאַטקעס — רונדע, דורכזיכטיקע, פאַרברוינטע — אַלע ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. צו דעם אַ פרישׂ גלעזל טיי. איר טאָכטער צירל מיט איר שיין פּנימ'ל, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון אונטער אַ קאָפּ ליכטיקע ברוינע האָר, פאַרקאַמט מיט אַ הויכער פריזור וואָס האָט איר צוגעגעבן פיל חן, האָט זיך פלינק באַוועגט איבער דער שטוב און געכאַפּט אָפּטע בליקן אויף טייבקע'ס פריינט, דוד'ן. און ווען טייבקע האָט אויפן וואונק זיי פאַרטרויט, אַז אָט־דער דוד איז אָסיפ'ס אַ לייבלעכער קאָזין, האָט צירל זיך געכאַפּט קושן טייבקע'ן. איר מאַמע האָט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן פרום געוואונטשן:

— איך ווינטש דיר, טייבקע, אַ בעסערן מזל ווי פון מיין צירל'ען מיט אָסיפ'ן...

דוד איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד. און ווען ער איז שפּעט ביינאַכט

געקומען אין זיין פעטער׳ס הויף, האָט ער געטראָפן דאָרטן דעם הויכן בלאָנדן גאַראַדאָוואַי, וואָס האָט געשפּאַנט מיט דער שאַשקע אין דער האַנט היין און קריק אויפן טראָטואַר. פּאַר אַ ווייל האָט פון שרעק זיין האַרץ ווי זיך אָפּגעשטעלט... ער האָט גענומען לויפן איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו זיין צימער אויפן אויבערשטיבל, די טיר דאָרטן אַן עפן געטאָן, און גלייך זיך אָנגעבויגן און באַטראַכט אונטערן בעט דאָס פּעקל ליטעראַטור, און געפונען אַלץ אין אָרדענונג. דער קאַזין אָסיפּ האָט געכראָפּעט, און דאָס האָט ביי דוד׳ן איצט גאָר נישט געשטימט מיט דעם פריילעכן געמיט זיינעם.

באַטראַכטנדיק דעם כראָפּענדיקן קאַזין, איז אַ געדאַנק צו אים גע־קומען: ער וועט אויפוועקן אָסיפ׳ן, וועלכער וועט אַוואַדע אויסטאַרטשען אויף אים זיינע נאַרישע אויגן, און ער, דוד, וועט שטיין פאַר אים אויס־געצויגן גלייך ווי אַ גענעראַל, וועלכער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון אַ געוואונענער שלאַכט, און דערקלערן אָסיפ׳ן:

— איך האָב געזיגט, אָסיפּ... זי האָט מיך ליב, טייבקע — ליב... ליב!...

ער, דוד, וועט בכיוון איבער׳חזר׳ן דאָס וואָרט „ליב״, להכעיס דעם טאַנץ־מייסטער, וועלכער האָט אים דעמאָלט אַזוי ברוטאַל אויסגע׳חוזק׳ט... אַזוי האָט דער געדאַנק דוד׳ן איצט באַפוילן צו טאָן. נאָר דאָס שנאָרכען און כראָפּען, וואָס האָט מיט יעדער רגע זיך פאַרשטאַרקט, האָט געזעגט זיין מוח. האָט ער צוגערוקט אַ בענקל צום אָפענעם פענצטער און אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

צו דוד׳ס אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ געפּיף פון אַן אָנקומענדיקער באַן; ערגעץ פון אַ שטוב אין הויף האָט זיך דערטראָגן אַ מורא׳דיק געוויין פון אַ קינד, וואָס האָט מסתמא נישט געקענט איינשלאָפן. און ער, דוד, האָט געטראַכט פון זיין זיג, און פון דער גרויסער פרייד, וואָס אָט־דער זיג האָט אים פאַרשאַפט; פונקט אַזוי, האָט ער געטראַכט, פילט יעדער געקריוודעטער, ווען ער ווערט נאָכדעם באַלוינט, און ווער איז מער פון אים געקריוודעט געוואָרן?...

אַזוי, אין דעם זין, האָט דוד געזוכט אויסצוטייטשן די גרויסע פרייד, אין וועלכער ער איז אַצינד געווען איינגעהילט. באמת אָבער, איז עס נישט געווען די פרייד פון אַ זיגער איבער אַ באַזיגטן, נאָר אַ פרייד וואָס ער האָט געהאַט גליק זיך מיט איר צו באַקענען און ווערט געליבט פון אָט דער יונגער שיינער פערזענלעכקייט טייבקע...

ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. אַן אָנהויב־חודש׳דיקע לבנה איז זיך רואיק געשטאַנען אויפן טונקעלן הימל. אַרום אים האָט אין דער

רגע אַ טויט־שטילקייט געהערשט. און אין דער שטילקייט האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן טייבקע׳ס קלינגענדיק קול, ווי זי אַנאַליזירט די געדאַנקען פון גרויסע שרייבער און זייערע ווערק... און ווען ער האָט געפּרוּווט טייבקע׳ן פאַרגלייכן מיט זיינע אַלע פריערדיקע באַקאַנטע, איז טייבקע איבער זיי אויסגעוואַקסן מיט איר אינטעליגענץ, מיט איר אַנדערשקייט — יאָ, געפילט האָט ער אַצינד אַ מאָדנע נאָענטקייט צו איר, אַ וואַרעם געפיל — אַ ליבע; אַ מין ליבע, וואָס האָט אין זיין יונג בלוט געפלאַקסן גאָר פון אַן אַנדער קוואַל — אַ ריינע, שיינע ליבע, וואָס דערהויבט דעם מענטשן! און געדאַכט האָט זיך אים, אַז דאָרט הויך אויפן הימל,ביים ראַנד פון דער יונגער לבנה, געפינט זיך טייבקע; פון אַ בוך אַן אָפענעם לייענט זי און דערציילט איבער די וואונדערלעכע מעשיות פאַר אים...

און שפּעטער, ווען ער האָט זיך געקליבן שלאָפן גיין, איז טייבקע׳ס געשטאַלט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. נאָר דאָס מאָל, ווען זי איז געווען אין זיינע אָרעמס ביים געזעגענען זיך — אַ שטילע, אַ ציטערדיקע...

ווען דוד איז שוין געווען האַלב־אויסגעטאָן אין בעט צו גיין, האָט ער פּלוצים דערהערט שווערע פעסטע טריט אויף די טרעפּ, נאָכדעם אַ געקלאַפּ אין טיר:

— „אָט־פּאָ־רי!" עפן! און שוין!

מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ האָט ער די טיר געעפנט, און האָט דערזען דעם הויכן בלאָנדן גאַראָדאָוואָי מיט דער שאַשקע אין זיין האַנט. אָן צערעמאָניעס האָט ער די שוועל איבערגעטראָטן, און דוד׳ן „געבעטן", ער זאָל וויזן זיין פּאַספּאָרט...

זיין אייגענעם פּאַספּאָרט האָט ער דעמאָלט נישט געהאַט ביי זיך, נאָר אַ פרעמדן, וואָס אַ חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט אים פאַרשאַפט און איז געווען באַהאַלטן מיט דעם פעקל ליטעראַטור אונטער דער בעט. האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ, דוד, צו דעם כראָפּענדיקן קאָזין, אַז יענער זאָל איצט רחמנות האָבן... און דערווייל כלומרשט זיך געגריבלט אין זיינע קעשענעס, געזוכט דאָרטן דעם פּאַספּאָרט און אונטערגעהוסט...

אָסיפּ האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען דעם גאַראָדאָוואָי, ווי ער שטייט איבער זיין צעשראָקענעם קאָזין, האָט ער, אָסיפּ, טאַמעוואַטע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, סטעפּאַן? ער איז מיין קאָזין! דו ווייסט גאָר ניט?...

ער האָט תיכף די הויזן אַרויפגעכאַפּט, און אַזוי האַלב־נאַקעט, מיט באָרוועסע פיס, אַרויסגענומען פון אַ שאַפע אַ פלאַש בראַנפן, און גוט־ברודעריש אים גערופן:

— אַהער, סטעפּאַן! מיר׳ן אַריינגיסן! אָט־דאָ שטייען גלעזער...

4

דוד איז געשטאַנען אויף דער באַן־סטאַנציע מ. מיט דעם פאַרמאַכטן טשעמאָדאַנטשיק סחורה אין איין האַנט, און מיט דער צווייטער — פעסט צוגעהאַלטן אַ פאַרבונדן פּעקל ליטעראַטור און מיט אומגעדולד געוואַרט פאַר דעם חבר הערשל, וואָס האָט באַדאַרפט קומען נאָך דעם פון שטעטל טרעסטינע.

דער זייגער אויף דער וואַנט האָט געוויזן צען מינוטן נאָך צוועלף ביינאַכט. דאָס האָט געמיינט פאַר אים, אַז זיי האָבן דאָ שוין באַדאַרפט זיין מער פון אַ האַלבע שעה. האָט ער אומגעדולדיק געדרייט מיטן קאָפּ אינעם פינצטערן דרויסן, און אָנגעשטרענגט זיינע אויערן און אויגן — צי קומען זיי נישט שוין! אַז ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די אָנקומענדיקע באַן, וואָס פאָרט צוריק אין שטאָט אַריין.

אויף דער באַן־סטאַנציע איז שטיל געוועזן. די עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ באַן, זיינען געזעסן אויף אַ האַרטער באַנק און געדרעמלט. דוד האָט געציילט די מינוטן און געטראַכט, וואָס עס קען געשען, אויב זיי וועלן מיט דער פור נישט אָנקומען. און באַלד ביי זיך באַשלאָסן, אַז צוריקברענגען די ליטעראַטור וועט ער נישט! ווייל געוואוסט האָט ער דעם באַדייט פון זיין מיסיע. ער וועט מוזן געפינען אַ מיטל, אַ וועג, דאָס נאָך היינט אָפּצופירן אין שטעטל.

איצט, ווען פאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז זיין מיסיע מוז דערפילט ווערן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַרום דער סטאַנציע און געזוכט אַ מענטש מיט אַ פערד־און־וואָגן, וואָס זאָל אים צופירן די צוויי און אַ האַלב מייל אין שטעטל אַריין. נאָר ווי אויף צו־להכעיס, האָט ער דאָרטן קיין לעבעדיקן וועזן נישט באַגעגנט. ער האָט זיך באַקלערט, אַז פאַר דעם וועט ער מוזן וואַרטן די גאַנצע שעה און אַ האַלב, ווען ס׳קומט אָן די באַן וואָס פאָרט צוריק אין שטאָט אַריין. האָט ער דאָס פּעקל ליטעראַטור אַריינגעקוועטשט אין ענגן טשעמאָדאַנטשיק און מיט דעם זיך אַוועקגעזעצט מיט די וואַרטנדיקע אויף דער באַנק און ווי די איבעריקע געפּרואווט איינדרעמלען.

ער איז געווען מיד, דוד, אָבער דאָס פּעקל ליטעראַטור פונעם טשעמאָדאַנטשיק האָט אים געוואָרנט צו זיין וואַך... איז ער געזעסן מיט מידע אויגן און געטראַכט פון דער מיסיע און זיך געפּרואווט דערמאָנען דאָס געסל וואו דער חבר הערשל וואוינט, דערביי זיך דערמאָנט אין דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, וואו ער, דוד, האָט מיט צוויי יאָר צוריק געאַרבעט, און וואו דער גרעסטער טייל פון אָט־די מענטשן אַרבעטן אין די בערשטער־פאַבריקן, ביי זשעדנע באַלעבאַטים, פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, ביז דער באַלעבאָס דערלויבט זיי גיין אַהיים...

שפּעטער, האָט זיך באַוויזן אַ פּאָר־פאָלק, וועלכע זיינען ערשט פון ערגעץ אָנגעקומען, און האָבן זיך געזעצט אויף איינער פון די האַרטע זיץ־בענק, און האָבן געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך. דוד האָט שוין זיך געוואָלט אויפהויבן, אַרויס אין דרויסן, אַ שמועס טאָן מיטן באַלעגאָלע וואָס האָט דאָס פּאָרל געבראַכט אַהער, אַז יענער זאָל אים פירן אין שטעטל, איז פּלוצלונג אַריינגעקומען אַ זשאַנדאַר, אַ גרוילעכער, מיט אַן אויסגעבלייכטן קרענקלעכן פּנים, און זיך געזעצט אויף דער באַנק לעבן דוד׳ן, און מיט דעם צונישט געמאַכט זיין באַגער: זיך אויפצוהויבן, און יענער זאָל דענקען אַז ער, דוד, אַנטלויפט...

איז ער געזעסן לעבן זשאַנדאַר גאַנץ רואיק. נאָר אין דער שטיל גוט זיך איינגעג׳חזר׳ט „זיין" נאָמען: „מאָשקאָ דאַווידאָוויטש לעוו", ווי אין פּאַספּאָרט שטייט געשריבן. און ווען דער זשאַנדאַר האָט באַלד גענומען דרעמלען, האָט ער זיך גרייט געמאַכט אַרויסצוגיין אין דרויסן. דער שכן זיינער האָט דאָס דערשפּירט און גוטמוטיק געפרעגט:

— וואוהין איילסטו זיך שוין, יונגערמאַן? די באַן וועט ערשט קומען מיט מער פון אַ האַלב שעה שפּעטער!

— אַה, — האָט ער געלאַסן געענטפערט, — איך דאַרף נויטיק פאָרן צום ברודער דאָ נישט ווייט אין אַ שטעטל, גיי איך זוכן אַ פערד־און־וואָגן. איז דאָס מעגלעך צו קריגן איצט? וואָס דענקט איר?

— ווער ווייסט? — האָט דער זשאַנדאַר געהויבן מיט די אַקסלען.

— אפשר יאָ. און אפשר וועסטו דאָס קריגן שפּעטער ווען די באַן וועט אָנקומען.

איז דוד געבליבן וואַרטן, און געטראַכט איצט וועגן דעם פּעקעלע ליטעראַטור וואָס ליגט אינעם טשעמאָדאַנטשיק, אין פאַל ווען דער זשאַנדאַר וועט אים „בעטן" עפענען... און אויף גיך באַשלאָסן זיך נישט־ווייסנדיק מאַכן, און אויך נישט צו מאַכן קיין באַוועגונג וואָס ס׳קען ביי אים אַרויסרופן פאַרדאַכט. דאָס פּאָר־פאָלק קעגנאיבער זיי האָבן אויפגעהערט שמועסן, געעפנט אַ רענצל און אַרויסגענומען פון

דאָרטן געשניטענע קעז מיט וואורשטן, און געגעסן מיט פּענעצן ווייס־ברויט, וואָס דאָס האָט אויפן זשאַנדאַר געמאַכט אַ „גוטן" איינדרוק און גערייצט זיין אַפּעטיט... דוד האָט דאָס באַמערקט און אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, מכבד געווען דעם זשאַנדאַר, וואָס יענער האָט מיט דאַנקבאַרקייט גענומען, און איינעם פאַר זיך. דערנאָך געעפנט אַ פּושקע שוועבעלעך, פאַררויכערט פריער זיינעם, און ווען ער האָט פאַררויכערט פאַר זיך, האָט ער געבלאָזן דעם רויך און — געשוויגן.

די שטימונג האָט אויסגעזען אין דוד'ס אויגן — אויסגעצייכנט גוט. דער זשאַנדאַר האָט געררויכערט בעת ער האָט ווי צו זיך געמורמלט:

— צום טייוול... געהאָט ביז דאָ ערשט ניט לאַנג אַזאַ גוטן פּאָסטן לעבן מיין היים אַרום דעם אַלטן וואָקזאַל, האָט זיך געיאָוועט אַ שוואַרץ־יאָר און מיר געהייסן זיך אַרומשלייען אויף די נאַכטיקע באַנען — טפו זאָל עס ווערן!

ער האָט אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין, און זיך צוגעשפּאַרט צום האַרטן ווענטל פון באַנק, און מיט דער פּלייצע געהויבן אויף און אָפּ, ווי ער וואָלט מיט דעם באַוועגן זיך געוואָלט אויספּרובירן, צי די ביינער דאָרטן זיינען ניט פאַרגליווערט און באַוועגן זיך... פון דער וויט האָט זיך שוין דערטראָגן דער געפּיף פון אַן אָנקומענדיקער באַן. אַ פריידיקער האָט דוד זיך אַ הויב געטאָן. דער זשאַנדאַר האָט מיט אַ האַנט אים פאַרהאַלטן און שטרענג געפרעגט:

— און דו? פון וואַנען קומסטו, יונגערמאַן?...

דוד האָט דעם זשאַנדאַר אָנגעקוקט מיט אַ פאַר'חידוש'ט פּנים, ווי ער, דוד, וואָלט כלומרשט דאָס נישט דערוואַרט צו הערן פון אָט־דעם „פריינטלעכן" מענטשן. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם פּאַספּאָרט און דערלאַנגט.

דער זשאַנדאַר האָט פאַרזיכטיק געלייענט דאָרטן, און איינצייטיק אַלע ווילע געהויבן די אויגן אויף דוד'ן: צי ס'שטימט דער אויסזען, די יאָרן, און אַפילו געהייסן דוד'ן עפענען די אויגן, אַז ער זאָל קענען זען דעם קאָליר... דערנאָך פאַרצייכנט ביי זיך אין ביכעלע. צום סוף זיך גע־חידוש'ט:

— דו קומסט גאָר פון סאַקאָלקע? כ'האָב געמיינט פון ביאַליסטאָק!

— ס'איז פאַראַן אַ ביסל אמת, — האָט דוד ווי זיך פאַרענטפערט. — געבאָרן בין איך טאַקע אין סאַקאָלקע, איך געפין זיך היינט אין — — —

דער זשאַנדאַר, אָן אַ זיי־געזונט, האָט זיך געטאָן אַ טראָג אַוועק צו דער באַן, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן. דוד, אַ פריידיקער, האָט אַ נעם געטאָן דעם טשעמאָדאַנטשיק און מיט דעם אינעם פרייען

דרויסן אַרויס, זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייטיקן וועג, וואו ער האָט געטראָפן שטיין אַ פערד־און־וואָגן מיט אַ מענטשן דערביי, וואָס אינעם חושך איז שווער געווען צו דערזען אַ פּנים. דוד איז ווי צוגעשטאַנען צו אים:

— ביטע, נעמט מיך אין טרעסטינע! אינגאַנצן אַרום צווי מייל... מיינער אַ ברודער איז דאָרטן געפערלעך קראַנק, איר פאַרשטייט?

דער מענטש איז צוגעקומען נעענטער. ערשט האָט דוד באַמערקט אַ מיטליאָריקן פּויער מיט אַ ליולקע אין מויל, וואָס ער האָלט כסדר אין פּיפּקען. יענער האָט געזאָגט:

— זיכער, פּאַניע, ס'איז נישט ווייט פונעם דאָרף וואו איך וואוין. ס'וועט אייך קאָסטן אַ דרייערל, פּאַניע...

דוד האָט אַרויסגענומען אַ דריי־רובלדיקן, באַצאָלט, אַרויף אויפן וואָגן און געהייסן פאָרן וואָס גיכער.

:: :: ::

דער וועג, אויף וועלכן זיי זיינען געפאָרן, איז געווען אַן אויס־געטראָטענער און דאָס פערד, וואָס איז געוואוינט געווען צו שלעפּן שווערע משאות, איז איצט, אַן אויסגערוטער, געלאָפן פאַרביי דורך פעלדער און וועלדער, ווי דאָס פערד וואָלט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון זיין שנעלער מיסיע פאַר דעם פּאַסאַזשיר... און אַזוי אָפּפאָרנדיק אַ שטיק וועג, האָט דוד פריי אָפּגעאָטעמט. זיין מוח, וואָס האָט פאַר אַ ווײַלע געגרוט, האָט איצט ווידער גענומען טראַכטן און פּלאַנעווען: ווי אַזוי ער וועט נאָך היינט ביינאַכט צוריקפאָרן? ווייל פאַרבלייבן דאָרט אין שטעטל ביז אינדערפרי, וואו יעדער פרעמדער ווערט באַמערקט, וואָלט געווען פאַרדעכטיקט...

ער האָט זיך צוגעבויגן צום באַלעגאָלע און זיך געַעצה'ט:

— איך מוז, פּאַניע, נאָך היינט ביינאַכט צוריקפאָרן צו דער באַן, וואָס וועט מיך נעמען אַהיים, — וואָלט איר דאָס געטאָן פאַר מיר? איך בין גרייט צו באַצאָלן.

דער באַלעגאָלע האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, אַ שפּיי געטאָן אין דער זייט, און איבערגעפרעגט:

— איר ווילט נאָך היינט פאָרן צוריק? ווי לאַנג דענקט איר דאָרט זיך צו פאַרזאַמען? ווייסט איר ווי שפּעט ס'איז שוין?

דוד האָט אַרויסגענומען דעם קעשענע־זייגערל, אָנגעריבן אַ שוועבעלע, געכאַפּט אַ קוק און געזאָגט:

— איצט איז דער זייגער באַלד צוויי. פונקט פיר אַזייגער פאָרן מיר צוריק. טאָ וואָס זאָגט איר, פּאַניע?

— פאַרוואָס ניט? איר וועט מיר דערלייגן אַ פינפערל וועל איך אייך פירן צוריק, פאַרוואָס ניט? — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט.

דוד האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ענדלעך געזאָגט:

—גוט. איך בין אַ געשעפט־מענטש. איך מוז דאָרט זיין אין פרימאָרגן, איר פאַרשטייט?...

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום שטאָט האָט דוד באַמערקט:

— איר וועט זיין אַזוי גוט, בלייבן שטיין דאָ און וואַרטן אויף מיר.

דאָס שטעטל טרעסטינע איז דעמאָלט געווען איינגעהילט אין פינצ־טערניש. דוד האָט זיך געלאָזט אין וועג מיט שטילע טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אימעצן אויפצואוועקן, און נישט אָנגעטראָפן קיין לעבעדיקן וועזן. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט פאַר זיכער וואו ער געפינט זיך און וואו ס׳געפינט זיך דאָס געסל וואו הערשל וואוינט. איז ער ווי אין חלום פאַרבייגעגאַנגען שטיבער, פענצטער און אָנגעטראָפן צווישן זיי אַ שטוב, וואו אַ שוואַכע שיין פון אַ לאָמפּ האָט דורכן פענצטער געפלעמלט. צו זיינע באַזלעכער האָט זיך דערטראָגן דער ריח פון פרישע געבעקס. ער האָט פאַר אַ ווייל זיך אָפּגעשטעלט, און זיך דערמאָנט, אַז ער געפינט זיך לעבן וואַכמאַנ׳ס בעקעריי. אָט־די בעקעריי, וועלכע ער געדענקט גאַנץ גוט, האָט מיט אַ מאָל ביי אים אויפגעוועקט אין זכרון דעם גאַנצן גאַנג פון דער שטעטל׳ס גאַסן און געסלעך. ער האָט איצט, מיט פאַרשנעלערטע טריט, זיך אַוועקגעלאָזט צום אַלטן בית־מדרש, און פון דאָרט רעכטס זיך אויסגעדרייט אינעם געסל, וואו ער האָט דורך אַ סימן אויף אַ שטוב אויסגעפונען וואו הערשל׳ס עלטערן וואוינען.

אין שטוב ביי הערשלען איז געווען פינצטער. איז דוד געשטאַנען און געטראַכט אין וועלכן פענצטער אָנצוקלאַפּן. ער האָט אין אַ שויב אַ פּיק געטאָן איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און דערזען אין פענצטער הערשל׳ס יונגע שוועסטער ביילע, אַן אויסגעבלייכטע, וואָס גלאָצט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן. דוד איז צוגעטראָטן נאָענט צו דער שויב און אין דער שטיל איר געלאָזט זיך דערקענען:

— יאָ... דאָס בין איך, דוד דער טעווינער — געדענקסט מיך? זאָג הערשלען, אַז — —

דאָס מיידל איז שנעל פאַרשוואונדן און איז באַלד צוזאַמען מיטן ברודער אַרויסגעקומען. ער איז געווען אַ דערשטוינטער, אַ פאַרשולדיק־טער... דוד האָט אַן עפן געטאָן דעם טשעמאָדאַנטשיק, הערשל האָט גענומען דאָס פּעקל ליטעראַטור און איבערגעגעבן דער שוועסטער צו

פאַרבאַהאַלטן, דערנאָך געפירט דוד'ן הינטער דער שטוב אינעם הויף אַריין און געזאָגט צו אים אין דער שטיל:

— ס'פאַרדריסט מיך, דוד. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט וואַרטן אויף מיר. אָבער ווער זאָל וויסן אין פאָראויס, אַז ווען איך בין געקומען צום רויטן פסח געפין איך אים ליגן אין בעט מיט פיבער, אַ קראַנקן, און קאָן מיך נישט פירן צו דער באַן... וואָלט איך דאָס געוואוסט כאָטש אַ שעה פריער, וואָלט איך אַוועק צום באַלעגאָלע כאַנע... דו ווייסט דען ווי די ליטעראַטור איז פאַר אונדז נויטיק? ערשט היינט איז ספּעציעל געקומען צו מיר זישע פון קינישין וועגן דעם, אויך פון גאַניענדז באַפוילט מען אונדז אַז זיי נויטיקן זיך אין ליטעראַטור וואָס גיכער, און דאָ ווערט ער קראַנק...

— און וואָס הערט זיך אין די פאַבריקן? און וואָס ריידן צווישן זיך די אַרבעטער?

— וועגן די באַדינגונגען אין די פאַבריקן האָט זיך נאָך דערוויל גאָר נישט געענדערט אויף בעסער. די באַלעבאַטים האָבן אַפילו נאָך נישט אין זינען צו דערלויבן אַהיים גיין ווען אין דרויסן איז נאָך ליכטיק... דער באַלעבאָס לוי פּאַפּ, למשל, שרייט נאָך אַלץ צום אַר־בעטער: „איך גיב געלט און דו גיב מיר בלוט!" און דער באַלעבעסל נאַפּטאַלקע, וואו איך אַרבעט, האָט אַנומלטן זיך צעשריגן אויף אַן אַר־בעטער, ווען יענער איז געקומען פון אַפּטריט: „אין דער צייט האָסטו געמאַכט דאָרטן אָפּגיין מיט בלוט!"... מ'יאָגט, מ'טרייבט ווי די אידן אין מצרים — —

הערשל האָט דערציילט פונעם שווערן יאָך, וואָס דריקט און שטיקט אין די פאַבריקן... דוד איז געשטאַנען קעגן אים אַן אויסגעבלייכטער און זיך רואיק צוגעהערט וואָס הערשל האָט צו זאָגן. ווען ער האָט אויפ־געהערט, האָט דוד באַמערקט:

— נו? און די אַרבעטער וואָס ריידן?

— יאָ, — האָט הערשל זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איך וויל זאָגן דעם אמת: די גרעסטע טייל ליידן און שווייגן און גלויבן אַפילו נישט, אַז זיי קענען ווערן פריי און האָבן בעסערע באַדינגונגען. פּשוט דערפאַר, ווייל אונדזער וואָרט דערגרייכט זיי קוים... מיר האָבן אָבער אַ געזונטן טייל באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וואָס לייענען אונדזער וואָרט און דערנאָך גיבן זיי דאָס איבער צו אַנדערע אַרבעטער. אָבער כדי צו קאָנען איבער־געבן אַנדערע, פאָדערט זיך אַ מענטש מיט וויסן, מיט דערפאַרונג אין אַזעלכע ענינים. איז נישט מעגלעך צו שיקן פאַר אונדז אַן אָראַטאָר,

וועלכער קאָן אַלץ קלאָר מאַכן פאַר אונדז, אויך פאַרענטפערן אַלע אָנ־געוויטיקטע פראַגן?

— יאָ, ס'איז מעגלעך, — האָט דוד פאַרזיכערט. — מיר טראַכטן טאַקע צו שיקן אייך אַן אַראַטאַר. מיר האַלטן, ווייל אין אייער שטעטל געפינט זיך די גרעסטע צאָל בערשטער־פאַבריקן פונעם גאַנצן ראַיאָן, איז דערפאַר וויכטיק און נויטיק שיקן צו אייך אַ מענטשן, אַן אויטאָריטעט אין אַלע אַרבעטער־ענינים. מיר קענען אָבער דאָס ניט טאָן פריער ווי אין אַ חודש אָדער צוויי.

די נאַכט האָט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן. פונעם חושך האָבן זיך פריער גענומען אויסשיילן דעכער, דערנאָך — שטיבער און גאַסן. דוד האָט אַרויסגענומען דאָס קעשענע־זייגערל און האָט געזאָגט:

— איך מוז שוין גיין, הערשל. דער באַלעגאָלע וואַרט אויף מיר.

הערשל איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, אַרויסגעבראַכט פון דאָרט אַ שטיק ברויט מיט אַ קעזל, דאָס צוזאַמען מיט פרוכטן פאַרבונדן אין אַ פעקעלע, וואָס ביילע האָט צוגעגרייט, געגעבן דוד'ן און געזאָגט:

— אַנטשולדיק... איך וויל נישט אויפוועקן דעם טאַטן... געדענק, דוד, מער וועט דאָס ניט פאַסירן. מיר וועלן שוין וואַרטן פון פריער ביי דער באַן.

אויפן צוריקוועגס האָט דוד געשפּאַנט, צופרידן מיט דער לאַגע... און ווען ער איז געקומען צום פערד־און־וואָגן האָט ער דערהערט אַ כראָפּען פונעם באַלעגאָלע. ער האָט אים אויפגעוועקט, געגעבן אַ חלק פון עסן און געהייסן פאָרן צו דער באַן. דוד האָט אַ באַרואיקטער זיך אויסגעצויגן אויפן זיץ און באַלד געפלאַנט ווי אויסצומיידן דאָרטן אויף דער באַן דעם זשאַנדאַר... און אַזוי טראַכטנדיק וועגן אָט־דעם זשאַנדאַר, האָט אים דער קאָפּ גענומען זיך דרייען, און זיינע מידע אויגן האָבן זיך צוביסלעך צוגעשלאָסן...

...ער וואַנדערט מיטן אָפענעם טשעמאָדאַנטשיק מיטן רימען איבערן נאַקן פון פאַסאַזשיר צו פאַסאַזשיר. אין זיינע הענט — סחורה: שלייקעס, קראַוואַטן און ווייבערשע האָר־קעמעלעך, און דערזעט דאָרט דעם זעלביקן זשאַנדאַר ווי ער הויבט זיך פון זיין זיץ־פּלאַץ צו אים... ער, דוד, גיט אַ כאַפּ דאָס פעקל ליטעראַטור פון אונטער דער באַנק און אַנטלויפט מיט דעם דורכן אָפענעם פענצטער... אָבער... דער זשאַנדאַר שטייט לעבן אים, און אָט־אָט כאַפּט ער אים! פונדערווייטן זעט ער דעם חבר אַבראַם און ער צעשרייט זיך מיט אַלע כוחות: אַבראַם! אַבראַם!...

דער באַלעגאָלע האָט אים אַ שטורכע געטאָן:

— וואָס חלומ'ט איך, פאַניע?... גייט אַרונטער, אַ באַן גייט איצט אָפּ...

אין אַ שעה שפּעטער, ווען דוד איז אַהיים געקומען און געטראָפן זיין קאָזין אָסיפּ אין בעט, האָט יענער זיך גע'חידוש'ט:

— וואו ביזטו דאָס געווען אַ גאַנצע נאַכט, מיט טייבקע'ן?...

— ניין, אָסיפּ. כ'האָב געמאַכט אַ יאַזדע צו די עלטערן, זיי זען!

5

פון זינט יענעם אויפדערנאַכט, ווען דער קאָזין אָסיפּ האָט אים פאַרהיט פון גאָראָדאָוואַי, איז דוד געוואָרן פריינטלעכער צו אים, און אים דערציילט ווי ער און טייבקע האָבן זיך ליב און פאַרברענגען אָפט צוזאַמען. דער קאָזין אָסיפּ איז דווקא געווען צופרידן וואָס ער, דוד, פאַרנעמט זיך בעסער מיט ראָמאַנסן, און האָט אויפגעהערט אים נעמען אויפן פאַרהער וואוהין ער גייט...

אַזוי אַרום האָט דוד יעדן פרייען אָוונט, נאָך אַ טאָג אַרבעט אין דער הזיר־האָר־פאַבריק, און נאָך אַ טאָג נייען פרעמדע קליידער — טייבקע'ס אַרבעט, זיך געטראָפן אַמאָל ביי איר אין דערהיים צו וועטשערע, וואו איר מאַמע האָט זיי שוין אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר חתן־כלה, — דאָס, וואָס דער ניינצן־יאָריקער דוד האָט בשום אופן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרנעמען, און דערפאַר זיך בעסער באַגעגנט מיט איר ביי דער פריינטלעכער באַלעבאָסטע פייגע אינעם קליינעם רעסטאָראַנדל. נאָכן עסן, האָבן זיי צוערשט באַזוכט דעם בוך־געשעפט, און מיט אַ נייעם בוך אונטערן אָרעם, זיך אַ לאָז געטאָן מיט יונגע פיס אויפן אַלטן שאָסעי אָדער גאָר אין וואַלד, בעת זייער געשפּרעך האָט תמיד זיך געוויקלט אַרום שרייבער און זייערע ווערק.

אין פאַבריק־געסל איז איצט שטיל געווען. ס'איז געווען אין אַ פאַרנאַכט. דעם גאַנצן טאָג האָט אַ הייסע אויגוסט־זון געברענט. איצט, פאַרנאַכט, איז פון ערגעץ אַ ווינט אָנגעקומען און אָפּגעקילט די שטיינער פון די גאַסן. מענטשן האָבן נאָכן אָוונט־ברויט באַלד זייערע דושנע צימערן פאַרלאָזט און אויף אַ באַנק פאַר זייערע שטיבער זיך געזעצט.

טייבקע איז פאַר דעם שפּיגל געשטאַנען, זיך געפּוצט צו באַגעגענען דוד'ן... איר מאַמע רבקה האָט זיך נאָך געפּאָרעט אַרום קיך און גע־טראַכט פון איר טאָכטער, ווי דאָס מיידל האָט זיך די לעצטע צייט,

זינט זי האָט זיך באַקאַנט מיט דוד'ן, איינגאַנצן געאַנדערשט. זי רעדט ווייניקער און פוצט זיך מער... דאָס, וואָס איר, דער מאַמען, איז ניחא געווען, ווייל דער בחור געפעלט איר און ער געפעלט אויך דעם טאַטן. אָבער עפּעס שווערס ליגט איר אויפן האַרצן — און וועגן דעם וויל זי מיט דער טאָכטער ריידן.

שפּעטער, ווען זיי זיינען ביידע אויף דער באַנק פאַרן שטוב געזעסן, האָט די מאַמע אָנגעהויבן ריידן וועגן איר נייע קלייד, וואָס זי האָט אָנגעטאָן, וואָס איז נאָך איר מיינונג זייער שיין, און דער רויטלעכער קאָליר פּאַסט איר, און דערנאָך אַ פרעג געטאָן:

— זע, טאָכטער, פאַרוואָס האָט דוד אויפגעהערט קומען אַהער צו וועטשערע אַמאָל? איז ער אפשר ברוגז אויף מיר אָדער אויפן טאַטן?

טייבקע האָט געהויבן מיט די שמאָלע אַקסלען:

— דעם טאַטן קאָן ער דאָך אַפילו ניט, און אויף דיר — פאַרוואָס זאָל ער ברוגז זיין? דאַרפסט וויסן, מאַמע: אויב נאָר ער האָט מיך ליב, האָט ער ליב מיין מאַמען, — האָט טייבקע שמייכלענדיק פאַרענדיקט.

די מאַמע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געטראַכט פונעם אופן ווי אַזוי אַרויסצוברענגען דאָס וואָס שווערט איר אויפן האַרצן, אַז דער טאָכטער זאָלן איר רייד נישט פאַלן שווער, און געפּרוואווט שפּינען דעם געשפּרעך.

— און איר האָט זיך טאַקע באמת ליב? — האָט די מאַמע ערנסט געפרעגט.

טייבקע האָט אויסגעגלאָצט אויף דער מאַמען אירע אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט דערשטוינט דאָס צו הערן. זי האָט אָבער באַלד געביטן דעם אויסדרוק פון איר פּנים, און שמייכלענדיק דערקלערט:

— שוין צייט, מאַמע, זאָלסט קענען דיין טאָכטער: ווען אַנדערש, וואָלט ער צו מיר ניט געקומען, און איך וואָלט אים מער אויפן שוועל ניט אַרויפגעלאָזט!

— און דו טראַכסט מיט אים באַלד חתונה האָבן?

— פאַרוואָס דען ניט? אויב דוד וועט באַשטיין, בין איך צופרידן, מאַמע.

זי האָט דאָס געזאָגט, טייבקע, מיט אַזאַ געטריישאַפט, אַז דער מאַמען וואָלט דאָס באַדאַרפט דערפרייען, אָבער אַנשטאָט דעם איז זי בלאַס געוואָרן, די מאַמע, און כמעט מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— פאַר מיר, טייבקע, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע פרייד, וואָס דו האָסט געקראָגן אַ פיינעם בחור, וואָס איר האָט זיך ליב. פאַרגעס אָבער ניט, טאָכטער, אַז אין אַ צוויי יאָר שפּעטער וועט ער מוזן גיין דינען

„פאָניע׳ן״, און דו וועסט בלייבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און אפשר נאָך מיט אַ קינד — —

די מאַמע האָט פאַר איר געשילדערט וואָס זי, טייבקע, וועט איבער־לעבן דורך דער גאַנצער צייט פון דוד׳ס אָפּוועזנהייט אין דער אַרמיי, און ווי זי וועט זיך נאָך אפשר דאַרפן מוטשען מיט אויפהאָדעווען אַ קינד... טייבקע האָט דאָס מער נישט געקאָנט פאַרנעמען און אויס־געשריען:

— ס׳איז מיין לעבן, מאַמע! מיינס, און בלויז מיינס!...

די מאַמע איז גרייט געווען נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר ס׳איז אָנגעקומען דוד. טייבקע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגענומען דוד׳ן און געזאָגט צו דער מאַמע:

— מיר גייען שפּאַצירן, מאַמע. פאַר צוועלף ביינאַכט זאָלסטו מיך גאַר נישט דערוואַרטן!

נאָך דעם איבערררייד מיט איר מאַמען, וואָס דאָס איז ביי זיי געווען אַ זעלטענהייט, איז טייבקע געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. אין מוח ביי איר איז נאָך פריש געווען דער מאַמע׳ס ביטערע וואָרנונג מיט איר טענות: וואָס ס׳קאָן געשען מיט איר, טייבקע׳ן, ווען זי וועט זיך איילן חתונה צו האָבן מיט דוד׳ן! האָט טייבקע געשפּאַצירט אַ שטילע, אַ באַליידיקטע, וואָס איר מאַמע וואָגט זיך אַריינצומישן און שטערן מיט דעם איר ליבע, איר לעבן! נאָר וואָס מער טייבקע האָט זיך אַריינגעטראַכט אינעם תוך פון דער מאַמע׳ס רייד צו איר, איז דער פאַרדרוס אַוועק. ווייל אַזוי, האָט זי דער מאַמען געפּרואווט פאַרענטפערן, וויל מסתמא יעדע מאַמע, פאַרהיטן איר טאָכטער פון אַלדאָס בייז. די מאַמע אָבער קען נישט און וויל נישט פאַרשטיין איר טאָכטער׳ס הייסע ליבע צו דוד׳ן, וואָס וועגט אַריבער יעדע לייד און פּיין.

דוד האָט איר נישט געשטערט אין איר טראַכטן... דעם איבער־רייד פון מאַמע און טאָכטער האָט ער באַמערקט נאָך ביי זיין אָנקום, ער האָט געזען אַפילו דער מאַמע׳ס פאַרוויינטע אויגן, טענה׳נדיק צו טייבקע׳ן... איצט, שפּאַצירנדיק מיט איר, אַ שטילע, אַ צעערגערטע, האָט ער אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער איבעררייד צווישן מאַמע און טאָכטער איז געווען צוליב אים. וואָס, און פאַרוואָס — האָט ער נישט געקענט זיך דערטראַכטן. זיך פרעגן — האָט ער נישט געוואָגט. נאָר ווען זיי האָבן שוין לאַנג געשפּאַצירט, און טייבקע האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט ער געפּרואווט פאַרציען אַ געשפּרעך.

— מיר דוכט, טייבקע, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר זיינען שוין ווייט אַוועק פון בוד־געשעפט. דאַרפסטו דאַרטן גאַרנישט האָבן היינט?

— ניין, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ביי מיר געפינט זיך אַ בוך, וואָס איך האָב דאָרט גענומען לעצטע וואָך.

— וואָס איז דער נאָמען פונעם בוך, טייבקע?

— דער נאָמען פונעם בוך איז „וואָס טוט מען?" — פון אַ רוסישן שרייבער נ. ג. טשערנישעווסקי. אָבער דאָס בוך געפעלט מיר ניט.

— אפשר וועסטו מיר דערקלערן פאַרוואָס דאָס בוך געפעלט דיר ניט? ס'איז פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, טייבקע.

— ער געפעלט מיר נישט דערפאַר, — האָט טייבקע געזאָגט, — ווייל באַלד אין אָנהויב דערציילט דער שרייבער אַ מעשה פון אַ נאַר. נאָכדעם, אין דער פאָררעדע צום בוך, פּרוּווט דער שרייבער זיך פאַר־ענטפערן מיט דער מעשה וואָס ער האָט דערציילט פונעם נאַר, מיט דעם, אַז ער, דער שרייבער, האָט דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל די מערסטע פון די לעזער האָבן ליב אַזוינע מעשיות; ווי ער וואָלט פון פריער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער שרייבט פאַר נאַראָנים בכלל.

דוד האָט זיך צוגעהערט, און מיט אַן אינערלעכער פרייד באַמערקט, ווי איר פאַרכמורעט פנים האָט מיט איר ריידן וועגן דעם נייעם בוך, וואָס זי האָט געלייענט, זיך אויסגעלייטערט. אָבער די אומבאַרעכטיקטע קריטיק האָט ער נישט געוואָלט פאַרשווייגן.

— ביסט אפשר גערעכט, — האָט דוד געזאָגט, — ווען דו רעדסט איבער דער פאָררעדע צום בוך, וואָס איז דיר נישט צום האַרצן, — הגם וועגן דעם אַליין איז אויך דאָ וואָס צו זאָגן, און זיך צו דערטראַכטן אַז דער שרייבער איז גערעכט. איך וויל אָבער ריידן וועגן דעם אינהאַלט, וואָס יעדער פריידענקענדיקער מענטש מוז זיך רעכענען מיט דעם, טייבקע, אַז אָט־דער שרייבער האָט אַנטפּלעקט דאָ פאַר אונדז גאָר אַ וויכטיק ווערק, וואו ער האָט אויף אַ פּראַקטישן אופן באַוויזן, מיט זיין העלדין ווערא פּאַוולאָווגאַ, וועלכע האָט געגרינדעט פריער איין ווערק־שטאַט, דערנאָך אַ צווייטן, און זיך געטיילט מיט די פאַרדינסטן מיט אירע אַרבעטער צוגלייך! דענקסטו ניט, טייבקע, אַז בלויז דער דאָזיקער פּרוּוו: אָפּצושאַפן עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש איבער דעם צווייטן — איז גאָר אַ גרויסער אויפטו?

— עט... — האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, — ס'איז נישט מער ווי אַ נאַרישע געפּלוידעריי. ליטעראַטור דאַרף ערשטנס אַנטהאַלטן דעם עלעמענט פון אמת. איצט, זאָג נאַר מיר, מיין טייערער, גלויבסטו אַליין אין דעם? האָסטו ביז איצט באַגעגנט אָדער אַפילו געהערט פון אַזאַ מין גוטן באַלעבאָס, וואָס זאָל זיין ווילִיק זיך צו טיילן מיט די פאַר־דינסטן? איך האָב אַזעלכס קיינמאָל ניט געהערט.

— זיכער קען איך דאָ דאָס איצט נישט באַווייזן, — האָט דוד געזאָגט. — באַרעכן אָבער, אויב ס׳האָבן זיך געקענט געפינען ביי אונדז אַזעלכע גרויסע גייסטער, ווי לייטענאַנט שמידט, באַלמאַשאָוו, און אונדזער הירש לעקערט — מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער אייגענעם ווילן איינגעשטעלט זייערע יונגע לעבנס, כדי מיט דעם צו באַפרייען זייער לאַנד פון צאַריזם, טאָ פאַרוואָס קען ניט זיין מעגלעך, אַז אין זעלבן לאַנד זאָל זיך געפינען אַ ווערא פּאַוולאָוונאַ — אַ מענטש מיט יושר, וואָס וויל מיט איר גוטן ווילן זיך טיילן מיט די פאַרדינסטן?

דוד האָט פאַר טייבקע׳ן דערמאָנט די דאָזיקע העלדן פון יענער צייט, וועלכע זיינען פאַר זייערע ערלעכע טאַטן געווען באַרימט און פאַרגעטערט ביי יעדן קעמפער קעגן צאַריזם, מיטן אַבזיכט אַרויסצורופן ביי איר וועלכע עס איז באַגייסטערטע דערמאָנונג. טייבקע האָט אָבער נאָך זיין רעדן — געשוויגן, ווי דער גאַנצער ענין זאָל פאַר איר פרעמד זיין... האָבן זיי שווייגנדיקע לאַנג געשפּאַצירט, ביז זיי האָבן דערזען אַ ליידיקע באַנק. טייבקע האָט זיך באַקלאָגט:

— קום זיך זעצן, דוד, איך בין מיד.

זי האָט זיך תיכף איינגענורעט אין אים, פאַרבאַהאַלטן איר פּנים, וואָס איז איצט געווען בלאַס און פאַרטרויערט. ער האָט זיך אָנגעבויגן און איר געפרעגט:

— קענסטו מיר אפשר זאָגן, טייבקע, וועגן דיין שמועס מיט דער מאַמע היינט פאַרנאַכט? איך האָב דאָס באַמערקט ביים אָנקומען. איז דאָס ניט געווען וועגן מיר, טייבקע?

— יאָ, צוליב דיר. די מאַמע וויל וויסן, וואָס עס וועט געשען מיט מיר, אויב דו וועסט מוזן גיין פאַר אַ סאָלדאַט. וואָס האָב איך איר געקענט ענטפערן? — האָט זי פאַרצווייפלט געפרעגט.

ער האָט זי אַרומגענומען, אויסגעקושט איר פאַרזאָרגט פּנים מיט די פאַרטרערטע אויגן און אין דער שטיל געמורמלט:

— איך האָב דיך ליב, טייבקע; דאָס ענטפער דיין מאַמען... זאָג איר, זי זאָל גאָר נישט זאָרגן וואָס עס וועט געשען מיט צוויי יאָר שפּעטער... ווען די צייט וועט קומען, וועלן מיר דעמאָלט האַנדלען, טייבקע.

— אָבער... איך זאָרג שוין, דוד... דער געדאַנק, אַז איך וועל זיך מוזן שיידן מיט דיר אויף יאָרן, לאָזט מיך נישט רוען. זאָלן מיר אפשר חתונה האָבן פריער?

— רעדסט ווי אַ קינד, — האָט דוד געזאָגט, — וועט דען חתונה־האָבן אויסמיידן מיך צו נעמען פאַר אַ סאָלדאַט? אָבער צו וואָס דער

גאַנצער געשפּרעך? מיר זיינען יונג, און מיר האָבן גענוג צייט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית! וואָס פעלט אונדז דען איצט? — האָט ער זיך צעשמייכלט.

זיין לעצטע באַמערקונג איז טייבקע'ן נישט געווען צום האַרצן... ס'פעלט איר שוין גאָר אַ סך צו זיין צופרידן. איז זי געזעסן אַ פאַר־טראַכטע, צוגעטוליעט צו אים, און שטאַר געקוקט אויף אַ פּונקט קעגנ־איבער זיי, וואו אויף אַ באַגראָזטן משופּע'דיקן בערגל האָט זיך געפונען דער קריסטלעכער בית־עולם, פונוואַנען ס'האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ הויכע סטאַטוע פון אַ יונג־פרוי, פון דער „שווענטי ראַך", ווי מ'האָט אָנגערופן דעם דאָזיקן בית־עלמין. טייבקע האָט צו אים געזאָגט:

— זעסט פון קעגנאיבער די סטאַטוע, דוד? דאָס איז אָן אָנדענק נאָך דער „שווענטי ראַך"! אויב דו ווילסט, וועל איך פאַר דיר דער־ציילן די לעגענדע וועגן דער דאָזיקער פרוי, וואָס איך האָב געהערט פון מיין מאַמע. ווילסטו הערן, דוד?

דוד איז געווען נאָך מער ווי צופרידן צו הערן פון איר עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן „תכלית". מיט אַ שמייכל האָט ער כלומרשט געפרעגט:

— איז די מעשה אַ שיינע, טייבקע?

— איך קען דיר נישט קאַווירן, דוד. ס'איז אָבער טשיקאַווע. דו זוכסט שיינקייט אין יעדן פאַל, — האָט זי איראָניש באַמערקט.

ס'איז שוין געווען אַרום עלף אין אָוונט. אויף דער גאַס זיינען ווייניק מענטשן פאַרבייגעגאַנגען. אַ קילער ווינט — אָן אנגענעמער, נאָך דעם הייסן טאָג, האָט געבלאָזן. טייבקע, צוגעטוליעט צו אים, האָט אָנ־געהויבן דערציילן:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„די מעשה האָט פּאַסירט מיט יאָרן, יאָרן צוריק, ווען די היינטיקע גרויסע שטאָט ביאַליסטאָק איז נאָך געווען אַ קליינער ישוב — אַ דערפל. געלעבט האָט דעמאָלט אַ גרויסער מעל־סוחר ר' נתן זלאַטעס. און רייך איז דער ר' נתן זלאַטעס געווען! זיינע ווינט־מילן אַרום שטאָט האָבן געמאָלן קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער און האָבן באַשפּייזט דעם ישוב. און פאַרמאָגט האָט ר' נתן זלאַטעס קאַסטנס גאָלד און זילבער, און איין־און־איינציק טאָכטער רחל, וואָס איר פּנים האָט געלויכטן ווי זיבן ליכטיקע זינען. און איר גוף — שלאַנק, הויך און גלייך, ווי אַ סאָסנע אין וואַלד. און ווי דער שטייגער ביי אַזאַ פרומען רייכן טאַטן, האָט די זיבעצן־יאָריקע רחל געלערנט ביי די גרעסטע מלמדים, וועלכע האָבן זיך געמיט איינצופלאַנצן אין דעם פרומען גביר'ס טאָכטער תורה און חכמה — —

— טייבקע, — האָט דוד פאַרוואונדערט איר איבערגעשלאָגן, — דו רעדסט דאָך תחינה־לשון! ווי קומסטו צו דעם, טייבקע?

זי האָט זיך אָנגעבלאָזן און שאַרף דערקלערט:

— אָט מיט דעם לשון האָט מיין מאַמע מיר דאָס דערציילט די לעגענדע, דוד, — און ווייטער פאַרגעזעצט:

„צום גרויסן אומגליק, האָט די שיינע געלערנטע רחל זיך איינמאָל געטראָפן מיט דעם בורגמייסטער׳ס יונגן זון אַנטעק, אַ שיינער קריסט־לעכער בחור, וואָס האָט שטודירט אויף דאָקטאָר. דאָס פּאָרל האָט אין געהיים זיך געגומען טרעפן און זיך פאַרליבט ביז משוגע ווערן. רחל האָט אַוודאי דעם דאָזיקן סוד פאַר קיינעם נישט דערציילט, נאָר זי אַליין האָט זיך איינגאַנצן געביטן: זי האָט ווייניק געגעסן, ווייניקער געשלאָפן, אויך האָט זי אויפגעהערט צו לערנען. אַזוי, פון טאָג צו טאָג, איז איר שיין פּנים מער פאַרפינצטערט געוואָרן, ווי, ניט דאָ געדאַכט, נישט־גוטע וואָלטן איר כשר׳ע נשמה געפאַנגען.

„טאַטע־מאַמע, גאָטפאָרכטיקע מענטשן, האָבן געטראַכט און מורא געהאַט, אַז חלילה אַ ׳בייז אויג׳ אָדער גאָר אַ קליפּה, רחמנא־לצלן, האָט זייער טאָכטער געטראָפן! האָבן זיי גערופן צו איר די גרעסטע דאָק־טוירים, איר גענומען צו ׳גוטע אידן׳, ניט געזשאַלעוועט זיי געבן ׳פּדיון׳, אַז זיי, די ׳גוטע אידן׳, זאָלן בעטן רחמים ביי דעם וואָס לעבט אייביק פאַר זייער בת־יחידה, וואָס גייט נעבעך אויס ווי אַ ליכט. און וואָס איז פאַראַן צו רעדן? רחל איז פון דער נאַכט נישט געוואָרן...

„דער טאַטע ר׳ נתן זלאַטעס מיט דער מאַמע חנה האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף זייער גרויסן בראָך, וואָס איז זיי צום האַנט געקומען. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, סיי פון ישוב, סיי פונעם אַרומיקן געגנט, וואָס האָבן געקענט און געאַכטעט דעם פרומען גביר, האָבן מיט־געפילט זייער צער. מחנות אידן האָבן כסדר אַרומגעזוכט די פאַר־שוואונדענע רחל. ס׳איז אָבער מסתמא אַזוי באַשערט געווען פון הימל, רחל׳ען האָט מען נישט געפונען.

„אין צרות און לייד, איז אַזוי אַוועק איין יאָר, צוויי יאָר — עטלעכע יאָר. דער פרומער גביר, ר׳ נתן זלאַטעס, איז פון צער נעבעך אַוועק פון דער וועלט. די מאַמע חנה איז אין די עטלעכע יאָר אַלט און קראַנק געוואָרן און אויסגעוויינט אירע אויגן נאָך איר קינד, און איז נעבעך עלנט ווי אַ שטיין אין וויסטן פעלד געבליבן. בלויז איר אַלטע דינסט, זעלדע, איז איצט טאָג און נאַכט געשטאַנען און געהיט איר באַלעבאָסטע, ווי אַן איינציק אויג אין קאָפּ, צוזאַמען מיט איר אין שול געגאַנגען

און צוזאַמען גאָט געבעטן פאַר רחל'עס נשמה, וואָס געפינט זיך איצט אַוואַדע מיט אונדזערע הייליקע שרה, רבקה, רחל און לאה אין גן־עדן."

— איך באַוואונדער דיך, טייבקע, — האָט דוד אַ באַגייסטערטער אויסגערופן, — דו אימיטירסט דער מאַמע'ס תחינה־לשון, אַז איך קאָן דיך קוים דערקענען!

זי האָט שאַרף באַמערקט:

— דער לשון איז ניט אומעטום דער עיקר, אינגל, — און באַלד פאָרגעזעצט:

„אין שטאָט האָט אין יענער צייט אויסגעבראָכן אַ מגפה, ניט פאַר היינט געדאַכט. מענטשן זיינען פלוצלונג אַוועקגעפאַלן, ווי פליגן. דער רב פונעם ישוב האָט געהייסן זאָגן תהילים, און ער מיט אַ מנין אידן האָבן געפּראַוועט „קטורת זאָגן" אין די פיר עקן פון שטאָט. זיי האָבן אויך אויסגעזוכט און חתונה געמאַכט 'פאַרזעסענע' אידישע מיידלעך אויפן בית־עלמין. די גלחים, להבדיל, האָבן אין זייערע צערקווס, קירכן, 'פּאַטשערעס' געזאָגט, און איבער די גאַסן מיט זייערע 'איקאָנעס' און רעליגיעזע בילדער זיך אַרומגעטראָגן. און אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָט, האָט פון מויל צו מויל זיך פאַר־שפּרייט די נייעס וועגן אַ יונגער קריסטלעכער הייליקער פרוי, וואָס באַ־דינט און היילט קראַנקע אָן אַ גראָשן געלט.

„דורך אַ צופאַל, און אפשר גאָר דורך אַ נס פון הימל, האָט די אַלטע געטרייע דינסט זעלדע זיך געטראָפן מיט יענער קריסטלעכער הייליקער יונג־פרוי ביי אַ קראַנקער שכנה אין שטוב. יענע האָט זעלדע'ן נישט געקאָנט דערקענען דערפאַר, ווייל זעלדע, וועלכע איז דעמאָלט ביים אומגליק נאָך יונג געווען, איז דורך די אַלע פינצטערע יאָרן אַלט און צעקנייטשט געוואָרן. אָבער זעלדע האָט אין דער קריסטלעכער פרוי באַלד דערקענט רחל'ען דורך איר איינגעבאָרענעם חן־פּינטעלע אויף איר לינקן באַק. זעלדע האָט פאַר קיינעם דאָס נישט דערציילט צוליב דער באַלעבאָסטע חנה, וועלכע וואָלט די טרויעריקע בשורה נישט געקענט איבערלעבן."

טייבקע האָט פאַר אַ ווייל זיך פאַרטראַכט, און זיך געפּרואווט דער־מאָנען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער לעגענדע וועגן דער „שוועגטי ראַך". זי האָט פאָרגעזעצט:

„אין אַ צייט אַרום, ווען די מגפה אין שטאָט האָט זיך איינגעשטילט, האָט מען פון מאַגיסטראַט, מיט אַ פּויק אין די גאַסן, געלאָזן וויסן דער באַפעלקערונג, אַז די בירגער זאָלן זיך גרייטן צו דער געהויבענער חתונה פון דעם בורגמייסטער'ס זון, דאָקטאָר אַנטעק, מיט זיין שיינער

כלה — די הייליקע ראַך... און ווען דער באַשטימטער חתונה־טאָג איז געקומען, זיינען אַלע הייזער פון דער שטאָט מיט בלומען באַדעקט גע־וואָרן. פאַר דער קירכע, וואו די חתונה־צערעמאָניע האָט באַדאַרפט פאָר־קומען, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ קינסטלעכער טויער; איבער דעם טויער — אויפשריפטן מיט אותיות פון בלישטשענדיקן גאָלד אויף טונקל־רויטן סאַמעט, מיט פסוקים פון תהילים און פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, וואָס רופט אין נאָמען פון גאָט: ׳זיך צו פרייען און ווינטשן חתן־כלה אַלדאָס גוטס׳. און דער וועג צו דער קירכע איז געשפּרייט געוואָרן מיט טייערע פּערסישע טעפּיכער. און ליכטיק איז די נאַכט געווען! די קריסטלעכע יוגנט האָט מיט ברענענדיקע שטורקאַצן יעדן ווינקל פון שטאָט באַלויכטן. מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט און מענטשן האָבן פון גרויס שמחה אין די גאַסן געטאַנצט.

„אין דער קירכע איז איצט האַלב־טונקל געווען. בלויז אויבנאָן האָבן אַ צאָל הויכע וואַקסענע ליכט געברענט. פאַר דעם אַלטאַר זיינען חתן־כלה, מיט פרומע צופרידענע פּנים׳ער, געשטאַנען און געוואַרט אויף דער גליקלעכער מינוט נאָך דער צערעמאָניע, ווען זיי וועלן שוין דערקלערט ווערן מאַן און ווייב. אַנטקעגן חתן־כלה האָט מיט אָפענע אָרעמס געוואַרט דער הויפּט־גייסטלעכער, צוזאַמען מיט דער כלה׳ס טויף־פאָטער, אַן עלטערער מענטש מיט אַ קיילעכדיק רויטן פּנים, וועלכער איז ספּעציעל אַהערגעקומען פון דעם מאָנאַסטיר, וואו מען האָט די כלה אויסבאַהאַלטן זינט דעם טאָג פון איר פאַרשווינדן.

„און ווען אַט־די אַלע זיינען גרייט געווען: די גלחים — אָנצוהויבן די צערעמאָניעס, חתן־כלה — זיך צו פאַרבינדן פאַר מאַן און ווייב, און די באַפעלקערונג, וואָס זיינען שטיל געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אויגן צום אויבנאָן, — האָט פּלוצים, ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן אויסגעלייטערטן הימל, זיך דערהערט איבער דער קירכע אַ געיאָמער, וואָס האָט דאָס האַרץ צעריסן מיט אַ פאַרצווייפלטן אויסברוך:

„— ראָ ־ כאַ ־ לע!... קינד מיינס — —

„די מאַמע חנה, וואָס האָט דערקענט איר קינד, איז נעבעך באַלד אַוועקגעפאַלן און איר נשמה אויסגעלאָזט ביי איר געטרייען זעלדע׳ן אויף די הענט. און דאָרט ביים אַלטער איז איר טאָכטער רחל, נאָך איר מאַמע׳ס געיאָמער, פּלוצים אַוועקגעפאַלן טויט פון האַרץ־שלאַג! איר חתן, דאָקטאָר אַנטעק, האָט אומזיסט געפּרואווט אָנצואווענדן זיינע אַלע דאָקטאָרשע מיטלען, זיין כלה צו ראַטעווען! אָבער דער וואָס לעבט אייביק, האָט רחל׳ען אָפּגעצאָלט פאַר טאַטע־מאַמע׳ס חרפּה און צער!...

„און אַט־דאָ טאַקע, וואו די קירכע איז דעמאָלט געשטאַנען, האָט

מען רחל׳ען — די הייליקע בתולה — באַגראָבן אין איר חופּה־קלייד אונטער דעם נאָמען ׳שווענטי ראָך׳...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי האָט אויפגעהערט דערציילן, טייבקע. דוד, אַ פּאַרטראַכטער, האָט געקוקט אויף דעם באַגראָזטן בערגל, וואו אין דער טונקלקייט האָבן איצט פון דאָסניי אויפגעלעבט פאַר אים די טראַגישע העלדן פון יענער צייט, וועגן וועלכע טייבקע האָט אַזוי מייסטערהאַפט איבערגעגעבן אין איר מאַמע׳ס לשון: די לעגענדע וועגן דער „שווענטי ראָך״. — יאָ, יענעם אָוונט האָט דוד לאַנג נישט פאַרגעסן.

6

דער ליבער פרייטיק־צו־נאַכט האָט זיך געלאָזט פילן ביי דוד׳ס פעטער אין הויף. ריחות פון שבת׳דיקע מאכלים האָבן פאַרשמעקט און זיך געצויגן דורך צעעפנטע פענצטער. די ערשט־אָנגעצונדענע בענטש־ליכט האָבן געפלעמלט אינעם שבת׳דיקן בין־השמשות. די מאַנצבילן — מערסטע פון זיי שווערע אַרבעטער, האָבן אויסגעטאָן זייערע וואָכנדיקע אַרבעט־קליידער צוזאַמען מיט זייער זאָרג, און זיך איבערגעטאָן שבת׳דיק. דערנאָך, זיך אָוועקגעלאָזט מיט רחבות — ווער אויף אַ שפּאַציר, און ווער אינעם נאָענטן בית־מדרש מקבל שבת זיין. זייערע ווייבער מיט זייערע קינדער — אַרומגעוואַשן, פאַרקאַמט, אָנגעטאָן אין ליכטיקע זומער־קליידער, זיינען פאַר זייערע אָפענע שטיבער געשטאַנען, גע־שמוסט צווישן זיך. זייערע קינדער, גרופּירט לויטן עלטער, האָבן שפּילעוודיק געטומלט, אַז זייערע מאַמעס האָבן אַ וואָרט נישט געקאָנט דערהערן. דער פיר־יאָריקער מאַשקעלע, יואל דעם טרעגער׳ס זונעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רונד פּנים׳ל מיט געדיכטע ברוינע קרייזעלעך, האָט ווי תמיד, דער מאַמען אויף להכעיס, זיך געשפּילט דווקא מיטן אַלטן ברודנעם הויף־הונט ליסעק, געפּרוּווט רייטן אויף אים.

די מאַמע לאה, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיק ווייבל, האָט קוקנדיק ווי איר זינדל טאַרעט זיך אויף דעם ברודנעם הונט, גע׳טענה׳ט:

— קוקט זיך איין, מענטשן! אָט נאָר וואָס, די מינוט, אים אָנגעטאָן אַ ווייסינקן אָנצוגל — איר זעט...

דער פעטער יוסף דוואָרקין איז פון שול געקומען און אָנגעהויבן זיין „שלום עליכם״ זאָגן, שפּרייזנדיק הין און קריק איבער דעם דיל פונעם עס־צימער. די מומע שרה מיט איר קלוגן מוטערלעכן שמייכל

אויף איר דיקלעכן פּנים, איז געזעסן אַ שטילע, מיט דרך־ארץ, און זיך צוגעהערט צו איר מאַנ׳ס קידוש זאָגן. קעגנאיבער דער מומע שרה איז ביים טיש געזעסן זייער זינדל אָסיפּ, אָנגעקליידט אין אַ גייעם גרינלעכן גאַרניטור, צו דעם — אַ ממזר׳יש־געפּאַסט היטעלע, אַ גע־געקעסטלטס אַזאַ, וואָס ער האָט געטראָגן פאַררוקט צום רעכטן אויער... בלויז דאָס פּנים ביי אים האָט, ווי שטענדיק ביים טאַטנ׳ס טיש, אויס־געזען ערנסט, לייטיש, מיט דרך־ארץ.

דוד איז געזעסן לעבן זיין קאַזין, אַ מידער, אַ ניט־דערשלאָפענער פון אַ שווערער וואָך אָנגעשטרענגטער אַרבעט... דער פּולמעס מיט געפילטע פיש, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט גערייצט זיין אַפּעטיט; ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען דער פעטער וועט פאַרענדיקן דאָס „זאָגעניש״... ענדלעך האָט דער פעטער צעשניטן די חלה אויף פּענעצן און צוגעטראָגן איינס צו אים. די מומע פון איר זייט — אַ פיינעם חלק פיש מיט מערעלעך. איין גלעזעלע בראַנפן האָט דער פעטער דערלאַנגט, און נאָך אַ גלעזעלע האָט אָסיפּ אונטערגערוקט, איז דער הונגער אַוועק, אָבער די מידע אויגן זיינען נאָך מער פאַר־שלעפערט געוואָרן, אַזוי אַז נאָך די הייסע יויך מיט לאָקשן מיט אַ פערטל עוף נאָכדעם, האָט ער שוין צום פעטער׳ס זמירות זינגען — איינגעדרעמלט; ווי דורכן חלום האָט ער געהערט די נגינה׳דיקע זמירות, ווי אין חלום געזען דעם גאַראַדאָוואָי סטעפּאַן — דעם הויכן בלאָנדן פּאָליציסט — ביי זיין פעטער און מומע׳ס טיש...

: : :

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינעם פרימאָרגן אַן אויסגערוטער אין זיין בעט אויפן אויבערשטיבל.

די זון איז שוין געשטאַנען אינגמיטן הימל. אונטן אין הויף זיינען מענטשן שוין נאָך זייערע מיטאָגס אויף די בענק געזעסן און געשמועסט. און ווען ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, ווי אַזוי ער קומט אַהער איצט אין בעט, און צוביסלעך זיך דערמאָנט די אַלע פּאַסירונגען פונעם נעכטיקן אָוונט ביים פעטער׳ס טיש, איז בלויז טייבקע געשטאַנען פאַר אים אַ פאַרבענקטע, אַ געקריוודעטע, מיט טענות: פאַרוואָס זי האָט אים שוין מער פון אַ וואָך נישט געזען...

ער האָט זיך אָנגעטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט אינעם קליינעם רעס־טאָראַן, מיטן אַבזיכט צו טרעפן דאָרט טייבקע׳ן. טייבקע איז דאָרט נישט געווען. איז ער אַ פאַרבענקטער געזעסן און געטראַכט פון איר... אָה, ווי ער האָט איצט געגאַרט זי צו זען, הערן איר ליב קול!... די גוטע פרוי פייגע האָט דאָס עסן צוגעבראַכט און אַליין זיך צוגעזעצט קעגנאיבער

אים, כּלומר׳שט זיך אויסצורײדן איר ביטער האַרץ װעגן איר שװערער פּרנסה, װאָס זי, אַן אלמנה, מוז אײנע אַלײן טראָגן אויף זיך דעם גאַנצן שװערן יאָך. װײל איר צירעלע, נישט זי קאָן און נישט זי װיל דער מאַמע׳ן מיט עפּעס צוהעלפן. באמת אָבער, האָט די מאַמע פּײגע אין קורצע באַמערקונגען זיך באַקלאָגט אויף צירעלע׳ס חתן — זײן קאַזין אָסיפּ: װי איר, דער מאַמע׳ן, טוט װײ דאָס האַרץ צו הערן פון אים — פון איר צוקונפטיקן אײדעם, װי ער באַרימט זיך נאָך פאַר אַלעמען מיט זײנע מיאוס׳ע ליבעס... דוד האָט זיך צוגעהערט אַ שװײגנדיקער און מיט אַ ביטער געפיל פאַרלאָזט דעם פּלאַץ.

זײנע פיס האָבן אים דערנאָך אַװעקגעפירט צו טײבקע׳ס הײם... פאַר דער שטוב האָט ער געטראָפן איר מאַמע. זי האָט זיך דערפרײט מיט אים און אים געבעטן:

— קומט אַרײן אין שטוב, דוד. איר זענט בײ אונדז גאָר אַ טײערער גאַסט. אַװאַדע װילט איר דאָך זיך באַקענען מיט מײן מאַן, װאָס זאָגט איר?

— זיכער, זיכער, — האָט ער רויט־װערנדיק צוגעגעבן.

דער טאַטע, אַ מענטש אין די אָנהויב פערציקער, מיט אַ רונד, שװאַרץ בערדל אויף אַ מאָגער־טונקעלן פּנים, איז געזעסן בײם טיש, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, איבער אַ ספר. דער טאַטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַגריסט פרײנטלעך דוד׳ן און אים פאַרבעטן צום טיש. נאָכ־דעם איז שטיל געװאָרן, װי יעדער פון זײ װאָלט איצט געקלערט װי אָנצוהויבן רײדן פון דאָס, װאָס מ׳איז אַזױ גערן צו רײדן... דוד האָט דערװײל באַטראַכט די שבת׳דיקע שטוב, װאָס אין זײנע אויגן האָט זי איצט אויסגעזען אַנדערש: ער האָט באַטראַכט יעדעס שטיקל אָרעם מעבל, יעדע הויז־כּלי װי עס בלאַנקט מיט זויבערקײט לכבוד שבת, װאָס גע־דאַכט האָט זיך אים, אַז אין מיטן דער װאָך, װיפיל מאָל ער האָט דאָרטן די הויז באַזוכט, האָט ער אַזױנס נישט געזען. בײ דער װאַנט פון קעגנ־איבער האָט ער באַמערקט אַ פּאָליצע מיט ספרים, װאָס אויף זײערע רוקנס אינעם גאָלדענעם שריפט איז אָנגעמערקט געװען די גאַנצע ש״ס בבלי. פאַר נײגעריקײט, האָבן זײנע אויגן כּסדר אַהין געקוקט. דער טאַטע האָט זיך אָנגערופן:

— באמת, אַ חשוב׳ער גאַסט! איך פרעג טאַקע, װי לאַנג איז דער שיעור צו זײן אַ גאַסט?...

דוד האָט אים מיט די אויגן באַדאַנקט פאַר די קלוגע װערטער, און געענטפערט:

— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. איך אַרבעט אַ גאַנצע װאָך.

די מאַמע האָט זיך אַרײנגעמישט:

— מיר האָבן שוין וויפיל מאָל געבעטן טייבקע׳ן לאָדן דיך פאַר אַ פרייטיק־צו־נאַכט. ביסט אַפּנים אַ שעמעוודיקער.

דוד האָט געשקאָלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און באַשיידן דערקלערט:

— פרייטיק־צו־נאַכט בין איך שטענדיק געלאַדן ביים פעטער און מומע. זיי וואָלטן זיך געפילט באַליידיקט, ווען איך זאָג זיי אָפּ. איר פאַרשטייט מיך...

טאַטע־מאַמע האָבן אים מער גאָרנישט געפרעגט, איז ער געזעסן אַן אומגעדולדיקער און געוואַרט אויף טייבקע׳ן, זי זאָל וואָס גיכער אין שטוב אַריינקומען. און דערווייל ווידער אַנגעשפּיצט זיינע אויגן אויף דער פּאָליצע, וואו ס׳זיינען געשטאַנען די גמרא׳ס מיט דעם גאָלדענעם שריפט אויף די רוקנס... טייבקע׳ס פאָטער האָט דאָס מסתמא באַמערקט.

— האָסט עפּעס אַ ידיעה אין אַ ספר? — האָט ער געפרעגט. — האָסט אפשר געלערנט גמרא?

— יאָ, געלערנט.

— אַזוי? — האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט. — וואו האָסטו דאָס געלערנט, אין חדר? אין אַ ישיבה?

— יאָ, אין דער לאָמזער ישיבה געלערנט.

ער האָט מיט נייגיר אים באַטראַכט, דער טאַטע, און געגלעט ס׳בערדל פאַר נחת. ער האָט אָבער, אַפּנים, געוואָלט זיין זיכער:

— אפשר געדענקסטו, דוד, דעם נאָמען פון דיין רבי׳ן דאָרט?

— ביי דריי פון זיי האָב איך געלערנט. דער לעצטער — ר׳ טעוועלע — —

פון גרויס התפעלות האָט ער אים ניט געלאָזט דעררעדן, דער טאַטע:

— ביי ר׳ טעוועלע האָב איך אויך געלערנט, — האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען, — ווען ער, ר׳ טעוועלע, נאָך אַ יונגערמאַן, איז אָקאָרשט דאָרטן נאָר־וואָס אויפגענומען געוואָרן צו „זאָגן אַ שיעור". געדענקסט אפשר דאָרט אין בבא בתרא — די „חזקה־שיטה" מיט דעם רשב״ם? איי, וואָס פאַר אַ גאונות, וואָס פאַר אַ חריפות אָט דער ר׳ טעוועלע האָט דאָרטן פאַר אונדז — — וואַרט! שוין גיי איך ברענגען די גמרא!...

ער האָט האַסטיק זיך אַ הויב געטאָן, דער טאַטע, און גענומען לויפן צו דער פּאָליצע, וואו די גמרא׳ס זיינען געשטאַנען... דוד איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן, אַזש ביים האַרצן האָט אים פאַרקלעמט. די מאַמע האָט דערזען וואָס עס טוט זיך, האָט זי זיך צעשריען:

— וואוהין לויפסטו, שלמה זלמן? דוד איז אַהער געקומען, אַז דו

זאָלסט אים פאַרהערן אין גמרא? ער איז געקומען זען טייבקע׳ן! אָט שטייט אַ טעלער מיט עפּל, פאַרזוך, דוד.

דוד האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אַ באַרואיקטער, האָט ער איצט געפרעגט:

— איך וואָלט טאַקע גערן געוואָלט וויסן וואו טייבקע איז, אפשר ווייסט איר, ליבע פרוי?

— דאָס וואָלט איך אויך געוואָלט וויסן, דוד. אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס מיידל מיט קיין אויג ניט צוגעטאָן — צוליב דיר, דוד! זאָג מיר, פאַרוואָס ביסטו טאַקע נעכטן אָונט ניט אַהערגעקומען זי זען?

טרערן זיינען געשטאַנען אין אירע אויגן. דוד האָט זיך געפילט שולדיק און זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב ניט געקענט קומען, טייערע פרוי. איך בין אַזוי מיד געווען, אַז אינמיטן דעם עסן בין איך איינגעשלאָפן. גלויבט מיר! — האָט ער זיך געכאַפּט ביים האַרצן.

— איך גלויב דיר, איך גלויב דיר, — האָט זי צוויי מאָל איבער־גע׳חזר׳ט, — איך וועל דאָס דערציילן טייבקע׳ן; באַלד, די מינוט ווען זי וועט נאָר אין שטוב אַריינקומען, וועל איך דאָס איר דערציילן... אַזאַ נאַריש מיידל, אַ גאַנצע נאַכט — —

ווען ער האָט זיך געזעגנט און דאָס הויז פאַרלאָזט, האָט אין גאַס געפּרעגלט אַ גליענדיקע זון. האָט דוד, אַ פאַרטראַכטער, ווי אָן אַ ציל געוואַנדערט איבער די אָנגעברענטע גאַסן מיט אַ געבראָכענעם געמיט, און אַ נאָגעניש נאָך דאָס ליבסטע האָט אים געדריקט אָן אויפהער. אַזוי, פאַרטראַכטערהייט, האָבן זיינע פיס אים אויף צוריק דערפירט צו זיין פעטער׳ס הויף, און דאָרטן אויף דער שאָטנדיקער זייט האָט ער זיך געזעצט אויף דער באַנק, וואו פון אַנטקעגן האָט אַרויסגעקוקט דאָס באַגראָזטע בערגל מיט דער סטאַטוע פון דער „שווענטי ראָך‟, וועגן וועלכער טייבקע, ווען זי איז דאָרט געזעסן מיט אים, האָט דעמאָלט פאַר אים איבערדערציילט די לעגענדע, וואָס זי האָט געהערט פון איר מאַמע.

אַצינד איז דוד געזעסן איינער אַליין — אינעם אומעט, וואָס האָט אים איינגעהילט. ער האָט געזען ווי מאַסן מענטשן גייען פאַרביי אים, נאָר אַלע מיט פרעמדע פּנים׳ער; און מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערפילט אָן עלנטער אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט! און אַ בענקעניש נאָך זיין געבורט־שטעטל מיט אירע אַלע מענטשן, וואָס קענען אים און ער — זיי, האָט אים אַרומגעכאַפּט. דערמאָנט האָט ער זיך פלוצים אין זיין טאַטע־מאַמע... דער טאַטע שלאָפט איצט אַוודאי נאָכן שבת׳דיקן

עסן. און די מאַמע זיצט ביים קב הישר, זי לייענט מיט אַ וויינענדיקן קול וואָס דער בחיי שרייבט, און בענקט נאָך איר פאַרטריבענעם זון... וועלכער האָט, אַ חוץ אַ גרוס וואָס ער נעמט צייטנווייז אָפּ פון שטעטלשן באַלעגאָלע, קיין איינציק בריוול ניט געשריבן...

אַ פאַרבייגייער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט: „ווי שפּעט איז דער זייגער?" האָט ער זיך געכאַפּט צו זיין קעשענע־זייגערל, וואָס האָט געצייגט פּונקט פינף. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אפשר קען ער איצט טרעפן טייבקע'ן אינעם קליינעם רעסטאָראַן?

מיט פּאַמעלעכע, געציילטע טריט איז דוד מיושב'דיק געגאַנגען און געטראַכט: וואָס, אַ שטייגער, וועט ער דערקלערן פאַר טייבקע'ן אַלס די סיבה פון זיין ניט קומען זי זען אַזוי לאַנג... די זאָרג איז אָבער געווען איבעריק. טייבקע האָט אים וועגן דעם ענין גאָרנישט ניט געפרעגט און אפילו ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע נייגיר, אָדער וועלכע ס'איז אַנצוהערעניש וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצן...

און דאָס האַרץ ביי איר איז דווקא פול געווען מיט שרעק און מיט פּרעטענזיעס צו אים פון זינט נעכטן ביינאַכט, ווען זי האָט פון ערגערניש, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען צו איר שוין איבער אַ וואָך צייט, אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעטאָן און געטראַכט: וואוהין פאַרשווינדט ער, דוד, אַזוי אָפט? און ענדלעך זיך דערטראַכט, אַז וועדליק ער רעדט אָפט פון זיך פאַראייניקן קעגן אונטערדריקער, און זוכט אָפט צו פאַרשפּיצן דעם שמועס צו די רעוואָלוציאָנערע העלדן, וועלכע זיינען מקריב זייער פרייהייט מיט זייערע לעבנס פאַר דער רעוואָלוציע, איז מעגלעך, אַז ער איז פאַרבונדן און איז איינער פון זיי...

טייבקע, וואָס אָט־דער גאַנצער ענין איז פאַר איר פרעמד געווען, האָט איצט אויפגעציטערט בלויז פון דעם געדאַנק... איר צעשרויפטער מוח האָט זיך מאָמענטאַל צעשפּילט און געוויזן איר שוידערלעכע בילדער... נאָר וואָס מער זי האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט זי אַ באַרואיקטע גענומען צווייפלען אין איר פאַרדאַכט.

ער האָט זי באַגעגנט אין גאָס פאַר דעם קליינעם רעסטאָראַן אַ בליענדיקע, אויסגעפּוצט אין אַ מאָדערנע נייע קלייד, וואַרטנדיק אויף אים. מיט איר קלוגן דינעם שמייכל, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון אַרום מויל איבערן פּנים, און מיט פאַרשנדיקע אויגן, וואָס האָבן רואיק געקוקט אויף אים, האָט זי שטיפעריש געפרעגט:

— נו, אינגל, ווי געפעלט דיר מיין טאַטע מיט דער גמרא?

איר שטיפעריש וואָרעם קול האָט פאַרטריבן זיין געבראָכנקייט און נאָך דערמוטיקט אים צו האָבן טענות:

— אַזוי, טייבקע? דערפאַר האָסטו זיך היינט אויסבאַהאַלטן, מיך אַרויפצולייגן אויפן בענקל פאַר דיין טאַטן מיט זיין גמרא?

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קינדעריש געלעכטער, ווי ווען עס געלינגט אימעצן אָפּצוטאָן אַ שפיצל. זי האָט אים באַלד אונטער דעם אָרעם גענומען, און זאַלבענאַנד אַנגעהויבן זייער שפּאַציר אויף דער ברייטער שיינער נאָוועליפּע.

די זון איז שוין געשטאַנען אויף מערב־זייט פון הימל. די ברייטע שיינע גאַס איז פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן געשפּאַצירט און אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט צו באַוואונדערן די דאָרטיקע אויסגעפּוצטע שויפענצטער מיט טייערסטע אַרטיקלען.

דוד איז געגאַנגען נאָענט צו איר — אַ האָפענונגספולער, דורכגענומען מיט אינערלעכער פרייד וואָס האָט איצט געזונגען אין אים. געדאַכט האָט זיך אים, אַז זינט פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר, האָט טייבקע זיך צעבליט און איז פיל שענער און רייפער געוואָרן, און ער האָט זיך געפרייט, וואָס נאָך זיינע אַלע אינערלעכע ראַנגלענישן ביים אָנהויב פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט איר, האָט דער אמת געזיגט! און איצט שפּאַצירט ער מיט אַ מיידל, מיט זיין מיידל, וואָס ער האָט אויפריכטיק ליב.

אַ פריידיקער האָט ער זי אָנגעקוקט און געזאָגט:

— מיר'ן אַזוי אַוועקשפּאַצירן אין וואַלד, טייבקע. היינט אָוונט שפּילט אין טעאַטער דאָרט „זשידאָווקאַ", וועלן מיר צוזאַמען גוט פאַרברענגען אַן אָוונט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין פאַרנומען און קאָן צו דיר נישט קומען! גייען מיר, טייערע?

זי האָט געשוויגן מיט אַ פּנים, וואָס האָט זיך פּלוצים אינגאַנצן געענדערט. זי איז מיטגעגאַנגען אַ שטילע, אַ פרעמדע, ווי זי וואָלט פריער פון אַלץ געזוכט זיך צו באַפרייען פונעם פאַרדאַכט וועגן זיין געהיימער „פאַרנומענקייט", וואָס ער האַלט פון איר בסוד פון זינט זייער ערשטער באַגעגעניש, ביז דעם נעכטן ביינאַכט, ווען אַ שרעק האָט איר אַרומגעכאַפּט... און איצט, ווען ער האָט וועגן דעם דערמאָנט, האָט דער פאַרדאַכט, פון וועלכן זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט, ווידער געעקבערט ווי אַ וואָרעם אין איר מוח, און האָט צעשטערט די דערוואַרטעטע פרייד פון זייער באַגעגענען זיך.

זי האָט פּלוצים געפרעגט:

— איך וויל וויסן, דוד, — האָט זי מיט אַן ערנסט קול אָנגעהויבן,

— וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט טוסטו אין דיין פרייער צייט? און וואוהין פאַרשווינדסטו גאַנץ אָפט? מעג איך דאָס פרעגן?

זי האָט לייכטער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע משא, וואָס האָט איר געדריקט. איז זי געגאַנגען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיך צוגעטוליעט נעענטער צו אים, ווי זי וואָלט אים ווען אויפמונטערן, אַרויסצייגן אים איר טיפן אינטערעס, איר גרויסן נייגיר זיך צו באַקענען מיט אַלע זיינע סודות, וואָס ער האָט געפּרואווט דורך דער גאַנצער צייט פון זייער באַקאַנט־שאַפט אויסצובאַהאַלטן פון איר.

דוד האָט געזאָגט:

— וואָלט ניט בעסער געווען, זיצן ביי אַ טישל אין אַ קאַפע־הויז און ריידן וועגן דעם?...

אַ דערפרייטע האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי האָבן אינעם געגנט אָנגעטראָפן אַ קאַפע־הויז. דוד האָט באַ־שטעלט עסן. נאָר ווען דאָס עסן איז געבראַכט געוואָרן, האָט טייבקע זיך צו דעם נישט צוגערירט, ווי זי וואָלט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז פריער פון אַלץ דערוואַרט זי אַ קלאָרן ענטפער. ער האָט באַטראַכט איר ערנסט פּנים און מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— דו טראַכסט אַוואַדע, אַז איך האָב ערגעץ אַ געליבטע אָדער גאָר אַ ווייב, וואו איך בין אָפט פאַרנומען! נישט אַזוי, טייבקע?

ער האָט געפּרואווט אָנצוהאַלטן דעם שמייכל, כדי צו פאַרטרייבן פון איר וועלכן עס איז פאַרדאַכט. האָט ער אירע הענט אין זיינע גע־נומען און געקוקט אויף איר מיט אויגן, וואָס האָבן ווי זיך געבעטן צוטרוי צו אים. אָבער אַנשטאָט צוטרוי איז זי געזעסן ווי אַ פרעמדע, מיט פאַרטייעטע טרערן, וואָס זיינען יעדע רגע גרייט געווען צו באַוויינען זייער באַקאַנטשאַפט צוזאַמען מיט דעם צוטרוי וואָס זי האָט געהאַט צו אים. זי האָט לאַנגזאַם באַפרייטע אירע הענט פון זיינע און געזאָגט:

— ניין, דוד, איך טראַכט נישט פון דיר אַזוי; איך טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש: דו האָסט מיך ליב, זאָגסטו! און דו פאַרבאַהאַלטסט פון מיר. איז אַזוי רעכט? דאַרף אַזוי זיין, דוד?

זי האָט פאַרשטעלט איר פּנים מיט ביידע הענט, איינצוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון אירע אויגן; זי האָט געטראַכט: איצט, ווען זי פילט, אַז איר פאַרדאַכט וואוהין ער פאַרשווינדט אַזוי אָפט גיט אַ גרונט צו גלויבן, אַז זי האָט זיך נישט גענאַרט, וואָלט געווען דער איינציקער וועג זיך אויפצוהויבן און אים איבערלאָזן! זי

האָט אַזוי נישט געטאָן, ווי עפּעס וואָלט איר אָפּגעהאַלטן פון דעם סוף. זי האָט געזאָגט געבראָכן:

— איך בין געווען געגאַרט אין דיר, דוד. אַלע מיינע סודות האָב איך פאַר דיר אויסדערציילט. אויף דיין פאַרלאַנג בין איך גרייט געווען ווערן דיין ווייב... מיין לעבן וואָלט איך פאַר דיר אָפּגעגעבן! און דו...

זי האָט מער נישט געקענט ריידן. און ער, אַ צעערגערטער, אַ שווייגנדיקער, האָט געטראַכט, אַז איר יעדער וואָרט איז אמת... זי איז אַן ערלעכע, אַן אויפריכטיקע, צו ווען מ'מעג האָבן דעם פולסטן צוטרוי, און מ'מעג איר אַפילו אָנפאַרטרויען דורכצופירן אַ מיסיע... און תיכף אַ טראַכט געטאָן: וואָס און ווי וועט זי, טייבקע, האַנדלען דערנאָך, ווען זי וועט זיך דערקונדיקן פון זיין געהיימער אַרבעט?... און דערפאַר, זאָל ער אפשר פריער זיך דורכריידן מיט וועמען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט וועגן דעם פאַרפלאָנטערטן ענין?! איז ער געזעסן מיט אַ פינצטערן פנים, וואָס האָט פון ספיקות זיך געקאָרבט; זיין טונקעלע טשופּרינע איז זיך איצט צעפאַלן איבערן שטערן און איבער די אויגן. ער האָט ענדלעך געזאָגט אַנטשלאָסן:

— מוזט האָבן געדולד, טייבקע. אין גאָר נאָענטע טעג וועסטו אַלץ וויסן וועגן מיר. גלויבסטו מיר, טייערע? גלויבסטו מיר, אין מיין אויפריכטיקייט?

אַ שווייגנדיקע האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

אויף צוריקוועגס, האָט דוד געפּרוּווט פאַרציען אַ געשפּרעך וועגן פאַרשיידענע ענינים. אָבער מער ווי אַ שאָקל מיטן קאָפּ האָט זי אין געשפּרעך נישט צוגעגעבן.

7

אויף מאָרגן נאָך דער אַרבעט, ווען דוד איז אַוועק מיט אַ פּעקל ליטעראַטור דאָס אָפּצושיקן צו די חברים אַרבעטער פון זיין שטעטל, האָט דער באַקאַנטער יאַט יאָסי, איסראַלקע דעם באַלעגאָלע'ס זון, דוד'ן איבערגעגעבן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אַ בריוו. שפּעטער, ווען דוד איז געקומען זען דעם חבר אַבראַמ'ען אויף זיין קוואַרטיר, האָט ער דאָרט געטראָפן נאָך אַ טוער פונעם „בונד", דעם גוט־באַקאַנטן „חיים דער אָראַטאָר". דוד האָט געלייענט פאַר זיי דעם בריוו:

„טייערער דוד:

„מיר נויטיקן זיך אין מער ליטעראַטור. צו אונדזער קרוזשאָק

האָבן מיר צוגעקראָגן נאָך זעקס אַרבעטער פון פאַבריק. ווי מיר האָבן דיר פריער געלאָזט וויסן, טרעפן מיר זיך נאָך דער אַרבעט אויפן שאָסעי ביי די ׳גריבער׳ און מיר לייענען די ליטעראַטור, וואָס דו שיקסט אונדז צו. פרייטיק־צו־נאַכט טרעפן מיר זיך אַמאָל ביי יודל מלכה׳ס דעם ׳ציוניסט׳. ער גיט אונדז כלומרשט אין די הענט ציוניסטישע בראָשורן, און ער אַליין לייענט פאַר אונדז די ׳אַרבעטער שטימע׳. דאָס לעצטע מאָל האָט ער געלייענט פאַר אונדז די ׳מעשה פון פיר ברידער׳, וואָס דער ׳בונד׳ האָט אַרויסגעגעבן. מיר האָבן פון דעם פיל געלערנט און עס איז געווען גאָר אינטערעסאַנט.

„מיר וואָלטן גערן געוואָלט האָבן מער פון אַזעלכע מעשה־ביכלעך. און כל־זמן עס איז זומער, וואָלטן מיר געוואָלט רופן אַ גרויסע פאַר־זאַמלונג אין וואַלד פון שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס, און אויך קריגן די אַרבעטער פון ברוכ׳ס גאַרבעריי, וואָס ליידן גלייך מיט אונדז. דאַרפן מיר צו דער פאַרזאַמלונג האָבן אַן אָראַטאָר, וואָס זאָל אויפקלערן. ווי אַזוי מיר קענען דערגרייכן, אויספירן צו אַרבעטן נישט מער פון אַכט שעה אַ טאָג אין אונדזער שטעטל ט. זע, דוד, רעד דאָס איבער אין קאָמיטעט. — פּ. ד.״

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט ביי דער אַרבעט חבר אַבראַם געלאָזט וויסן דוד׳ן דעם באַשלוס פון קאָמיטעט, אַז צוערשט איז נויטיק צו דערפילן דעם וואונטש פון די חברים אין טרעסטינע — אַ שטעטל מיט פיל אייגענע און פרעמדע בערשטער־אַרבעטער, וואָס — אגב — באַ־זאָרגט דאָס שטעטל מיט ליטעראַטור די אַלע פאַבריק־שטעטלעך פון אַרומיקן געגנט.

אַרום עלף ביינאַכט, ווען די באַן האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, האָט דוד—מיט זיין טשעמאָדאַנטשיק אין איין האַנט און מיט אַ פּעקל ליטעראַטור אין דער צווייטער האַנט — אַריינגעשטיגן אין וואַגאָן און דאָס געלייגט אונטער דער באַנק, וואו אַ פּאָרל איז געזעסן — און זיך גענומען צום האַנדל.

דורך די עטלעכע חדשים, פון זינט דוד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הענדלער, האָט ער ווי אַ געניטער סוחר דערלערנט, נישט בלויז וואָס פאַר אַרטיקלען איינצוהאַנדלען פאַר זיין געשעפט, נאָר אויך די קונסט פון דער געשעפט־שפּראַך, וואָס דאַרף אַרויסרופן נייגיר ביים קונה אַזוי, אַז ס׳זאָל אים אַ רייץ טאָן עפּעס צו קויפן, כאָטש יענער קאָן זיך באַגיין אָן דעם. און איצט, ווען ער האָט באַטראַכט די קונדן — די פּאַסאַזשירן, האָט ער אייפערדיק געעפנט דעם טשעמאָדאַנטשיק און מיט דעם רימען

איבערן נאַקן גענומען וואַנדערן מיט שטילע רואיקע טריט פון פּאַסאַזשיר צו פּאַסאַזשיר און יעדן אָנגעבאָטן זיין סחורה.

וואַנדערנדיק אַזוי איין מאָל און נאָך אַ מאָל אַרום די פּאַסאַזשירן, האָט ער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איינער פון זיי, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש מיט בלאָנדע וואָנצעלעך, לייענט כלומרשט אַ צייטונג און אייג־צייטיק וואַרפט ער מיט גנבה׳שע אויגן צו אָפּט אויף זיין זייט, וואו ער גיט זיך גאָר אַ קער, און היט אים... דער מוח ביי דוד׳ן האָט שוין גענומען אַרבעטן ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס פּעקל ליטעראַטור, אין וועלכן די דאָרטיקע אַרבעטער פונעם שטעטל נויטיקן זיך איצט. האָט ער יענעם געפּרואווט איגנאָרירן, ווי נישט אים מיינט ער דאָס... און פאַרגעזעצט זיין האַנדל מיט מער פרישקייט. און זיך טאַקע דער־פרייט, ווען ביי דער ערשטער סטאַנציע, ווען די באַן האָט זיך אָפּ־געשטעלט, איז דער יונגערמאַן פאַרשוואונדן. אָבער ביי דער צווייטער סטאַנציע, וואו דוד האָט דאָס פּעקל ליטעראַטור באַדאַרפט איבערגעבן צו דעם באַטרעפנדיקן חבר וואָס איז ספּעציעל געקומען פאַר דעם, האָט ער יענעם חברה־מאַן מיט די בלאָנדע וואָנצעלעך ווידער דערזען שוין אויף דער סטאַנציע און ווי ער לאָזט זיך גלייך צו אים... צום גליק איז אָנגעקומען דער רויטער פּסח מיט זיין פערד־און־וואָגן, און מיט איין מינוט שפּעטער האָט דער פערד מיט זיינע פּאַסאַזשירן זיך צעיאָגט און פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער נאַכט.

ווען זיי זיינען שוין געהאַט אָפּגעפאָרן האַלב וועג צו דער שטעטל טרעסטינע, האָט דער רויטער פּסח אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און געפרעגט דוד׳ן:

— דער שפּיאָן, וואָס האָט אונדז געוואָלט פּאַקן מיט די סחורה, איז שוין דאָרט איצט זיכער ניטאָ. וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אויס־צוקערעווען דעם וואָגן און דיך ברענגען אַהין — צו דער באַן, אַהיים צו פאָרן? וואָס זאָגסטו, דוד?

— ניין. איך טאָר אַהין היינט נישט פאָרן. איר דאַרפט בעסער קאָנען אָט די וועריטדיקע שפּיאָנען! איך וועל דאָרטן איצט טרעפן וואַרטן אויף מיר נישט בלויז אַ שפּיאָן, נאָר צו אים אויך אַ זשאַנדאַר... איך פאָר נעכטיקן ביי אייך, און אויף צו מאָרגנס וועט איר מיך נעמען אין מיין געבורט־שטעטל טעווין. וועט איר צייט האָבן מיך ברענגען אַהין מאָרגן?

דער רויטער פּסח האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געענטפערט:

— אויב ניט מאָרגן, איז אַ טאָג שפּעטער. זיי רואיק, דוד.

:: :: ::

עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, איז אין גאַס אַזוי שטיל געווען, אַז ער האָט זיך מער נישט געוואונדערט פאַר זיין אויפשטיין אַזוי שפּעט... פּסח׳ס פרוי, אַ קלוגע, אַ פאַרשטענדלעכע, האָט אים פאַרבעטן צום טיש, און ביים עסן דערציילט:

— אין פרימאָרגן איז דאָ געווען הערשל און אָפּגענומען דאָס פּעקל... איר זענט דאַן געשלאָפן געשמאַק און ער האָט נישט געוואָלט אייך אויפוועקן. ער וועט דאָ זיין היינט אָוונט.

דוד האָט איר באַדאַנקט פאַר דער אינפאָרמאַציע. דערביי געפרעגט:

— און וואו איז אייער פּסח? ער האָט אפשר אייך עפּעס איבערגעגעבן מיר צו זאָגן?

— יאָ, — האָט זי מיט אַ שמייכל זיך אַנטשולדיקט, — ער האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז היינט איז ער פאַרנומען. מאָרגן וועט ער זיכער האָבן צייט פאַר אייך.

דוד האָט דער קלוגער פרוי האַרציק באַדאַנקט און געמוזט צופרידן זיין צו פאָרן מאָרגן. כאָטש, באמת, האָט ער געוואָלט בעסער קומען אין זיין שטעטל היינט, ניט מאָרגן — ערב שבת... אָבער דער וועג צוריקצופאָרן דאָרטן קיין ביאַליסטאָק איז צוליב די שפּיאָנען שוין געווען ווי אָפּגעשניטן פאַר אים... איז ער געשטאַנען ביים פענצטער, באַטראַכט די שטילע גאַס פון דעם שטעטל טרעסטינע, וואו די זיידעס, טאַטעס, צוזאַמען מיט זייערע זין און אייניקלעך, געפינען זיך אַצינד אין די בערשטער־פאַבריקן, אין די לאַנגע זומער־טעג, פון אינדערפרי ביז פינצטער, אין שמוץ און אין שטויב, און פאַרדינען קוים אויף זייערע אָרעמע באַדערפענישן, אין דער צייט וואָס ס׳געפינען זיך דאָ אינעם זעלבן שטעטל בלויז אַ קליין הייפעלע חזיר־האָר־פאַבריקאַנטן, וואָס לעבן אין ווילטאָג...

אין גאַס האָט דוד דעם טאָג זיך ניט באַוויזן. ווייל ווי ווייניק מענטשן ס׳האָבן זיך דאָרט אָנגעזען, איז דער זיכערסטער פּלאַץ געווען פאַר אים אין שטוב. שפּעטער, ווען הערשל איז געקומען, איז שוין געווען גוט פינצטער. זיינען זיי בײדע אַוועק דורך געדרייטע געסלעך צום חבר שלמה, וועלכער האָט געאַרבעט אין פאַבריק און זיין שוועסטער קיילע, אַ פּולינקע, אַ חנ׳עוודיקע, האָט אין שטוב געאַרבעט עפּעס פאַר דער פאַבריק. און ווייל שוועסטער און ברודער האָבן זיך דאָרט גערעכנט פאַר באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, איז ביי זיי געווען דער זאַמל־פונקט, וואו ס׳פלעגן אין די פרייע אָוונטן זיך צונויפקלייבן די יוגנט —

בחורים און מיידלעך — לידער זינגען, אָדער פּאָר אַ טאַנץ. איצט זיינען זיי געזעסן זאַלבעפערט און פריי געשמועסט וועגן דער לאַגע אין די פאַבריקן...

הערשל האָט דערציילט, ווי אַזוי דורך פאַרשיידענע מאַכינאַציעס האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן קאָמיטעטן אין די צוויי גרעסטע פאַבריקן, וועלכע פירן דורך די פונקציע אויסצוטיילן אונדזער ליטעראַטור; און אין אַ סך פאַלן זיינען אָט־די קאָמיטעט־חברים אַליין די וואָס לייענען־פאַר פאַר אַנדערע אַרבעטער אַ מעשה'לע אָדער אַן אַרטיקל פון דער „אַרבעטער שטימע", און בכלל באַקענט עס זיי מיט די אַלע וויכטיקע פּאָליטישע נייעסן, וואָס מ'קאָן פון דעם עפּעס לערנען! אַזוי אַרום, איז באַשאַפן געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער טייל אַרבעטער, וועלכע האָבן ביז איצט נאָך נישט געהאַט דעם ווילן און די מעגלעכקייט צו לייענען אַ צייטונג, שוין נישט רעדנדיק פון אַ בוך.

שלמה האָט זיך אַריינגעמישט:

— דו רעדסט, הערשל, בלויז פון גאָר אַ קליינעם טייל אַרבעטער... צו וואָס זיך שעמען? צו וואָס פאַרבאַהאַלטן דעם אמת, אַז דעם גרעסטן טייל היגע אַרבעטער דערגרייכט נישט אונדזער וואָרט?! מעגלעך, אַז דאָס איז אונדזער שולד. ווייל פשוט, מיר אַליין מיט אונדזער אָרעמען וויסן זיינען נישט גענוג צו לערנען אַנדערע. מוזן מיר דערפאַר האָבן איינעם, וואָס ווייסט מער פון אונדז און פאַרשטייט בעסער ווי די אַרבעטער צו לערנען. איך ווילריידן קלאָר, צום פּונקט: מיר מוזן רופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און ברענגען אַהער אַן אַגיטאַטאָר, וואָס וועט אויפקלערן, געבן די אַרבעטער צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון צו זיין פאַראייניקט און אויסקעמפן צוזאַמען אַן אַכט־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג, ווי מיר האָבן געלייענט אין דער פּראָקלאַמאַציע, אָט וואָס מיר דאַרפן!

די אויגן פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך איצט געווענדט צו דוד'ן, וואָס איז אַ טוער פונעם „בונד" און ווייסט מער וועגן דעם ענין. ער האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיין מיינונג.

— איך האַלט, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן, — אַז צוערשט מוזן מיר צוגרייטן דאָ אין שטעטל אַ פּלאַץ פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל זיין מער אָדער ווייניקער זיכער פון שפּיאָנען און פון דעם באַלעבאָס' משרתים. און ווי איך קאָן אייער שטעטל, וועט דאָס ניט זיין קיין לייכטע אַרבעט... איז דערפאַר מיין מיינונג, עס זאָלן צוערשט זיך צונויפקלייבן די אַלע פאַבריק־קאָמיטעטן ערגעץ אין אַ זיכערער שטוב. און וועגן אַן אָראַטאָר — מעגט איר זיכער זיין, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין באַשטימט דעם מענטשן, וואָס וועט

אהערקומען אויף אייער רוף. און אפשר איז דאָ איצט ראַטזאַם שוין צו באַשטימען אַ זיכערע שטוב פאַר די פאַבריק־קאָמיטעטן?

— מיר האָבן אַ שטוב, און אַ גאַנץ זיכערע, — האָט די שוועסטער קיילע באַגייסטערט זיך אָנגעכאַפּט, — טאַקע ביי אונדז אין אָט־דער שטוב אין הויף, ביים טאַטן אין סטאָליאַרנע! אָט ווי מיר וועלן טאָן: אין אַ שבת־נאַכט, ווען דער טאַטע אַרבעט ניט און גייט צו יאַנקל טאָקער כאַפּן אַ שמועס, וועלן מיר פאַררופן אַהער, אָט־דאָ וואו מיר זיצן, אונדזערע מיידלעך און בחורים פאַר אַ טאַנץ... מיר וועלן ברענגען אַהער בערל קלעזמער מיט זיין קאַפּעליע. זיי וועלן שפּילן און מיר וועלן טאַנצן. און קיינעם פון גאַס וועט גאָר נישט איינפאַלן און נישט פאַרדעכטיקן, וואָס דאָרטן אין טאַטנ׳ס סטאָליאַרנע טוט זיך! — האָט קיילע אַ פריידיקע פאַרענדיקט.

— ביסט וואונדערלעך, קיילע! — האָט הערשל זי אַרומגעכאַפּט קושן. — געדענק אָבער, דעם ערשטן וואַלץ טאַנצן מיר ביידע...

מיט דעם באַגינען, האָט דער רויטער פּסח אויפגעוועקט דוד׳ן אין זיין בעסטן שלאָף, זיך אָנצוטאָן און שוין פאָרן אין זיין היים־שטאָט.

אין דרויסן איז שוין גוט ליכטיק געווען. הינטער דער שטאָט האָט אויפן האָריזאָנט זיך באַוויזן אַ פולע, רויטע מאָרגן־זון. ריחות פון פריש־געשניטענעם היי און פייגל־געזאַנג האָבן אָנגעפילט די לופט. דער רויטער פּסח, בטבע אַ שווייגנדיקער מענטש, האָט לויז־געמאַכט די לייצעס אין די הענט, ווי ער וואָלט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין געניט פערדל, וואָס האָט איצט פאַמעלעך קוים געטראָטן אויף דעם שווערן זאַמדיקן וועג, וואָס ציט זיך אַזוי עטלעכע ווי‍אָרסטן.

שפּעטער, ווען די אויגוסט־זון — אַ ברענענדיקע — איז אַרויס־געקומען, האָט דוד, וועלכער איז געזעסן אַ פאַר׳דרימיונ׳טער, פאַרזאָרגט פון דער נישט־געראָטענער מיסיע, פּלוצלונג אויפגעוואַכט, און מיט אַ פריידיק געמיט זיך צוגעהערט צום וואונדערלעכן געזאַנג פון פייגל, נאָך וועלכן ער האָט געבענקט זייענדיק אין דער גרויסער שטאָט. מיט צע־עפנטע אויגן האָט ער באַטראַכט דעם אַרום: ווי ווייט דאָס אויג דער־גרייכט, האָבן פון ביידע זייטן וועג זיך געשפּרייט תבואה־פעלדער, מיט הויכע, רייפע, שוין־געבויגענע זאַנגען, וואו ערטערווייז האָבן זיך געזען גרויסע בלויזן פונעם שניט, וואָס דער פּויער האָט שוין אַ טייל פונעם פעלד אָוועקגענומען אין שייער אַריין, און געטראַכט דערביי, אַז נאָך די שווערע איבערלעבענישן זיינע, איז די איצטיקע פרימאָרגנדיקע רייזע

די באַלוויונג. און באַלד־באַלד וועט ער אָנקומען אין זיין ליבער היים־שטאָט, זיך זען מיט טאַטע־מאַמע, שפּאַצירן מיט חברים שבת פאַרנאַכט אויפן שאָסעי...

נאָר וואָס נעענטער ער איז געקומען צו זיין היים־שטאָט, האָט די פרייד ביי אים צוביסלעך געמומען אויסוועפּן, און די פריערדיקע זאָרג האָט אויף דאָסניי געעקבערט זיין מוח צוליב זיין מיאוס׳ן דורכפאַל. פון אַלע פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך האָבן אין זיין מוח טענות צו אים זיך געצויגן: אמת, ער האָט פונעם זשאַנדאַר׳ס הענט געראַטעוועט דאָס פּעקל ליטעראַטור, אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט? ווייסט ער דען וואָס מיט אים איז געשען? און ווי פילט דער גוטער חבר אַבראַם, ווען ער, דוד, פעלט שוין עטלעכע טעג אין פאַבריק? און בכלל, פאַרוואָס האָט ער זיי פאַרשאַפט זאָרג אים אַרומצוזוכן?

און טייבקע?... וואָס וועט זי איצט טראַכטן פון אים? און מיט וואָס וועט ער זיך קענען פאַרענטפערן? אין געדאַנק איז אים איצט געקומען די סצענע פון זייער לעצטער באַגעגעניש: אירע טענות מיט איר טרערן... איצט, טראַכטנדיק וועגן דעם ענין, האָט ער געפילט, אַז אין איר יעדער וואָרט איז באַהאַלטן געווען אַ פאַרוואורף, אַ פראַ־טעסט: פאַרוואָס זיין באַגריף וועגן איר איז אַזוי נישטיק?... גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ טרוס, אַ שרעקעוודיק מיידל, וואָס ציטערט פאַר דער שיין, אָדער זי איז גאָר אומפּייאיק אַז ער זאָל איר פאַרטרויען זיינע געהייסע עסקים?! ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, ווי שטיל און טרויעריק טייבקע איז געווען, ווען ער האָט איר יענעם אָוונט אַהיים באַגלייט, וואָס דאָס איז אייגנטלעך זיכער געווען דער רעזולטאַט פון זיין פאַרשווייגן און פאַרבאַהאַלטן פון איר זיין געהיימע אַרבעט... און אין דער זעלבער צייט זיך געפרעגט: „צי האָט ער געקענט אַנדערש האַנדלען? קען ער דען פאַר איר שוין אַלץ דערציילן? ווען נאָך די אַלע ביכער וואָס זי לייענט, איז זי נאָך אַלץ נישט גרייט אים אויסצוהערן ווען ער שמועסט אַפילו אַבסטראַקט מיט איר וועגן דעם ענין?! און מיט וואָס איז ער אַזוי זיכער, אַז ווען זי דערקונדיקט זיך ווער איר געליבטער איז, וואָלט ער זי נישט אינגאַנצן פאַרלאָרן? און דער חבר אַבראַם? דער קאָמיטעט, וואָס האָבן אים און בלויז אים אָנפאַרטרויט אָט־די וויכטיקע געהיימע אַרבעט, און חלילה״ — —

ער האָט אַ ציטער געטאָן — ווען חלילה ס׳וואָלט דערנאָך עפּעס פּאַסירט... איז ער געזעסן אויפן וואָגן אַ פאַרטראַכטער און זיך געפילט שולדיק פאַר זיין נאַכלעסיקייט, פאַר נישט באַראַטן זיך ביז איצט מיט זיין בעסטן פריינט, חבר אַבראַם, פאַר וועמען ער מעג אַלץ פאַרטרויען.

און אַ בענקעניש נאָך דער פֿיל־געקריוודעטער טייבקע האָט אים גענאָגט און גענאָגט. און ער האָט געטראַכט פֿון איר דעם גאַנצן וועג...

:: :: ::

די מאַמע גישע איז אינעם פֿרייטיקדיקן פֿרימאָרגן אין מאַרק אַוועק איינצוקויפֿן אויף שבת. ווען דוד איז אין שטוב אַריינגעקומען, האָט דער טאַטע שמואל, אַ קורצער, אַ דאַרער, מיט אַ שוואַרץ באַזילבערטער באָרד אַרום אַן אויסגעבלייכט געל פּנים, מיט פֿרייד זיך אַ הויב געטאָן פֿון טיש, דערלאַנגט דעם זון אַ וואַרעמען שלום עליכם, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זיין שוועסטער שרה מיט איר משפּחה, און ער איז באַלד אַריבער דערציילן וועגן דער פֿאַבריק, וואָס ער הערט פֿון דאָרט נייעס אין בית־מדרש.

— דו ווייסט, דוד, — האָט ער געזאָגט צום זון, — גאָט באַצאָלט דיינע געוועזענע באַלעבאַטים דאָס וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט... אַפּנים, אַז זייער זוכעניש פּטור צו ווערן פֿון דיר איז נעבעך געווען אומזיסט...

ער האָט דערציילט, דער טאַטע, מיט אַ פֿולן מויל רויך, וואָס ער האָט געלאָזט פֿון זיין פּאַפּיראָס, אַז אַלטער דער געלער, וואָס אַרבעט דאָרט אין פֿאַבריק, האָט אים אַנומלטן דערציילט אין בית־מדרש נאָכן דאַוונען, ווי די „פֿאַראייניקטע ברידער און שוועסטער", ווי זיי רופֿן זיך איצט, פֿאַרמערן זיך פֿון וואָך צו וואָך להכעיס די באַלעבאַטים. און נישט בלויז אין דער בערשטער־פֿאַבריק, נאָר אויך ביי שניידער־געזעלן — ביי אברהמ'קען, די שניידער־געזעלן ביי גאַלאַמאַס'ן, און ביי גימפּל שניידער, וואו עס אַרבעטן פֿיל מיידלעך ביי דאַמסקע קליידער, און אַפֿילו אין דער גאַרבאַרניע ביי ברוך און הערשלען — אויך דאָרטן ווערן אויסגעטיילט זייערע צייטונגען און זייערע ביכלעך.

דוד האָט באַמערקט די פֿרייד אויפֿן טאַטנ'ס פּנים, ווי דער טאַטע קוועלט פֿון נחת. מיט שפּאַס האָט ער געפֿרעגט:

— ביסט שוין אפשר אויך פֿון די „פֿאַראייניקטע", טאַטע?

— הערסט אַ מעשה? — האָט דער טאַטע רויט־ווערנדיק געפּרואווט זיך צו פֿאַרענטפֿערן. — ווען דו זאָלסט זען דאָרט אין בית־מדרש, ווי אָפּט ער קלייבט צונויף וועמען ער קאָן נאָר קריגן, און הערן ווי אָט־דער עם־הארץ אייזיק יאָשע בער'ס צעבילט זיך פֿאַר זיי אויף דער העכסטער אָקטאַווע, רופֿנדיק דיך „טרייפֿענער בייז", נאָך מיט ווילסטע קללות דערצו, אַז איך זיצנדיק דאָרטן וויט ביי אַ גמרא זאָל דאָס דערהערן — —

די מאַמע איז פּלוצלונג אין שטוב אַריינגעקומען. זי האָט תּיכף אַ וואָרף געטאָן דעם פֿולן קאָשיק וואָס זי האָט פֿון מאַרק מיטגעבראַכט

און ציטערנדיק, אָן ווערטער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דוד׳ס האַלדז מיט קושן, זיך גוט אויסגעוויינט און געזאָגט:

— גאָט צו דאַנקען, אַז איך האָב דערלעבט דיך זען נאָך אַ לעבעדיקן... עפּעס אַ קלייניקייט, אַ מענטש פאָרט פאַר חדשים אַוועק און שרייבט אַפילו קיין בריוול ניט...

זי האָט זיך באַלד באַרואיקט און אַ פריידיקע צוגעגעבן:

— דאָס איז אַ סימן, אַז גוטע בשורות וועלן מיר, אם ירצה השם, אויך אַזוי פּלוצלונג דערהערן! נו, דוד׳ל, שוין עפּעס געגעסן? וואַרט אַ ווייל. אָט שוין, די מינוט, וועסטו עפּעס איבערבייסן.

זי האָט זיך געאײַלט, די מאַמע, און מיט אַ צעלויכטענעם פּנים האָט זי צוגעגרייט און געבראַכט דאָס עסן צום טיש. זי האָט זיך געזעצט קעגנאיבער אים, באַטראַכט מיט אַ פּנים, ווי זי וואָלט אים פון וויפיל יאָרן ניט געזען, און מיט נייגיר געפרעגט:

— וועסט דאָ איצט וועלן פאַרבלייבן ביי אונדז? וועל איך גיין צו דעם אַלטן יאָשע בער — צו אים אַליין וועל איך גיין אַ רעד טאָן פאַר דיר — —

— ניין, מאַמע, — האָט דוד עקשנות׳דיק זיך געבעטן, — גיי ניט, מאַמע, צו קיינעם בעטן פאַר מיר! איך בין בלויז געקומען אַהער אויף איבער שבת, אייך צו זען, מאַמע.

ער האָט זיך באַלד ברייט צעשמייכלט, דוד, ווי ער וואָלט מיט דעם שמייכל געזוכט אויסצודריקן פאַר טאַטע־מאַמע זיין זעלבסטשטענדיקייט, אַז קיינער דאַרף זיך מער גאָרניט זאָרגן פאַר אים. דעם טאַטן האָט זיין באַמערקונג דערפרייט, און ער האָט מיט נחת זיך אָנגערופן:

— דו מעגסט, דוד, דריי מאָל אַ טאָג בענטשן דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס דו ביסט פון אָט־די רשעים פּטור געוואָרן! און זעסט נישט אָן מער זייער מיאוס׳ן פּרצוף... געהערט אַ מעשה! זיי רופן אָן מיין קינד „טרייפענער ביין״... אַזאַ חוצפּה!

די מאַמע האָט זיך פּלוצלונג צעפלאַמט:

— אום ערב־שבת זאָג איך דיר, שמואל, אַז זיי אַלע דאַרטן מעגן זיין די כפּרה פאַר דוד׳לס אָפּגעריבענעם אָפּצאַס!

ווען דוד האָט זיך אַרומגעוואַשן און געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די שטוב, האָט די מאַמע צו אים געזאָגט:

— גיי, דוד׳ל, זע וואָס אין שטאָט טוט זיך. געדענק אָבער, זאָלסט קומען עסן אין צייט. מיר וועלן וואַרטן...

— זיכער, מאַמע.

אין גאַס האָט די היימישקייט צו אים אַ ווייע געטאָן. און אַ

פריידיקער, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל באַפרייט געוואָרן פון שווערע שרעק און זאָרג, האָט ער מיט פעסטע, זיכערע טריט פריער דורכ־געשפּאַצירט די גאַס פאַר זיין היים, וואָס איצט אין זומער־צייט איז זי געווען באַגרינט און באַשאָטנט פון די דיקע דעמבבעס פון בײדע זייטן גאַס. דערנאָך זיך אויסגעדרייט צום מאַרק, באַטראַכט די קראָמען אַרום מיט זייערע אָפענע טירן צום גאַס, מיט זייערע קונדן, וואָס זיינען פון דאָרט אַרויס און אַריין. דוד האָט אין גאַס געזוכט איינעם פון זיינע יוגנט־חברים, און ווען ער האָט קיינעם פון זיי נישט באַגעגנט, איז ער אַוועק צו פּיניע׳ס מאַמע און דאָרט איבערגעלאָזט פאַר פּיניע׳ן אַ צעטעלע:

„... זיי וויסן, פּיניע, איך וועל דאָ זיין אין שטאָט איבער שבת. איך וויל אייך אַלעמען טרעפן נישט פריער ווי מאָרגן אַרום צוויי ביי־טאָג. אויב מאָרגן וועט זיין זוניק, וועלן מיר זיך טרעפן אויפן שאָסעי. אויב רעגן, טרעפן מיר זיך ביי יודל מלכה׳ס אין שטוב. לאָז אַלעמען וויסן. — דוד.“

דוד איז אַוועק צום נאַרעוו. דער טייך איז כמעט אינגאַנצן געווען באַלאַגערט מיט געהילצן, און מענטשן מיט פאַרברוינטע פּנים׳ער האָבן דאָרט געאַרבעט און געטומלט... ביי איינעם פון זיי האָט ער געדונגען אַ שיפל, און מיט די וויאָסלעס אין די הענט האָט ער געמאַנעווורירט מיטן שיפל אויסצומיידן די געהילצן. ער האָט פאַרזיכטיק זיך אַוועק־געשיפלט צו יענער זייט לאַנקע, וואו דער שפּיגלדיקער טייך איז פריי געווען.

ווען ער איז מיד געוואָרן פון שיפלען זיך, האָט ער דאָס שיפל אויף דער לאַנקע אַרויפגעשלעפּט, און זיך געבאָדן און אַריינגעשוואומען אין די טיפע רוישיקע וואַסערן פון „אַפּוס“, וואָס מ׳שמועסט אין שטעטל, אַז דער „אַפּוס“ האָט נישט קיין גרונט... און ווען ער איז געשוואומען האָט ער זיך אויך דערמאָנט פון דער שטעטל׳ס לעגענדע, טאַקע וועגן דעם טיפן „אַפּוס“, אַז דער „וואַסער־מענטש“ וואָס הערשט אין די דאָרטיקע טיפענישן מוז האָבן יעדן יאָר אַ פרישן קרבן, וועלכן ער כאַפּט פאַר די פיס און ציט אַרונטער צו זיך... און באַלד האָט דוד געטראַכט, אַז דאָ טאַקע, וואו ס׳איז שטיל און אָפּגעהיט פון אַ „בייז אויג“, וואָלט באמת געווען דער פאַסיקסטער, זיכערסטער פּלאַץ זיך מאָרגן צונויפקומען אויף דער לאַנקע פאַר אַ באַראַטונג... שפּעטער, ווען ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן שווימענדיק, איז ער צוריק אויף דער לאַנקע אַרויף, באַטראַכט דעם קלאָרן בלויען הימל מיט דעם גאַנצן שטילן אַרום, דערנאָך זיך צוגעטוליעט צו די גרינע שמעקעדיקע בלויסטשן און איז אין שאָטן רואיק איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די זון שוין געשטאַנען אַריבער דעם שטאָטישן בית־עולם. ער האָט זיך צוגעאײַלט אין שיפל אַרײַן, און מיט אַ פריידיקן געפיל באַגלייט די פּראַכטפולע פאַרגייענדיקע זון.

נאָכן עסן ביינאַכט, ווען דער טאַטע שמואל האָט גענומען זינגען זמירות, האָט די מאַמע גישע, אַ רואיקע, אַן אויפגעלייגטע, מיט אַ שיינענדיק פּנים, זיך געזעצט קעגנאיבער איר זון און מיט אים זיך צעשמועסט:

— ווייסט, דוד, — האָט זי גוטמוטיק אָנגעהויבן, — דו קענסט דאָך אַוואַדע די אלמנה דוואָשע, די שניט־קרעמערין פון אַרום מאַרק, מוזט אַוואַדע אויך קענען איר מיידל דינה... גאָר אַ שיין מיידל. שטאַמט פון אַ למדנ׳ישע משפּחה, יאָ, מיט נדן... די מאַמע אירע האָט מיר שוין נישט איין מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי איז גערן זיך משדך זיין. וואָס זאָגסטו, דוד׳ל?

דוד האָט געשמייכלט און געשוויגן. האָט די מאַמע פאָרגעזעצט:

— איך זע, אַז דו שמייכלסט און דאָס קען באַדייטן, אַז דו באַשטייסט אויף וואָס איך זאָג. דוכט מיר טאַקע, אַז דאָס וואָלט געווען פאַר דיר אַ גוטער שידוך. ווייל ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דו גייסט, חלילה, אַוועק דינען דעם קייסער, ווערסטו, ראשית, האָבן ווער עס זאָל צושיקן עטלעכע רובל אין פאָלק, און שפּעטער, ווען דו ווערסט בשלום אַהיים קומען, געפינסטו אַ פאַרטיקע היים, אַ ווייב — —

— מאַמע! — האָט דוד איר מער וועגן דעם נישט געלאָזט ריידן.

— און וואָס ווערסטו זאָגן, אויב איך האָב שוין אַ כלה? זאָל איך יענע איבערלאָזן און זוכן דאָ אַן אַנדערע מיט נדן? וואָלט דאָס געווען יושר׳דיק, מאַמע?

— וואָס רעדסטו? — האָט די מאַמע פריידיק זיך אַ כאַפּ געטאָן. — האָסט שוין באמת אַ כלה? ביסט שוין פאַר׳קנס׳ט? און טאַטע־מאַמע האָסטו גאָר נישט אַפילו געלאָזט וויסן?! דו פאַרגינסט אונדז גאָרנישט דעם נחת, האַ?

— איך ווייס נישט, — האָט דוד מיטן זעלבן שמייכל זיך אָנגערופן, — צי איך האָב דאָס פריער באַדאַרפט אייך דערציילן, צי עס שאַדט ניט שפּעטער... אַלנפאַלס זאָג איך איצט: איך האָב דאָרטן זיך באַקענט מיט אַ יונג, וואונדערלעך־שיין מיידל, וואָס נייט קליידער פאַר באַלעבאָסטעס אין זייערע היימען. דאָס מיידל איז מיר געפעלן. איר נאָמען איז טייבקע.

די מאַמע האָט אויסגעהערט אַן אָנגעכמורעטע:

— דאָס אַלץ וואָס דו דערציילסט מיר פון דיין כלה? און ווער זיינען אירע עלטערן? און וועגן נדן? ווי איך זע, ווילסטו וועגן דעם אפילו נישט דערמאָנען! — איז די מאַמע געבליבן אומצופרידן.

— איך בין זיכער, מאַמע, — האָט ער מיט פולן ערנסט געזאָגט, — ווען דו קאָנסט אירע עלטערן, און דו האָסט אַ שמועס מיט טייבקע'ן, און ווען דו ווייסט אויך ווי מיר האָבן זיך ליב, וואָלסטו מיך מער גאָר נישט געפרעגט.

ס'איז שטיל געוואָרן. די מאַמע איז געבליבן פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט איצט מיט זיך אַליין זיך מיישב געווען ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם ענין... און מיט אַ מאָל האָט זי אַ פריידיקע אַרומגענומען איר זון, אים געדריקט צו זיך און גערופן דעם מאַן:

— שמואל, שמואל, — האָט זי צוויי מאָל אים גערופן, — גיב אָפּ מזל־טוב דוד'ן: ער איז דאָרט אַ חתן געוואָרן!... ווינטש אים מזל־טוב, מיר זאָלן נחת האָבן פון אים.

דער טאַטע האָט דורך זיינע שפּאַקולן געקוקט אויפן זון מיט וואַרעמע בליקן און געזאָגט:

— ס'איז שוין אַפילו צייט... איך בין קוים פופצן יאָר אַלט געווען צו אונדזער חתונה. זאָג נאָר מיר, מיין זון, עפּעס אַ שיינער מחותן? איז ער כאָטש ניט קיין עם־הארץ?

— ניין, טאַטע, ווי ער האָט מיר דערציילט, האָט ער אַמאָל גע־לערנט אין לאָמזער ישיבה.

— נו, אויב אַזוי, טאָ איז דאָך טאַקע באמת אַ מזל־טוב! אפשר וואָלסטו מאָרגן געגאַנגען דאַווענען מיט מיר און קריגן „מפטיר", ווי דאָס פּאַסט פאַר אַ חתן?!

— נישט איצט, טאַטע. איך וועל דאָס לאָזן פאַר נאָך דער חתונה.

:: :: ::

דער רעגן האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַשן די שויבן פון די פענצטער און געשטערט דוד'ס שלאָף; איז ער געלעגן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט פון דעם מאָרגן וואָס וועט קומען, און פון דער גרויסער פרייד, וואָס ער וועט זיך טרעפן מיט גוטע חברים פון פאַבריק וואָס זיינען געקומען צום באַוואוסטזיין, און צוזאַמען זיך פאַראייניקט אויסצוקעמפן בעסערע מענטשלעכע באַדינגונגען. אין מוח ביי אים האָבן זיך איצט נאָכאַנאַנד געזאַמלט נייע געדאַנקען, מיט געקליבענע ווערטער: וועגן וואָס, און אויף וועלכן אופן ער וועט דאָס קלאָר אויס־דריקן פאַר זיי; און געהערט האָט ער איצט שוין אפילו די פראַגן וואָס זיי שטעלן אים, מיט זיינע ענטפערס, וואָס ער האָט דאָס באַלד אויפן

אָרט איינגעקריצט אין זיין מוח, כדי דאָס אַלץ איבערצוגעבן צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט. און ווען ער איז שוין מיט דעם פּאַרטיק געוואָרן, האָט אַ פרייד זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין דינעם אויסגעמאָגערטן גוף, אויף זיין אויסגעבלייכט־פאַרזאָרגטן פּנים. ער איז איינגעשלאָפן מיט דער פרייד אין אַ רואיקן שלאָף.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט אין פרימאָרגן. דורך די אויס־געוואַשענע שויבן, פון רעגענען אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיך אַרויסגעזען אַ כמורנער בייזער הימל, וואָס האָט יעדע מינוט געדראָעט מיט נייעם רעגן. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. טאַטע־מאַמע זיינען נאָך אין פרימאָרגן אין בית־מדרש דאַווענען אַוועק. האָט דוד זיך געוואַשן און זיך אָנגעטאָן, געקוקט אינעם כמורנעם דרויסן און געטראַכט, אַז צוליב דעם רעגן וועט ער זיך היינט מוזן טרעפן מיט די חברים־אַרבעטער אין דער שטוב דאָרט ביי יודל מלכה׳ס, וועמען ער קאָן אַפילו נישט אַזוי גוט און איז ביי זיך ניט זיכער צי זאָל ער...

ביים אַרויסגיין פון שטוב זיינען אים אַנטקעגן געקומען כאַצקעלע דער טרעסטינער מיט פּיניע כעמעניעס, פאַרהאַוועטע...

— דוד... — האָט פּיניע אין דער שטיל געוואָרנט, — מיר קענען נישט האָבן קיין פאַרזאַמלונג היינט! די פּאָליציאַנטן — —

פּיניע האָט אים אין קורצן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן זיך ערשט דערוואוסט, אַז אימעצער איז נעכטן געווען ביי נאַטשאַלסטוואָ, זיי דער־ציילט אַז מיר פאַררופן אויף היינט אַ „סאָבראַניע״, וואו מיר וועלן אַגיטירן אַרונטערצוּוואַרפן דעם קייסער... זיי האָבן דאָרטן אויך דער־ציילט, אַז פאַר דעם צוועק האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט דיך... איצט פאַרשטייסטו?

פאַר אַ ווייל איז דוד געבליבן אָן לשון, ווי ער וואָלט נישט קענען באַגרייפן וואָס פּיניע האָט דאָ אים איצט איבערגעגעבן אַזוינס, וואָס ס׳איז אומגלויבלעך דאָס זאָל פּאַסירן מיט אים אין דער שטאָט וואו ער איז געבוירן און דערצויגן. ער האָט געזאָגט:

— מיר קענען דאָ נישט שטיין, ריידן צו לאַנג, ווייל טאַטע־מאַמע קומען אָן יעדע מינוט... איך מוז מיט זיי פאַרבלייבן איבער דעם עסן, דערנאָך אייך טרעפן ביי חבר מענדל צאַבאַן אין שטוב, וואו חוץ זיין אַלטע מאַמע איז קיינער נישטאָ. זענט איר צופרידן?

— גוט, — האָבן ביידע צוגעשטימט. ביים אַוועקגיין האָט כאַצקעלע אים פאַרטרויט:

— האָב אויגן, דוד... וועסט אפשר באַלד האָבן „געסט״... האָסט גאָרנישט מיט דיר?... זע זיך גוט אַרום, דוד!

דוד איז געבליבן אַליין אין דער גרויסער שטוב מיט זיינע אומ־רואיקע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך איצט געמישט ביי אים אין מוח אָן אַ ווילן און אָן אַ טאַלק, אַז ער האָט נישט געוואוסט וואָס מ׳הויבט דאָ אָן צו טאָן און נישט ערגערן טאַטע־מאַמע און פאַרשטערן זיי דאָס לעבן... איז ער געשטאַנען פאַרטראַכט ביים פענצטער און געקוקט ווי אַ געדיכט רעגנדל שניידט די לופט און גייט און גייט אָן אַ ציל און אָן אַן אויפהער; און האָט זיך ביסלעכווייז באַטראַכט, אַז אויסער דעם פאַלשן פּאַספּאָרט, וואָס ליגט אין זיין בוזעם־קעשענע, האָט ער גאָרנישט פאַר וואָס מורא צו האָבן.

שפּעטער, ביים עסן, האָט דער טאַטע שמואל ווי פון האַרצן זיך אַראָפּגערעדט:

— געהערט אַ מעשה? — האָט ער מיט פּרעטענזיעס אָנגעהויבן. — ביים דאַווענען דאָרט אין בית־מדרש, קומט צו מיר דער בערשטער, אַלטער דער געלער, וואָס אַרבעט אין פאַבריק, און רוימט מיר איין אין אויער: „ר׳ שמואל, — זאָגט ער, — איך האָב געהערט, אַז אייער דוד איז געקומען אין שטאָט. זאָגט אים פון מיינעטוועגן, ווי עס ראָט אַ פריינט, ער זאָל זיך היטן! מ׳האָט דערציילט ׳נאַטשאַלסטוואָ׳... אימעצער האָט אויף אים גע׳מסור׳ט — זאָגט אים״ — —

די מאַמע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און געשטורעמט:

— וואָס רעדסטו, שמואל? — האָט זי מיט פאַרבראָכענע הענט אַ ווייענדיקע געפרעגט. — ווער האָט גע׳מסור׳ט? און וואָס האָט מען גע׳מסור׳ט? וואָס האָט מען צו מיין קינד? וואָס האָט ער געטאָן? טאָר ער אַפילו נישט קומען צו טאַטע־מאַמע?...

זי האָט זיך צעכליפּעט, אַז דאָס ביסן אין מויל איז פאַרגליווערט געוואָרן; זי האָט זיך פונעם טיש געהויבן און זיך געווענדט צום מאַן:

— שמואל, זיץ נישט! לאָמיר לויפן צו די באַלעבאַטים אין די שטיבער, זיי מאַכן פינצטער דאָס לעבן, ווי זיי מאַכן אונדז! וויניק פאַר זיי וואָס זיי האָבן מיין קינד פאַרטריבן — איז נאָך אַלץ וויניק פאַר זיי? נו קום, הויב זיך אויף! זיץ ניט... וואָס? דו זיצסט נאָך אַלץ? גיי איך אַליין!

אַ פאַרפּלאָמטע איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר. דוד איז פאַרלאָפן דעם וועג און זיך געבעטן:

— מ׳דאַרף נישט, מאַמע! — האָט ער מיט די הענט זי פאַרהאַלטן. — ווי קאָנסטו טענות האָבן, אַז דו ווייסט ניט אויף זיכער, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן! און אפשר איז די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט דעם טאַטן דער־

ציילט, ניט אמת. און בכלל, פאַרוואָס זאָל מען מיך זוכן צו אַרעסטירן, פאַרוואָס ?

— ניין, דוד! — האָט די מאַמע זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר. — מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז זיי וועלן קומען און דיך אַוועקנעמען פון מיר! — האָט זי זיך אויף דאָסניי צעכליפּעט. — וואו פאַרבאַהאַלט מען דיך, וואו? גאָט מיינער, אַוואו ? . . .

— מאַמע, — האָט דוד געפּרואווט זי באַרואיקן, — ווייסט וואָס... איך וועל אַוועקגיין צו אימעצן... איכ׳ל שוין געפינען וואו...

— ניין! — האָט די מאַמע יאָמערדיק געשריען. — וואו וועסטו גיין, אַז דו ביסט צווישן וועלף! דו וועסט אַליין נישט גיין, דוד! איך וועל מיטגיין מיט דיר, איך — —

— מאַמע, — האָט ער זיך גענומען בעטן, — ביינאַכט פאָר איך צוריק דאָרטן... און איצט קען איך דיך ניט מיטנעמען וואוהין איך גיי, מאַמע...

זי האָט זיך פאַר אַ וויילע באַטראַכט און געזאָגט:

— אויב איך קאָן מיט דיר ניט גיין, וועסטו גיין מיט מיר צו וואַשקאָ־ווּעצאָווע, צו יוליע׳ן אויפן ניישטאָט... זי איז נישט קיין אידישע אַפילו, אָבער אַ געטרייע, אַן אויפריכטיקע. זאָלן יענע... אַ כפרה גיין פאַר איר! קום מיט מיר, דוד!

זי האָט זיך מיט אים פון שטוב אַרויסגעכאַפּט, ווי פון אַ פייער וואָס זאָל דאָרטן האָבן אויסגעבראָכן, און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אים דורך אַ הינטערשטעטער גאַס פון אַרום טייך צום „ניישטאָט“, וואו ס׳איז דורכאויס באַוואוינט פון נישט־אידן. דער רעגנדל האָט געהאַלטן אין גיין. געגעצט מיט יעדער רגע וואָס מער ס׳פּנים, דאָס דינע זומערדיק קלייד, וואָס זי האָט דאָס אַפילו נישט באַמערקט און פאַרגעסן אַז היינט איז שבת, און וואוהין זי גייט... זי האָט דוד׳ן פעסט געהאַלטן ביי דער האַנט, ווי זי וואָלט מיט דעם געזוכט צו באַשיצן אים פון שלעכטע מענטשן, וואָס ווילן מיט געוואַלט אַוועקרייסן פון איר איר איינציק קינד.

און דוד? ער האָט, ווי אַ חדר־אינגל, זיך געלאָזט פירן פון דער מאַמען, מיט אַ געבראָכענעם געמיט און פול מיט טענות צו זיך: פאַר־וואָס איז ער אַהער געקומען? אָה, ווען ער קאָן שוין, די מינוט, אַנטלויפן אַהין, וואו ער געפינט זיך זיכער!... אַ געדאַנק איז אים באַפאַלן: פּרואוון ריידן צו דער מאַמען, העלפן קריגן דאָ אימעצן מיט אַ פערד־און־וואָגן, וואָס וועט ווילִיק זיין פאַר עטלעכע רובל אים שוין ברענגען אַהין! און ער האָט זיך באַלד באַרעכנט, אַז דאָס וואָלט געווען צופיל פאַרדעכטיקט...

ווען זיי זיינען אַהין צוגעקומען, האָט ער אַרויסגענומען דעם פּאַס־פּאָרט פון בוזעם־קעשענע און דער מאַמען געזאָגט:

— נעם, פאַרבאַהאַלט דאָס, איך בעט דיך.

אָן ווערטער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַספּאָרט, אַריינגערוקט אים אין אַ זייטיקער קעשענע פון קלייד און איז מיט אים אַריין אין שטוב.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— אַ גוטן טאָג דיר, פּאַניע יוליע! מיר האָבן באַדאַרפט גיין דאָ נישט ווייט אין פּאָסט אָפּנעמען אַ נויטיקן בריוו, ווילן מיר ביי דיר איבערוואַרטן דעם רעגן.

יוליע — אַ יונגע פרוי אין די דרייסיקער, אַ הויכע מיט געלע־פלאַקסענע האָר אַריינגעדרייט אין אַ ראָילקע אויף הינטן ביים האַלדז, האָט מיט חידוש אָנגעשטעלט אירע גראָע גרויסע אויגן, און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אין אַ שבת׳דיקן טאָג קומען גאָר צו איר אַזעלכע פרומע אידישע געסט... האָט זי אויפגעהערט שטריקן דעם זאָק, זיך אַ הויב געטאָן פון סאָפע און פריינטלעך געענטפערט:

— פאַרוואָס ניט, פּאַניע שמולאָווגאַ? זע, ווי איר זיינט ביידע אויס־געווייקט פון רעגן! אפשר געבן אַ וואַרעמע גלאָז טיי אָדער מילך? זאָגט, שעמט זיך ניט.

זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און פון ערגעץ צו־געבראַכט אַ קריגל מילך מיט גלעזער, און גיך אויפן קאַך־אויוון צו־געשטעלט אַ טשאַיניק וואַסער אויפצוזידן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי און געפרעגט:

— וואָרום זיצט איר ניט, מענטשן? דיין דאַוויד איז שוין אַ גרויסער כלאָפּאַק; ווי אַלט איז ער שוין, פּאַניע שמולאָוונאַ?

— שוין באַלד צוואַנציק, — האָט די מאַמע אָפּגעזיפצט, — און דיינער איז גאַנץ שיין אויסגעוואַקסן; קום נאָר אַהער, וולאַדעק, לאָמיר דיך אָנקוקן!

דער ניין־יאָריקער אינגל — אַ דאַרער, מיט אַ בלאָנדן אָפּגעשוירע־נעם קאָפּ, האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פונעם דיל, וואו ער האָט עפּעס מיט שטיקלעך האָלץ געמייסטרעוועט, זיך געשטעלט פאַר דער מאַמע גישע׳ס אויגן און זי אָנגעקוקט.

— דו ביסט אַ וואויל אינגל, וולאַדעק. דו קאָנסט פּאַניע שמולאָוונאַ? ערשט אייערנעכטן געווען אין שטוב, איינגעהאַנדלט אַ פערטל קאָרן ביי מאַמע, יאָ, דו געדענקסט?

דאָס אינגל האָט מעכאַניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט שפּילן אויפן דיל. יוליע האָט באַדויערנדיק געזאָגט:

— אַן אומגליק אויף מיין קאָפּ, אָט־דער אינגל... צוליב אים — דעם מאַן פאַרלאָרן אין אַמעריקע... מיך איבערגעלאָזט באַלד נאָך דער חתונה אַליין מיט דעם אינגערן ברודער סטעפאַן, מיר העלפן פירן דיווירטשאַפט... אַ ווייטיק אים, דעם אויסוואורף!

די מאַמע, וואָס האָט געדענקט איר טראַגעדיע, און וואָס האָט די דאָזיקע ווערטער פון יוליע׳ן שוין פיל מאָל געהערט דערציילן, ווי אָט־דער יונגער שוואָגער סטעפאַן האָט, באַלד נאָך איר מאַנ׳ס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, זי גענומען פאַרפאָלגן מיט זיין ליבע צו איר, און ווי זי האָט אים געהאַלטן אין טרייבן פון זיך, ביז יענעם אומגליקלעכן פאַר־נאַכט; ווען סטעפאַן האָט זי אָפּגעוואַרט בשעת זי איז אַריין אין שייער, איז ער פון אַ ווינקל צוגעקומען צו איר און איז ווי אַ ווילדע חיה זי באַפאַלן און פאַראומגליקט... און שפּעטער, ווען די נייעס איז דער־גאַנגען צו איר מאַן אין אַמעריקע, האָט ער פאַר ערגערניש און חרפּה פאַר לאַנדסלייט זיך אַריינגעלאָזן אין שיכור׳ן, און מער הערט זי ניט פון אים. איצט, ווען יוליע האָט זיך געקליבן דאָס ווידער צו דערציילן אין דוד׳ס געגנוואַרט, האָט די צניעות׳דיקע מאַמע גיך געביטן דעם געשפּרעך:

— דערצייל מיר בעסער, וואָס שרייבט דיין ברודער איגנאַץ פון פּאָלק! און זיין ווייב, וואָס ער האָט געלאָזן, איז עפּעס אַ לייט?

יוליע׳ס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט. מיט גאַל האָט זי אויסגעשריען:

— זי איז אַ טייוול, מאַרי, אַ שלאַנג! נאָר זי קריגט זיך, ווי איך וואָלט שולדיק געווען וואָס זי האָט שוין דריי יאָר קיין מאַן ניט! זאָל כאָטש קיין מלחמה ניט זיין. זאָל ער שוין אַהיים קומען, גאָט מיינער!

די טיי איז פאַרטיק געוואָרן. יוליע, אַ פאַררויטיקטע פון פייער, האָט נעגאָסן גלעזער טיי, אויפן טיש געשטעלט און געזאָגט:

— אַ גלאָז טיי מעגט איר ביי מיר טרינקען. מיר זיינען אַלע גאָט׳ס קינדער...

דוד האָט צוגערוקט זיך אַ גלאָז טיי און איינע געשטעלט לעבן דער מאַמע, אָנרירנדיק דערביי בכיוון דער מאַמע׳ס האַנט, ווי ער וואָלט דער מאַמען מיט דעם געבעטן: זי ניט צו פאַרשעמען און טרינקען. די מאַמע האָט דאָס פאַרשטאַנען, און ווי איבערגעוואַלד גענומען טרינקען פון דער גלאָז טיי... בעת יוליע האָט אירע גרויסע גרויע אויגן פאַר אַ רגע נישט אַראָפּגענומען פון דוד׳ן... אַ פאַררויטלטע האָט זי אים געפרעגט:

— ווּעסט גיין דינען, דאַוויד? און ווען אַ מלחמה וועט אויסברעכן

— וואָס?... מיין ברודער איגנאַץ שרייבט, אַז זיין פּאָלק גייט באַלד אָפּ קיין מאַנדזשוריע זיך שלאָגן מיט די יאַפּאַנצעס! אפשר וועסטו בעסער קיין אַמעריקע אַוועק?

— אפשר יאָ, — האָט דוד באַמערקט.

די מאַמע גישע האָט זיך באַלד אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס מיט יוליע׳ן וועגן איר ברודער מיט זיין ווייב מאַרי, וועלכע קריגט זיך און האָט טענות, און איר געגעבן אַן עצה — דער שווּעגערין צו פאַר־שווייגן, ווייל איר שווּעגערין איז שלעכט צו זיין איינע אַליין. דוד, צו פאַרטרייבן די צייט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום אינגל אויפן דיל, גע־האָלפן אים מיט זיינע שטיקלעך האָלץ אויפשטעלן אַ שטיבל, וואָס האָט זיך זעלטן איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן. ער איז דאָרטן אַזוי לאַנג גע־זעסן מיטן אינגל און כסדר פון דאַסניי געפּרוּווט העלפן, ביז ער איז מיד געוואָרן „מאָרדעווענדיק״ מיט דעם שפּיל און די מאַמע פונעם שמועס מיט יוליע׳ן...

ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן, האָט דער רעגן שוין געהאַט אויפגעהערט. מאַמע און זון האָבן זיך אויפגעהויבן, באַדאַנקט דער גוטער יוליע׳ן מיט האַרציקע ווערטער און פון דאָרטן צוריק זיך אַהיים געלאָזט שטילע, באַרואיקטע, דורך דער זעלבער הינטער־גאַס וואָס ציט זיך פּאַזע טייך צום „נייעם וועג״.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען זייער שטוב, וואו ס׳איז נאָך פינצטער געווען, און פון דאָרט — צום קלויסטער, וואו עטלעכע וועגן צעשיידן זיך, און זיך פאַרנומען מיט אַ פאַרלאָזטן וועג, וואָס האָט געפירט צום שאָסעי. זיי האָבן שוין געטראָפן אַ גרויסן פּאַסאַזשיר־וואָגן איבער־געצויגן מיט אַ דיקן לייוונט, גרייט אָפּצופאָרן קיין ביאַליסטאָק.

שטייענדיק אַזוי ביים וואָגן, האָט דוד געטראַכט צו זאָגן דער מאַמע׳ן, אַז זי האָט זיך היינט פאַרשאַפט אומזיסטע עגמת־נפש... אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם מסור׳ן איז נישט מער ווי אַ בייזע אויס־טראַכטעניש מיטן ציל איבערצושרעקן... אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער באַשלאָסן מער ניט צו ריידן וועגן דעם ענין. ער האָט צוריקגענומען דעם פּאַספּאָרט פון דער מאַמע׳ן, אים פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין בוזעם־קעשענע, דערנאָך אַ שווייגנדיקער זיך לאַנג געקושט מיט דער מאַמע, וועלכע איז אים אויפן האַלדז געפאַלן, מיט אַ שטיל וויינענדיק קול גע־מורמלט אַ תפילה:

— גאָט זאָל דיך היטן, מיין קינד...

8

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שווערער פּאַסאַזשיר־וואָגן זיך געשלעפּט קיין ביאַליסטאָק. ביי יעדער סטאַנציע זיך אָפּגעשטעלט, די פערד אָנ־צופּאַשען און אַליין עפּעס איבערבייסן. ווען דוד איז אַהין אָנגעקומען, איז שוין צייט געווען גיין צו דער אַרבעט. האָט ער אין געאייל עפּעס איבערגעכאַפּט אין דער נאָענטסטער קאַפע־הויז, דערנאָך זיך געלאָזט אין פאַבריק.

זיין חבר אַבראַם האָט אים מיט פרייד באַטראַכט און מיט אַ הויכן קול, אַז די איבעריקע אין פאַבריק זאָלן דאָס דערהערן, כלומרשט געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכסטו, קראַנקער? ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן, האַ? ערשט נעכטן, שבת, דאָס קוים אויסגעפונען ביי דיינע קרובים. וואָס טאַקע איז מיט דיר געשען?

— אָט, געווען צוגעקילט אַ ביסל, אַהיים גייענדיק פון באָד... דער דאָקטאָר האָט געהייסן ליגן אין בעט כאָטש אַ וואָך. אָבער ווער האָט אַזוי פיל כוחות? — האָט ער געשפּאַסט.

דער דאָזיקער געשפּרעך האָט געהאַט אַ ווירקונג נישט נאָר פאַר די אַרבעטער, נאָר אויך פאַר די באַלעבאַטים. ערשט מיטאָג־צייט, אויפן פאַבריק־הויף, האָט דוד אַבראַמ׳ען אַלץ אויסדערציילט... אַבראַם האָט אים אויסגעהערט מיט אַ פאַרכמאַרעטן פנים, אים גאָרנישט ניט גע־זאָגט. נאָר געטראַכט האָט ער, אַז דער בחור האָט מיט זיין לעצטער מיסיע פיל איבערגעלעבט און ווייסט אַליין ניט אין וועלכער געפאַר ער איז געווען... ער האָט אים בלויז געזאָגט:

— וועסט פאַר מאָרגן צוגרייטן אַ באַריכט צום צענטראַל־קאָמיטעט.

— אפשר נאָך היינט, — האָט דוד צופרידן געזאָגט.

נאָך מיטאָג, האָט דער טאָג זיך געצויגן ווי פון פעך.... פון דער נאַכט איז דוד געווען שרעקלעך מיד. דער שלאָף האָט אים פאַר אַ רגע נישט אָפּגעלאָזט. זיין חבר אַבראַם האָט געפּרואווט צו מאַנעווורירן, ווי אַלע מאָל אין דער לאַגע, אים צו געבן אַן אַרבעט וואָס מ׳קען דערביי זיצן. אָבער די מידע אויגן האָבן זיצנדיק זיך נאָך מער געשלאָסן. האָט ער אַוועקגערוקט דאָס הויכע בענקל, געקוקט אויפן פאַבריק־זייגער און געציילט די מינוטן וואָס גייען פאַרביי, און ס׳דערנענטערט זיך די צייט צו זען טייבקע׳ן... אָט־דער געדאַנק האָט אים אינספּירירט און דער־מוטיקט צו פאַרענדיקן דעם טאָג אַרבעט.

:: :: ::

דער פעטער יוסף דוואָרקין האָט אָפּגעוואָרט דוד׳ן, ווען ער איז געקומען זיך איבערקליידן צו זען טייבקע׳ן, און אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב.

ער האָט גערעדט צו אים זייער פריינטלעך, דער פעטער, בעת די מומע שרה מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן איז דערביי געווען. דער פעטער האָט גערויכערט אַ ציגאַר, איינצייטיק צוגעקלאַפּט מיט זיין רעכטן פוס, ווי צום טאַקט, צו זיין יעדער וואָרט, ווי זיין טבע איז געווען:

— איך ראָט דיך, דוד, — האָט ער געזאָגט, — אַנטלויף פון שטאָט! איך מיש מיך ניט. איך בין אַ איד, נאָך אַן אייגנטימער פון אַ הויף מיט איינוואוינער...

די מומע האָט צוגעשקאָלט מיטן קאָפּ צו דעם וואָס דער פעטער האָט געזאָגט. זי האָט מיטן ברעג פון איר פאַרטוך כסדר די טרערנדיקע אויגן געווישט און זיך באַקלאָגט:

— אַ טאָג האָבן מיר דאָס נעכטן געהאַט! זיי האָבן דאָרט אויפן אייבערשטיבל אַלצדינג איבערגעקערט... און די בעטציג געגישטערט! אַ דאַנק גאָט, אַז מער ווי דיין פּאַספּאָרט און עפּעס נאָך אַ קליין ביכעלע האָבן זיי גאַרנישט ניט געפונען...

די מומע האָט זיך אויף דאָסניי צעיאָמערט; מיט פאַרבראָכענע הענט האָט זי באַטראַכט דוד׳ן און טענות געהאַט: פאַרוואָס קומט דאָס איר? סטייטש, איר איינציקן ברודער׳ס זון זאָל זיין פאַרמישט אין סכנה׳דיקע זאַכן?! דוד האָט געשוויגן. ביים אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— גוט. אַ דאַנק פאַר אַלצדינג! איך גיי אַוועק.

ווען ער איז פון שטוב אַרויס, האָט יעדעס וואָרט זייערער אים געהאַקט אין די שלייפן, אַז ער האָט נישט געזען וואוהין צו גיין... נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען, און פּאַמעלעך זיך גענומען אַרומקוקן, צי ער ווערט נישט געהיט פון שפּיאָנען... און ווען ער האָט אַזעלכס נישט באַגעגנט, איז ער גיך אַרויף אויבן אינעם צימער און געטראָפן אַלץ צעעפנט און אַנגעוואָרפן... פון אַ פאַרבאָרגענער קעשענע פון מאַנטל האָט געפעלט זיין ריכטיקער פּאַספּאָרט, מיט אַ קליין ביכל (דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט), וואָס איז געווען באַגראָבן אונטער זיין מאַטראַץ... דער קאַזין אָסיפּ איז אַרויפגעקומען. ער האָט גלייכגילטיק געפרעגט:

— דו גייסט טאַקע שוין אַוועק? וואו וועסטו שלאָפן היינט?

— זאָרג ניט, אָסיפּ, איך וועל געפינען וואו צו שלאָפן.

אָסיפּ האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער הין און קריק, ווי עס וואָלט אים עפּעס שטאַרק געדריקט און איינצייטיק שווער דאָס אַרויס־

צוזאָגן. ווען דוד איז שוין פאַרטיק געוואָרן אַוועקצוגיין, האָט אָסיפּ זיך אָנגערופן:

— איך האָב געזען טייבקע׳ן... שוין מער פון אַ וואָך ווי זי קוקט אויס נאָך דיר... מיין האַרץ האָט אָזש געריסן פון אירע רייד און ווי זי זעט נעבעך אויס... איך האָב געפּרואווט דיך צו פאַרענטפערן, אַז דו ביסט קראַנק... איז זי אַ פאַרציטערטע געוואָרן און שוין געוואָלט לויפן דיך זען! איך האָב איר געראָטן דאָס ניט צו טאָן, ווייל עס פּאַסט ניט פאַר מיינע עלטערן זיי זאָלן זיך דערוויסן, אַז אַ מיידל קומט דיך באַזוכן אין צימער... האָט זי געשוויגן און תיכף אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש איר גאַנץ געלט — צוויי רובל מיט זיבן־און־פערציק קאָפּיקעס — בעטנדיק מיר, דיר דאָס איבערצוגעבן. פאַרשטייט זיך, איך האָב געמוזט אַלצדינג פאַר איר דערציילן. זי באַשטייט אָבער, דיך נאָך היינט צו זען...

— זאָג נאָר מיר, מיין געטרייער קאָזין, וואָס אַזוינס האָסטו פאַר איר דערציילט? וואָס ווייסטו פון מיר? — האָט ער פאַרביטערט געפרעגט.

— איך האָב פאַר איר דערציילט, אַז מיין שטילינקער קאָזין איז גאָרניט אַזוי ווי ער מאַכט זיך... זי דאַרף דיר ווייניקער גלויבן און גאָרנישט בענקען נאָך דיר! — האָט אָסיפּ מיט אַ פול מויל האָס אַרויס־געזאָגט.

— דאָס אַלץ האָסטו געזאָגט? — האָט דוד סאַרקאַסטיש געפרעגט.

אָסיפּ האָט זיך גיך אויסגעדרייט, און דורך די ציינער אַרויס־געשיפּעט:

— פאַר אַזעלכע חברה־לייט ווי דו איז פאַראַן איין פּלאַץ — אין טורמע! נישט צווישן אנשטענדיקע מענטשן... עס געפעלט אים נישט דער קייסער, געפעלט אים נישט...

— אַ־האָ! — האָט דוד זיך אַ כאַפּ געטאָן. — דערפאַר האָסטו מיך פאַר׳מסור׳ט, דערציילט פּאָליציי! איצט ווייס איך פונוואַנען דאָס קומט...

אָסיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן אים מיט איבערגעקערטע אויגן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן, אים געטרייסלט מיט אַ ווילדן קול:

— וואָס האָסטו איצט געזאָגט? איך?... איך האָב דאָס דיך גע־מסור׳ט? דו גלויבסט, אַז איך וועל אַזוינס טאָן?

דוד האָט געשוויגן. און ער, דער קאָזין זיינער, האָט אים נישט אָפּ־געלאָזט. און פּלוצים... צי פון מורא פאַר נקמה, צי אפשר פון אויפ־ריכטיקייט, האָט ער זיך אויף די קני אַרונטערגעלאָזט, און ווי אַ שרעקעוודיק קינד זיך צעכליפּעט:

— נעם בעסער און דער׳הרג׳ע מיך! איך בין טאַקע אַלץ וואָס אין קאַרט, אָבער ניט קיין שפּיאָן, ניט קיין פּראָוואָקאַטאָר! נאַ, נעם מיין האַרץ, צעשנייד און זע...

כליפּענדיק איז ער מיטן קאָפּ אויפן דיל געפאַלן. און דוד, דער קאָזין זיינער, האָט צו אים אויפן דיל זיך אַרונטערגעלאָזט, געגלעט זיינע האָר, ברומענדיק:

— נו, געגנוג שוין... געגנוג שוין...

ס׳איז געווען אַרום אַכט אָוונט, ווען דוד האָט דעם פּעטער׳ס שטוב פאַרלאָזט.

די גאַסן זיינען איצט פול געווען מיט מענטשן, וועלכע האָבן אינעם קילן אָוונט זיך דורכגעשפּאַצירט. דוד האָט געשפּאַנט צווישן זיי מיט גאָרנישט קיין זיכערע טריט... בלויז דער געדאַנק, אַז באַלד־באַלד וועט ער ווידער זען טייבקע׳ן, ריידן מיט איר, קוקן אויף איר רונדן בליענדיקן פּנים, וואו ס׳שוועבט שטענדיק אַן אנגענעמער שמייכל... און זי וויסט שוין אַלצדינג וועגן אים, און דאָך גאַרט זי אים צו זען — האָט אים דערמוטיקט. האָט ער אַצינד אַ פּאַר׳חלומ׳טער געשפּאַנט צו דעם העכסטן גליק וואָס דערוואַרט אים באַלד און געטראַכט דערביי וועגן דער וויכטיקער שעה, וואָס איז ענדלעך געקומען, ווען ער וועט פאַר אַלעמען דערקלערן, אַז ער האָט טייבקע׳ן ליב און מער וועט ער זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער גאַס, וואו ס׳געפינט זיך דער קליינער רעסטאָראַן. און כאָטש ער איז נאָך געווען ווייט פון דאָרטן, האָט ער שוין אָנגעשטרענגט זיינע אויגן, גענישטערט אין דער טונקל־קייט צו דערזען טייבקע׳ן: צי שטייט זי ניט ערגעץ אַ וואַרטנדיקע און זוכט אים...

ער האָט פּלוצלונג דערפילט שטאַרקע הענט אויף זיין אָרעם! ווען ער האָט זיינע אויגן אַ הויב געטאָן, האָט ער דערקענט איינעם פון זיי, דעם אַלט־באַקאַנטן זשאַנדאַר. ער, צוזאַמען מיט דעם יונגנמאַן מיט די בלאָנדע פאַרדרייטע וואָנצעלעך... זיי האָבן אים די הענט געשמידט און אין טורמע אָוועקגעפירט. — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

9

זינט יענעם טאָג, ווען דוד איז געוואָרן אַרעסטירט, זיינען אַוועק דריי יאָר מיט דריי חדשים... די אייזערנע גראַטעס מיט די גרויע טורמע־ווענט האָבן דוד׳ן אָפּגעטיילט פון טאַטע־מאַמע, פון פריערדיקע חברים, און פון זיין געליבטע טייבקע, נאָך וועלכע ער האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט בענקען.

אין די ערשטע טעג אין דער שטאָטישער טורמע, וואו ער איז געהאַלטן געוואָרן אַרום צוויי וואָכן אין אַן ענגן צימער מיט אַ באַנדע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן פון אים גע׳חוזק׳ט און אים אַרומגעוואָרפן און פאַר אַ רגע נישט געלאָזט לעבן, איז בלויז דעם גוטן חבר אַבראַמ׳ען איין־איינציק מאָל געלונגען אים צו זען און ריידן מיט אים געציילטע מינוטן.

דוד האָט אים דעמאָלט אין קורצן דערציילט פון זיין ליבע מיט טייבקע׳ן, און געבעטן אים איר צו באַזוכן און, אויב מעגלעך, איר ברענגען צו אים און אים זאָגן דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אים צו זאָגן דעמאָלט פאַר זיין אַרעסטירט ווערן. דער חבר אַבראַם האָט דאָס אים צוגעזאָגט ווי וויית מעגלעך. נאָר ווען ער האָט טייבקע׳ן געטראָפן פאַרן שטוב, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ דערשראָקענע מיידל מיט צעשרויפטע נערוון, וועלכע האָט געציטערט אַפילו אַ קוק צו טאָן אויף אים...

ער האָט אָפּגעוואַרט צוויי טאָג, דער חבר אַבראַם, און ווידער באַזוכט דאָס מיידל טייבקע ביי איר אין שטוב, וואו ער האָט זי געטראָפן זיצן ווי אַ געליימטע אויף אַ בענקל, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פונעם דיל. טייבקע׳ס מאַמע, וועלכע האָט דעם הויכן פרעמדן יונגנמאַן אָנגענומען פאַר אַ געהיים־פּאָליציסט וואָס זוכט טייבקע׳ן צו אַרעסטירן, האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן: לאָזן צורו דאָס שוואַכע מיידל, וואָס האַלט ביים צוזאַמענברעכן... חבר אַבראַם האָט באַלד דער מאַמע׳ן דערקלערט, אַז ער איז דוד׳ס אַ נאָענטער פריינט, איינער פון זיין משפחה, וואָס ווילן העלפן... אָבער אָנשטאָט צו מאַכן מיט זיין דערקלערונג בעסער, האָט די מאַמע זיך צעצונדן:

— אַזוי גאָר?... איר זענט טאַקע אַ משפחה׳ניק זיינער? טאָ גייט מיט אייער פריינט דעם קרימינאַלניק דאָרטן צו אַלדע שוואַרץ יאָר! אַניט וואַרף איך אייך שוין אַרויס!...

מיט אַ ווילדער רציחה האָט זי די טיר ברייט צעעפנט און אים פון שטוב אַרויסגעטריבן. דער חבר אַבראַם האָט נאָכדעם געטראַכט, וואָס צו ענטפערן דוד׳ן און אים נישט צו ערגערן. איז ער אויף צו־מאָרגנס

אַהין אַוועק און געפּרואווט זען דוד'ן און דערציילן אים פּונקט אַ פּאַר־קערטע מעשה... אָבער נאָך אַלע זיינע באַמיאונגען צו זען דוד'ן, האָט זיך עס אים נישט איינגעגעבן. אים, דעם חבר אַבראַם, איז בלויז געלונגען דורך אַ טורמע־וועכטער דוד'ן איבערצוגעבן אַ צעטעלע מיט אַן אַדרעס, וואוהין צו שיקן בריוו.

זינט יענער צייט, האָט דוד בלויז איין־איינציק בריוו געשיקט פון דער גובערניע־טורמע, פונוואַנען ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין וייטן רוסלאַנד. אין די דאָרטיקע טורמעס האָט ער זיך געטראָפן מיט באַרימטע רעוואָלוציאָנערן, טיף־געלערנטע, פון וועמען ער האָט פיל געלערנט, און פון זייערע רייד דערמוטיקט געוואָרן אויסצושטיין די אַלע אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון דעם פינצטערן טורמע־לעבן, און אויך צו פאַרגעסן כאָטש פאַר אַ ווייל זיין נאָגעניש און זיין בענקעניש... אָבער דאָס וואַלגערן זיך עטלעכע יאָר אין טורמע, שלאָפן אויף די לויזיקע שטרוי־זעק, האָט דעם פיל־געליטענעם דוד'ן פיזיש אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט ניט געקענט שטיין אויף די פיס.

:: :: ::

חדשים און יאָרן זיינען אַוועק. נאָך דריי יאָר זיצן אין טורמע, האָט אויסגעבראָכן דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריג. דוד איז אַלט געוואָרן צוויי און צוואַנציק יאָר. דער מאַגיסטראַט פון זיין געבורט־שטעטל האָט אויפגעפאָדערט די טורמע־באַאַמטע, דוד'ן אָפּצושיקן אין גובערניע, ער זאָל זיך שטעלן צום פּריזיוו. נאָר ווען מען האָט אים אַהין געשיקט און די דאָקטוירים האָבן אים עקזאַמענירט, האָבן זיי אים באַפרייט פון מיליטער צוליב זיין אויסגעמאַגערטקייט און שוואַכן געזונט...

פון גרויס שמחה, וואָס ער איז צוריק געוואָרן אַ פרייער מענטש, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוול צום גוטן חבר אַבראַם:

„מיין ליבער אַבראַם:

„איך בין היינט באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. איך געפין זיך אין גובערניע. באַלד קום איך אין ביאַליסטאָק. אויב דיר איז ניט שווער, קום מיך באַגעגענען ביי דער באַן. אָה, ווי גליקלעך איך בין! יאָ, איז ניט מעגלעך לאָזן וויסן טייבקע'ן? זע, גוטער חבר, איך בעט דיך. — דיין דוד."

אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג, ווען פון דעם פאַרכמורעטן הימל האָט דעם גאַנצן טאָג געטריפט אַ דראָבנער רעגנדל, איז דוד אַרויסגעשטיגן פון דער באַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ביאַליסטאָק... ער האָט זיך אַרומגעקוקט און מיט די אויגן געזוכט צו באַגעגענען דעם

גוטן חבר אַבראַם, ווען ער האָט דורך אַ טעלעגראַמע געלאָזט וויסן, אַז אויב עס וועט פאַר אים ניט זיין מעגלעך אים צו באַגעגענען ביי דער באַן, וועט דוד אים טרעפן אויפן אַדרעס וואָס ער שיקט זיינע בריוו... און ווען דער גוטער חבר אַבראַם איז נישט געקומען, האָט דוד זיך געלאָזט אין וועג. זיינע פיס, וואָס זיינען דורך די יאָרן זיצן אין טורמע געוואָרן ווי געליימט, האָבן אויף דאָסניי אויפגעלעבט. און מיט נייע כוחות, אַ האָפענונגספולער, אַ באַפרייטער, ווידער געשפּאַנט אויפן אַלטן שאָסעי, אויפן זעלבן באַליבטן שאָסעי, וואו ער מיט טייבקע'ן האָבן אָפט מיט אַ בוך אונטערן אָרעם געשפּאַצירט...

ער האָט געשפּאַנט אינעם רעגן און געטראַכט בלויז פון יענער גליקלעכער צייט — פון אים מיט טייבקע'ן... ער האָט געזוכט מיט אַלע חושים זיינע אויסצומעקן פון זיין זכרון די פינצטערע טורמע־יאָרן, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט מיט אַן אייזערנער וואַנט פון דער לעבע־דיקער, ליכטיקער וועלט; ער האָט געטראַכט ווי גיך צו פאָרן אין זיין געבורט־שטעטל, זען טאַטע־מאַמע, פון וועלכע ער האָט דורך די גאַנצע דריי יאָר נישט געהאַט קיין בריוול און נישט קיין שום ידיעה; ער האָט געטראַכט פון דער פרייד ביים באַגעגענען זיך מיט טייבקע'ן... אָבער אַזוי, אין זיינע אַלטע צעקניטשטע קליידער, קען ער צו איר נישט גיין. ער וועט פריער זיך מוזן זען מיט דעם גוטן חבר אַבראַם וועגן דעם ענין. און אפשר וועגן נאָך עפּעס, וואָס ער, דוד ווייסט נישט...

ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. דוד, ווי ער וואָלט איצט געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרטרייבן פון זיך יעדן בייזן געדאַנק. און אַזוי פּאַמעלעך, אינעם רעגן, האָט ער צוגעשפּאַנט אויף זיין אַלט־באַליבטער סוראַזשער גאַס. ער האָט אויפגעזוכט דעם נומער מיט דעם נאָמען, אויף וועלכן אַדרעס ער פלעגט שיקן זיינע בריוו פאַר חבר אַבראַם. דוד האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פיינער גאַלאַנטערעי־קראָם. אויף אַ לאַנגער באַנק פאַר דער טיר איז דאָרט געווען אויסגעשטעלט אַלערליי הויז־כלים מיט פאַרשיידנאַרטיקע באַרשטן. אויף אַ שילד פון איבערן שוי־פענצטער האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט: „בערקע זעגער".

דוד איז אַהין אַריין. דער קרעמער, אַ זשוואַווער יונגערמאַן מיט אַ שמייכלענדיק פּנים וואָס איז געווען באַבערדלט מיט טונקל־בלאָנדע האָר, איז צוגעקומען מיט אַ חבר'שן „שלום עליכם" און פריינטלעך געזאָגט:

— איר זענט עס מסתמא, דוד. חבר אַבראַם האָט היינט איינדער־פרי געמוזט אָפּפאָרן פאַר אַ נויטיקן ענין. מיר וועלן אים טרעפן מאָרגן

אַוונט אין צענטראַל־קאַמיטעט, וואו מיר וועלן פּראַווען פאַר אייך אַ פייערלעכע אויפנאַמע. זייט אַזוי גוט, וואַרט דאָ צו.

ער איז פאַרשוואונדן פאַר אַ ווייל און איז צוריקגעקומען מיט זיין יונגער פרוי, פאַר וועמען ער האָט צוערשט פאַרגעשטעלט דוד'ן. דער־נאָך געזאָגט:

— דאָרע, טייערע, — האָט ער צו דער פרוי געזאָגט, — וועסט פאַרבלייבן פאַר אַ ווייל אין קראָם. איך דאַרף מיט דוד'ן ערגעץ גיין אויף ניט לאַנג.

ער האָט דוד'ן גענומען אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין אַ פּלאַץ זיך אָפּצושערן און ראַזירן. דערנאָך אַוועק מיט אים אין אַ קליידער־מאַגאַזין און פאַר אים איינגעקויפט אַלץ וואָס עס איז נויטיק געווען אָנצוטאָן. און ווען זיי זיינען צוריק אַהיים געקומען, און דאָרע האָט דערזען דעם גאַסט, האָט זי אים קוים דערקענט. זי האָט פריידיק באַמערקט:

— איצט זעט איר אויס אַנדערש, אַנדערש. ס'איז גוט אייך אָנ־צוקוקן...

שפּעטער, ווען זיי האָבן אים אין שטוב פאַרבעטן איבערבייסן, האָט דוד זיך באַטראַכט אין זיינע נייע מלבושים אינעם שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און געזען האָט ער, אַז ער איז איצט דער זעלביקער דוד פון אַמאָל... אַ צופרידענער האָט ער זיי געזאָגט:

— איך ווייס ניט ווי אַזוי אייך צו באַדאַנקען וואָס איך זע ווידער אויס ווי אַ מענטש... איך בעט אייך, אָבער, קיין פּאַראיבעל ניט האָבן אויף מיר וואָס איך דאַרף גיין אימעצן זען...

מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן באַדויערט, וואוהין ער, דוד, קלייבט זיך צו גיין באַזוכן... ער האָט צו דוד'ן געזאָגט:

— זייט וויסן, חבר. וואוהין איר זאָלט נישט גיין, זאָלט איר צוריק־קומען צו אונדז היינט ביינאַכט. געדענקט־זשע, מיר וועלן וואַרטן.

:: :: ::

פאַרנאַכט־צו האָט דער רעגן אויפגעהערט. דוד האָט מיט פרייד איצט געשפּאַנט זען טייבקע'ן... זיין גאַנצער ווען איז אַצינד געווען פאַרנומען מיט דער דאָזיקער מיידל, נאָך וועלכער ער האָט נישט אויפ־געהערט צו בענקען. ווען ער איז אַצינד פאַרבייגעגאַנגען קאַטינקע'ס בוך־געשעפט, האָט ער זיך פאַר אַ ווײַלע געמוזט אָפּשטעלן און טראַכטן פון יענע צייטן, ווען ער מיט טייבקע'ן האָבן זיך דאָ געטראָפן אין די זומער־פאַרנאַכטן... גלייכצייטיק האָט דוד זיך אויך דערמאָנט, אַז

אַ ביסל ווייטער אויף אַ הויף שטעלן זיך אָפּ די טעווינער באַלעגאָלעס מיט זייערע „בוידן”, פונוואַנען ער האָט אָפּט געשיקט ליטעראַטור אין זיין געבורט־שטעטל דורך יאָסי, איסראַלקע דעם באַלעגאָלע׳ס זון, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן אייגענעם יאַט...

דוד האָט צוגעשפּרייזט דאָרטן אין הויף און געזוכט צו טרעפן אַ באַקאַנטן, און דערזען ביי אַ „בויד” אַן עלטערן באַלעגאָלע, וואָס זיין נאָמען דאַרף זיין „יצחק פעפּערס”. ער האָט געפרעגט:

— קאָנט איר מיר אפשר זאָגן, ר׳ יצחק, וואָס עס מאַכן דאָרטן מיינע עלטערן, שמואל מלמד און גישע די הענדלערקע?

דער עלטערער באַלעגאָלע האָט זיינע אויגן איינגעגראָבן אינעם יונגענמאַנ׳ס פּנים און געפּרוואווט טרעפן:

— ביסטו נישט גישע׳ס זון, וואָס...

ער האָט ניט דערערדט, דער עלטערער מענטש. אָבער דוד האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס יענער האָט געוואָלט פאַרענדיקן...

— יאָ, ר׳ יצחק, — האָט דוד אים אַרויסגעהאָלפן, — איך בין גישע׳ס זון, וואָס איז ערשט באַפרייט געוואָרן. איך וויל אָבער וויסן וואָס מיינע עלטערן טוען און צי זיי האָבן פּרנסה? זאָגט מיר, גוטער מענטש.

ער האָט געשוויגן מיט אַן אומעטיק פּנים, דער עלטערער מענטש. ביי דוד׳ן האָט דאָס האַרץ פאַרקלעמט קוקנדיק אויף אים. געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער זעט אין יענעמ׳ס אויג בלישטשען אַ טרער... און זיך געכאַפּט, אַז אין דער טונקלקייט איז מעגלעך צו מאַכן אַ טעות. ער האָט אָנגעהויבן פון דאָסניי:

— פאַרוואָס ענטפערט איר מיר ניט? איך בין אַ זון, איך וויל וויסן!

נאָכדעם האָט דוד אים דערציילט, אַז עס איז שוין מער פון דריי יאָר ווי ער האָט אַפילו קיין בריוול אַהיים ניט געקענט שיקן. איצט איז ער אַ פרייער מענטש, און אויב נויטיק וועט ער נאָך היינט פאָרן צו זיי זען...

דער עלטערער מענטש האָט פריער זיך אויסגעהוסט, פאַררויכערט זיין פייקע, און דערנאָך געזאָגט מיט אַ טרויעריק טאָן:

— איך האָב פיינט אָנצוזאָגן שלעכטע בשורות. מוזט דאָך אָבער וויסן, ביסט דאָך זייער זון. אפשר וועסטו זיך דערמאָנען אַמאָל זאָגן קדיש — —

— וואָס רעדט איר? — האָט דוד זיך אַ כאַפּ געטאָן, — געשטאָרבן? ביידע... ביידע געשטאָרבן?! ווען האָט דאָס פּאַסירט? און ווי אַזוי...

דוד האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן. דער עלטערער באַלעגאָלע איז געשטאַנען, געקרײַכערט זיין פּייקע און מער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

:: :: ::

מיט אַ טרויעריק געמיט איז דוד אַוועק פון אים. ער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער זאָל איצט גיין און וועמען ער זאָל זען.

מיט טרערנדיקע אויגן האָט ער געבלאָנדזשעט פון גאַס צו גאַס. זיינע פיס, וואָס האָבן מיט עטלעכע שעה צוריק שוין געהאַט אויפ־געלעבט, האָבן איצט, נאָך דעם טרויעריקן גרוס, ווידער פאַרלאָרן זייער מאַכט. האָט ער מיט די שווערע פיס און מיט פאַרטרערטע אויגן לאַנג געבלאָנקעט איבער פרעמדע גאַסן און שפּעט ביינאַכט צוריקגעקומען אויף סוראַזער גאַס, ביי די גוטע חברים זעגער אין שטוב.

אַרום אַ געגרייטן טיש פאַר אָוונט־ברויט זיינען געזעסן מאַן און ווייב נאָך אַ טאָג פון געשעפט און געוואַרט פאַר דוד'ן, צו ריידן מיט אים וועגן טייבקע'ן, וואָס חבר אַבראַם האָט זיי דערציילט... און ווען זיי האָבן אים דערזען אַ פאַר'אַבל'טן מיט פאַרוויינטע אויגן, האָט זיי ווי אָפּגענומען דאָס לשון. דוד האָט זיי שטיל באַגריסט, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ זיך געזעצט, און מיט אַ טרויעריקן שטילן קול געזאָגט:

— איך האָב מער נישט מיין טאַטן מיט דער מאַמען...ביידע — ביידע...

ער האָט זיך צעיאָמערט... דאָרע, וואָס איז פריער גרייט געווען אויף איר האַרציקן אופן צו אים ריידן וועגן טייבקע'ן, איז געזעסן אַ שטילע און מיטגעוויינט. בערקע, איר מאַן, האָט אים זיך געלאָזט אויס־וויינען, דערנאָך געפרעגט:

— וואָס אייגנטלעך האָט מיט ביידן פּאַסירט? און ווער האָט דאָס דערציילט?

דוד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט:

— אַ טעווינער באַלעגאָלע האָט די טרויעריקע נייעס מיר איבער־געגעבן. און אויף מיינע פראַגן האָט ער אַ וואָרט נישט געוואָלט מער זאָגן. אָט וואָס ס'מאַכט מיר צו טראַכטן...

— וואָס, אַ שטייגער?

— פון צער מיט חרפּה צוליב מיר — —

ער האָט זיי דערציילט, דוד, פון דעם לעצטן שבת, איידער ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז ער געווען צו־גאַסט ביי טאַטע־מאַמע אין שטעטל... ער האָט דערציילט, ווי זיין טאַטע, וואָס איז געזעסן טעג און נעכט און געלערנט אין בית־מדרש, האָט זיך אָפּט צוגעהערט און צוגעזען, ווי די באַלעבאַטים פון דער בערשטער־פאַבריק האָבן דאָרטן

אין בית־מדרש געהעצט די באַלעבאַטים פון שטעטל קעגן אים, גישע׳ס זון, וועלכער בונטעוועט די אַרבעטער אין פאַבריק! ער האָט אויך דערציילט, ווי די מאַמע זיינע מיטן טאַטן האָבן געהאַט אַזוי פיל צער דעם שבת... און דערנאָך, ווען ער, דוד, איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע, ווי דאָס האָט געווירקט אויף זיינע אָרעמע טאַטע־מאַמע...

און שפּעטער, אויפן געלעגער, האָט די פאַנטאַזיע פאַר אים געמאָלן מורא׳דיקע בילדער: „געזען״ האָט ער ווי דער טאַטע זיצט אין בית־מדרש און לערנט. הינטער אים שטייט אַ רעדל מיט אידן, און אייזיק יאָשע בער׳ס זון רעדט צו זיי מיט נקמה... זידלט דעם טאַטן מיט דער מאַמען וואָס זיי האָבן אויפגעהאָדעוועט אַ טרייפענעם ביין, און ניט דערוואָרגן אים קליינערהייט!... ער „זעט״, דוד, וואָס עס טוט זיך אויפן מאַרק... ווי די אָרעמע מאַמע ווערט געטריבן פון די הענדלער דאָרטן, וואָס שיקן איר צום זון, דעם קאַטאָרזשניק... ער „זעט״ וואָס ס׳טוט זיך אין דער ווייבערשער שול... ווי די ווייבער קערן זיך אַוועק פון איר, ווי זי וואָלט געווען אין חרם...

אַ גאַנצע נאַכט האָט די פאַנטאַזיע געמאָלן פאַר אים מורא׳דיקע בילדער, וואָס ער האָט קלאָר „געזען״ מיט זיינע אויגן: אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אין דער שטיל באַוויינט טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן צוליב אים אַזוי פיל געליטן, און וועמען ער האָט אַזוי טיף ליב געהאַט.

:: :: ::

נאָך אַ נאַכט ניט שלאָפן, האָט דוד זיך אויפגעכאַפּט נאָך האַלבן טאָג. ער איז פון בעט אַרונטער, און ביים ראַזירן זיך האָט ער אין שפּיגל באַמערקט זיינע רויטע אויגן מיט שוואַרצע צייכנס אַרום זיי. ער האָט זיך געוואַשן מיט קאַלטן וואַסער, זיך אָפּגעפרישט אַ ביסל און זיך גיך אָנגעטאָן. אינעם עס־צימער האָט ער געפונען אַ געגרייטן טיש פאַר פרישטיק. ער האָט אויך דאָרטן געפונען אַ צעטעלע:

„...זייט אַזוי גוט, דוד, עסט אַלץ וואָס איר געפינט אויפן טיש. צינדט אָן די ׳מאַשינקע׳, וואַרעמט אָן דאָס קענדל מיט קאַווע. ווען איר וועט פאַרטיק ווערן מיטן עסן, באַזוכט אונדז אין געשעפט. — דאָרע.״

ווען ער איז אין געשעפט געקומען, איז די קראָם פול געווען מיט קונדן. בערקע איז צוגעקומען און אין געאייל געזאָגט:

— חבר אַבראַם איז צוריקגעקומען. איך האָב אים דערציילט וועגן אייער טאַטע־מאַמע... איך האָב אים געזאָגט, אַז איר שלאָפט. „נו״, — האָט ער געזאָגט, — „ער וועט אייך זען היינט פאַרנאַכט.״ געדענקט־זשע, אָבער, דאָס וואָס איך האָב אייך נעכטן געזאָגט, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן — קומט צו אונדז פאַרנאַכט! מיר׳ן וואַרטן...

אין גאַס האָט אַ קאַלטער ווינט געבלאָזן. די סוראַזער גאַס איז, ווי אַלעמאָל, געווען אויפגעלעבט מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַנדלט און געזוכט פּרנסה. דוד, וועלכער איז מיט דריי יאָר צוריק זייער אָפט אַהער געקומען, און איז געווען באַקאַנט, האָט איצט אַלץ געלאָזט אין הינטערגרונט. נאָכדעם, וואָס דער וואוילער חבר בערקע האָט אים צום צווייטן מאָל דאָס זעלבע אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקגיין, האָט ער געפילט מאָדנע. און זיין גאַנצער געדאַנק האָט זיך פאַרשפּיצט אַצינד — גיין וואָס גיכער זען טייבקע'ן. ער האָט שפּאַנענדיק ביי זיך באַשלאָסן — אין ערגעץ זיך מער ניט אָפּשטעלן... נאָר ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם באַקאַנטן קליינעם רעסטאָראַן, וואו ער פלעגט אָפט טרעפן טייבקע'ן, האָט ער זיך יאָ אָפּגעשטעלט. ווען ער איז אַהין אַריין, האָט ער פייגע'ן מיט איר טאָכטער צירל מער נישט געטראָפן. די פרעמדע מענטשן האָבן אים דערקלערט, אַז די פריערדיקע באַלעבאָסטע האָט דעם געשעפט פאַרקויפט, און אַליין אַוועק וואוינען מיט איר טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט אין אַ דערבייאיק שטעטל.

אַן אַנטוישטער האָט ער זיך איצט אַוועקגעלאָזט צו טייבקע'ן... ער האָט זיך אַליין נישט געקענט דערקלערן די סיבה, ער האָט אָבער געפילט, אַז מיט יעדן טריט וואָס ער טוט דערנענטערט ער זיך צו אַ סוף פון דער דראַמע... ווען ער איז אָבער צוגעקומען צום הויף פונעם געסל וואו טייבקע וואוינט, און דערזען די באַקאַנטע הייזער מיט דער גוט־באַקאַנטער באַנק פאַר טייבקע'ס פענצטער, האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז דורך די שויבן זעט ער דאָרטןביים אויוון טייבקע'ס מאַמע זיצן און שטריקן... אַ נייע פרייד האָט אים דערמוטיקט און ער האָט דאָרט דרייסט אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט אים געעפנט טייבקע'ס מאַמע, וואָס ער האָט זי, צוליב דעם וואָס זי איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, קוים דערקענט. אויך זי האָט פריער גוט אָנגעשטרענגט אירע אויגן אין זיין פּנים, און מיטאַמאָל מיט אַ בייזער געמישט מיט שרעק אויסגעשריען:

— דוד?! וואָס טוסטו — איר דאָ? וועמען זוכט איר?

דוד האָט רואיק דערקלערט:

— איך בין איצט אַ פרייער מענטש. בין איך געקומען צו טייבקע'ן...

— וו־אָ־ס? — האָט זי אַ דערשראָקענע אים מער נישט געלאָזט ריידן, — טייבקע איז ביי מיר מער נישטאָ. זי וואוינט מיט אַ שטוב ווייטער מיט איר מאַן און מיט זייער קינד!

זי האָט גלייך געמאַכט אַ באַוועגונג צו עפענען די טיר און אים

הייסן גיין... איז ער אָבער פעסט מיט דער פּלייצע דאָרט געשטאַנען צוגעשפּאַרט און געמורמלט:

— זי האָט חתונה געהאַט... חתונה געהאַט... — האָט ער אין דער שטיל געהאַלטן אין איבער׳חזר׳ן, און פּלוצלונג זיך אַ וויג געטאָן...

זי האָט דאָס אַפּנים באַמערקט, און אים פאַרבעטן זיצן נישט ווייט פונעם אויוון, וואו זי איז פריער געהאַט געזעסן און געשטריקט אַ זאָק. ער האָט בלויז געפרעגט:

— מיט וועמען האָט זי חתונה געהאַט? כאָטש מיט אַ גוטן מענטשן?

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן, ווי זי וואָלט געמורמלט אַ תפילה:

— צי מיט אַ גוטן מענטשן? מיינע גוטע פריינט ווינטש איך חוץ זייער שאָדן אַזעלכע מענער, גאָטעניו... אוי, נישט היינט געדאַכט. — האָט זי זיך געוויגט הין און קריק, — ווען מיין טייבקע איז נעבעך געווען אַזוי קראַנק! נישט געוואָלט אימעצן אָנקוקן, נישט געוואָלט אויסריידן אַ וואָרט. נאָר געזעסן ווי אַ געליימטע אויף איין פּלאַץ אין שרעק פאַר פּאָליציי... האָט אונדז גאָט צוגעשיקט פּיוול׳עןְ, איר מאַן, וועלכער האָט געאַרבעט מיט מיין שלמה־זלמנ׳ען ביי וועבעריי. געלערנט מיט אים אין איין בית־מדרש, און ער איז צו איר געטריי געווען מער פון אַ טאַטע־מאַמע! און היינט, ווען איך האָב שוין דערלעבט זען אַ לעבעדיק קינד ביי מיין טאָכטער! פּיוול ווייסט דאָך גאָר ניט ווי איר אָפּצושעצן...

זי איז באַלד צוגעלאָפן צום קאָמאָד. פון אַ שופלאָד אַרויסגענומען זייער חתונה־בילד, ווי טייבקע שטייט אין איר חופּה־קליידל מיט איר חתן, וואָס זעט אויס פיל עלטער פון איר, אַ טונקעלער מיט אַ ברייטן פּנים... דוד האָט באַטראַכט דאָס בילד, אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ער האָט פון יוצא־וועגן פריינטלעך באַמערקט:

— ער זעט אויס טאַקע צו זיין זייער אַ וואוילער. איך ווינטש זיי גליק. איך וויל אייך בלויז פרעגן, צי איז ניט מעגלעך גיין איר זען?

— זאָל גאָט אויסהיטן! — האָט זי מיט רוגזה אויסגעשאָסן. — זי איז אַ מאַמע פון אַ קינד. איר שוויגער וואוינט מיט איר. ווילט איר גיין און מאַכן אַ בייז לעבן צווישן מאַן און ווייב?

זי איז געשטאַנען אַ צונויפגעדרייטע אין איר ווינטערדיקן וואַרעמען יאַק. און געדאַכט האָט זיך אים אין דעם מאָמענט, אַז די דאָזיקע פרוי, וואָס רעוועט אַזוי, האָט נישט די מינדסטע ענלעכקייט צו טייבקע׳ס

מוטער, וואָס ער האָט אַזוי געקענט פאַר אַזאַ וואוילע, האַרציקע סיי מיט איר אויסזען, סיי מיט איר אַרט ריידן צו אים. ער האָט געפּרוּווט מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

— איך זע איין, אַז איר האָט רעכט. איז אָבער נישט מעגלעך זי זאָל אַהערקומען? — זעט: איבער דריי יאָר האָב איך פון טייבקע'ן געטראַכט. איצט, ווען איך האָב זי געטראָפן אַ חתונה־געהאַטע, פאַר איך מאָרגן אַוועק, און ווער ווייסט צי איך וועל זי אַמאָל זען? קענט איר זיין אַזוי האַרצלאָז צו פאַרווערן כאָטש פאַר אַ ווײַלע זי אָנצוקוקן?

זי איז געזעסן און געטראַכט, די מאַמע. אַפּנים, אַז זיין געבעט האָט געווירקט. און בפרט — ביי איר איין שטוב, וואו זי וועט זיצן דערביי... זי האָט ענדלעך געזאָגט:

— גאָט זאָל מיר ניט שטראָפן וואָס איך גיי טאָן... — און אַרויפּ־געצויגן דעם מאַנטל אויף זיך. נאָר ווען זי איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זי זיך צו אים אויסגעדרייט מיט אַ וואָרנונג:

— איר וועט אָבער מוזן געדענקען, אַז טייבקע איז שוין אַ ווייב פון אַ מאַן און אַ מאַמע פון אַ קינד!

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און ווען זי איז, נישט אינגאַנצן אַ באַרואיקטע, אַוועק רופן די טאָכטער, איז ער אַליין אין שטוב געזעסן און געפּרוּווט טראַכטן — וואָס, למשל, וועט ער ריידן מיט איר?... איז ער געזעסן מיט אַ בלאַנקן מוח, וואָס האָט גאָרנישט ניט געקענט טראַכטן, און מיט שטאַרע אויגן געקוקט קעגנאיבער אים — אויף דעם ווייסן קאַכלאָוון אויוון, וואָס איין קאַכלע דאָרט ביי דער זייט איז איבערגעשפּאָלטן, און אַ דינער־שוואַרצער צייכן קוקט אַרויס צו אים ווי צו אַ נאָענטן, און דערציילט אים פון אַמאָליקע גוטע צייטן, וואָס זיינען היינט מער נישטאָ — —

די טיר האָט זיך געעפנט. ס'איז צו־ערשט אַריינגעקומען די מאַמע, דערנאָך טייבקע, אין אַ גראָען באַראַשקענעם מאַנטל, מיט אַן אויפּ־געשטעלטן קאָלנער. זי איז פאַר אַ ווייל געבליבן שטיין, אָנגעקוקט אים, און אין דער שטיל, ווי זי זאָל זיך געפינען אין שפּיטאָל, גערופן:

— דוד... וואָס מאַכסטו, דוד?

— אָט, ווי דו זעסט מיך, טייבקע, — האָט ער רואיק געזאָגט.

זי האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל און געוויזן איר שלאַנקע פיגור, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט ניט געענדערט. זי האָט ביים שפּיגל פאַר־ריכט איר פריזור, וואָס זי האָט איצט אַנדערש, מיט מער רייץ, געטראָגן. דערנאָך זיך געזעצט לעבן דער מאַמע, וואָס האָט איר נאָכגעקוקט איר יעדן קער וואָס זי האָט געטאָן. און זי האָט געזאָגט:

— דו זעסט אויס גאַנץ גוט, דוד. פאַרוואָס שווייגסטו? האָסט דאָך אַזוי פיל צו דערציילן, דוד...

— וואָס איז דאָ איצט צו דערציילן? איך בין מיט עטלעכע טעג צוריק געוואָרן אַ פרייער מענטש... בין איך ערשטנס געקומען צו דיר.... דאָס איבעריקע ווייסטו אַליין.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן מיט אַ פאַררויטלט פּנים, ווי זי וואָלט געטראָפן געוואָרן פון זיין ענטפער. אָבער שווייגן האָט זי ניט געוואָלט, כאָטש ס'איז פאַר איר שווער געווען איבער'חזר'ן וואָס זי האָט געליטן צוליב זיין פאַרשיקונג. זי האָט געזאָגט:

— עס איז ניט מיין שולד, דוד. איך בין געוואָרן קראַנק, ווען איך בין געוואָר געוואָרן פון דיין פאַרשיקונג! איך האָב מער ניט געוואָלט לעבן... איך האָב פאַרלוירן דעם צוטרוי צו אַלעמען! איך פרעג דיר איצט: פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט ניט דערציילט? אפשר וואָלט אינגאַנצן אַנדערש געווען?... מיין מאַן איז זייער גוט צו מיר, ער לאָזט מיר גאָר ניט זאָרגן. ס'איז שלעכט בלויז וואָס עס פעלט פּרנסה ביי די וועבעריי. נאָך פּסח וועט ער מסתמא קיין אַמעריקע אַוועק, וואו ער האָט אַ ברודער, וואָס איז ווילִיק אים אַריבערנעמען.

ס'איז שטיל געוואָרן אין שטוב, ווי קיינער וואָלט מער ניט געהאַט וואָס צו ריידן. און ווי דער אמת, האָבן אירע רייד איצט ווייניק דוד'ן אינטערעסירט און ער האָט געטראַכט זיך אָפּגעזעגענען...

— און וואָס טראַכסטו? — האָט זי מער געוואָלט וויסן. — וועסט ווידער גיין אַרבעטן אין פאַבריק? כ'מיין, דאָ אין ביאַליסטאָק?

— וואָס עפּעס דאָ אין ביאַליסטאָק? ווייניק צרות האָב איך דאָ געהאַט? די גאַנצע וועלט איז איצט פריי פאַר מיר, טייבקע.

זי האָט געשוויגן מיט אַ פּנים, וואָס איז נישט צופרידן געווען פון זיין ענטפער. זי האָט דווקא געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרבלייבן דאָ אין שטאָט.

— איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס ניט? — האָט זי איבערגע'חזר'ט.

— דאָ האָסטו נאָך גענוג פריינט. דיין קאָזין אָסיפּ, ווען ער טרעפט מיר, פרעגט ער ווען דו וועסט צוריקקומען און זיין ביי זיי! ווייסט אַליין ניט וויפיל פריינט דו האָסט דאָ, — האָט זי דערקלערט.

די מאַמע האָט זיך פלוצים צעשריען:

— ווי איך זע, מישט דו זיך צופיל אין פרעמדע עסקים! איך וויל דאָס ניט ליידן, טייבקע! — האָט די מאַמע, אַ בייזע, פאַרענדיקט מיט אַ טאַרקע אין טייבקע'ס אָרעם.

— און ווי איך זע, מישט דו זיך גאָר אין פרעמדע עסקים, מאַמע!

— האָט טייבקע רויט־ווערנדיק זיך אַ הויב געטאָן.

ביים געזעגענען זיך, האָט דוד באַמערקט אַ פולן קיילעכדיקן טרער ליגן אויף איר באַק, וואָס איז פאַרבליבן ביי אים אין געדעכעניש פאַר לאַנגע יאָרן.

צוריקוועגס, האָט דוד געשפּרייזט מיט געאיילטע טריט, וואָס גיכער זיך צו טרעפן מיטן גוטן חבר אַבראַם און מיט די איבעריקע חברים־טוער אינעם צענטראַל־קאָמיטעט. און באַלד אויף מאָרגן, נאָך אַ חבר'שער אויפנאַמע וואָס ער האָט דאָרט געקראָגן, האָט די באַן אים שוין געפירט ווייט אַוועק, וואו ער האָט זיך איינגעאָרדנט און באַנייט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט...

.1953

(סוף)

צוויי מענטשן

1

די שטוב איז שוין געווען כמעט אויסגעליידיקט; די מעבל מיט די אַנדערע חפצים זיינען געווען אַוועקגענומען. איצט האָט די באַלע־באָסטע, דינקע, געהאַלטן אין צונויפפּאַקן אירע לעצטע בויטיקע זאַכן. דאָס גרייט געמאַכט אָפּצושיקן פון דער ניו־יאָרקער באַן־סטאַנציע קיין סאַוט קאַראָליינע — וואוהין זי האָט זיך געקליבן פאָרן צו איר מאַן זיגמונד סלייטער, מיט וועמען זי האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט.

ביי דינקע׳ן איז סלייטער געווען דער צווייטער מאַן. ער איז פון איר עלטער געווען מיט צען יאָר. סלייטער איז אָבער געווען פאַר־מעגלעך און זייער אַ וואוילער מענטש. דינקע, די פערציק־יאָריקע אלמנה, האָט אים צופעליק באַגעגנט (ווען זי איז געווען פאַראַרעמט) און איינגעוויליקט מיט אים חתונה צו האָבן און קומען צו אים קיין סאַוט קאַראָליינע, וואו ער מיט זיינעם אַ זון האָבן בשותפות פאַרמאָגט אַ געשעפט.

מיט איר ערשטן מאַן, סעם וועריניק, האָט דינקע געלעבט זיבן יאָר. זייער פרנסה האָבן זיי דעמאָלט געצויגן פון אַ שפּייז־קראָם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אַ ניט־אידישער געגנט. און ווייל איר מאַן האָט אָפּט צוגעקרענקט, האָט דינקע געמוזט טראָגן אויף זיך דעם הויפּט־יאָך און איז אין געשעפט געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט. קיין אייגענע קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, האָט דינקע געהאָדעוועט ביי זיך באָרע׳ן, וואָס איז צו דריי יאָר פאַרבליבן אַ פולער יתום נאָך איר יונג־פאַר־שטאָרבענער שוועסטער זיסל. באָרע׳ן האָט דינקע פונעם אויג נישט אַרויסגעלאָזט, ווי ער וואָלט געווען איר אייגן קינד.

צו דינקע׳ס אומגליק, איז דער דריי־יאָריקער באָרע געווען אַ קרענקלעכער נפש, וואָס האָט אַלעמען פאַרמאַטערט מיט זיין וויינען גאַנצע נעכט. און דינקע, אַליין אַ מידע פונעם טאָג אין געשעפט, האָט מיטגעוויינט מיטן קינד. ווייל געדאַכט האָט זיך איר, אז דאָס קינד וויינט נעבעך, ווייל ער בענקט נאָך טאַטע־מאַמע... אין אַ צייט אַרום,

ווען איר מאַן, סעם ווערניק, איז געשטאָרבן, האָט זי דאָס געשעפט געמוזט פאַרקויפן און איז פאַראָרעמט געוואָרן. דערפאַר האָט זי מער צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט דעם קינד׳ס דערציאונג, און אונטער איר וואַכזאַמקייט איז באָרע אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, שיינער בחור׳ל.

איצט, מיט יאָרן שפּעטער, ווען דינקע האָט אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט און זיך געקליבן אַוועקצופאָרן צו איר מאַן קיין סאַוט קאַראָליינע, איז דער שלאַנקער פערצן־יאָריקער באָרע, צו וועלכן זי האָט קוים דערגרייכט צו זיינע אַקסלען, נאָך אַלץ געווען ביי איר אַ פּראָבלעם, — וואָס צו טאָן מיט אים, ווען זי האַלט ביים אַוועקפאָרן. איינס איז פאַר איר קלאָר געווען, אַז זי וועט אַפילו נישט מאַכן קיין פּרואוו באָרע׳ן צו דערמוטיקן, אַז ער זאָל שוין מיט איר אַהינפאָרן, נאָך איידער זי וויסט פאַר זיכער, אַז ער וועט דאָרטן האָבן אַ גוטע היים. גלייכצייטיק האָט אָבער איר האַרץ געציטערט אים צו לאָזן דאָ, אין ניו־יאָרק, אָן השגחה. נישט דערפאַר, ווייל אים קען עפּעס דאָ אויספעלן, — וועגן דעם האָט דינקע געטראַכט צו באַזאָרגן; און זי האָט אויך געקענט באָרע׳ן פאַר זייער אַ פייאיק אינגל, וואָס קען פאַרדינען פאַר זיך ביי די שכנה׳שע געשעפטן, ווי ער האָט געטאָן ביז איצט.

דינקע האָט אָבער יאָ מורא געהאַט וואָס ס׳קאָן געשען מיט זיין „אידישקייט״, ווען זי וועט דאָ מער ניט זיין; ווייל לויט איר רעליגיעזן באַגריף, איז נישט רעכט פאַר אַ אידיש קינד זיך כסדר חבר׳ן מיט ניט־אידישע קינדער. און די גרעסטע זאָרג וואָס דינקע׳ן האָט נישט געלאָזט רוען, אַז ווען זי וועט דאָ מער ניט זיין, וועט באָרע זיין פריי און אַריינציען זיך צו זיין בעסטן חבר טאָמי; טאָמי׳ס טאַטע־מאַמע האָבן איר שוין אַפילו דאָס אָנגעבאָטן און פאַרזיכערט, אַז איר באָרע וועט ביי זיי געפינען אַ גוטע היים. אָבער...

:: :: ::

ס׳איז געווען באַלד נאָך די אידישע יום־טובים. די אָקטאָבער־זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. די געדיכט־באַפעלקערטע גאַס האָט, ווי תמיד אינעם פאַרנאַכט, געטומלט מיט די דורכפאָרנדיקע אויטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער און מיט דעם געטומל פון די קינדער, וועלכע האָבן, נאָך אַ טאָג זיצן ווי פאַרשפאַרט אין זייערע קלאַס־צימערן, זיך פריי אַרויסגעלאָזט אינעם מילדן אָקטאָבער־פאַרנאַכט, און מיט זייער פריידיק געלעכטער און שפּילערייי פאַרהילכט די גאַס. אין אָט־דעם פאַרנאַכט האָט דינקע פון גאַס גערופן באָרע׳ן מיטצוגיין מיט איר ערגעץ. האָבן זיי ביידע זאַלבענאַנד זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שול „אַנשי בני יעקב״, וואו דינקע האָט לעצטע ימים־נוראים געדאַוונט, און געזוכט צו טרעפן

דאָרטן אין שול דעם אַלטן רב ליוואַי, ווען זי האָט דעמאָלט געהערט ריידן פאַרן עולם אין שול, „ווי וויכטיק עס איז צו געבן אידישע קינדער אַ רעליגיעזע דערציאונג״, וואָס אויף איר האָבן זיינע רייד געווירקט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן איר באָרע׳ן — ווען זי האָט צוליב פאַרשיידענע סיבות אַזאַ דערציאונג נישט געקאָנט געבן... און געטראַכט האָט זי איצט, אַז דער דאָזיקער רב ליוואַי איז זיכער אַ קלוגער און אַ גוטער; זי וועט אים אַלץ דערציילן, און ער וועט אויסהערן איר פאַרלאַנג און איר זאָגן וואָס זי זאָל טאָן אַצינד, ווען זי פאַרט אַוועק. מעגלעך, אַז ער, דער רב ליוואַי, וועט זיך אפשר באַמיען פאַר באָרע׳ן אַ היים צו קריגן צווישן זיינע קרייזן.

איז דינקע געגאַנגען מיט באָרע׳ן אַ פאַרטראַכטע. זי האָט גע־קרייצט די גאַסן, עוועניוס, און גלייכצייטיק געטראַכט פון איר שווערן לעבן, וואָס זי האָט אָפּגעפּינצטערט און עס נעמט קיין עק נישט; ס׳האָרץ האָט געוויינט ביי איר פון צער, וואָס נאָך פיל יאָרן מי, ביז זי האָט באָרע׳ן דערצויגן, זוכט זי איצט נאָך אַליין אים איבערצולאָזן צווישן פרעמדע, און ווער ווייסט, צי זי וועט אים נאָך זען...

— מאַ, — האָט באָרע זי פּלוצלונג געפרעגט, — וואוהין גייען מיר, מאַ?

דינקע האָט אַ ציטער געטאָן, ווי אימעצער זאָל זי פונעם שלאָף אויפוועקן. זי האָט זיך נעענטער צו באָרע׳ן צוגערוקט און ליבלעך געזאָגט:

— מיר גייען צו אַ וואויל באַקאַנטן מענטשן, ער זאָל געפינען אַ גוטע היים פאַר דיר, ביז דו וועסט צו מיר קומען. ביסט אַוואַדע צופרידן, באָרע?

זי האָט צוגעשמייכלט מיט איר יעדן וואָרט. באָרע האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, פאַר אַ סימן, אַז ער איז צופרידן, וואָס די מאַמע זוכט פאַר אים אַ היים דאָ אין ניו־יאָרק, און טראַכט ניט אים מיטצונעמען דאָרטן צו איר מאַן, וואָס איז צו אים פרעמד. עס האָט אים אָבער פאַרדראָסן, וואָס די מאַמע איגנאָרירט אים, און לאָזט נישט איבער דעם־אַ ענין פאַר אים אַליין צו דערליידיקן.

— איך זע ניט איין, מאַ, — האָט ער געפרעגט, — צו וואָס דאַרפסטו זיך באַמיען וועגן דעם? איך דענק, אַז ביי טאָמי׳ן וואָלט פאַר מיר גוט געווען! זיי בעטן מיך, מאַ!

זי האָט אַ שטרענגן בליק געוואָרפן אין זיין זייט און קורץ דער־קלערט:

— ניין, באָרע. דאָרט טויג ניט פאַר דיר. דערמאָן דאָס מער ניט!

זי האָט געפיבערט פון אויפרעגונג און פון אַנגסט, וואָס ער האָלט איר אין איין דערמאָנען פון זיין חבר טאָמי מיט זיינע עלטערנ׳ס פאַרלאַנג. ווי דאָס וואוינען ביי זיי וואָלט ביי אים געווען געוואַלדיק וויכטיק. און טאָקע דערפאַר האָט זי געזוכט מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן אים אָוועקרייסן פון זיי. כאָטש ווי דער אמת, האָט זי, דינקע, ביז איצט קיינמאָל אַפילו נישט געפּרואווט דאָס צו טאָן, ווייל טאָמי׳ס הויז־געזינד איז אַלע מאָל געווען פריינטלעך צו איר באָרע׳ן. איצט אָבער האָט די לאַגע זיך געענדערט, ווען זי פאָרט אַוועק... און בכלל איז פאַר איר שווער געווען דאָס באָרע׳ן צו דערקלערן. באָרע האָט אָבער געזוכט אַ קלאָרן ענטפער, איז ער מיטגעגאַנגען אַ שטילער און געפּרואווט נאָכצוטראַכטן, פאַרוואָס די מאַמע האָט געענטפערט אַזוי שטרענג אויף זיין מילדן, לאַגישן פאַרלאַנג.

— מאַ, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — דערקלער מיר, מאַ, פאַרוואָס טויג דאָרטן נישט פאַר מיר? איך וויל וויסן, מאַ!

זי האָט נישט געענטפערט, דינקע. און באָרע האָט פאַרצווייפלט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דינקע׳ס טריט, און פון דער זייט געקוקט אויף אירע פאַרשלאָסענע ליפּן און אויף איר פאַר׳עקשנ׳טן פּנים, וואָס האָט נישט אויסגעדריקט קיין ווילן נאָכצוגעבן אים. וועגן דעם, אַז די סיבה פון דער מאַמע׳ס פאַרזאָג איז ניט די שולד פון די מענטשן אין טאָמי׳ס הויז־געזינד, נאָר דער „גלויבן" זייערער, וואָס איז אינגאַנצן דער היפּוך פון זיין מאַמע׳ס, און דערפאַר איז נישט רעכט פאַר אים — אַ אידיש קינד, דאָרט ביי טאָמי׳ן זיך איינצובירגערן, — דאָס האָט ער, דער פערצן־יאָריקער באָרע, וואָס איז אויסגעוואַקסן און זיך כסדר געח׳בר׳ט מיט קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן — גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן! ווייל אין זיין קינדערש וועלטל האָבן ביז איצט עקזיסטירט גוטע און שלעכטע מענטשן, און די מענטשן פון זיין חבר טאָמי׳ס שטוב זיינען אַלע מאָל געווען גוט צו אים. איז ער געגאַנגען פאַרטיפט אין טראַכטונגען און מיט זיין יונגן מוח געפּרואווט זיך צו דערגרונטעווען די סיבה: פאַרוואָס האָט די מאַמע אַזוי געזאָגט? און וואָס שווייגט זי איצט?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שול, וואו אויף דער וואַנט פון אַ באַשיידן הויז איז געווען אָנגעקלאַפּט אַן אָרעם שילדל: „אַנשי בני יעקב שול". זי — אין פאָראויס, באָרע — נאָך איר, זיינען אַרויף עטלעכע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אַריינגאַנג.

די שול „אַנשי בני יעקב" האָט זיך געפונען אין אַ ניט־אידישער

געגנט. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אין דעם אַרומיקן פּיל־באַפעלקערטן ישוב, באַוואוינט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, זיך בלויז געפונען גאָר אַ קליינער טייל אידישע איינוואוינער, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין איינציקע אידישע שול, אָדער וועלכע עס איז אינסטיטוציע צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע און קולטורעלע נויטן. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען עס האָט אין דער געגנט זיך באַוויזן אַ אידישער יונגערמאַן, יעקב נירנבערג, אַ קרעמער פון מאַנצ־בילשע קליידער, האָט ער צונויפגעקליבן דאָס ביסל אידן פון דער געגנט און מיט זייער הילף אויפגעבויט די שול „אַנשי בני יעקב", וואָס טראָגט איצט זיין נאָמען.

ווען דינקע האָט געעפנט די שול־טיר, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען, אַז זי איז געקומען צו־שפּעט — נאָכן דאַווענען. אין מזרח־וואַנט איז שוין געווען טונקל און קיינער איז דאָרטן נישט געווען. בלויז הינטער דעם באַלעמער זיינען איבער אַ טיש דריי מענטשן מיט ספרים געזעסן און זיך צוגעהערט, ווי איינער פון זיי, אַ יונגערמאַן אין די אָנהויב־דרייסיקער, אַ דאַרער, אַ טונקעלער, מיט אַן אויסגעבלייכט פּנים, זיצט קעגנאיבער די איבעריקע און לערנט מיט זיי. דעם אַלטן רב ליוואַי, צו וועמען דינקע איז געקומען פרעגן אַן עצה, האָט זי נישט געטראָפן.

ס'איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. איינער פון זיי, אַן עלטערער, מיט אַ גרוילעך געשוירענער באָרד, איז צוגעקומען און געפרעגט:

— וועמען, אַ שטייגער, ווילט איר דאָ זען?

— איך דאַרף דעם רב ליוואַי, וועגן מיין זון, — האָט זי אָנגעוויזן אויף באָרע'ן.

— דער רב ליוואַי איז קראַנק, — האָט פונעם טיש געענטפערט דער יונגערמאַן. — קענט איר ניט זאָגן אונדז צו וואָס איר דאַרפט אים?

זיי זיינען ביידע צום טיש צוגעקומען. דינקע האָט דערקלערט:

— איך האָב דאָ אין שול געדאַווענט לעצטע ימים־נוראים. איך האָב געהערט דעם רב ריידן וועגן דערציען אַ אידיש קינד. בין איך איצט געקומען פאַר אַן עצה צו אים וועגן מיין זון. קענט איר מיר ניט זאָגן, ווען און וואו איך קען אים טרעפן? אפשר מיר געבן זיין אַדרעס?

זי איז געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטע און באַטראַכט די מענטשן וואָס זיינען געזעסן איבער ספריםביים טיש, און דערוואַרט אַ הילף פון זיי. דער יונגערמאַן האָט ווידער זיך אָנגערופן:

— מיר ווייסן ניט צו זאָגן באַשטימט, ווען איר קענט אים דאָ טרעפן. עס איז אויך ניט ראַטזאַם, אַז איר זאָלט גיין צו אים אַ היים, ווען יענער איז קראַנק, אים צו באַאומרואיקן. ס'טוט מיר לייד, מיסעס.

זי האָט זיך אויסגעדרייט אַ צעערגערטע און מיטגערופן באַרע'ן. דער יונגערמאַן האָט זי צוריקגערופן:

— אפשר קאָנט איר אונדז דערציילן אייער טראָבל? אמת, מיר זיינען דאָ ניט קיין רבנים, נאָר אַמאָל קאָן טרעפן, אַז אויך פּראָסטע אידן העלפן מיט אַן עצה.

זי האָט מיט אַ פאַררויטלט פּנים אָנגעהויבן דערציילן:

— מיין נאָמען איז דינקע סלייטער. מיין זונ'ס נאָמען איז באַרע. דאָס קינד פון מיין ערשטן מאַן וואָס איז געשטאָרבן. איצט האָב איך חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל מיט איינעם זיגמונד סלייטער, וואָס וואוינט אין סאָוט קאַראָליינע, און איך פאָר צו אים. צוליב געוויסע סיבות קאָן איך איצט מיין זון ניט נעמען מיט זיך. און איך וויל אים דאָ נישט איבערלאָזן אָן השגחה. פרעג איך: אפשר ווייסט איר, אידן, וואו צו קריגן פאַר מיין זון באַרע אַ דערווייליקע אידישע היים, וואו איך זאָל רואיק זיין? יאָ, איך בין גרייט צו באַצאָלן.

די מענטשן אַרום טיש האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה דער פאַרצווייפלטער פרוי צו געבן. דער יונגערמאַן האָט באַטראַכט באַרע'ן, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, און אים ענדלעך געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך, בחור'ל?

— באַרע, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— דו ווייסט, האָט דער יונגערמאַן מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן געזאָגט, — דו געפעלסט מיר, באַרע. דו זעסט אויס צו זיין אַ שטילער, אָרענטלעכער בחור. בין איך זיך דערפאַר מיישב: אפשר דיך אַריינ־נעמען צו מיר אין געשעפט? פאַרשטייט זיך, ניט צו אַרבעטן. וועסט פריער מוזן פאַרענדיקן דיין לימוד אין סקול; מיר וועט דערווייל זיין היימלעכער, האָבן מיט וועמען אַ וואָרט איבערצובייטן. טאָ וואָס זאָגסטו, באַרע?

— איך ווייס ניט, — האָט באַרע אַ שעמעוודיקער געזאָגט, — איך וועל ריידן מיט מאַמע און לאָזן אייך וויסן. — יאָ, — האָט ער נערוועז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו דינקע'ן:

— איר פאַרשטייט, מיסעס, איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז באַצאָלן מיר וועט איר נישט דאַרפן, ווייל ער וועט דאַרפן זיך אַליין באַדינען. וועגן עסן? בין איך נישט קיין גביר, זאָג איך אייך, נאָר וואָס איך וועל עסן, וועט עסן אייער קינד. און זייט אויך וויסן, אַז איך בין ניט קיין מלמד, צו קנעלן תורה מיט אייער זון, נאָר אַ קרעמער מיטן נאָמען

יעקב נירנבערג, וואָס זוכט פּרנסה. איך וועל אָבער אויף אים אַכטונג געבן, ווי אויף מיין אייגן קינד. איצט זייט זיך מיישב.

דינקע האָט אויסגעהערט אַ גליקלעכע און פון גרויס שמחה קיין וואָרט נישט געקאָנט זאָגן...

2

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען באָרע האָט געהאַט באַגלייט דער מאַמע צו דער באַן־סטאַנציע, פונוואַנען זי איז אָפּגעפאָרן קיין סאַוט קאַראָליינע צו איר מאַן. פון דאָרט איז באָרע אַוועק צו זיין נייער היים, וואָס זיין מאַמע האָט פאַר אים אויסדערוויילט — ביי דעם פרומען אידישן קרעמער יעקב נירנבערג.

די דאָזיקע נייע היים איז באמת ביידן גאָרנישט געווען צום האַרצן פון זינט נעכטן, ווען מאַמע און זון זיינען אַהין געקומען צו געבן זייער פּאָזיטיוון ענטפער, און דערווייל האָט די געטרייע דינקע געגאַרט אָב־קוקן די דירה, וואו דאָס אינגל באָרע דאַרף וואוינען, און זי איז געבליבן אַנטוישט: די דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי קליינע צימערן, איז געווען פאַררוקט הינטער דער קראָם, אָן גענוג ליכט און אָן לופט, און בכלל האָט געפעלט דאָרט אַ באַלעבאַטטעס׳ס האַנט סיי אינעם קיך־צימער, סיי אינעם צימער, וואו יעקב האָט אָנגעוויזן דינקע׳ן, באָרע וועט שלאָפן... אָבער ביי דינקע׳ן איז נאָך אַלץ רעכט געווען דאָרט איבערצולאָזן באָרע׳ן, איז בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט פאַר קיין פאַל דעם אינגל נישט געוואָלט איצט מיט זיך נעמען, און האָט געגלויבט דעם פרומען יעקב׳ס וואָרט, אַכטונג צו געבן אויף באָרע׳ן.

און באָרע? אים האָט דווקא אַזוי נישט אינטערעסירט, צי פונעם פענצטער אין זיין שלאָף־צימער זעט מען יאָ דעם הימל אַרויס, צי ניט, ווי ס׳האָט אים געצויגן צוריק צו זיין סביבה, פונוואַנען דינקע האָט אים מיט געוואַלד אַוועקגעריסן, פון זיינע שול־חברים און פריינט, וואָס ער איז מיט זיי פאַרוואַרצלט געווען פון זינט ער געדענקט. און איצט, ווען ער האָט געהאַפּט, אַז ווען די מאַמע וועט אַוועקפאָרן, וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו וואוינען וואו ער וועט נאָר וועלן, און זיך חבר׳ן מיט וועמען ער וועט וועלן, איז ער גאָר הינטער אַ צאַם ביי אַ פרעמדן, וואָס ניט ער קען אים און ניט ער וויל אים קענען! איז ער פונעם וואָקזאַל געגאַנגען, באָרע, צו זיין נייער היים, מיט פינצטערע מחשבות דורך פרעמדע רוישיקע ניו־יאָרקער גאַסן, וואו ער האָט גאָר־

נישט ניט געזען און גאַרנישט באַמערקט, נאָר בלויז ערגעץ אין זיין יונגן מוח האָט אַן אָדערל מיט בטחון געקלאַפּט — ער וועט שוין פּטור ווערן — נאָך היינט!...

יעקב האָט אויסגעקוקט אַז בּאַרע זאָל שוין קומען. און ווען ער איז געקומען האָט ער גיך אָװעקגעשטעלט דעם פּרעס־אייזן, אַרומ־גענומען באַרע'ן, און מיט פרייד געזאָגט:

— ווי דו זעסט, דאָ אין קראָם איז די „ביזנעס" טויט... ס'איז נישטאָ צו וואָס און פאַר וועמען צו האַלטן אַ מענטשן פאַר דער אַרבעט.

יעקב האָט זיך ווי פאַרענטפערט, וואָס באַרע האָט אים געטראָפן אַרבעטנדיק מיטן פּרעס־אייזן... גלייכצייטיק דערציילט פון זיינע שלעכטע געשעפטן בכלל. ער האָט זיך באַלד נאָכדעם געלאָזט צו זיינע צימערן, און ווען ער איז צוריקגעקומען, באַמערקט:

—איך האָב געוואַרט אויף דיר מיטן עסן, באַרע. איצט, מיין זון, קום מיט מיר, ביסט אַוודע אויך הונגעריק?!

ער האָט מיט פרייד געקוקט באַרע'ן אין די אויגן, אַז יענער האָט געמוזט געבן אַ שמייכל...

— אָ־רייט, מיסטער נירנבערג, — האָט ער פאַררויטלט געזאָגט און איז שטיל געבליבן.

— וואָס פאַלט דיר איין, רופן מיך מיסטער נירנבערג?! מיר זיינען חברים איצט! רוף מיך יעקב, — ווערסטו דאָס געדענקען?

ער האָט אים מיט פרייד אַרומגענומען, און איז מיט אים אַוועק אינעם קיך־צימער, וואו אויף אַן איינפאַך געלבלעך־געפאַרבטן טיש, איבערגעצויגן מיט אַ ווייסער צעראַטע, איז געווען ברויט, אַ פלאַש מילך, באַנאַנעס, זויערע סמעטענע, און קאַווע מיט קיכלעך. ער האָט באַרע'ן געבעטן זיצן ביים טיש, און באַלד אים דערמאָנט:

— פריער, מיין זון, גיי צום קראַן וואַסער. וואַש אָפּ ריין די הענט. און דאָ געפינט זיך אַ האַנטוך — זעסט!

ביים עסן האָט יעקב געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, בענקסט נאָך דער מאַמען... ביסט דאָך שוין אָבער אַ דערוואַקסענער בחור, וואָס דאַרף באַרעכענען, אַז דיין מאַמע, נאָך פיל יאָרן זאָרגן זיך פאַר דיר, האָט פאַרדינט איצט, ווען זי האָט דיך שוין דערצויגן, זיך אַליין אַ ביסל צו באַזאָרגן, — בין איך גערעכט, באַרע?

ווען באַרע האָט געשוויגן, האָט יעקב ווידער אָנגעהויבן:

— זיי וויסן, מיין זון, ווען דאָס געשעפט וועט אויפלעבן, וועל איך קיין צייט ניט האָבן צו עסן מיט דיר צוזאַמען. זאָלסטו זיך ניט שעמען

און ניט פרעגן, וועסט נעמען עסן אַליין פון אַלצדינג וואָס דו וועסט געפינען.

ער האָט באַרע׳ן אַ נעם געטאָן פאַר זיין שמאָלער מאָרדקע, און אויפגעהויבן זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט באַרע׳ן מיט דעם געצוואונגען אַ שמייכל צו טאָן, און געזאָגט צו אים:

— איך מוז שוין ערגעץ אַוועקגיין. מיט איין שעה שפּעטער, מעגסטו צושליסן די קראָם־טיר, און אויסלעשן די עלעקטריק. דערווייל לאָז איך דיך איבער. און אפשר וואָלסטו דאָרט דערווייל דיין היים־אַרבעט פאַר סקול געמאַכט?

:: :: ::

מיט אַ וואַרעם געפיל, וואָס פאַר אים איז דאָס שווער געווען צו דער־קלערן, האָט באַרע דורך די גרויסע קראָם־פענצטער מיט די אויגן באַגלייט יעקב׳ן אין גאַס אַרויס.

זיין אויפבאַפּנדיקער יונגער מוח, וואָס האָט די לעצטע טעג געווירבלט מיט פּלענער, וואָס־גיכער זיך אַרויסצורייסן פון הינטער דעם צאַם וואָס די מאַמע האָט אים פאַרשפּאַרט, און אַ באַפרייטער זיך צוריקקערן צו זיינע חברים, האָט איצט, גראָד ווען יעקב האָט דעם געשעפט פאַרלאָזט, ווי געפּלאָנטערט דעם וועג פאַר אים, צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. — ווי אינגאַנצן אין דעם פאַרגעסן, אָנשטאָט דעם, איז ער גאָר געשטאַנען אַ פאַרבענקטער און געפילט, אַז מיט יעקב׳ס אַוועקגיין פעלט אים עפּעס...

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען באַרע האָט באַטראַכט די גרויסע קראָם מיט די לאַנגע שורות מלבושים הענגען אויף אייזערנע שטאַנגען און האָט באַ־רעכנט, אַז דעם גאַנצן געשעפט האָט יעקב אים אָנפאַרטרויט, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן זיין פּלוצלונגדיקע בענקעניש נאָכן מענטשן, פאַר וועמען ער, באַרע, איז נישט מער פאַררעכנט פאַר אַ אינגל, נאָר שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אויף וועמען דער־אַ יעקב קאָן זיך פאַרלאָזן...

טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ זיך דורכגע־שפּאַצירט פאַר די לאַנגע שורות מיט מלבושים, באַטראַכט יעדן אָנצוג, מעשה מבין, — געטאַפּט די סחורה, אָנגעקוקט דאָס געניי און געטראַכט דערביי: ווי אינטערעסאַנט דאָס וואָלט געווען, ווען ס׳קומט איצט אַריין אַ קונד און אים געלינגט צו מאַכן אַ מסחר... דאָס געלט וואָלט ער גלייך איבערגעגעבן יעקב׳ן, און ער, יעקב, וואָלט אים שוין באַטראַכט פאַר... ניין! — האָט ער מיט חרטה געדרייט מיטן קאָפּ, — ער וויל ניט קיין מסחר, נאָר אַ לערער וויל ער זיין — אָט וואָס!

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף היינט אָוונט נאָך פּאַרטיק מאַכן

אַ קאָמפּאָזיציע פֿאַר זיין ענגלישן לערער אין זיין נייער סקול. ער וועט אָנשרייבן — יאָ... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„... ער געפינט זיך אין טאָמי׳ס שטוב. ס׳איז אַ זומער פרימאָרגן. דער אַלטער טשאַרלי, טאָמי׳ס טאַטע, שטייט אויף דער גאַס מיט טאָמי׳ן און זיי פאָרען זיך ביים מאָטאָר פון זיין אַלטער „שעוואָלייקע״... די מאַמע עמאַ, אַן עלטערע פרוי מיט אַ סימפּאַטי׳ש פּנים, ברענגט צו טראָגן פולע טעפּ מיט עסן, און זי פּאַקט דאָס אַלץ איין אין די געדערים פון דער צע־פאַרענער שעוואָלייקע, און אַט... זיי זיצן ערגעץ אויף אַ לאָנקע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ שטילן, טיפן וואַסער. אין הימל ברענט אַ העלישע זון. און ער, באָרע, גיט אַ קאָמאַנדע:

„— העי, חברה אין וואַסער אַריין!...

„ער שווימט אין פאָראויס ווייט־ווייט אַוועק. אַלע — נאָך אים, ביז ער, באָרע, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום ברעג און גיט אַ צווייטע קאָמאַנדע:

„— זיך אומקערן צוריק!...

„ער שווימט צום ברעג איינער אַליין. ער דערהערט פּלוצלונג אַ גע־בראָכענעם, פאַרצווייפלטן אויסגעשריי:

„— ראַטעוועט!

„אַזוי איין מאָל און באַלד נאָך אַ מאָל דעם זעלבן אויסגעשריי... ער דרייט זיך אויס — יאָ, דאָס איז טשאַרלי... ער טרינקט זיך, טשאַרלי!.. און ער, באָרע, איז אַזוי ווייט פון אים — ווייט... ער צעשרייט זיך; מיט אַלע כוחות שרייט ער מיט געוויין: טשאַרלי — טשאַ... ער דער־פילט פּלוצלונג אַ וואַרעמע האַנט איבער זיין פאַרשוויצטן שטערן... ער פּרוּווט אָנכאַפּן טשאַרלי׳ן, דוכט זיך אים גאָר, אַז ער הערט עפּעס וואָס מ׳זאָגט, וואָס ער, באָרע, פאַרשטייט ניט...״

ווען ער האָט די אויגן געעפנט, איז יעקב געשטאַנען לעבן אים, געגלעט באָרע׳ס האָר אויפן קאָפּ און פאָטערלעך געזאָגט:

— אַ חלום אַוודע... גיי שלאָפן, מיין זון.

יעקב האָט אים אין זיין צימער אַריינגעפירט אַ פאַרשלאָפענעם. ער האָט די קליידער פון אים אַרונטערגענומען, אין בעט געלייגט. דערנאָך אים איינגעדעקט און אַליין אויף די פינגער־שפּיצן דעם צימער פאַרלאָזט און זיך שלאָפן געלייגט.

ער איז געלעגן, יעקב, מיט אָפענע אויגן אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַר־זאָרגטער, און זיך אַליין געוואונדערט, ווי קומט אַזעלכס צו אים? ווייל בטבע האָט יעקב זיך זעלטן געזאָרגט. אַליין אַ גלויביקער, פרומער איד, האָט ער שטענדיק געלעבט מיט בטחון — אין אַן אומזיכטבאַרע הייליקע

קראַפט, וואָס וואַכט און באַשיצט אים פון אַלדאָס בייז... אָט־דער בטחון איז געווען פאַרוואָרצלט אין זיין בלוט — אַ ירושה פון זיין טאַטן, איטשע מלמד, וועלכער האָט געלעבט בלויז מיט בטחון און אויסער דעם גאָרנישט ניט פאַרמאָגט, און דער טאַטע האָט דעם דאָזיקן „פאַרמעגן" מיטגעגעבן זיין יעקב׳ן אין דער ישיבה אַריין, ווען ער, יעקב, איז צו עלף יאָר אַהין געפאָרן, אין אַ פרעמדער שטאָט, תורה לערנען און... געהונגערט.

אויך שפּעטער מיט אַ סך יאָרן, ווען יעקב איז קיין אַמעריקע געקומען און געאַרבעט ביי קינדערשע הייזקעס פאַר אַ הונגער־לוין, האָט ער ניט געזאָרגט, און קיינמאָל זיך ניט געבריידערט מיט די איבעריקע אַרבעטער פון זיין פאַך; סטרייקן מיט זיי, אָדער אָפּהיטן צוזאַמען מיט זיי דעם שאָפּ פון סטרייק־ברעכער — ניין. יעקב האָט ביחידות געלעבט מיט בטחון — רייך צו ווערן! און וואָס־וואָס — דאָס מאָל, דאָ אין אַמעריקע, איז דער בטחון ביי אים רעאַליזירט געוואָרן... און ווען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער, גראָבטענער מלכה׳לע און אַריינגעצויגן זיך דאָ אין דער געגנט, וואו זיין געשעפט האָט אויפגעבליט און געוואַקסן, האָט דער פרומער יעקב אָפּגעצאָלט דעם „איבערשטן" מיט אויפבויען אַ שול צום דאַווענען, און זיך עוסק געווען מיט קהל׳שע, רעליגיעזע ענינים.

איצט אָבער, ווען יעקב האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, איז דאָס נישט געווען פון דעם, וואָס זיין יונגע שיינע מלכה׳לע איז אַזוי פּריצייטיק אַוועק־געריסן געוואָרן פון אים — ניין. אמת, אים טוט נאָך וויי ס׳האַרץ פאַר איר. ער טראַכט נישט דערוויייל זי פאַרבייטן אויף אַן אַנדערע. אָבער קאָן ער דען צו גאָט טענות האָבן? ער האָט אויך איצט ניט געטראַכט וועגן זיינע שלעכטע געשעפטן. ווייל נאָכאַלעמען, פאַרמאָגט ער אַ גאַנץ פיינעם באַנק־ביכל, אַ קראָם מיט סחורה, וואָס ס׳קאָן היינט־מאָרגן אויפ־לעבן און אַרויפשטייגן אין מקח, אַז ס׳וועט אַלץ פאַרגיטיקן! וואָסי, אַמעריקע גייט שוין אונטער?

אויב אָבער יעקב איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אַ פאַרזאָרגטער, און האָט פון עפּעס געטראַכט, איז דאָס געווען צוליב דעם אינגל באָרע.

וועגן דעם ענין באָרע האָט ער טאָקע דעם גאַנצן טאָג געטראַכט: צי ער, יעקב, האָט באַדאַרפט נעמען אויף זיך די גרויסע אחריות, אַכטונג צו געבן אויפן אינגל. און איצט, ליגנדיק אויפן געלעגער, האָט דער געדאַנק ביי אים געאַרבעט מעשים, פאַר זיין איבערגעאיילטן נאַרישן שריט, וואָס ער האָט דעמאָלט, אין אַ „הייסער מינוט", ווען באָרע׳ס מאַמע איז מיט צער געשטאַנען און געוואַרט אויף הילף! זיכער דאַרף ער באָרע׳ן! ס׳וועט זיין היימליכער מיט אים, און ער, יעקב, קאָן זיך אַפילו אויף

אים פארלאָזן, אַ מאָל איבערצולאָזן אים אין געשעפט פאַר אַ ווייל. באָרע איז אָבער אַ אידיש קינד, וואָס ווייסט גאָרנישט פון אידישקייט. און ער, יעקב, איז מחויב צו לערנען מיט באָרע׳ן עברי, דאַווענען, אויך אַ פרשה חומש מיט רש״י. איז ער דאָך אָבער אַ פאַרנומענער מענטש, יעקב, טאָ וואָס זאָל ער וועגן דעם טאָן? אַ געדאַנק איז אים געקומען: ער וועט וועגן דעם ענין זיך דורכשמועסן מיט דעם אַלטן יאָסל׳ען, מיט וועמען ער לערנט יעדן פאַרנאַכט אַ בלאַט גמרא! יאָסל האָט געניג צייט, און ער וועט זיכער דערפילן זיין בקשה.

מיט דעם געדאַנק איז ער רואיק איינגעשלאָפן. צו־מאָרגנס, ווען ער האָט זיך וועגן דעם ענין דורכגעשמועסט מיט דעם אַלטן יאָסל, האָט יענער אים ראשית געפרעגט:

— צי זענט איר זיכער, אַז דער אינגל וויל דאָס לערנען?

יעקב איז אים געבליבן שולדיק אַן ענטפער. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי באָרע׳ן, האָט יענער זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און באַלד מיושב׳דיק געענטפערט:

— איך ווייס ניט, יעקב. איך האָב צופיל אַרבעט אין „האַי־סקול״.

3

דער לימוד אין „האַי־סקול״ (וואו באָרע האָט אין דער נייער געגנט באַדאַרפט פאָרזעצן) איז באמת געפאַלן שווער אויף אים — דעם פערצן־יאָריקן אינגל, וואָס איז מיט אַ מאָל אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זיין היים, פון זיינע נאָענטסטע חברים, מיט וועמען ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געשפּילט צוזאַמען. דאָ אין דער נייער געגנט האָט ער געטראָפן בלויז פרעמדע אַרום זיך, וואָס געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלע זיינען גאָר פיינטלעך צו אים; סיי אין שול, וואו ער לערנט, און סיי אין זיין נייער היים ביי יעקב׳ן. אמת, יעקב איז געווען גאָר פריינטלעך צו אים און אים באַזאָרגט מיטן נויטיקסטן וואָס ער האָט באַדאַרפט. יעקב, אָבער, וועלכער האָט אַ חוץ זיין געשעפט געהאַט אויפן קאָפּ צו באַזאָרגן קהל׳שע ענינים, — האָט זיך נישט געקענט צופיל אָפּגעבן מיטן אינגל. און דאָס איינבירגערן זיך אין יעקב׳ס היים איז אויף דעם יונגן באָרע׳ן געפאַלן צו־שווער. ס׳האָט אים אויסגעפעלט די מאַמע, וועלכע זאָל גרייטן דאָס עסן און אויפפּאַסן אויף זיין צימער.... אָט די אַלע עלעמענטאַרע באַ־דערפענישן, וואָס באָרע האָט געמוזט זיך אַליין באַדינען, האָט שלעכט געווירקט אויף זיין יונגן מוח: גאַנץ אָפט האָט ער געטראַכט צו באַזוכן

זיין חבר טאָמי׳ס היים, און פּרוּאווּן זיך אַריינציען אַהין, און אַ סוף זאָל עס נעמען!...

נאָר ווען בּאָרע איז איינמאָל אַהין געקומען, האָט די פאַמיליע שוין דאָרטן ניט געוואוינט. די שכנים האָבּן אים דערציילט, אַז די פאַמיליע האָט זיך איבּערגעצויגן ערגעץ אין לאָנג-איילאַנד, אין אַן אייגן הויז. פאַר בּאָרע׳ן איז די דאָזיקע נייעס אין אָנהויב געווען אַ טראַגעדיע, אָבּער אין דער זעלביקער צייט האָט די דאָזיקע נייעס אַ סוף געמאַכט צו זיינע קינדערשע אילוזיעס... צו־בּיסלעך האָט ער זיך גענומען חבר׳ן מיט די שול־חברים, מיט זיי צוזאַמען אַמאָל היים־אַרבּעט געמאַכט, צו אַ ספּאָרט־שפּיל געגאַנגען. אָבּער די מערסטע צייט האָט ער פאַרבּראַכט אין בּיבּליאָטעק.

ס׳איז אַוועק דריי יאָר. בּאָרע האָט זיך שוין גענומען גרייטן צום לעצטן סעמעסטער אין „האַי־סקול" און גלייכצייטיק געבּויט פּלענער, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן פאַר אים פאָרצוזעצן דעם לימוד אין אוניווערסי־טעט, וואו ער האָט געהאָפט אויסצושטודירן פאַר לערער.

דורך די דריי יאָר, וואָס בּאָרע האָט זיך אויפגעהאַלטן בּיי יעקבֿ׳ן, האָט ער אין פיל פּרטים זיך געענדערט: געקומען איז בּאָרע צו אים אַ דאַר, פאַר׳חלומ׳ט אינגל — אַ שעמעוודיקער. איצט, צו זיבּעצן יאָר, איז ער אויסגעוואַקסן פיל שענער, אינטערעסאַנטער; פיזיש — שלאַנק און הויך, מיט אַ געדיכטע טשוב בּרוינע האָר, וואָס איז תמיד געווען בּיי אים אין אומאָרדענונג און דאָך פול מיט חן; ער איז איצט געווען אַ בּחור מיט וויסן און פאַרמאָגט אַ מאָס אינטעליגענץ. ווייל דורך דער צייט, וואָס בּאָרע האָט געלערנט און געלייענט בּיכער, איז ער בּאַקאַנט געוואָרן מיט געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. (ער האָט ספּעציעל וועגן דעם ענין אָפט געשמועסט מיט יעקבֿ׳ן אין בּאַצוג צו זיין געשעפט.)

בּאָרע האָט דורך דער צייט אויך וועגן געשעפט פיל געלערנט, און האָט שוין געהאַט זיין אייגענעם אופן ווי אַזוי צו בּאַהאַנדלען אַ קונה, אַז יענער זאָל זיין צופרידן און קומען אַ צווייטן מאָל. און כאָטש בּאָרע האָט געלעבּט אין זיין אייגן וועלטל, וואו יעקבֿ׳ס פרומקייט האָט נישט געהאַט אויף אים די מינדסטע ווירקונג, האָט ער דעם פרומען יעקבֿ׳ן בּאמת ליבּ געהאַט פאַר איבּערלאָזן אים אַליין אין געשעפט צו טאָן מסחר.

ער האָט זיך זייער געגרויסט, בּאָרע מיט יעקבֿ׳ס צוטרוי צו אים. דאָס וואָס ער האָט אין זיין יוגנט גע׳חלומ׳ט און נישט געקראָגן... שולדיק איז געווען די דערציערישע איבּערגעטריבּנקייט בּיי זיין „מאַמע" דינקע,

װעלכע האָט דעם קלײנעם יתומ'ל צופיל געצערטלט, אים פאַר אַ רגע פונעם אויג נישט אַרויסגעלאָזן.

װען באָרע איז עלטער געװאָרן, זיך שוין געשפּילט מיט שול־חברים, האָט דינקע'ס געטרײַ אויג נאָך אַלץ געװאַכט איבער אים און אים גאַנץ אָפט געגומען אויף אַ פאַרהער: „זאָג מיר נאָר, באָרע, װאוהין ביסטו אַװעק פאַר שעה'ן?" „מיט װעמען האָסטו זיך געשפּילט?" און טאַקע דערפאַר, װען דינקע האָט אים פאַרטרויט, אַז זי פאָרט אַװעק צו איר מאַן קיין סאַוט קאַראָליינע, און זי לאָזט אים דאָ איבער פאַר אַ געװיסע צײַט, האָט זײַן קינדערש האַרץ גע'יובל'ט מיט פרייד. ערשט דאָ, בײַ יעקב'ן, איז זײַן אויסגעבענקטער חלום באמת רעאַליזירט געװאָרן. און אויף דער מאַמע'ס בריװ, װאָס זי האָט כסדר געהאַמערט ער זאָל שוין קומען צו איר, האָט ער יעדעס מאָל געזוכט אַ נײַעם תירוץ די רײַזע אַהין אָפּצושטופּן...

און יעקב? בײַ אים איז באָרע געװען פאַררעכנט װי אַן אײגן קינד, װי אַ גוט קינד. ער האָט אָפט אויף זײַן פרומען אידישלעכן שטײגער גע־טראַכט, אַז גאָט האָט פון הימל אים אַ מתנה צוגעשיקט, אַז ער זאָל זיך נישט פילן עלנט. נישט בלויז דערפאַר, װאָס באָרע איז פאַר אים ניצלעך געװען אין געשעפט, נאָר אויך מיט דעם, װאָס ער, באָרע, איז אויסגעװאַקסן פאַר זײַנע אויגן אַן אָרנטלעכער מענטש, און ער װײסט די געשיכטע פון זײַן פאָלק מיט אַלע זײַנע לײדן.

אין אײנעם אַן אָװנט, װען יעקב האָט מיט באָרע'ן געפירט אַ שמועס װעגן באָרע'ס װײַטערדיקע פּלענער צו לערנען אין אוניװערסיטעט, האָט באָרע געלײענט אַ בריװ פון זײַן מאַמע:

„מײַן טײַערער באָרע:

„איך מיט מײַן מאַן זיגמונד האָבן זיך זײער געפרײט מיט דײַן ליבן בריװ, װאָס דו שרײַבסט אונדז, אַז דו װעסט באַלד גראַדואירן פון 'האַי־סקול' און דערנאָך לערנען אין אוניװערסיטעט פאַר לערער. מיר װאָלטן דיר געזאָגט, שוין צײַט זאָלסט קומען אַהײם, װאו דיר װעט גאָרניט פעלן. מײַנסטו, אַז בײַ אונדז װעסטו ניט קענען לערנען? װי איך זע, װעסטו ניט קומען צו אונדז. מסתמא װײל גאָט אַזוי, אַז נישט איך זאָל מיט מײַן שװאַך האַרץ קענען קומען צו דיר און נישט דו זאָלסט קומען צו מיר. שרײַב איך דיר, זאָלסט זיך גאָרניט זאָרגן. מיר װעלן דיר העלפן מיט װאָס מיר װעלן קאָנען. פרײער װעלן מיר, מיט גאָט'ס הילף, קומען צו דײַן גראַדואירונג, אָנקוקן דיך פאַר דער גאַנצער צײַט. מיר װעלן מאַכן אַ פּאַרטי און אײַנלאַדן אַלע אונדזערע באַקאַנטע.

„איך בעט מיסטער יעקב נירנבערג, ער זאָל באַשטעלן אַ שײנעם זאַל

מיט מוזיק, עס זאָל פריילעך זיין. מיין באָרע, טייערער װען איך װאָלט געװען אימשטאַנד דיר אויסצושרייבן מיין פרייד און מיין צעװייטיקט האַרץ... דיין מאַמע דינקע.״

באָרע האָט פאַרענדיקט לייענען מיט אַ טרער אין אויג. יעקב האָט פאַרטראַכטערהייט באַמערקט:

— אַװאַדע... אַװאַדע... — דערנאָך מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן צוגעגעבן:

— מעגסט שרייבן דער מאַמע׳ן, אַז װעגן דיך לאָזן לערנען אין אוני־װערסיטעט זאָל זי זיך ניט זאָרגן, נאָר לאָזן איבגאַנצן צו מיר. יאָ, באָרע.

די געשעפטן, װאָס זיינען פון אַ לענגערע צייט שלעכט געװען, זיינען מיט אַ מאָל ערגער געװאָרן, ביז זיי האָבן זיך גענומען איבגאַנצן אָפּשטעלן. אַ בית־עולם שטילקייט האָט דעם אָרט פאַרנומען. פון ערגעץ אַ פאַר־באָרגענעם װינקל, פונװאַנען דער לעבנס־נערװ פונעם לאַנד פונקציאָנירט און װערט שטרענג קאָנטראָלירט, האָט אימעצער, מיט אַן אומזיכטבאָרע האַנט, אַ רעדל אַ דריי געטאָן, און ס׳זיינען אָפּגעשטעלט געװאָרן פאַבריקן, פעקטאָרים, זאַװאָדן; און װאו נאָר מענטשן האָבן געשאַפן און פאַרדינט זייער ברויט — זיינען זיי פון דער אַרבעט אַרויסגעשמיסן געװאָרן אין גאַס אויף הפקר.

אין איינעם אַ פרימאָרגן זיינען די בירגער פונעם לאַנד געװאויר געװאָרן פון צייטונגען און ראַדיאָ, אַז זייער בירזשע — אָט־די רייכסטע, די מעכטיקסטע, װאו לענדער מיט זייער פאָלקס־פּראַצע ליגן פאַר׳משכנ׳ט מיט זייער האָב־און־גוטס — האָט פלוצלונג געקראַכט! אַקציעס זיינען געפאַלן ביז װערטלאָזיקייט... די װאָס זיינען ביז איצט געװען פאַר־רעכנט פאַר גבירים, אַדירים, האָבן דורך דער דאָזיקער נאַכט אַלץ פאַר־לאָרן און עס איז אויס מיט זיי!... און אין דער זעלביקער שעה האָט אַרום די באַנקען אַ פּאַניק געהערשט: אין די טויזנטער זיינען מענטשן געקומען צו לויפן, און געשטאַנען פאַרשעמטע, אָפּגענאַרטע, און מיט אויגן אָנגעשפּיצט אַהין — צו יענער טיר, װאו די דאָזיקע מענטשן האָבן דורך לאַנגע יאָרן שװערע האָרעװאַניע אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט פאַר אַ צייט, װען זיי װעלן זיך אין דעם נויטיקן.

יעקב האָט די דאָזיקע נייעס אויפגענומען אויף זיין שטייגער — געלאַסן; װי אַ פרומער, גלויביקער איד, האָט ער, װי אין יעדן אַנדער פאַל פון אַ צרה, זיך געפּרוּװט טרייסטן מיט זיין בטחון, װאָס ער האָט נאָך גע׳ירש׳נט פון זיין פרומען טאַטן, איטשע מלמד. און אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט, און מיט די אויגן צו דער צייטונג, האָט ער

אָפּטימיסטיש אַ טראַכט געטאָן: וואָס, אַ שטייגער, האָט ער, יעקב, צו טאָן מיט דער בירזשע? האָט ער דאָרט אַקציעס? ניין. אַיי, די מזומן אין באַנק? וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט זאָרגן. מ׳מיינט דען „זיין" באַנק, וואָס?...

דעם אמת האָט ער זיך ערשט דערוואוסט אַ ביסל שפּעטער:

ווי אין יעדן פרימאָרגן אין דער צייט, איז ער אַוועק אין שול דאַ־ווענען, און דאָרט זיך אויסגעהיט מיט קיינעם פון די דאַוונער צו פאַר־בינדן אַ שמועס, פונקט ווי אַ קראַנקער מיידט אויס צו ריידן וועגן טויט. נאָר ווען ער איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און מיטן פּנים צום מזרח־וואַנט פאַרטיפט אין דאַווענען, האָט דאָס האַרץ צוזאַמען מיטן מוח זיך געצאַפּלט ווי אין קדחת, און אים נישט געלאָזט דאָס דאַווענען פאַרענדיקן...

אין גאַס, האָט אַ געדיכט רעגנדל מיט אַ בייזן ווינט, ווי מיט געשפּאָט אים אויפגענומען; מיט רוגזה, ווי יעקב וואָלט דאָ אין עפּעס באַשולדיקט געוואָרן, האָט דער בייזער ווינט זיין הוט פונעם קאָפּ געריסן, און דאָס געדיכטע רעגנדל האָט ווי מיט חוזק זיין פאַראומערט פּנים אויסגעפּאַטשט, אים דורכגענעצט ביזן ביין. אַן אויסגעלאַכטער, אַ באַליידיקטער, האָט ער צו „זיין" באַנק זיך געלאָזט. און ווען ער איז אַהין געקומען, האָט דער רעגן אַ ביסל אויפגעהערט. בלויז דער ווינט האָט מיט נאָך מער חוצפּה זיינע נאַסע קליידער געטרייסלט.

יעקב האָט דעם קאָפּ אַ הויב געטאָן, און דערזען אַ ווילדן ספּעקטאַקל, וואָס ער האָט ביז היינט דאָס נישט געקענט חלומ׳ען, אַז דאָס קאָן פּאַסירן אין דעם רייכסטן לאַנד אַמעריקע. וואו נאָר זיין אויג האָט דערגרייכט — מענטשן! מענטשן! און פּאָליציי — אומעטום. פאַראויס פון אַלעמען איז די פּאָליציי געשטאַנען און האָט געוואַכט — ספּעציעל ביים אַריינגאַנג, דאָרטן, ביי דער טיר... מיט ווילדע קולות, מיט געשימפּ און געזידל, האָבן זיי אויסגעשטעלט רייען... רייען... וואָס געדאַכט האָט זיך יעקב׳ן, אַז די דאָזיקע רייען האָבן נישט קיין אָנהויב און שוועך צו דערזען דעם סוף... און פאַר, און אַרום די רייען — פּאָליציי מיט „קלאָבס" אין די הענט, וואָס האָבן געטריבן, און זיך געריסן אויפן קעל:

— גאַ־דע־מיט! גאַ־דע־מיט!...

און תיכף איז אויפגעטראָטן פּאָליציי אויף פערד, וואָס האָבן זיך נישט געזידלט, אָבער אויף אַ מינוט נישט גערוט, נאָר געדריגעט מיט זייערע פערדישע קאָפּיטעס, און יעדע ווילדע געפאָרן אין די רייען אַריין — אויף די מענטשן אַרויף, און באַלד זיך צוריקגעצויגן אַזוי קונציק, ווי דאָס וואָלט געוועזן נישט מער ווי אַ שפּאַס אַזאַ...

נאָך לאַנגע שעה׳ען אַזוי שטיין, האָבן די רייען זיך נישט גערירט. די מענטשן זיינען פאַר׳עקשנ׳ט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ נס... יעקב, אַ מידער, אַ הונגעריקער, איז געשטאַנען צווישן זיי, און געטראַכט, אַז אפשר איז די דאָזיקע געשעעניש איינע פון זיינע בייזע חלומות? און באַלד וועט ער זיך פונעם שלאָף אַ כאַפּ טאָן, אויסשפּייען דריי מאָל און זאָגן: „אַוועק, בייזער חלום! אַוועק, בייזער חלום! אַוועק, בייזער חלום!” און זיך אויסלאַכן, ווי ער טוט אַלע מאָל. אָבער דער פּאָליציייסקער פערד, וואָס האָט אים פּלוצלונג מיט דער קאָפּיטע אַ שטאַרקן דריגע געטאָן, האָט אים צעשטערט די אילוזיע, און דערהערט האָט ער דעם בייזן קול פון פּאָליסמאַן:

— אַהיים זאָל מען גיין, און שוין!

באָרע האָט יעקב׳ן ביי דער טיר דערוואַרט, אָן וווערטער האָבן ביידע זיך באַגעגנט, און מיט אַ וואַרעמער ברודערלעכער האַנט האָט ער יעקב׳ן געפירט דורך דער קראָם אינעם קיך־צימער אַריין. דעם טיש האָט באָרע געגרייט מיט עסן. שווייגנדיק האָבן ביידע ביים טיש זיך געזעצט און געגעסן. דערנאָך האָט יעקב אַ שטילער אויף זיין בעט זיך צוגעשפּאַרט און געלעגן דאָרט פאַרקלערט... באָרע, אַ ציטערדיקער, איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן...

4

ווינטער־טעג מיט שנייען און פרעסט זיינען געקומען און פאַרשאַרפט די שוין־ביטערע לאַגע פון די מאַסן אַרבעטסלאָזע פונעם לאַנד, וועלכע האָבן דורך דער צייט פון לאַנגער אַרבעטלאָזיקייט געהאַט אַלצדינג פאַר־צערט און נישט מער פאַרמאָגט צו קויפן אַ וואַרעמען מלבוש פאַר זיך מיטן הויז־געזינד און ניט פאַר אַ מעסטל קוילן זייערע היימען אָנצו־וואַרעמען.

מיט יעדן אָנקומענדיקן טאָג האָבן די צייטונגען און די ראַדיאָס פונעם לאַנד געהאַלטן די באַפעלקערונג אין טרייסטן, אַז ס׳קומען שוין גוטע צייטן... באמת, זיינען צוגעקומען אַלץ מער אַרבעטלאָזע פון די נאָך ניט צוגעשלאָסענע פלענטס, ווערקשטאַטן פון די שווערע אינדוסטריעס, וואו טויזנטער אַרבעטער זיינען נאָך צוויי־דריי טעג אין וואָך געווען באַשעפטיקט.

יעקב איז אינעם אָנהויב פון קריזיס ביטער געטראָפן געוואָרן, ווען „זיין” באַנק האָט באַנקראָטירט, און ער האָט פאַרלאָרן זיין יעדן אָפּ־געשפּאָרטן דאָלער. ווען ס׳איז אָבער אַוועק אַ קורצע צייט, און זיין קראָם

האָט נאָך געטאָן וויפיל ס'איז געשעפט, האָט ער געפּרואוווט זיך באַרואיקן און געטראַכט, אַז אַפילו איצט, אינעם ביטערן קריזיס, איז נאָך אַלץ זיין קראָם פאַרפולט מיט מאַנצבילשע קליידער, וואָס גייען קיינמאָל פון דער מאָדע נישט אַרויס. אויב ער טוט איצט ווייניק געשעפט, וועט מאָרגן זיין בעסער! ווען נאָכדעם איז אַריבער וואָכן, וואָס ער האָט געהיט די קראָם און פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט איז אַ קונד אַפילו נישט אַריינ־געקומען, איז ער צו־ביסלעך געוואָרן געפאַלן ביי זיך, ביז ער האָט אָנ־געהויבן טראַכטן פאַרקערט... אַז זיין סחורה דאָרט אין קראָם איז נישט בלויז ווערטלאָז, נאָר איז גאָר אַ שווערע משא אויפן קאָפּ, וואָס נישט ער קאָן דאָס אַראָפּשליידערן און איז אויך ניט אימשטאַנד דאָס צו דערטראָגן.

דאָס ערשטע מאָל, נאָך יאָרן האָבן אַ געשעפט, האָט יעקב קיין נאַכט ניט געקאָנט איינשלאָפן פון זאָרג וועגן זיינע חודש'דיקע צאָלונגען, וואָס ער מוז רעגלמעסיק סילוק'ן, אויב ער וויל נישט פאַרלירן דאָס געשעפט צוזאַמען מיט זיין גוטן נאָמען, וואָס בלויז פון טראַכטן וועגן דעם האָט ער אויפגעציטערט... ער האָט זיך אויך געזאָרגט וועגן באַרע'ן, וואָס האָט איצט, צוליב אָרעמקייט געמוזט אויפגעבן זיין העכערן לימוד אין אוני־ווערסיטעט און איז אַוועק אַרבעטן. יעקב האָט דעם צער נישט געקענט פאַרטראָגן...

:: :: ::

ס'איז געווען אָנהויב אָוונט. אין גאַס האָט געהערשט אַ שטילער פראָסט, וואָס איז אין די ביינער געקראָכן. אין קראָם ביי יעקב'ן איז געווען קאַלט און אומעטיק. אַ שוואַכע עלעקטרישע שיין האָט קוים באַלויכטן דעם ברייטן חלל מיט די לאַנגע שורות אָנצוגן, וואָס איצט, אין דער טונקלקייט, האָט אַלץ אויסגעזען שוואַרץ... באַרע איז געזעסן אינעם קיך־צימער, וואו ס'איז וואַרעם געווען, און געלייענט אַ בוך, וואָס באַ־האַנדלט די „איצטיקע שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פונעם לאַנד". פאַר באַרע'ן, וואָס האָט זיך געגריבלט אין ביכער פון דעם מין, איז דער דאָזיקער בוך — געשריבן פון אַן אויטאָריטעט איבער אָט־די פראַגן — געווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך באַ־דאַרפט האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף יענער זייט טיר, צי אין קראָם קומט נישט אַמאָל אַריין אַ קונד... איז ער געזעסן און געטראַכט . . . פון זיין לעבן, פון זיין רוישיק לעבן, וואָס האָט אין אים דערוואַכט... און ער, שוין אַ דערוואַקסענער, געפינט זיך נאָך אַלץ איינזאַם ווי אַמאָל, הינטער אַ צאַם — צווישן קיך און קראָם, און זאַפּט אין זיך איין ווי אַ שוואָם: יעדן טאָג מיט נייע זאָרגן. ער האָט געטראַכט, אַז איצט, ווען די שווערע לאַגע פונעם לאַנד האָט אים געטראָפן, און האָט צונישט געמאַכט

זיין יוגנט־חלום — צו לערנען אין אוניווערסיטעט, נאָר ער איז געצוואונגען צו זוכן אַרבעט — דאָס, וואָס ער האָט דווקא נישט קיין חרטה, — אָבער פאַרוואָס זאָל ער נישט זוכן אַ צימער פאַר זיך ערגעץ אַנדערש, און לעבן אַן אייגן לעבן ?...

יעקב איז אַריינגעקומען אַ שטילער, און מיט אַ בנעימות׳דיקן שמייכל געפרעגט:

— וואָס טוט זיך, באָרע ? אַוואַדע האָסטו שוין געהאַט אַ קונד דאָרטן, וואָדען ?

ער האָט ביטער געשמייכלט פון זיינע אייגענע רייד; ער האָט דעם מאַנטל אַראָפּגעצויגן און צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער אויפצוזידן. און דערנאָך די טיי געגאָסן אין צוויי גלעזער, זיך געזעצט ביים טיש קעגנ־איבער באָרע׳ן און באַמערקט:

— ווי עס זעט אויס, איז פון דיין מאַמע׳ן נאָך אַלץ קיין בריוו ניטאָ. אַפּנים, פאַר איר איז דאָס נישט אַזוי גרינג, אָט־די אַרבעט...

יעקב האָט מיט די עטלעכע ווערטער געזוכט צו באַרואיקן באָרע׳ן, ווען ער האָט איצט געטראָפן אַ פאַרזאָרגטן, און זיכער: צוליב זיין מאַמע, וואָס איז נישט געקומען צו זיין גראַדואירונג, ווי זי האָט נאָך פון פריער געשריבן... באָרע האָט דאָס וויפיל מאָל איבערגערעדט אַ פאַר־זאָרגטער מיט יעקב׳ן. און איצט, ווען ער, יעקב, האָט דאָס אים דער־מאָנט, האָט באָרע זיך באַשולדיקט, אַז ער וויל ניט פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע קינדערשע קריוודעס קעגן דער מאַמע און איז אַ שלעכטער זון...

— ניין, יעקב, — האָט ער מיט באַדויער געענטפערט, — זאָל זי כאָטש דאָרטן זיין געזונט...

יעקב האָט באַמערקט ווי טרערן באַווייזן זיך אין באָרע׳ס אויגן. ער האָט תיכף געביטן דעם געשפּרעך:

— איך האָב גוטע נייעס, באָרע, — האָט ער האָפערדיק אָנגעהויבן, — איך האָב געלט פאַר דיר צו באַצאָלן פאַר דיינע קורסן אין אוניווערסיטעט. אָט האָסטו דאָס געלט!

ער האָט דאָס געלט אַרויסגענומען און דאָס אויסגעציילט אויפן טיש, בעת ער האָט פריידיק געקוקט אין באָרע׳ס אויגן. באָרע איז אָבער גע־בליבן גלייכגילטיק; אין דער זעלבער פאַרטראַכטקייט ווי ביז איצט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַ דאַנק, יעקב! איך פיל איצט וואָס איר זענט...

ער האָט מער נישט געקענטריידן, באָרע. אַ טיף־געריהרטער, האָט ער זיך פונעם טיש אַ הויב געטאָן און אָנגעהויבן שפּאַנען הין און קריק

אינעם שמאָלן קיך־צימער, און געטראַכט פון יעקב׳ס גינציקייט צו אים — צו שאַפן דאָס געלט, וואָס ער האָט זיכער געמוזט לייען...

— איך בעט אייך, יעקב, — האָט ער געררירט געזאָגט, — איך וועל דאָס געלט נישט נעמען. איך אַרבעט, פאַרדין אַפילו ווינציק, אָבער כ׳וועל האָבן גענוג פאַר לערנען זיך אין די אָוונט־קורסן.

אַ באַרואיקטער האָט באַרע, נאָכדעם ווי ער האָט פון האַרצן זיך אַראָפּגערעדט, צום טיש זיך געזעצט און די טיי געגומען זופּן. אָבער יעקב׳ן האָט באַרע׳ס דערקלערונג גאָר נישט באַרואיקט. ווייל געטראַכט האָט ער, אַז דער שולדיקער אין באַרע׳ס איבעררייסן זיין לערנען איז ער, יעקב, וועלכער האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס צו טאָן ביז איצט.

— הער מיך אויס, באַרע, — האָט יעקב געזאָגט, — דאָס געלט, וואָס ליגט אויפן טיש, איז דיינס. שוין איבער דריי יאָר ווי דו אַרבעטסט פאַר מיר אָן געצאָלט. ווילסטו איך זאָל פאַרבלייבן ביי דיר אַ בעל־חוב?

ער האָט איצט ווי אַ זיגער געוואָרפן די אויגן אויף באַרע׳ן, ווי ער וואָלט געזעסן מיט איינעם פאַרטיפט אין אַ שאַך־שפּיל נאָך אַ געלונגענעם צוג... באַרע איז אָבער געווען אַנטשלאָסן, אַז דאָס געלט וואָס ער האָט ערגעץ געקראָגן פאַר אים, נישט אָנצורירן. און ער האָט געזאָגט:

— איך זע ניט איין, יעקב, פאַרוואָס איך זאָל איצט, סוף פעברואַר, ווען די טאָג־קורסן זיינען שוין זיכער פאַרפולט, גאָר אָנהויבן? קען איך דען ניט לערנען ביינאַכט, וואו דער לימוד קאָסט ווינציקער? און אַז ס׳וועט געדויערן לענגער צו פאַרענדיקן, איז וואָס? איך האָב צייט, יעקב... איך האָב צייט.

ס׳איז געווען פרייטיק־צו־נאַכט. דאָס אָרעמע קיך־צימער האָט גע־קראָגן גאָר אַן אַנדער פּנים — שענער און ציכטיקער.

פון זינט מלכה׳לע איז געשטאָרבן און יעקב האָט זיך אַריינגעצויגן הינטער דער קראָם, האָט די נויט אים געצוואונגען זיך אויסצולערנען קאָכן, מאַכן אַלערליי געריכטן; אויך, וויפיל ס׳איז מעגלעך, ריין האַלטן זיין וואוינונג. דורך די וואָך־טעג איז יעקב געווען צופיל באַשעפטיקט, זיך אָפּצוגעבן מיט זיין באַלעבאַטישקייט... אַנדערש איז אָבער געווען שבת:

פרייטיק באַגינען איז שוין יעקב אַוועק אין מאַרק און דאָרט איינ־געהאַנדלט פיש און פלייש, מיט אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט אויף שבת. אַהיים געקומען, האָט ער זיך געשטעלט קאָכן. נאָכדעם — לכבוד שבת, גענומען אויפראַמען די צימערן... ווען יעקב איז אַהיים גע־קומען פון שול, איז דער געפּאַרבטער קיך־טישל געווען איבערגעדעקט

מיט אַ שניי־ווייס טישטוך, אויף אים געגרייט מיט שיינע שבת׳דיקע חלות, ווייַן אויף קידוש מיט אַלע מאכלים. באָרע האָט געהאָלפן יעקב׳ן צוגרייטן. ס׳האָט אים הנאה געטאָן, נישט בלויז פון די שבת׳דיקע מאכלים, נאָר פון דער אַנדערשקייט וואָס דער־אַ טאָג ברענגט מיט זיך; יעקב איז אין דעם טאָג געווען פריי פון זיין געשעפט־זאָרג, און בכלל די גאַנצע אַטמאָספערע, וואָס האָט אים, באָרע׳ן, ווי דערהויבן...

דאָס מאָל איז באָרע ביים טיש געזעסן אַ פאַרטרויערטער פון דעם בריוו, וואָס ער האָט היינט געקראָגן פון דער מאַמע. יעקב האָט דאָס באַמערקט, און פאַרצויגן אַ שמועס:

— איך וויל, זאָלסט וויסן, באָרע, — האָט ער פייערדיק, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אָנגעהויבן. — ווען דיין מאַמע איז דעמאָלט געווען ביי מיר, האָט זי מיר געבעטן, איך זאָל לערנען מיט דיר תורה און אידישקייט. האָב איך איר דערציילט אַ מעשה, וואָס עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים:

„צו אַ גרויסן אידישן געלערנטן איז איינער געקומען מיט אַ פאַר־לאַנג, אַז ער וויל, אַז דער געלערנטער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תורה אין דער צייט, וואָס ער וועט שטיין אויף איין פוס! האָט דער געלערנטער יענעם געראָטן, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען בלויז איין פסוק פון דער תורה: ׳זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין׳ — אָט דאָס איז דער עיקר פון דער גאַנצער תורה!"

— נו, איצט ווילסטו דאָך אַוודאי וויסן, — האָט ער פאָרגעזעצט, — וואָס גראָד איצט האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעם? וויל איך דיר זאָגן, מיין זון, דאָס וואָס ליגט ביי מיר אויף מיין האַרצן און מאָנט... ווייל ווי דו ווייסט, באָרע, בין איך אַן אַלט־מאָדישער פרומער גלויביקער איד, וואָס איז מחויב געווען צו לערנען מיט דיר אידישקייט, ווי אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן: „ושננתם לבניך" — זאָלסט לערנען תורה מיט דיינע קינדער. איך האָב דאָס קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו טאָן. טאָ אויב אַזוי, צו וואָס דען האָב איך צוגעזאָגט, אַכטונג צו געבן אויף דיר? דעריבער האָט מיך מיין געוויסן גע־מאַטערט און געמאָנט. איצט דוכט מיר, אַז דו האָסט אויסגעלערנט ביי מיר די גאַנצע תורה; און כאָטש דו קענסט ניט דאַווענען און דאַוונסט ניט, ביסטו אָבער אויסגעוואַקסן אַן ערלעכער מענטש און אַ געטרייער חבר צו מיר, און דיין מאַמע דאַרף זיך איצט פרייען.

באָרע האָט זיך צוגעהערט צו דער לאַנגער דרשה און געשוויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַנומען דאָס, וואָס יעקב האָט איצט פאַר אים, מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן, אָנגערעדט... און זיך קוים דערוואַרט,

אַז יענער זאָל זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן עסק, מיטן „בענטשן". נאָכדעם האָט באָרע געלייענט פאַר אים דעם בריוו פון דער מאַמע:

„מיין טייערער באָרע:

„איך פיל זיך זייער געערגערט וואָס איך האָב נישט געקענט קומען צו דיין גראַדואירונג און זיך פרייען מיט דיר פאַר די יאָרן וואָס איך האָב דיך נישט געזען. פאַרשטיי, מיין זון, אויב איך בין נישט געקומען צו דיין שמחה, איז זיכער נישט פאַר נחת. מיין ליבער זון, דאָס געשעפט האָט באַנקראָטירט. פאַר צרות איז מיין מאַן קראַנק געוואָרן. און איך, אַ קראַנקע, מיט אַ שוואַך האַרץ, האָב אים געמוזט באַדינען און נאָך אים טרייסטן דערצו, אַז ער זאָל נישט ווערן ערגער קראַנק.

„מיין ליבער זון, זאָלסט אָבער וויסן, אַז מיין האַרץ איז דאָרט געווען מיט דיר. איך בעט ביי גאָט, ער זאָל מיר געבן כוח קומען צו דיר, און כאָטש נאָך איין מאָל דיך אָנקוקן, כל זמן מיינע אויגן זיינען אָפן. שרייב מיר וואָס דו טוסט איצט. און וואָס מאַכט מיסטער יעקב נירנבערג. דיין מאַמע."

באָרע איז שטיל געבליבן, אַ פאַרטראַכטער. יעקב האָט זיינע הענט אויף באָרע'ס אַקסלען אַרויפגעלייגט און געזאָגט:

— ווי דו זעסט, באָרע, טאָר מען נישט טראַכטן קיין שלעכטס. דיין מאַמע וועט, מיט גאָט'ס הילף, געזונט ווערן, און וועט אַהערקומען, און מיר וועלן נאָך פּראַווען צוזאַמען אַ שמחה, וועסט זען...

— —

יענע נאַכט איז באָרע נישט געשלאָפן. מיט אַ שווער געמיט איז ער געלעגן און געטראַכט פון דער מאַמע'ס טרויעריקן בריוו...

5

דער מערץ־פרימאָרגן האָט געאָטעמט מיט אַ ניי־אָנקומענדיקן שניי. פון אַ שכנה'דיקן פּאַרק האָט געצויגן אַ שניידנדיקער ווינט און אויפגעטרייסלט די ריי דזשאַב־זוכער, וועלכע זיינען געשטאַנען און געציטערט פון קעלט, פאַר דעם רעסטאָראַן „אייטש און דזשי", צו קריגן אַרבעט.

באַדאַרפט האָט מען דאָרט, אינעם רעסטאָראַן, איין־איינציקן מענטש בלויז. אַזוי האָט דער אַנאָנס אין צייטונג בפירוש דערקלערט. געקומען זיינען אַ דריי צענדליק מענטשן און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי. און יעדער פון זיי האָט געטראַכט און געהאָפט צו זיין דער מזל־

דיקער אויסדערווײלט צו ווערן. זײַנען זיי געשטאַנען, אַלט און יונג, שטאַרקע און שוואַכע, מיט פּנימ׳ער — ערנסטע, פאַרזאָרגטע, נאָר שטײף ווי סאָלדאַטן, וואָס דערוואַרטן זייער אַרמיי־קאָמאַנדיר זאָל באַלד אַהער־קומען פאַר אינספּעקציע, און געטראַכט האָט יעדער פון זיי — פון זײַן אייגענעם בינטל צרות.

באָרע איז צווישן זיי געשטאַנען אין דער ריי. ער, פּונקט ווי די איבעריקע, האָט זיך געגויטיקט צו קריגן אַרבעט.

פאַר דעם יונגן באָרע׳ן איז אָט־די גאַנצע פּראָצעדור — צו שטיין אין דער ריי פאַר אַרבעט — געווען אַ נייעס. ווייל פון זינט ער געדענקט פון זײַנע קינדער־יאָרן, האָט ער אין זײַן פרייער צייט שטענדיק געקראָגן אַרבעט אָן צו שטיין אין דער ריי. ערשט ניט לאַנג האָט ער געקראָגן אַרבעט ביי „סאַקער פּלאָמבינג קאָמפּאַניע" און נישט געשטאַנען אין דער ריי. אָבער דעם פּלאַץ האָט ער געמוזט פאַרלאָזן צוליב דער שווערער אַרבעט פון שלעפּן אויף זיך די שווערע מעטאַלענע רערן, וואָס דאָס איז שוין געווען איבער זײַנע יונגע כוחות.

באָרע האָט זיך איצט געגויטיקט אין אַרבעט. ווייל אַ חוץ די אָוונט־קלאַסן, וואו ער האָט באַדאַרפט באַצאָלן פאַר יעדן געגנשטאַנד, וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער בכלל באַדאַרפט לעבן! יעקב, וואָס איז אים געטריי געווען, איז איצט געווען אַזוי פאַראָרעמט, אַז באָרע האָט געמוזט צוהעלפן פירן די הויז־ווירטשאַפט.

אין גאַס, פאַר דעם רעסטאָראַן, איז אַרויסגעקומען אַ קורצער, בייכיקער מענטש. ער האָט מיט אַ באַלעבאַטיש געניט אויג שאַרף דורכגעקוקט יעדן פון דער ריי, און איז צוגעקומען צו באָרע׳ן... און מיט אַ וואונק אים באַפוילן, ער זאָל מיטגיין דורכן רעסטאָראַן אין קיך אַריין, און האָט דורך די ציינער אַרויסגעזעגט:

— העי... באָדי, ווי רופט מען דיך?

— באָרע.

— וואו האָסטו געאַרבעט?

— אין סאַקער׳ס פּלאָמבינג ביזנעס.

— גוט. וועסט דאָ איצט העלפן אָט־דעם ראַבינס, וואַשן געשיר.

דער באַלעבאָס האָט זיך אויסגעדרייט און באַלד צוריקגעקומען:

— זיי וויסן, באָדי... דו קריגסט אַ דאָלער אַ טאָג מיט עסן. צופרידן?

באָרע האָט געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. נאָר ווען דער באַלעבאָס איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, און ער, באָרע, האָט באַטראַכט דעם אָרבעטער ראַבינס, וועמען ער דאַרף איצט אַרויסהעלפן

— ווי יענער שטייט געבויגן איבערן וואַש־טאָפּ זודיקע וואַסער, און געזען זיינע רויט־צעווייקטע הענט, האָט ער געפילט קאַלעמוטנע... ווי שוין נעמען און אַנטלויפן! ראַבינס האָט פריינטלעך צו אים געזאָגט:

— קום אַהער, יונגערמאַן. נעם און וואַש, אַזוי ווי איך טו. שטיי ניט! דער באַלעבאָס...

ער האָט אים מיט דעם געגעבן אַנצוהערעניש, אַז דעם באַלעבאָס' אויג איז שטענדיק וואַך און איז גרייט צו הייסן גיין פון דאַנען! און ווען באָרע האָט זיך לעבן אים צו דער אַרבעט געשטעלט, האָט ראַבינס אים איינגערוימט אין אויער:

— מוזט ניט די נשמה אויסשפּייען פאַרן לויזיקן דאָלער אַ טאָג...

באָרע האָט אין דעם מענטשן ראַבינס באַלד דערקענט אַ פריינט און באַלד געוואונען זיין צוטרוי, און אים דערציילט, אַז ער לערנט ביי־נאַכט, דערפאַר מוז ער וויפיל עס איז פאַרדינען זיך אויפצוהאַלטן. ראַבינס, וועלכער איז געווען פיל עלטער פאַר אים, און מער דערפאַרן אין „דזשאַב־זוכעריי“, האָט אים אויסגעהערט מיט אַן איראָנישן שמייכל. נאָר אַ ביסל שפּעטער, אין אָפּרו־צייט, ווען ביידע האָבן צוזאַמען געגעסן, האָט ראַבינס ביי אים געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, באָרע, וויפיל אַ שטייגער האָבן דאָ היינט געוואָרט פאַר דעם לויזיקן דזשאַב?

— מער פון דרייסיק האָב איך איבערגעציילט.

— מער פון דרייסיק? — האָט ראַבינס זיך אַ כאַפּ געטאָן. — דערפאַר האָט דער באַלעבאָס אויסגעקליבן דיך — אַ „סקול־באַי“ פאַר אַ דאָלער אַ טאָג! — האָט ער סאַרקאַסטיש פאַרענדיקט.

ראַבינס האָט באָרע'ן מיט פאַרדרוס דערציילט, אַז ווען ער, ראַבינס, איז אַהער אָנגעקומען אַרבעטן מיט אַ חודש צוריק, האָט דער זעלבער באַלעבאָס אים אָנגעבאָטן צוויי מאָל אַזויפיל און ער קריגט פופצן דאָלער אַ וואָך...

— ווייסטו כאָטש, באָרע, — האָט ראַבינס צוגעגעבן צום געשפּרעך, — אַז דער אַרבעט־טאָג איז דאָ אין רעסטאָראַן פון אַכט אין פרימאָרגן ביז אַכט אָוונט? און אפשר וועט פון היינט דער באַלעבאָס באַפוילן צו אַרבעטן נאָך מער שעה'ען?! ווער וועט אים דען ניט דערלאָזן?

ער האָט גערעדט מיט גאַל, ראַבינס. דער ציגאַרעטל אין מויל האָט בעת מעשה געציטערט צוזאַמען מיט זיין אויסגעצויגענעם פּנים; ער האָט גערעדט און אים דערציילט ווי שווער עס איז צו פאַרדינען די לויזיקע פופצן דאָלער, וואָס מיט דעם געלט דאַרפן לעבן נאָך צוויי מענטשן... באָרע איז געזעסן קעגנאיבער אים אַ ציטערדיקער, אַ באַ־

שולדיקטער, און האָט געפּילט אויף זיך ראַבינס׳עס צער און צאָרן, מיט דעם שרעק פאַר זיין „דזשאָב״, וואָס ער, ראַבינס, קאָן איצט צוליב אים פאַרלירן. ער האָט געזאָגט אַנטשלאָסן:

— איך האָב מיך באַרעכנט, אַז איך האָב נישט גוט געטאָן מיטן אָננעמען דעם „דזשאָב״ פאַר אַ דאָלער אַ טאָג. איך קום נישט מאָרגן! איך וועל קריגן אַן אַנדער — — —

— ניין, באָרע, — האָט ראַבינס אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן, — דו ביסט ניט שולדיק! אויב דו וועסט נישט קומען, וועט מאָרגן באַלד זיין אַ צווייטער. שולדיק איז די פאַרפלוכטע אָרדענונג פונעם לאַנד, וועלכע האָט דיך אָפּגעריסן פון לערנען און טרייבט צו זוכן אַ „דזשאָב״; שולדיק איז אָט־דאָס סיסטעם, וואָס שאַפט אינעם לאַנד דעם שרעקלעכן צושטאַנד, אַז מענטשן וואָס זיינען פּייאיק און וויליק צו אַרבעטן און פאַרדינען, קומט אָן אַ קריזיס און פאַרשטעלט פאַר זיי אַלע מעגלעכע און ערלעכע וועגן צו פאַרדינען זייער ברויט! אָט נעם מיך: איך בין זעקס און דרייסיק יאָר אַלט. אַ געניטער מאַשין־מעכאַניקער, אָט זע...

די אָפּרו־צייט איז אַוועק. ראַבינס האָט זיך אַ הויב געטאָן צו דער אַרבעט. באָרע האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ פאַרטראַכטער...

דער ליבער פרילינג איז געקומען און מיטגעבראַכט אַ וואַרעמע, ליכטיקע זון, וואָס האָט באַגראָזט און באַגרינט וואַלד און פעלד, און געבראַכט אַן אָנזאָג פאַר אַ ניי, בעסער לעבן.

אין אַ מיטן העלן פרילינג־טאָג האָבן די צייטונגען און די ראַדיאָס פונעם לאַנד ראַשיק געלאָזט וויסן דער באַפעלקערונג, אַז „די דייטשישע אַרמיי, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם נאַצי אַדאָלף היטלער, איז פּלוצים, אָן אַ וואָרנונג, אַריבער אירע גרענעצן, פאַרכאַפּט אַ שטיק אייראָפּע, און שטעלט אין געפאַר צו פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט!״ די דאָזיקע נייעס האָט פאַר אַ וויי צערודערט די געמיטער. באַלד, אָבער, האָט מען זיך באַרעכנט, אַז פאַרן לאַנד וועט אָט־די נייעס ברענגען אַן ענדערונג — צום גוטן.

אַזוי איז דאָס געשען אין קורצן:

פון ערגעץ אַ געהיימען ווינקל, פונוואַנען דער לעבנס־נערוו ווערט שטרענג קאָנטראָלירט, און פונוואַנען אַן אומזיכטבאַרע האַנט האָט מיט אַ צייט צוריק אַ רעדל אַ דריי געטאָן, און אָפּגעשטעלט די שפע פונעם לאַנד, און געבראַכט פאַר דער באַפעלקערונג נויט און הונגער, — האָט איצט, פונעם זעלבן געהיימען ווינקל, אַן אומזיכטבאַרע האַנט דאָס רעדל אויף צוריק אַ דריי געטאָן. און מיט דעם אויפגעלעבט דעם מאַשינען־

גערויש, און פאַבריקן, פּעקטאַריס, זאַוואָדן און וואו נאָר ס׳האָט ביז איצט אַ טויטע שטילקייט געהערשט, האָט אַלץ אויף דאָס ניי גע־אַרבעט, געשאַפן אין פולער מאָס און אַריבער די מאָס. אַרבעטער האָבן פאַרדינט, געקויפט אין די קראָמען, און מיט דעם — מיט זייער קויף־קראַפט — צוריק אויפגעלעבט דאָס לאַנד.

יעקב, וועלכער איז דורך דער צייט פונעם קריזיס פאַראָרעמט גע־וואָרן און איז שוין געשטאַנען ביים שוועל פון אונטערגאַנג, איז מיט דער דאָזיקער ענדערונג געהאָלפן געוואָרן: צו־ביסלעך האָבן אין זיין קליידער־געשעפט זיך ווידער גענומען באַווייזן אַלטע און נייע קונדן, וואָס האָבן באַצאָלט וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט. און וואָס מער קונדן — איז זיין סחורה, די זעלבע סחורה, אַלץ טייערער געוואָרן... און מיט איין מאָל האָט ער ווי אינגאַנצן פאַרגעסן די לעצטע ביטערע צייט, ווי אַ שלעכטן חלום.

די ענדערונג צום בעסערן אינעם לאַנד האָט אַפילו אויך דער־גרייכט באַרע׳ן, אַרבעטנדיק אינעם רעסטאָראַן. אמת, ער האָט נאָך אַלץ געדאַרפט אַרבעטן ביז אַכט ביינאַכט, און צוליב די שפּעטע שעה׳ען נישט געקענט באַזוכן די אָוונט־קורסן אין אוניווערסיטעט. בכלל אָבער, האָט ער איצט פאַרדינט פיל מער, און געהאָפט, אַז ער וועט אַריינטרעטן פאַר אַ מיטגליד פון זיין פאַך־יוניאָן, וואָס וועט אים פאַרזאָרגן מיט וויניקער שעה׳ען אַרבעט. זיין פריינט ראַבינס האָט אים צו דעם פיל מיטגעהאָלפן, אָבער ער אַליין איז צוריק אַוועק צו זיין פריערדיקן פאַך, וואו ער האָט פיל מער פאַרדינט.

באַרע האָט זיך געפילט איינזאַם אָן זיין פריינט ראַבינס ביי דער אַרבעט. ווייל דורך דער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט, האָט באַרע אין ראַבינס׳ן געפונען אַן אויפריכטיקן פריינט און פון אים פיל געלערנט, און איז אָפט געקומען צו אים אַהיים, וואו באַרע האָט זיך באַקענט מיט ראַבינס׳עס שיינע געלערנטע פרוי, מילי, און מיט זייער קליין טעכטערל זינאַ. אין אָט דער היים, ביי די ראַבינס׳עס, וואו עס האָט זיך געפונען פאַליצעס מיט ביכער, און וואו מ׳האָט געלייענט און דיסקוטירט געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, און בכלל געהערט דאָרט אַ ניי וואָרט, האָט דעם יונגן ראַפינירטן בחור׳ל אינטריגירט; ס׳האָט אים געצויגן אַהין צו פאַרברענגען זיין פרייע צייט.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען באַרע איז פון די ראַבינסעס אַהיים גע־קומען, האָט יעקב צו אים געזאָגט:

— איך האָב פאַר דיר גוטע נייעס, באַרע! וועסט באַלד ניט דאַרפן

פאַרשוואַרצט ווערן אין רעסטאָראַן. איך וועל דיר דאַרפן אין מיין געשעפט... פאַרשטיי מיך: מיין קראָם ווערט צו־ענג. איך ברענג אַריין באַלד נייע סחורה און שטעל דאָרט איין די נייסטע מאָדערנע איינריכטונגען, עס זאָל אויסזען ווי אַ פּאַלאַץ! מיר וועלן דאַרפן אין גיכן פון דאַנען אַרויסציען, ווייל מיר ברעכן דורך די ווענט פון די דריי צימערן, וואו מיר וואוינען...

בערע האָט געהויבן מיט די אַקסלען, נישט פאַרשטאַנען וועמען יעקב מיינט מיט דעם „מיר", וואָס ער זאָגט; און בכלל זיך געוואונדערט: פונוואַנען האָט יעקב שוין אַריינגעקראָגן אַזויפיל געלט, וואָס די נייע איינריכטונגען דאַרפן קאָסטן? איז בערע געשטאַנען און טאַמע־וואַטע אים אָנגעקוקט, ביז יעקב האָט אים אונטערן אָרעם גענומען, אים געפירט פון ווינקל צו ווינקל; גלייכצייטיק געמאָסטן מיטן אויג דעם גרויס פונעם שטח, און ווי די קראָם וועט שפּעטער — אָן אויס־געליידיקטע, אָן די ווענט — אויסקוקן מיט די אַלע מאָדערנע איינ־ריכטונגען. בערע האָט גאָר מער נישט געפרעגט, ווי דאָס וואָס יעקב האָט אים ערשט דערציילט וואָלט אים גאָרנישט אינטערעסירט.

נאָר שפּעטער, נאָך אַ גלעזל בראַנפן, וואָס יעקב האָט מכבד געווען, איז ער, יעקב, אָפּנהאַרציק געוואָרן און בערע'ן פאַרזיכערט, אַז איצט וועט ער קריגן אָפּגעצאָלט פאַר אַלע יאָרן, וואָס ער, בערע, איז אים געטריי געווען. און געראָטן אים, דערוויל זאָל ער דינגען ערגעץ פאַר זיך אַ צימער, ביז... ער וועט אינגיכן חתונה האָבן מיט דער אלמנה עטל, וואָס פאַרמאָגט אַ שיינע רייכע היים, וואו בערע וועט האָבן פאַר זיך אַ גוטן צימער, ווי ביי זיך אין דער היים.

ביז שפּעט ביינאַכט האָט יעקב האָפערדיק דערציילט וועגן דער רייכער אלמנה עטל און פון זייערע פלענער פאַר דער צוקונפט. בערע האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פּנים, וואָס האָט גאָרנישט ניט אויסגעדריקט. עס האָט אים אָבער יאָ געוואונדערט: פאַרוואָס יעקב פאַרשווייגט וועגן זיין שטודירן אין אוניווערסיטעט? ווייסט דען ניט יעקב, ווי ער, בערע, האָט אַלע יאָרן זייענדיק ביי אים געבענקט נאָך דעם גליקלעכן טאָג דאָס צו דערגרייכן? און איצט, ווען אָט דער טאָג צו רעאַליזירן זיין חלום איז געקומען, וויל גאָר יעקב, אַז אַנשטאָט ער זאָל פאַרזעצן זיין שטודירן, זאָל ער גאָר אַרבעטן ביי אים?!

מיט פאַרדרוס האָט בערע לאַנג וועגן דעם געטראַכט און איז ענדלעך געקומען צום אויספיר: ס'איז בעסער אַזוי! ווייל פאַר אים איז פיל ווירדיקער צו אַרבעטן בייטאָג, פאַרדינען אויף וואָס ער נויטיקט זיך און באַזוכן די אָוונט־קורסן.

אַ באַרואיקטער, האָט ער פאַרן שלאָפן גיין אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער מאַמע:

„מיין ליבע מאַמע:

„דעם בריוו שרייב איך דיר אין אַ פריילעכן געמיט. יעקב פאַר־גרעסערט זיין געשעפט און איך וועל אַרבעטן ביי אים. מאַמע טייערע, איך האָף אַז דו וועסט מיר פאַרגעבן פאַר נישט ענטפערן דיר אויף דיין פאַרלאַנג, אַז איך זאָל שוין קומען צו דיר, און מער ניט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן אין רעסטאָראַן. איצט וועט די לאַגע זיך ענדערן; ביי יעקב׳ן וועל איך האָבן מער פרייע צייט דיך קומען זען. צו־ערשט פאַרשרייב איך זיך אין אוניווערסיטעט, צו פאַרענדיקן פאַר לערער. ווי דערלעב איך דאָס שוין, מאַמע טייערע! — דיין באָרע.״

אַ פריידיקער האָט ער דעם בריוו צונויפגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אונטערפייפנדיק בעת מעשה אַ באַקאַנטע מעלאָדיע. און אַ ביסל שפּע־טער — אויפן געלעגער, ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער זיך דערזען אַלס לערער אין קלאַס־צימער, ווי ער שטייט דאָרט אויבנאָן. קינדערשע אויגן און אויערן זיינען אָנגעשפּיצט צו אים, האָרכן זיך צו צו זיין יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס, און צו זיין יעדער אָנגעשריבן וואָרט, וואָס ער צייכנט מיט ווייסן קרייד אויף דעם שוואַרצן טאָוול...

6

יעקב׳ס פאַנטאַסטישער פּלאַן מיט די מאָדערנע איינריכטונגען אין זיין געשעפט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל פרייד דאָס אינפאָרמירט באָרע׳ן, האָט צוליב ניט פאַראויס־געזעענע סיבות, פאַר אַ לאַנגער צייט ניט געקאָנט ווערן פאַרווירקלעכט. יעקב האָט זיך אָבער געגוויטיקט אין באָרע׳ן, וועלכער וויסט די אַרבעט ביי אים אין געשעפט און אויף וועמען ער קען זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן.

באָרע איז צופרידן געווען אָוועקצוגיין פון דער אַרבעט אין רעסטאָ־ראַן און קומען צו יעקב׳ן. אמת, ער האָט איצט קיין מינוט רו ניט געהאַט. ווייל אַ חוץ די שווערע אַרבעט — צופרידנשטעלן קונדן, האָט ער נאָך געמוזט טראָגן דעם אחריות פונעם געשעפט, ווייל יעקב האָט אָפט דאָרט אויסגעפעלט. דערפאַר אָבער, האָט קיין באַלעבאָס „אויג״ מער ניט גע־וואַכט איבער אים... און דער עיקר — וואָס ער וועט איצט האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן זיין שטודיום פאַר אַ לערער.

װעגן אַט־דעם ענין האָט באַרע נאָך אַלץ ניט אױפגעהערט צו טראַכטן. נאָר װען ער האָט באַשטימט בײ זיך דעם טאָג צו גײן אַהין זיך פאַרשרײבן פאַר די נאַכט־קורסן, האָט ער זיך צום סוף דערטראַכט, אַז איצט, װען דער װינטער גײט באַלד אַװעק, איז צו־שפּעט אָנצופאַנגען... באמת אָבער, איז באַרע נאָך דעם שװערן טאָג אַרבעט אין יעקב׳ס געשעפט אַלע מאָל געװען פיזיש און גײסטיק אױסגעשעפּט; נאָכן אָװנט־ברױט איז ער קוים אימשטאַנד געװען צו לײענען אַ בוך. און גאַנץ אָפט איז ער בעסער אַװעק פאַרברענגען מיט די ראַבינסעס...

װאָכן און חדשים זײנען אַזױ פאַרגאַנגען... דער געשעפט בײ יעקב׳ן איז מיט יעדן טאָג פאַרבעסערט געװאָרן. דורך דער־אַ צײט, האָט יעקב אױפדאַסניי פאַרפולט זײן באַנק־בוך. און באַרע איז מיט יעדן טאָג מער פאַרזאָרגט און מער פאַרטראַכט געװאָרן... צו ביסלעך האָט ער פאַר זיך געמוזט מודה זײן, אַז ביז איצט האָט ער זיך אַלײן גענאַרט מיטן חשבון... און איצט, װען ער איז שױן אַ בחור װײט אין די צװאַנציקער, איז נאַריש אַפילו צו טראַכטן: זיך איצט צו פאַרשרײבן אין די נאַכט־קורסן, װאָס דאַרף געדױערן דאָרטן װער װײסט װיפיל יאָרן אױסצושטודירן פאַר אַ לערער...

אַט־דער טרױעריקער אמת, האָט באַרע׳ן פאַראומערט דאָס לעבן דורך די טעג בײ דער אַרבעט און בײנאַכט אױפן געלעגער... אין אײנעם אַן אָװנט, װען יעקב האָט אים געטראָפן זיצן אַ פאַרטראַכטן, האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט:

— װאָס, מײן זון, װידער? פעלט דיר עפּעס, חלילה? שעם זיך ניט, רעד...

באַרע האָט געשװיגן מיט אַ פּנים, װי ער װאָלט זיך מיישב געװען, צי ער זאָל באַקלאָגן פאַר אים, און צום סוף געזאָגט:

— איך בין ניט צופרידן, יעקב. איך גלױב ניט מער, אַז בײ די נאַכט־קורסן זאָל איך זײן אימשטאַנד װען ס׳איז פאַרענדיקן מײן שטודיום. עס איז שװער נאָך אַ טאָג אַרבעט זיצן אין קלאַס און זיך צוהערן צום לערער — אַט־װאָס...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, באַרע, נאָך דעם װאָס ער האָט איצט אַרױסגעזאָגט... יעקב האָט אים אַ װײלע באַטראַכט דערנאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גערעכט, מײן זון, — האָט ער גוטמוטיק צוגעגעבן, — נאָך אַ טאָג אַרבעט װערט טאַקע דער מוח פאַרטעמפּט. װײל איך דיר אױסזאָגן אַ סוד: איך טראַכט שױן לאַנג פון דעם װאָס דו זאָגסט, און איצט װעט

אונדזער וואונטש מקוים ווערן! עס וועט נעמען בלויז גאָר אַ קורצע צייט און דו וועסט לערנען אין די טאָג־קלאַסן! ווייל די אַלע סיבות וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אונדזער חתונה און איבערבויען דעם געשעפט, זיינען, דאַנ־קען גאָט, שוין באַזייטיקט געוואָרן! האָב בטחון, מיין זון. וועסט זען — — —

סוף יאָר 1941 איז אַמעריקע, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם ליבעראַלן פּרעזידענט פראַנקלין ד. רוזוועלט, אַריין אין קריג קעגן יאַפּאַן מיט אירע פאַרבינדעטע — נאַצי־דייטשלאַנד און די פאַשיסטישע איטאַליע. די אַמעריקאַנער יונגעלייט זיינען אין דער מלחמה אַוועק, אָבער די געשעפטן אינעם לאַנד האָבן זיך דורך אָט־דער צייט דווקא פאַרגרעסערט און פאַרבעסערט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אין די ניו־יאָרקער צייטונגען דער־שינען אַן אַנאָנס אין גרויסע אותיות:

„וואָטשט!... גרענד אָפּענינג!... וואָטשט!...״

„די גוט־באַוואוסטער קליידער־פירמע דזשייקאָב נירנבערג ענד קאָמפּ. אַנאָנסירט די דערעפענונג פון זייער באַנייטן ריזיקן געשעפט, וואָס ווערט דערעפנט פאַר דעם פובליקום נעקסטן דינסטיק מיט אַ פול־לאַיין אָנצוגן, מאַנטלען, און אַלערליי ספּאָרטס־קליידער פון די בעסטע היגע און אימפּאָרטירטע סחורות פאַר די ביליקסטע פרייזן!

„קומט און איבערצייגט אייך! קומט און באַוואונדערט אונדזער נייעם פּלאַץ!

„קומט און קריגט מציאות! — דזשייקאָב נירנבערג ענד קאָמפּ.״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט־דער אַנאָנס, פיל פאַרגרעסערט אויף אַפישן, איז געווען אויס־געקלעפּט אויף די שכנה׳דיקע פּאַרקאַנעס, און איבער דער קראָם, וואו אַרבעטער האָבן אינעווייניק געמייסטרעוועט די אַלע מאָדערנע איינ־ריכטונגען, ווי דאָס איז פון פריער אָנגעצייכנט געוואָרן אַקוראַט פון יעקב׳ס ווייב עטל, מיט וועמען ער האָט ערשט חתונה געהאַט.

באַגעגנט האָט יעקב זיך מיט עטל׳ען ביי דעם אַלטן רב ליוואַי אין שטוב. ער, יעקב, דער הויפּט־טוער פון דער שול, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, איז איצט, ווען די געשעפטן זיינע האָבן, אַדאַנק דער מלחמה, זיך פאַרבעסערט, אָפט געקומען צום רב ליוואַי איבעררעדן וועגן זיין נייער אידייע: אויפצובויען אַ אידישן צענטער, אין וואָס די אידן פון דער געגנט נויטיקן זיך שטאַרק. און דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער רייכער אלמנה עטל, אַ נאָענטע קרובה פונעם רב.

יעקב האָט אין אָנהויב זי אַפילו נישט באַמערקט. ווייל, ווי דער אמת, איז ער נישט גרייט געווען אַ צווייטן מאָל חתונה צו האָבן, און זיכער ניט מיט עטל'ען, וועלכע האָט שוין געהאַט פון איר ערשטן מאַן אַ צוואַנציק־יאָריקן זון, און זי איז בכלל נישט געווען אַזוי באַ'חנ'ט ווי זיין פאַרשטאָרבענע מלכה'לע איז געווען. דער רב ליוואי האָט זיך אָבער אַריינגעמישט, אים גע'עצה'ט, אַז ראשית, שטאַמט די דאָזיקע ווייבל פון אַ למדנ'ישע משפחה, אַ נגידה דערצו, און זי פאַרשטייט ווי צו פירן אַ געשעפט.

אָט די דאָזיקע דריי מעלות האָבן, אַפּנים, אויף יעקב'ן געווירקט. און צו דעם האָט ער אויך אין זינען געהאַט באַרע'ן... ווער זי, יעקב, האָט געהאַט פאַרזיכערט... און וועמען ער איז אַזוי פיל שולדיק... נאָר שפּעטער, נאָך דער חתונה, ווען יעקב האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל באַרע'ן אַריינגעמען צו זיך און באַהאַנדלען אים ווי אַן אייגן קינד, איז איר פּנים געוואָרן גרין און געל, און באַלד אויפן אָרט האָט זי אים געוואָלט דערקלערן:

— זיי וויסן, יעקב, איך האָב אַ זון...

געענטפערט האָט זי אָבער געלאָסן:

— אַוואַדע, יעקב. באַרע וועט געפינען ביי אונדז אַ היים. דאָס ערשטע, אָבער, איז דאָס געשעפט... און דאָס לאָז איבער צו מיר!

יעקב האָט אַפילו לאַנג נאָכגעטראַכט דאָס וואָס זי האָט געזאָגט... אָבער הרטה צוליב דעם אויפן שידוך — דאָס ניט. עטל האָט אויף אַ כיטרען אופן פאַרשטאַנען ווי יעקב'ן צו באַהאַנדלען, און זי האָט געזיגט. צו־ביסלעך האָט יעקב אַנטדעקט אין עטל'ען אַ גרויסע בריה אין געשעפט: זי פלאַנירט און פירט אַליין אַלץ דורך, און ער, יעקב, האָט געענוג צייט, מיט אַ קלאָרן רואיקן מוח זיך אָפּצוגעבן מיט דער אידייע, וואָס אינטערעסירט אים צום מערסטן — זיין געפלאַנטן אידישן צענטער...

:: :: ::

דאָס איז געווען אין אַן ערב־יום־טוב'דיקן נאָכמיטאָג.

די טירן פונעם געשעפט האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן. קונדן — אַלטע און נייע — זיינען פון געשעפט אַרויס און נייע זיינען אַריינגעקומען, און האָבן דערזען פאַר זיך אַ ריזיק געשעפט, באַלויכטן מיט אַ העלע זון־ליכט, וואָס באַשיינט דעם רחבותדיקן, גלאַנציקן דיל מיט די נייע שאַפעס פול מיט מלבושים, וואָס שטייען אָפן פאַר די קונדן זיך אויסצוקלייבן וואָס נאָר זיי געפעלט.

יעקב, אַ יום־טוב'דיקער, מיט אַ סוחר'ישן שמייכל, האָט אויפ־

גענומען די קונדן און זיי איבערגעגעבן צו עטל'ס צוואַנציק־יאָריקן זון סיימאָן, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס, וועלכער האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער יעדן אַנגעשטעלטן, און אויך איבער באָרע'ן.

אין דעם ערב־יום־טוב'דיקן נאָכמיטאָג, ווען קונדן האָבן געהאַלטן אין איין קומען, האָט אָט־דער פּאַרוואַלטער סיימאָן אַ פּאָר „ביזי"־טער כסדר פאַרטיילט די קונדן צווישן די אַנגעשטעלטע, וועלכע האָבן מיט אַ מאָס איבער זייער נאַקן פריער דעם קונד געמאָסטן מיטן אויג, און תיכף מיט דער מאָס אין האַנט אַרומגענומען זייער ברוסט, פאַר־שוואונדן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ נייעם בגד, שמייכלענדיק: אָט האָט איר וואָס איר פאַרלאַנגט...

ניט ווייט פון דער טיר, אין אַ קליינעם אָפּיסל אַן אָפענעם, איז געשטאַנען די קאַסירערין עטל, יעקב'ס ווייב — אַן אויסגעבלייכטע, אירע דינע טונקעלע האָר הויך אַרויפגעקאַמט, וואָס האָט איר צוגעגעבן פרישקייט און חן, האָבן ווייט ניט געשטימט מיט איר זויערן פּנים, וואו קיין שמייכל האָט זיך גאָר ניט געקענט אויסבאַהאַלטן; מיט פולן ערנסט איז זי געשטאַנען ביי איר אַרבעט, און איינציקיטיק געשמועסט מיט איר זון, מיט דעם פאַרוואַלטער סיימאָן, וועלכער איז אָפט צו־געקומען, געהיט דער מאַמע'ס דינע ליפּן, און זיך באַלד געלאָזט מיט אַ באַפעל:

— העי, באָרע! נעם דעם־אָ מיסטער צום שניידער דאָרט, ער זאָל... דו הערסט?!

און באָרע, שטענדיק מיד פון לויפן מיט אַ שליחות, האָט אַוועק־געלייגט די אַרבעט פון צונויפקלייבן די אַנגעוואָרפענע בגדים, און האָט דעם־אָ מיסטער אַרויפגעפירט מיט די טרעפּ אויף דער גאַליאָרקע צום שניידער. ווען ער איז צוריקגעקומען און זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט, איז דער פאַרוואַלטער סיימאָן ווידער געקומען מיט אַ באַפעל:

— לויף שוין אַוועק אין דעם הויזן־שאַפּ! זאָג דעם באַלעבאָס בראַנד'ן, מיר מוזן שוין האָבן די פיר פּאָר הויזן, וואָס מיר האָבן אים געגעבן אויפצומאַכן! שטיי ניט. מאַך עס גיך! די קונדן וואַרטן — דו הערסט?!

בראַנד'ס הויזן־שאַפּ איז געווען ווייט אַוועק. איז באָרע אַהין גע־גאַנגען און געטראַכט פון דער חבר'שער, נאָענטער פאַרגאַנגענהייט מיט יעקב'ן, וואָס איז איצט מער ניטאָ... ער איז געגאַנגען און אַ ביטער געפיל האָט אים נישט צורו געלאָזן און געמאָנט: יעקב'ס צו־זאָגונגען און מיט וואָס דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט... אַן אָפּגענאַרטער האָט ער זיך דעם וועג געשלעפּט. און ווען ער האָט דאָרטן נאָך געמוזט

צוואַרטן, זיינען שווערע אַנגסטן אים באַפאַלן, נישט פאַר מורא פאַר דעם פאַרוואַלטער סיימאָן, נאָר פאַר פאַרדרוס אויף זיך אַליין: פאַרוואָס ער איז אַזוי נאַאיוו און הערט זיך נאָך אַלץ צו וואָס יעקב זאָגט...

ווען באָרע איז צוריקגעקומען, האָט דער פאַרוואַלטער סיימאָן אים באַגעגענט מיט רוגזה:

— וואוהין ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? די קונדן האָבן קיין געדולד ניט צו וואַרטן אויף דיר, ביז ס'וועט זיך דיר פאַרגלוסטן צוריק קומען!

באָרע, אַ פאַרביטערטער, האָט אים אַ ווילדע אָנגעקוקט און געלאָזן געזאָגט:

— אַ צווייטן מאָל, וועסטו בעסער אַליין אַהין לויפן. וועסט זיכער פיל שנעלער מאַכן מיט דיינע הילצערנע פיס!...

— אַזוי? — האָט סיימאָן זיך פאַרקרימט, — דענקסט, אַז דו ביסט דאָ אַ גאַנצער קנאַקער צוליב... וואַרט...

די מאַמע עטל, אַ דינינקע, אַן אויסגעבלייכטע, מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן, האָט גיך מיט איר דראָבנע טריט זיך אַ לאָז געטאָן צו באָרע'ן, און אין דער שטיל, פאַרביסן, געפרעגט:

— וואָס פּראָוועסטו דאָ ווילדע שטיק דו?... ווילסט ניט טאָן דיין אַרבעט? טאָ זאָג מיר...

זי איז געשטאַנען אַן אָנגעצונדענע מיט אַ פלאַמיק פּנים און געוואַרט, באָרע זאָל וואָגן איר ענטפערן בלויז איין וואָרט... באָרע האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, און ווען יעקב איז צוגעקומען, האָט עטל אים אָוועקגענומען צו זיך לעבן דער קאַסע. געהערט האָט באָרע פון דאָרט טענות און קעגן־טענות... ער האָט געוואַרט, באָרע, און וואַרטנדיק אָפּגעמאַכט ביי זיך ווי ווייטער צו האַנדלען... ביז יעקב איז פון דער ווייב אָוועק אַ צערודערטער, און מיט אַ פאַר'ברוגז'טן פּנים אָנגעטאָן דעם מאַנטל און אַוועק.

באָרע האָט אים נאָכגעפאָלגט, אָפּגעשטעלט אים אין גאַס און געזאָגט:

— איך גיי אַוועק פון דאַנען, יעקב. מער קום איך אַהער ניט.

אַ דערשטוינטער האָט יעקב אים אָנגעקוקט און געפרעגט:

— פאַרוואָס, באָרע? מאַך פון דעם קיין וועזן נישט. ס'איז גאָר־נישט מיט גאָרנישט...

יעקב האָט געפּרואווט צונישט צו מאַכן די קריגערישע סצענע, וואָס מאַמע און זון האָבן איצט אָפּגעשפּילט. באָרע האָט אָבער דערקענט אין יעקב'ס צורודערטקייט, אַז עטל, ס'ווייב זיינע, האָט אינעם לעצטן איבעררייד מיט איר מאַן אַוואַדע אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי

ווײל באָרע׳ן מער נישט האָבן אין געשעפט... און ער האָט געזאָגט:

— דענקט ניט, אַז איך בין אַזוי נאַאיוו, יעקב... איך פאַרשטיי, אַז פאַר מיר איז אינעם געשעפט מער קיין פּלאַץ ניטאָ. ווײל איך קיינעם ניט זיין אין וועג...

— וועמען ביסטו דען אין וועג? — האָט יעקב זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט? ביסט מיין זון ווי פריער. מיר וועלן — —

— הערט אויף! — האָט באָרע אים איבערגעשלאָגן. — איך גלויב אייך נישט מער, יעקב! איך בין געווען אייער זון ווען איר האָט זיך געניטיקט אין מיין הילף... איצט, זינט איר האָט חתונה געהאַט און רייך געוואָרן, בין איך מער נישט אייער זון, און נישט אַפילו אייער חבר, נאָר אַ משרת ביי אייך אין געשעפט... איצט זיינען מיר צוויי מענטשן מיט באַזונדערע אינטערעסן; איר דאַרפט כאָטש נאָך פאַרמאָגן אַ ביסל ערלעכקייט און מוט דאָס צוצוגעבן, יעקב!

ער האָט זיך באַלד אויסגעדרייט, באָרע, און פאַרשוואונדן אַן אַ זייט־געזונט!...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט באָרע פאַרבראַכט ביי די ראַבינסעס.

פונעם טאָג וואָס באָרע האָט געהאַט זיך אַרויסגעצויגן פון יעקב׳ן, האָט ער איינגאַנצן זיך איינגעבירגערט ביי די ראַבינסעס, וואו ער האָט געקראָגן אַ צימער ביי אַ שכן, און וואו ער איז אין זיין פרייער צייט געווען אַן אייגענער, און זיך צוגעהערט, ווי זיי, די ראַבינסעס, אַנאַליזירן דעם גאַנג פון דער מלחמה.

דעם אָוונט, האָט באָרע געטראַכט די ראַבינסעס איבערצוגעבן די לעצטע פּאַסירונג ביי יעקב׳ן אין געשעפט, און צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט — אָוועקצופאָרן זען דער מאַמע... ווייל נאָך די אַלע יאָרן פון ביטערער דערפאַרונג, איז ער איצט צום שכל געקומען, אַז ער קאָן מער נישט דערוואַרטן, אַז ער זאָל ווען ס׳איז דערגרייכן זיין ציל און האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן זיין שטודיום פאַר לערער... און איצט, אַפילו ווען ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט פאָרן צו דער מאַמע קיין סאַוט קאַראָליינע, האָט ער שוין מער קיין אילוזיעס נישט געהאַט, אַז דאָרטן וועט ער קענען פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־לאַנגן חלום... ער האָט בלויז געגאַרט צו זען די מאַמע, וועלכע איז איצט אים צום ליבסטן געוואָרן...

אין שטוב ביי די ראַבינסעס איז שטיל געווען, ווען ער איז אַהין געקומען. די טעכטערל זינעלע איז זיך רואיק געשלאָפן אין איר בעט. טאַטע־מאַמע, מיט פנימער פול מיט צער, זיינען פאַרטרויערטע ווי אבלים

געזעסן, זיך צוגעהערט צו אַ קול פון דער ראַדיאָ, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז די דייטשישע נאַצי־אַרמיי רוקט זיך... זי פאַרכאַפּט מער לענדער, שטעט, וואו זיי ראַבירן אַלץ אויס, מאָרדן און פאַרשקלאַפן די גאַנצע דאָרטיקע באַפעלקערונג...

האָט באַרע זיך צוגעזעצט נאָענט פון זיי, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איינגעזאַפּט אין זיך זייער צער און זייער צאָרן, גלייכצייטיק געטראַכט: ווי נאַריש ער איז, וואָס ער זאָרגט תמיד פון זיך און בלויז פון זיך, און ער זעט ניט, און מיידט אויס כאָטש איין מאָל זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם בלוטיקן שונא — „פאַשיזם", וואָס רוקט זיך, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, נענטער און נענטער, און דראָעט אומצוברענגען אַלצדינג וואָס גוטע ליבע מענטשן מיט הויכע אידעאַלן האָבן ביז איצט געשאַפן...

ער האָט לאַנג געטראַכט וועגן דער לאַגע, אין וועלכער די שאַפנדיקע מענטשהייט געפינט זיך, און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן. דערנאָך, אַ שווייגנדיקער, האָט ער מיט שטילע טריט פון שטוב זיך אַרויסגערוקט און איז אַוועק אין זיין שלאָף־צימער, געזעסן דאָרט אַ פאַרטראַכטער... פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט קברים... קברים... געהערט האָט ער דעם גסיסה־קול פון די פאַרפייניקטע, דערמאָרדעטע, ווי זיי פאָדערן: נקמה! נקמה פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, פאַר זייערע אָפּגעשניטענע לעבנס!...

אַזוי איז די נאַכט אַוועק אין טראַכטן... ערשט פאַרטאָג, איז ער קוים איינגעשלאָפן, זיצנדיק אויפן ראַנד פון זיין בעט. ווען ער האָט די אויגן געעפנט, האָט די זון — אַ קלאָרע, אַ ליכטיקע — דורך זיין פענצטער אַריינגעשיינט. דער זייגער האָט געוויזן: צען. ער האָט זיך געוואַשן, זיך אָנגעטאָן אין זיין בעסטן אָנצוג. דערנאָך איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, און מיט דעם רענצל אין האַנט אָנגעקלאַפּט ביי די ראַבינסעס טיר זיך צו געזעגענען, און געפונען דאָרט די טיר פאַרשלאָסן.

ער האָט אָפּגעריסן אַ בלעטל פון זיין נאָטיץ־ביכעלע און אָנגעשריבן:

„טייערע:

„איך פאָר צו דער מאַמע קיין סאַוט קאַראָליינע, זי זען און זיך געזעגענען. איך שליס זיך אָן אין אונדזער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס קעמפט קעגן פאַשיזם! אויב איך וועל אַ לעבעדיקער צוריקקומען, וועל איך זיכער זיין ביי אייך און פּראַווען אונדזער זיג צוזאַמען. אויב ניט — באַדאַנק איך אייך פאַר אייער פריינטשאַפט. אייביק וועל איך אייך געדענקען. — באַרע."

ער האָט דאָס צעטעלע צונויפגעלייגט און דאָס אַריינגעשטעקט אין

דער טיר ביים שלאָס. דערנאָך אַוועק פריער אין רעסטאָראַן עפּעס איבערבייסן, און פון דאָרט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ זיך אַוועקגעלאָזט דורך די זוניקע גאַסן, אַן אַנטשלאָסענער, אַ שטאָלצער, צום וואָקזאַל.

אין דער לעצטער מינוט, ווען די באַן האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, און בערע האָט זיך געהאַט שוין דורכגעשטופּט מיט דעם באַן־בילעט אין דער האַנט, דורכן שמאָלן פאַרצאַמטן אַריינגאַנג צו דער באַן, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ באַקאַנטן קול רופן זיין נאָמען.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט דערזען יעקב׳ן פאַר דעם אָפּגעצאַמטן אַריינגאַנג, ווי ער שטייט אַן אויסגעבלייכטער און רופט אים מיט אַ וויינענדיק קול... ער האָט זיך אויף גיך צוריק אויסגעדרייט און איז צום וואַגאָן אַוועק...

.1951

פּרעמדע

די נאַכט האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, און זיי זײַנען נאָך אַלץ געשטאַנען זאַלבעצאַנד אויף דער פּאַרלאָזטער באַן־סטאַנציע, וואו זיי האָבן מיט שעה׳ען צוריק אַראָפּגעשטיגן און זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס צו ברענגען זיי אַהיים אין דעם לאַנג אײַלענד שטעטעלע ס.

דער וועג אַהיים איז אַפילו ניט געווען זייער ווײַט. אפשר אַ שעה גאַנג. און ווען דער אויטאָבוס איז ניט געקומען, זײַנען זיי ביידע געשטאַנען ווי פּרעמדע, און פאַרטראַכט געקוקט אין דער קילער זומער־נאַכט אַרײַן, וואָס האַלט בײַם פאַרשווינדן און אויף דעם וועלדל, וואָס טיילט זיי אָפּ פון זייער היים. ער, גובער, אַ טונקל־חנ׳עוודיקער יונגער מענטש, מיט אַ פּינקטלעכקייט, וואָס ווייעט פון זײַנע בגדים און פון זײַנע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, האָט שעמעוודיק, פון דער זײַט, געוואָרפן אויף איר זײַנע גאָר־גרויסע, דורכדרינגענדיקע בליקן. מיט אַ ניט־זיכערן טאָן האָט ער געפּרואווט פאַרציען אַ שמועס מיט איר — צו כאַפּן זאַלבעצאַנד דורכן וועלדל אַ שפּאַציר אַהיים. ס׳הייסט צוליב זײַן געטרייער מוטער, וועלכע זיצט איצט מסתמא איינע אַליין אין שטוב בײַם פענצטער און וואַרט אויף אים. און ווען זײַנע רייד זײַנען ניט געהערט געוואָרן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווער ער איז, דערמאָנט די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט בײַ דער רעגירונג.

פאַר דעם מיידל זײַנען די דאָזיקע ווערטער געווען איבעריק. זי, איוואַ, האָט אים געקענט שוין צוויי יאָר, זינט זי איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט אין מלוכה־אָפיס צוליב אים, דעם אַגענט, מיסטער גובער. איצט, בײַם אַראָפּשטייגן פון באַן צוזאַמען, האָט זי אים באַלד דערקענט און געפילט ביטער, וואָס זי האָט אָט־דעם אומווירדיקן מענטשן געטראָפן אין וואַקאַציע־צײַט. און דער עיקר — וואָס דער מיסטער גובער איז אַ תושב פון דעם שטעטעלע, וואו זי מיט איר טאַטע־מאַמע וואוינען זומער־צײַט. איז זי געשטאַנען ווי אַ פרעמדע, פאַר׳עקשנ׳ט־פרעמד, ווי זי וואָלט אים מיט דעם געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער מעג טאָן וואָס ער וויל. זי וועט מיט אים קיין טראָט ניט טאָן. אין דער זעלביקער צײַט האָט דער פרויען־אינסטינקט געשמייכלט אין איר, וואָס זי, איוואַ, האַלט אים דאָ. זי האָט זיך אָנגערופן:

— ווער, אַ שטייגער, האַלט איך דאָ, מיסטער גובער?

זי האָט עס געפּרוּווט אַרויסזאָגן מיט רוגזה, מיט סאַרקאַזם. ער, גובער, זאָל דערפילן דעם האַס, וואָס זי טראָגט אויף אים זינט יענער צייט. די אַלע מורא׳דיקע טעג מיט די שלאָפלאָזע נעכט, דערינערונגען, וואָס אַ מיידל, אַ גראַדואירטע פון אוניווערסיטעט, פילט ביים זוכן אַרבעט, און דער צער פון טאַטע־מאַמע האָבן איצט, ביים טרעפן זיך ווידער מיטן מלוכה־אַגענט, ביי איר אויפגעלעבט מיט אַלע פּינקטלעכקייטן, און זיין שיין־חנ׳עוודיק פּנים, מיט זיינע ווייכע רייד, האָבן אויף איר קיין ווירקונג ניט געמאַכט.

גובער האָט געשוויגן מיט אַן אומשולדיק פּנים. אים איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז ער האָט דאָס מיידל אַמאָל געזען ביי זיך אין אָפיס פאַר אַן אויספאָרשונג. ווייניק מלוכה־אַנגעשטעלטע ווערן געבראַכט צו אים אין אָפיס? אגב, פילט ער זיך ניט זינדיק פאַר קיינעם. זיין אַרבעט איז אויס־צופאָרשן די טאַטן, די געדאַנקען פון יעדן מלוכה־אַנגעשטעלטן. ניין, וועגן דעם ענין האָט ער אַפילו ניט געטראַכט. ער האָט אויך ניט גע־טראַכט איבערצולאָזן זי דאָ, איינע אַליין, ביים וועלדל; דאָס מיידל איז אים געפעלן פונעם ערשטן בליק פאַר איר פּערזענלעכקייט, פאַר איר עקשנות, וואָס האָט אים אַזוי פאַראינטריגירט. ער האָט געפרעגט:

— מעג איך וויסן אייער נאָמען, מיס?

זי האָט אַ דינעם שמייכל געטאָן און האָט געענטפערט אַ צערייצטע:

— איוואַ איז מיין נאָמען, איוואַ אַבראַמסקי — צופרידן?

ער האָט געלאַכט, געלאַכט פונעם אופן, ווי דאָס מיידל האָט אים גע־ענטפערט מיט אַ צו־להכעיס, ווי זי וואָלט אים יעדעס וואָרט אין פּנים געוואָרפן. פאַר איר איז עס געווען אַ באַפרידיקונג, מחמת ס׳ערשטע מאָל ווען ער, גובער, האָט געפרעגט איר נאָמען, איז זי געווען דערשראָקן, מוטלאָז. גובער איז דעמאָלט געזעסן ביים שרייב־טיש און געקוקט מיט זיינע גרויסע, דורכדרינגענדיקע אויגן אויף אירע ליפּן, בעת זיינע פינגער האָבן פאַרצייכנט אויף דער שרייב־מאַשינקע איר יעדעס וואָרט. איצט, מיט צוויי יאָר שפּעטער, האָט זי אויסגע׳חוזק׳ט דעם זעלביקן מיסטער גובער — דעם־אַ מלוכה־אַגענט, וועלכער האָט צו זאָגן איבער דעם ברויט פון פיל מלוכה־אַנגעשטעלטע.

און גובער?

פאַר אים איז איר פעסטער טאָן מיט איר האַלטונג קעגן אים געווען אַן אויסנאַם פון די אַלע באַקאַנטע מיידלעך, וועלכע האָבן געזוכט זיין פריינטשאַפט. כדי זיך צו פילן נעענטער, האָט ער אַרויסגענומען דאָס פּעקל ציגאַרעטן און איר צוגעטראָגן. ביידע האָבן פאַררויכערט. אַ דער־

מונטערטער וואָס זי האָט אים דאָס ניט אָפּגעזאָגט, האָט ער פונדאָסניי באַטראַכט דאָס מיידל, וועלכע ער האָט דאָ אויף דער באַן־סטאַנציע צום ערשטן מאָל באַגעגנט, ווי זי שטייט, רויכערט, און אירע פינגער — לאַנגע, דינע, באַרירן אירע קליינע ליפּן, איר לענגלעך מוטיק פּנים, וואָס האָט זיך איצט געבליכט אינעם גרויען באַגינען. אַ פריידיקער האָט ער אין דער שטיל געזאָגט:

— אַ גליקלעכע באַגעגעניש, איוואָ?

און ווען זי האָט מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט, איז גובער געווען צופרידן. געטראַכט האָט ער: מסתמא שטימט זי צו, אַז זייער באַגעגעניש איז געווען אַ גליקלעכע. איז ער געשטאַנען לעבן איר אַ געלייטערטער, געצויגן דאָס ציגאַרעטל און פאַרגעסן זיין פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע ביי דער מלוכה; פאַרגעסן זיין געטרייע מוטער, וואָס זיצט איינע אַליין ביים פענצטער און וואַרט... ווי קיין געשעעניש וואָלט מער ניט געווען גרע־סער, און אַזוי וויכטיק ווי איוואָ, דאָס שטאָלצע וואונדערלעכע מיידל — די פּערזענלעכקייט, וואָס מיט איר האַלטונג פּאַסט זי אַזוי גוט אַריין אין דער אַריסטאָקראַטישער גובער־משפּחה. אין מוח ביי אים האָבן פּלענער זיך שוין פאַרמירט: ער וועט דאָס מיידל ברענגען פאַרצושטעלן פאַר זיין מוטער, איבעראַשן און אפשר, זאָל ער פריער — יאָ...

— איוואָ — האָט ער אַ דערמוטיקטער געזאָגט — איך בין גערן צו וויסן דעם אַדרעס וואו איר וואוינט?

ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, מיסטער גובער. און ווען דער ענטפער איז ניט געקומען, איז ער געווען אַנטוישט, און געפילט, ווי די קילע נאַכט קריכט אים אין די ביינער אַריין. ער האָט געקוקט אויף איר פּנים, וואָס איז פאַר אים ווידער געוואָרן פרעמד, און אירע אויגן — מאָ־נענדיקע, הונגעריקע. פאַרוואָס? האָט ער ניט געוואוסט און ניט געקענט פאַרשטיין.

און זי, איוואָ?

איר איז דווקא געפעלן די שפּיל, ווי ער שטייט פאַר איר אַ געבויגענער, גאָרניט דער זעלביקער שטאָלצער מיסטער גובער — דער מלוכה־מענטש, וועלכער האָט בלויז צו באַפוילן. נאָר ווען דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען, האָט ביי איר ערגעץ אַ צי געטאָן, ווי ס'זאָל איר פאַרדריסן וואָס די שפּיל ענדיקט זיך שוין. איז זי געזעסן לעבן אים אַ שטילע מיט אַ מישעניש אין קאָפּ, און זיך קוים צוגעהערט וואָס ער, גובער, שעפּטשעט מיט די ליפּן.

ביים אַרויסשטייגן, אין שטעטל, האָט ער זי העפלעך פאַרהאַלטן און ער האָט געזאָגט:

— איוואָ, זעסט דאָרטן דאָס באַגרינטע הויז מיט בלומען אַרום, דאָרט

אויפן בערגל? מיר וואוינען דאָרט. זע — האָט ער געצייגט מיט אַ פינ־גער — זע... מיין מאַמע זיצט דאָרטביים פענצטער און וואַרט... ווילסטו מיט מיר ניט גיין — טאָ זאָג מיר, וואו דו וואוינסט, וועל איך קומען צו דיר. איוואַ — — —

ער האָט גערעדט און מיט אַן ערנסט פּנים דערציילט פון זיין ליבע. איוואַ איז געווען שרעקלעך מיד. דעם שפּיל האָט זי געזוכט צו פאַרענדיקן שפּילעוודיק:

— ווי כ'זע, — האָט זי ציטערדיק אָנגעהויבן, — ווילט איר, מיסטער גובער, דווקא וויסן מיין אַדרעס. זאָג איך אייך, טוט אַ זוך מיין נאָמען אין די ביכער דאָרטן ביי אייך אין מלוכה־אָפיס — יאָ.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר ווילדע אויגן, וואָס האָבן געקוקט און גאָר ניט געזען. איוואַ, אַן אויסגעבלייכטע, האָט פּאַמעלעך זיך אויסגעדרייט, און מיט לאַנגזאַמע טריט, אַ מידע, אַ צעבראָכענע, זיך דערשלאָגן אַהיים.

1948

דער אַלטער נחום

שפּעט נאָך האַלבן טאָג האָט דער אַלטער נחום פאַרלאָזט דעם געריכט־הויז — אַ פאַרשפּילטער. דער פּסק־דין איז געווען, אַז לעווין, דער שכן זיינער, מעג בויען זיין נייע שטוב, וואו ער האָט געוואָלט. פאַר דעם אַלטן עלנטן מענטשן, האָט דער פּסק־דין פונעם ריכטער געקלונגען ווי אַ טויט־אורטייל. איצט וואוינען דאָרטן האָט ער מער ניט געקענט און וואוהין אַוועקצוגיין האָט ער ניט געהאַט.

איבער פערציק יאָר האָט נחום געוואוינט אין זיין הילצערן שטיבל, וואָס ער אַליין האָט אויפגעבויט. דאָרטן האָט ער זיין סאָפע׳ן אַריינגענומען באַלד נאָך זייער חתונה; זייערע דריי קינדער דערצויגן — אַ לעבן דאָרט אָפּגעלעבט. עס איז געווען, ווען די שטאָט בראַנזוויל האָט גענומען זיך צעוואַקסן. נחום, ערשט געקומען פון פּוילן, אַ היימישער סטאָליאַר, אַ יונג מיט שטאַרקע הענט, וואָס האָבן זיך אויסגעטויגט ניט נאָר צו האַלטן אַ הובל, אַ זעג, נאָר אויך פאַרריכטן אַ וואַסער־רער, אַן עלעקטרישן־דראָט צו פאַרבינדן — האָט דעמאָלט געאַרבעט אין בראַנזוויל ביי הייזער־געבוי. דער באַלעבאָס, אַ מיסטער קעלנער, אַ סוחר פון הייזער, פון „לאָטס״, און אַ מבין אויפן יונג׳ס געראָטענע הענט, האָט נחום׳ען איינמאָל געפּירט, כלומרשט, ווייזן זיינע בראַנזווילער „לאָטס״, זיינע מציאות, וואָס געפינען זיך אויף אַ מיט־גראָז באַוואַקסענעם פעלד. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט צו אים אין זיין שפּראַך:

— זעסט אָט־דעם העק, גרינע חיה? פאַלג מיך, קויף עס! עס איז גענוג פאַר דריי הייזקעס.

נחום האָט די נחלה איינגעהאַנדלט. פאַמעלעך מיט אייגענע הענט האָט ער טיף אין פעלד אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ הייזקע. און שפּעטער, ווען ער האָט מיט סאָפע׳ן חתונה געהאַט, און זי האָט אים דאָס ערשטע קינד געבוירן, האָט ער מער פון הימלעכקייט־וועגן, איין העלפט פון זיין נחלה אָפּגעגעבן פאַר אַ קלייניקייט צו אַ ווייטן קרוב, צו דעם לעווין, און נאָך אַליין אים געהאָלפן דאָס שטיבל אויפשטעלן.

יאָרן האָבן די שכנים מיט זייערע משפּחות געלעבט אין פרידן. נאָר ווען עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט ביי די לאַנג־יאָריקע

פרידלעכע שכנים די לאַגע זיך געענדערט. דער שכן לעווין, אַן אָרעמער מענטש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן, מיט זיין ווייב גיטל, זיך געמוטשעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אין זיין קרעמל, און ניט פאַרמאָגט צו לאָזן פאַרענדיקן זייער ליבן בן־יחיד, מילטאָן, זיין מיטל־שול — איז מיטאַמאָל גאָר אויפגעריכט געוואָרן: איבער נאַכט, איז יעדעס שטיקל סחורה געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ בריליאַנט! די לעווינס זיינען רייך געוואָרן און האָבן געזוכט נאָך רייכער צו ווערן.

און נחום דער סטאָליאַר?

נחום האָט אין דער זעלביקער מלחמה פאַרלאָרן, ראשית, זיין ליבע געטרייע סאָפע, פאַרלאָרן זייער איינגסטן זון, זייער געראָטענעם בען... זינט ער איז צוריקגעקומען פון „פּאַסיפיק״, געפינט ער זיך, אַ האָפענונגס־לאָזער קראַנקער, אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

די זון האָט זיך פאַררוקט צו מערב־זייט. מענטשן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט זייער אַרבעט, זיך אַהיים געלאָזט, און האָבן אָנגעפילט די טראָטוואַרן מיט פרייד, מיט געלעכטער. דער אַלטער נחום, דער הויכער זעקס־פוסיקער מענטש, וואָס טראָגט זיין עלטער, האָבן מענטשן שטענדיק באַוואונדערט זיין געזונטן, שיינעם אויסזען, זיין שטאָלצן גלייכן גאַנג — האָט איצט, נאָכן פּסק־דין פונעם ריכטער, זיך אַהיימגעשלעפּט אַ פאַר־צווייפלטער; ווי אַ פרעמדער אין אַ פרעמדער וועלט, האָט ער גע־בלאָנדזשעט צווישן די ענגע מאַסן, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין און צו וואָס ער גייט.

און ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז זיין אויג געפאַלן אויף די הויפנס ברעטער, ציגל און אַלערליי בוי־מאַטעריאַלן, וואו דאָס אַלץ ליגט שוין גרייט לעבן זיין שכנ׳ס הויז... אַ פאַרבענקטער האָט ער אין זיין גאַנעק זיך אָנגעשפּאַרט, דעם קאָפּ צום פרייען הימל געהויבן; ער האָט געקוקט העט־ווייט אויפן האָריזאָנט, וואו הימל און ערד באַגעגענען זיך — וואו די זון, אַ רויטע, אַ פייערדיקע, פאַרשטעקט זיך אין וועלדל, הינטער געדיכטע ביימער; אַ פאַרבענקטער האָט ער באַטראַכט די רחבות׳דיקע, די ברייט־אויסגעשפּרייטע גרינע גראָזן אַרום זיין הויז, מיט די צוויי פולע געדיכטע קאַשטאַנען ביימער, וואָס שטייען ווי עדות פון יאָרן שווערער פּראַצע. און געזען האָט ער איצט, ווי באַלד־באַלד וועט אַלץ חרוב ווערן — ער, מיט זיין געליבטער היים, זיין לעצטע געדעכעניש פון אַלע זיינע ליבסטע וועט באַלד פאַררוקט ווערן טיף אין דער מיט צווישן צוויי הויכע ווענט, — מער ווי אַ שמאָלער פּאַס הימל בלייבט ניט פאַר אים.

ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דעם גאַנעק

פון זיין הויז, און אַ בייזער געדאַנק איז אים באַפאַלן: אַלץ איבערלאָזן און אַליין אַוועק צו מאָריס׳ן, צום עלטערן זון זיינעם, וועלכער וואוינט זיך גאַנץ באַקוועם אין לאָנג איילאַנד, אין זיין פּריוואַט־הויז, אָדער גאָר צו די טאָכטער ליזע׳ן וואָס זי מיט איר מאַן זיינען אים געטריי, און קומען אָפט צו אים...

נאָר ווען ער האָט ריכטיק באַטראַכט דעם ענין, איז אַ פּחד אים באַפאַלן! ניין, ער וועט מיט זיין עלטער די קינדער ניט דערקוטשען, — צו־וואָס? ער קען נאָך אַרבעטן! אַרבעט האָט ער גענוג, הלוואי קען ער אַזוי פיל טאָן — יאָ, ער קען נאָך פאַר זיך גענוג פאַרדינען — אָט־וואָס!

אַ שמייכל האָט זיך געשפּרייט אויף נחום׳ס פּנים. ער האָט פּלוצים דערפילט נייע כוחות, ווי די יוגנט קערט זיך צוריק צו אים. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אין אַ גוט געמיט איז ער אין שטוב אַריין.

פון די שטוב־ווינקעלעך האָט געוויעט צו אים מיט פוסטקייט און מיט אומעט אין דעם בין־השמשות. פון אַ גאַנצן טאָג ניט עסן האָט דאָס האַרץ ביי אים געצויגן, געמאָנט. ער האָט דערוויל פונעם שאַפע אַ פלעשל מיט בראָנפן אַרויסגענומען, געטרונקען און פאַרביסן. נאָכדעם האָט ער ביים גאַז־אויוון צוגעשטעלט אַ קענדל מיט פרישע קאַווע, און ביים טיש זיך געזעצט לייענען אַ צייטונג.

אָבער לייענען האָט ער ניט געקאָנט. די אותיות האָבן געטאַנצט פאַר זיינע אויגן, געקוקט פאַרגלעזערט, פאַרדרימלט... די קענדל מיט קאַווע האָט זיך געקאָכט און איבערגעלאָפן, און אָנגעפילט דעם צימער מיט דעם טויטלעכן גאַז וואָס ס׳האָט ניט אויפגעהערט שטראָמען...

די קאַווע האָט דער אַלטער נחום שוין ניט געטרונקען...

1948

פלאַרענס

דער פרימאָרגן איז געווען אַ זוניקער. די רויט־האָריקע פלאָרענס איז געלעגן אין בעט האַלב־וואַך. שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער פרילינג־זון האָבן זיך געריסן דורך איר פענצטער, געוועקט אין איר דאָס יונגע בלוט. ניט גערן האָט זי זיך צוגעהערט צו דער שטילער קלאַסישער מוזיק אויף דער ראַדיאָ, וואָס ריפקין, איר מאַן, האָט פאַרגעסן צו פאַר־דרייען, ווען ער איז אַוועק צו זיין אַפטייק־געשעפט. פלאָרענס האָט דעם מין מוזיק פיינט געהאַט, פּונקט ווי זי האָט פיינט געהאַט די ביכער, וואָס ריפקין האָט אָנגעשטעלט אין די פּאָליצעס און אַפילו פיינט געהאַט ווען ריפקין האָט געפּרוּווט צו פאַרציען וועגן דעם ענין אַ שמועס.

די פופצן חדשים זינט זי האָט חתונה געהאַט, האָבן פאַר פלאָרענס׳ן זיך געצויגן מאָנאָטאָן, ווי אין אַ תפיסה. ריפקין איז אַפילו געווען אַ שיי־נער יונגערמאַן און זייער אַ וואוילער מענטש, וואָס האָט פלאָרענס׳ן מיט אַלצדינג באַזאָרגט, און וואָלט געקומען אַ קינד, וואָלט זייער לעבן אַוועק ווי ביי אַנדערע יונגע פּאָרלעך נאָך דער חתונה. ווען קיין קינד איז ניט געקומען, האָט פלאָרענס געזוכט צו לעבן איר אייגענעם לעבן. ניט מיט ביכער, וואָס פאַר איר איז עס געווען פרעמד און ניט מיט קלאַסישע מו־זיק, וואָס פאַר איר איז עס געווען לאַנגווייליק.

ריפקין, אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט פלאָרענס׳ן געליבט, פּשוט פאַרגעטערט. אין זיין פרייער צייט האָט ער געפּרוּווט נעמען איר צו לעקציעס, צו פיינע קאָנצערטן; ער האָט געפּרוּווט אַרויסרופן ביי איר אַ פאַרלאַנג, אַן אינטערעס צו די שיינקייטן פון לעבן; אין דער היים האָט ער גאַנץ אָפט געפּרוּווט לייענען פאַר איר אַ גוטן בוך; איר געפּרוּווט אויפקלערן דעם זין פון קלאַסישער מוזיק, דעם אינהאַלט פון אַ סימפאָניע. ריפקין האָט אויך איר פאַרגעלייגט צו קומען דורך די טעג אין זיין גע־שעפט, אים כלומר׳שט אַרויסהעלפן. זי האָט עס אָבער ניט געטאָן, נאָר איז געזעסן אין שטוב ווי אַ געפאַנגענע און גע׳חלומ׳ט...

האָט פלאָרענס ליב געהאַט איר מאַן?

יאָ. אָבער ס׳איז געווען איינע פון יענע ליבעס, וואָס איז אַ שאָד אַרויס־צוּוואַרפן און ס׳איז שווער אַרונטערצושלינגען. זי האָט טאַקע חתונה

געהאַט מיט זייער אַ וואוילן מענטשן, וועלכער האָט איר אָוועקגענומען פון לויפן יעדן טאָג צו דער אַרבעט, און באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוט, און זי איז מיט דעם אַוואַדע געווען צופרידן. זי האָט אָבער שטאַרק געבענקט נאָך יענער צייט. זי האָט אירע טעג פאַרבראַכט אין שיינהייט־סאַלאָן אויף בראָדוועי, ביי דער מאַדאַם בוזי. אירע טעג זיינען דאָרט געווען אינטערע־סאַנטע, כמעט פריילעכע, אָנגענעמע. דאָרט האָט זי צוזאַמען געאַרבעט מיט דעם שיינעם באַב, אַ בחור אַ לעב־יונג מיט ברענענדיקע אויגן — יאָ, מ׳מוז זיך פאַרליבן אין אים! באַב האָט פלאָרענס׳ן ליב געהאַט, די נעכט פאַרבראַכט צוזאַמען אויף בראָדוועי, ביז די מאַמע מיט דער שוועסטער האָבן זיך אַריינגעמישט: „סטייטש" — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — „מיט אַ שגץ ווילסטו חתונה האָבן?" איצט, ווען די פרילינג־זון האָט נאָך אַ לאַנגן נודנעם ווינטער צעשפּילט פייערלעך אין איר בלוט, האָט זי פלוצים דער־פילט אַ דרינגענדיקע בענקשאַפט נאָך דעם ראָמאַנטישן בחור. איר יונגער אויסגעהונגערטער קערפּער האָט געמאָנט, גערייצט איר פאַנטאַזיע. זי האָט אָנגעקלונגען איר מאַן:

— ריפּקין, טייערער, — האָט זי מיט געבעט געזאָגט, — איך פאָר זיך זען מיט דער מאַדאַם בוזי — יאָ, וואו כ׳האָב געאַרבעט. יאָ, יאָ, פאַר אַ וויזיט, וואָס דען דענקסטו, אַרבעטן? כאַ־כאַ־כאַ וואָס, משוגע בין איך? זאָרג זיך ניט, כ׳וועל קומען אין צייט.

אַ צופרידענע פון ריפּקינ׳ס ענטפער, האָט פלאָרענס אויפגעהאַנגען ס׳טרייבל פונעם טעלעפאָן. זי האָט זיך געפרייט מיט איר געלונגענעם איינפאַל צו מאַכן דעם איבערראַשנדיקן וויזיט צו דער מאַדאַם בוזי, און דער עיקר — זי וועט זיך זען מיט באַב׳ן. איר פאַנטאַזיע האָט זיך שוין צעשפּילט און האָט געמאָלן סצענעס, ווען זיי ביידע, זי מיט באַב׳ן, וועלן נאָך פופצן חדשים זיך מיטאַמאָל דערזען, — און נאָך דעם, אַן אָוונט אויף בראָדוועי...

אין דער פריילעכער שטימונג וואָס האָט זי איצט אינגאַנצן באַהערשט, האָט פלאָרענס אַרונטערגעטענצלט פון בעט אינעם וואַש־צימער אַריין. פון דאָרט האַלב־נאַקעט צום שפּיגל זיך געשטעלט, און מיט אַ קאַם אין איר האַנט, ווי אַ פידל־ווירטואָז מיט זיין בויגן, האָט זי אויף גיך צע־פלאָכטן אירע געדיכטע קאַשטאַנען־האָר, און מיט אירע געאיבטע פינגער די האָר געקרייזלט, געוועבט אין טורעמס. אַזוי, אין עטלעכע מינוט איז פאַרטיק געוואָרן אַ האָר־טורעם איבער איר רעכטן אויער, איבער דעם לינקן אויער און גאָר הויך איבער דעם שטערן. ס׳איז נאָך אָבער אַלץ פאַרבליבן ביי איר געניג האָר — געקרויזטע, געדיכטע, וואָס זיינען זיך צעפאַלן איבער איר נאַקן. אַזוי, אַז אירע צוויי און צוואַנציק יאָר האָבן זיך

פאַרבאַהאַלטן אויף איר צאַרט יונג פּנים. פּאַרטיק מיטן פריזור, האָט זי פון דער קליידער־שאַפע אויסגעקליבן אַן איינפאַך שוואַרץ קלייד, גע־פּאַסט צום לייב, וואו יעדעס גליד ביי איר האָט זיך אָנגעזען.

זי האָט געזוכט צו געפעלן, פלאָרענס; געפעלן אים — באַב'ן. פאַר אים האָט זי זיך געוואַשן, געשמירט און אויסגעפּוצט — פאַר אים, וועמען זי האָט, דאַכט זיך איר, קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און שפּעטער אַ וויילע, ווען זי איז אַן אויסגעפּוצטע געפאָרן מיט דער סאַבוועי צו בראָדוועי, האָט זי קיינעם פון די מיט־פאָרער ניט באַמערקט. איר מוח איז איצט געווען קאָנצענטרירט אויף דאָרטן — אויף דער מאַדאַם בוזי'ס שיינהייט־סאַלאָן, וואו באַב געפינט זיך. זי האָט געקוקט דורכן זוניקן פענצטער אין גאַס אַרויס, וואו מענטשן האָבן זיך פאַר אירע אויגן געמיניעט און זיינען ווי שאָטנס באַלד פאַרשוואונדן. בלויז ער, באַב, איז געשטאַנען פאַר איר מיטן זעלבן שמייכל און מיט זיינע ברענענדיקע אויגן געקוקט און באַוואונדערט איר, און געבעטן זי זאָל פאַרבלייבן לעבן אים, באַנייען זייער ליבע...

פלאָרענס האָט לאַנג געשפּונען איר לעצטן געדאַנק, און באַלד אויפן אָרט טאַקע באַשלאָסן באמת זיך דאָרטן שטעלן צו דער אַרבעט, און אַזוי וועט זי דערקלערן דער מאַדאַם בוזי: זי איז געקומען זוכן אַרבעט ניט דערפאַר וואָס זי בויטיקט זיך אינעם פאַרדינסט — אָ, ניין. דאָס שטייט איר גיט אָן! איר מאַן איז רייך גענוג, פאַרמאָגט אַן אייגענעם דראָג־געשעפט און זשאַלעוועט איר ניט, — אַזוי וועט זי איר דערקלערן, דער מאַדאַם בוזי, נאָר וואָס זאָל זי, פלאָרענס, טאָן מיט אַזוי פיל פרייער צייט? און איר ביטע וועט זיכער דערפילט ווערן. די מאַדאַם בוזי קען זי, פלאָ־רענס'ן און קען איר אַרבעט, אירע קליענטן האָבן פלאָרענס'ן ליב געהאַט. אַלע־אַלע האָבן דעמאָלט באַדויערט ווען זי האָט פאַרלאָזט ס'פּלאַץ.

און וואָס וועט אויף דעם זאָגן איר מאַן?

וואָס, אַ שטייגער, זאָל ער זאָגן? וואָס וועט איר מאַן ליידן פון דעם וואָס זי וועט גיין דאָרט אַרבעטן? פאַרקערט, ביי אים וועלן ווערט זיין אירע טעג ביי דער אַרבעט, ווען זי וועט יעדן אָוונט אַהיים קומען מיט אַ פריילעכן געמיט. וויניק פרויען, וואָס האָבן מענער, גייען יעדן טאָג צו דער אַרבעט און ס'שאַדט זיי ניט, וועט זי זיין איינע פון זיי.

אַ ליבער שמייכל האָט זיך געשפּרייט אויף איר פּנים פונעם בלויזן געדאַנק, אַז זי וועט יעדן טאָג זיך זען מיט באַב'ן, זיין נאָענט צו אים. ס'וועלן פאַרשווינדן די אומעטיקע טעג, זי וועט מער ניט זיין איינע אַליין איינגעשפּאַרט ווי אין אַ תּפיסה. און ווען דער סאַבוועי האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט זי מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אַרויסגעשפּאַנט אויף בראָדוועי, זיך אויסגעמישט אינעם מענטשן־געווירבל, וואָס האָט איצט

אין אירע אויגן אויסגעזען יום־טוב׳דיק, און מיט דעם דערהויבענעם געדאַנק איז פלאָרענס אָנגעקומען צו איר אַלט־באַקאַנטן פּלאַץ אויף בראָדוועי. ס׳האַרץ ביי איר האָט שטאַרקער געקלאַפּט. נאָר ווען זי האָט דאָרטן געעפנט די טיר האָט זי באַלד באַמערקט אַז אין איר אָפּוועזנהייט האָט זיך דאָ אַלץ געענדערט: די מאַדאַם בוזי, וועלכע האָט מיט איר געמאַכטן שמייכל, אויפגענומען אירע קליענטן, איז מער ניטאָ. דער נייער באַלעבאָס איז באָב... ס׳איז אָבער ניט יענער באָב מיט וועלכן זי האָט צוזאַמען געאַרבעט. ניין, יענער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן פריינטלעכן פּנים. דעם באָב׳ס פּנים איז גרינטלעך ערנסט, שטייף ווי זיין ווייס אָנגעקראָכמאַליעט העמד. אַפילו דאָס אַרבעט־רעקל, וואָס ער טראָגט איצט איז אַנדערש, שענער צוגעפּאַסט צום קאָליר פון זיין שניפּס, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ באַלעבאָס, פאַר אַן אייגנטימער פון אַ געשעפט. ביים אַריינקום האָט באָב פלאָרענס׳ן אַ ווײַלע אָנגעקוקט, און תיכף האָט אויף זיין שטייף פּנים אַ שמייכל זיך באַוויזן:

— פלאָרענס! — האָט ער אַרויסגע׳יובל׳ט און איר דערלאַנגט זיין האַנט — מאַי גאַד, ווי שיין דו ביסט — —

ער האָט זי באַוואָרפן מיט לויב־געזאַנגען, באַלד, געקושט די שפּיץ־פינגער פון אירע הענט. ער האָט גראַציעז זיך צוגעבויגן צו איר אויער און דאָרט אין דער שטיל עפּעס געזאָגט, פון וואָס פלאָרענס פּנים האָט זיך גערויטלט. און תיכף, מיטן זעלבן עקסטאַז וואָס ער האָט זי באַוואונ־דערט, איז ער באַלד אַריבער צו ריידן וועגן זיך, וועגן זיין גרויסן אויפטו פון אָפּקויפן פון דער מאַדאַם בוזי אַ גוט געשעפט.

פלאָרענס האָט געהאָרכזאַם אים אויסגעהערט מיט אַ פרייד־טרער אין אויג. איר זיסער חלום האָט איצט, ווען ער איז אַ באַלעבאָס, מער שאַנס פאַרווירקלעכט צו ווערן. ווי אַ געטרייער הונט האָט זי אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, געצערטלט אים, און אים אַוועקגענומען אין אַ זייט, צו זיין אומגעשטערט איינע אַליין מיט אים, און טאַקע אים דער־קלערן דעם ציל נאָך וואָס זי איז אַהער געקומען.

איינע פון זיינע אַרבעטאָרינס, ניט קיין יונגע פרוי מיט אַ בלאָנדן קאָפּ פול מיט קרייזלעך, איז צוגעקומען כלומרשט אים, באָב׳ן, עפּעס פרעגן וועגן דער אַרבעט. איינציייטיק האָבן אירע אויגן, גרינלעכע, פאַרטערטע, זיך געשפּיצט, געצאָרנט...

— אָ! — האָט באָב ווי זיך אויפגעכאַפּט. — מאַדאַם באָב און פלאָ־רענס — באַקענט זיך...

באָב׳ס קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער ס׳וויב אָפּגעפירט צום ווינקל. פלאָרענס האָט אינסטינקטיוו

דערפילט, אַז זי איז דאָ אַן איבעריקע. זי האָט באַלד געהערט הויכע טענער, טענות און טענות... אָן אַ זייט־געזונט האָט פלאָרענס זיך אַרויסגערוקט.

דרויסן האָט די זון זיך גערוקט צו מערב זייט. די גאַסן זיינען פול געווען מיט ווירבירנדיקן לעבן. פלאָרענס האָט לאַנג געשפּאַצירט איבער די גאַסן אָ פאַרטראַכטע, און זיך פאַרנומען צום סאָבוועי, צו איר מאַן, צו איר היים, וואָס איז איצט איר אַזוי ליב געוואָרן...

1948

אַ האַרבע שאלה

דער ווינטער איז געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער. נאָך אַ טאָג פון כסדר שנייען, האָט דער אָוונט מיטגעבראַכט אַ בייסיקן פראָסט מיט אַ שטאַרקן ווינט. ביי דער פליכטלינג־משפחה אַטלעס, וועלכע האָט געוואוינט אין צוויי קאַלטע טונקעלע צימערן אויף הענרי סטריט, איז איצט, אָוונט־צייט, געווען ליכטיק און וואַרעם. די וואַרעמקייט וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון קיך־אויוון, מיט דער פיינער צוגעגרייטער וועטשערע, וואָס מלכה׳שי, די באַלעבאָסטע, האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט אָנגעפילט די שטוב מיט אַן אינטימקייט. דוד אַטלעס, אַ היימישער נגיד, אַ גרויסער למדן, וואָס איז צוליב די מלחמה־יאָרן צו פערציק יאָר אַלט געוואָרן, און זעט אויס ווי אַ זקן, מיט אַ געבויגענער פּלייצע, איז בטבע געווען אַ באַריידעוודיקער, ספּעציעל ביים עסן. היינט איז ער געזעסן שטיל, פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַנטשיידן אַ וויכטיקן ענין. זיין פרוי מלכה׳שי, אינעם זעלבן עלטער פון איר דוד׳ן, מיט אַן אויסגעבלייכטן פּנים, איז דווקא געווען אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק. איר קלייד מיט איר פאַרקאַמטן קאָפּ שוואַרצע האָר, וואָס האָט ערטערוויז זיך גענומען גרויען, האָט זי געמאַכט אויסזען אמת שיין. זי האָט דערלאַנגט דאָס עסן, און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערוואַרט איר טאָכטער, שרה׳לע, וואָס האָט שוין באַדאַרפט קומען פון דער אַרבעט.

מלכה׳שי איז געווען אַ צופרידענע. מיט דאַנקבאַרקייט האָט זי זיך געפרייט מיט איר אָרעם געצעלט, וואו זי מיט איר משפחה האָבן נאָך ביטערע יאָרן וואָגלניש, געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ; זי האָט זיך געפרייט מיט יעדן שטיקל מעבל, וואָס געפינט זיך אין שטוב און עס זעט אויס לייטיש, אויפגעראַמט. מלכה׳שי האָט געפרואווט מיט אַלע אירע חושים צו פאַרגעסן זיך אָנעם רייכן לעבן אין שטעטל. און ווען טרערן האָבן פאָרט זיך געשפּאַרט, האָט זי זיך גענומען פאָרען ביים אויוון און כלומרשט גענומען ריידן וועגן איר זון, איר ביינצן־יאָריק הערשל, וואָס שטודירט פאַר רב, און צעלייגט זיך מיט זיינע ספרים אין דער גאַנצער שטוב.

און ווען שׂרה׳לע איז געקומען האָט די וואַרעמקייט זי אַרומגענומען. דאָס אַכצן־יאָריקע מיידל האָט געבראַכט מיט זיך פרייד און געלעכטער. מיט אַ שמייכל האָט זי, מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל, אויסגעטאָן דעם מאַנטל און ביים שפּיגל זיך אַ שטעל געטאָן צוערשט אויסגלייכן אירע ליכטיקע האָר, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אַרום איר נאַקן. שׂרה׳לע האָט פריידיק זיך באַקוקט אין שפּיגל און תיכף זיך צעקלונגען מיט איר געלעכטער:

— אַך, ווי מיינע האָר האָבן זיך עס צעטאַנצט פון ווינט — כאַ־כאַ־כאַ...

שׂרה׳לעס וואַרעמער געלעכטער האָט פול געמאַכט די שטוב און זיך געשפּרייט איבער די טונקעלע, אומגעקאַלכטע ווענט, איבער די פאַרראָפּיעטע שויבן פון די פענצטער און איבער דעם אויפגעראַמטע ציכטיקן דלות. אויף טאַטע־מאַמע האָט אַ ליכטיקער שטראַל זיך צעצונדן. דער ברודער הערשל האָט פאַמעלעך דעם קאָפּ אויפגעהויבן. אין דער שטיל האָט ער אַ וואַרטשע געטאָן:

— די ווילדע מויד מיט איר ווילדן געלעכטער...

ער האָט געוואָרטשעט אין בוזעם אַריין, טאַטע־מאַמע ניט צו דערצאָרענען. אויף דער שוועסטער האָט ער געוואָרפן אויגן פול מיט קנאה־שׂנאה, וואָס זי איז אויף צו להכעיס דעם מלחמה־חורבן, וואָס די משפּחה האָט דורכגעלעבט, די איינציקע, וואָס איז אויפגעוואַקסן שיין און גלייך ווי אַ סאָסנע. און ער, הערשל, וואָס איז מיט אַ יאָר עלטער, זעט פיזיש אויס ווי אַ קאַרליק קעגן איר. דעם רבנ׳ישן מענטשן האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס דאָס מיידל איז געוואָרן אַזוי צעלאָזן. זי לאָזט ניט אַרויס דעם ציגאַרעטל פון מויל. דערצו נאָך איז זי, זינט די לעצטע צייט וואָס זי גייט צו די אָוונט־קורסן, אין אוניווערזיטעט, און טרעפט זיך דאָרטן מיט חברה, געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. זינט דאַן האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן צו פריידיקן נייע אידעאַלן, וואָס פאַר אַ פרומער, למדנישער אַטלעס־משפּחה איז עס לחלוטין פרעמד. וועגן דעם ענין האָט ער זיך געקליבן זיך דורכשמועסן מיט טאַטן. אָבער דער טאַטע איז אַפּנים זייער מיד.

און ווען די פריידיקע שטימונג איז מיטאַמאָל אויסגערונען איז אויף מלכה׳ש׳ן באַפאַלן אַ פּחד. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דוד׳ן און מיט אַ ציטער געפרעגט:

— וואָס שוויגסטו עפּעס, דוד... פילסטו זיך, חלילה, ניט געזונט?

דוד האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי מ׳זאָל אים איבערגעריסן אַ וויכטיקן ענין. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם שמייכל, ווי ער וואָלט זי זוכן

צו באַרואיקן. מלכה׳שי האָט זיך ניט באַרואיקט. זי האָט געטראַכט, אַז אויב ניט דאָס, האָט זיין שלעכטער געמיט צו טאָן מיט דעם פּלאַץ וואו ער אַרבעט, ווער ווייסט?... אַזוי האָט זי געפּאָרשט און געטראַכט. זי האָט געזאָגט:

— זאָרג ניט, דוד. מיר האָבן שוין ערגערס איבערגעלעבט.

דוד האָט אַ שמייכל געטאָן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— אסור אויב איך פאַרשטיי... איך בין געזונט און אַרבעט — וואָס?!

ווען דוד האָט פאַרענדיקט דאָס עסן איז ער שוין געווען אין אַ בעסערער שטימונג. ער האָט גוטמוטיק זיך געווענדט צו זיין זון:

— זאָג נאָר מיר, הערשל, דו לערנסט פאַר אַ רב. וויל איך דיך פרעגן אַ שאלה: ווי איז, למשל, דער דין, ווען אַ באַלעבאָס גיט איבער דורך אַ טעות, צען דאָלאַר זיין אַרבעטער אין שכירות — האַ?

הערשל האָט לכתחילה ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון טאַטנ׳ס שאלה. ווייסט דען ניט דער טאַטע אַ בפירוש׳ן דין אין „חושן משפט“, אַז דאָס איבעריקע געלט מוז מען אומקערן, און בכלל...

דער טאַטע האָט באַמערקט ווי דער זון קנייטשט דעם שטערן. ער האָט די זאַך אויפגעקלערט:

— פאַרשטיי מיך, מיין זון, דעם דין ווייס איך. אָבער מיט יעדן דין קומט אויך יושר. און וועגן יושר פרעג איך: אַט אַרבעט אַ מענטש פאַר אַ באַלעבאָס איבער אַ יאָר פאַר דעם קלענסטן געהאַלט, מ׳האָט אים געמאַכט פאַר אַ משרת, וואָס פאָלגט אויס אַ גאַנג, קערט און ראַמט און טוט אַלע געמיינע אַרבעטן. ער האָט אַפילו ניט קיין יוניאָן, וואָס זאָל זיך אָננעמען זיין קריוודע... שטעלט זיך די שאלה: פאַר וועלכע מעשים טובים אים אומקערן זיין טעות?...

דוד האָט אָפּגעזיפצט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט ביי אים פונעם האַרצן אַרונטער. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט... אָבער זיין הערשל, וועלכן ער האָט דערצויגן צו זאָגן דעם אמת, האָט געוואַל־דעוועט:

— דער דין, דער דין — טאַטע...

מיט אַ פּנים פול מיט צער האָט הערשל אינעם טיש געקלאַפּט און געהאַלטן זיך ביים דין, וואָס שטייט בפירוש געשריבן!... שרה׳לע האָט מיט וויטיק זיך אָנגערופן:

— הער אויף — זאָג איך דיר, הער אויף! — האָט זי זיך אויסגע־דרייט צום טאַטן און געדעדט מיט אַלע אברים: — איך זאָג דיר, טאַטע, אויב דו האָסט געפונען מיט צען דאָלאַר מער אין דיינע אָרעמע שכירות,

האַסטו עס כשר פאַרדינט! עס קען ניט זיין אַזאַ דין, אַז דער שטאַרקערער מעג כסדר באַרויבן דעם שוואַכן — ניין, טאַטע! — האָט זי אַרויס־געזאָגט.

הערשל האָט נערוועז געהויבן מיט די אַקסלען. ער האָט כלומרשט אַ לאַך געטאָן און סאַטיריש באַמערקט:

— נו, אויב אַזוי, הער איך אויף זיך לערנען אין סעמינאַר און איך דינג זיך אָן ביי דער בלאָנדער דאַמע מיטן ציגאַרעטל אין מויל — זי זאָל ווערן מיין רבי — כאַ־כאַ־כאַ...

הערשל האָט ביטער געלאַכט. ער האָט געקוקט אויף טאַטע־מאַמע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערט וואָס זיי, די טאַטע־מאַמע, דערלויבן אַ טאָכטער אַזאַ הפקרות און חוצפּה. טאַטע־מאַמע האָבן געשוויגן. די שאלה איז געווען צו האַרב און ריידן איז געווען צו שווער... שרה׳לע האָט איבערגעריסן די שטימונג. זי האָט געזאָגט:

— לאַך ניט, הערשל. דיין פלאַן געפעלט מיר דווקא. ווען דו נעמסט מיך פאַר דיין רבי׳ן, וואָלט איך געקנעלט מיט דיר: גיב טאַקע אויף דיין סעמינאַר און גיי אַוועק אין שאַפּ אַרבעטן, אַנשטאָט דער שוואַכער טאַטע...

זי האָט זיך אויסגעדרייט און אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם מאַנטל און מיט אַ קלאַפּ אין טיר אַוועק צו די אָוונט־קורסן אין אוניווערסיטעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יענע נאַכט האָט דוד זיך לאַנג געוואָרפן אויפן געלעגער. און אויף צומאָרגנס, ווען ער איז אַריין אין דעם באַלעבאָס אָפיס, און אומגעקערט אים דעם געפונענעם „צענערל", האָט דער באַלעבאָס מיט זיין בוכהאַל־טער זיך מאָדנע איבערגעקוקט. ביים פאַרלאָזן דעם אָפיס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ביידע האָבן דאָרטן אויסגעשאָסן אַ גרויס געלעכטער...

1948

די מאַמע מיט די קינדער

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען די אָקטאָבער־זון, אַ העלע, אַ ליכטיקע, האָט באַלויכטן די געדיכט־באַפּעלקערטע בראָנז־ווילער גאַסן, און מיט אירע לעצטע שטראַלן ענדלעך זיך דורכגע־ריסן דורך חנה מעלצער׳ס פאַרהאַנגענע פענצטער. זי האָט באַשיינט דאָרט די אַלטע מאַסיווע מעבל מיט די שטילע ציכטיקע צימערן וואו זי, אַן עלטערע בכבוד׳יקע באַלעבאָסטע, האָט איצט זיך אַרומגעדרייט אַן אומרואיקע אין דער גרויסער שטוב און האָט געוואַרט אויף איר מיזיניקל דעני, וועלכער איז נאָך אינדערפרי אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיין כלה סעידי צו אירע עלטערן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

אָט־דער „זייער וויכטיקער ענין״, וואָס סיידי האָט דורך טעלעפאָן אים געלאָזט וויסן, און ער, פרעגנדיק, האָט דאָס איבערגע׳חזר׳ט, האָט דער אַלטער מאַמע, וועלכע האָט שוין געהאַט אין דעם געניג דערפאַרונג מיט אירע עלטערע צוויי זין צו זייערע חתונות, באַאומרואיקט און דער־צאָרנט. זי, די מאַמע, האָט ניט געוואָלט טראַכטן קיין בייז אויף קיינעם פון זיי: ניט אויף דעם מיידל, אין וועלכער דעני האָט זיך פאַרליבט, און וועלכע רייסט אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער פון דער מאַמעס שטוב אַוועקצונעמען, ווייל אַזוי פירט זיך די וועלט. אויך האָט זי קיין פאַריבל ניט געהאַט אויף סיידי׳ס עלטערן, די מחותנים, וועלכע זיינען פשוט׳ע אַרבעטער, דאָך פּרואוון זיי מיט אַלע מעגלעכקייטן באַזאָרגן זייער קינד. זיי פּלאַנעווען אפילו אַ גרויסאַרטיקע חתונה. עס פאַרדריסט איר אָבער יאָ וואָס די אַלע גיבן ניט אַמאָל אַ טראַכט וועגן דעני׳ס מאַמע, די איינ־זאַמע אלמנה, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט פאַר זייערטוועגן אַ געראָטענעם יונגערמאַן, און איצט, ווערט זי פון זיי איגנאָרירט, ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע.

מיט די געדאַנקען האָט זי זיך דעם טאָג אַרומגעדרייט אין דער גרויסער שטילער שטוב, ווי זי וואָלט פאַר זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי האָט געטראַכט וועגן איר דעני׳ן, איר ליבלינג, וועלכער איז שטענדיק, ביז ער האָט זיך באַקאָנט מיט סיידי׳ן, געווען אַ מאַמע׳ס אַ קינד, איר אויסדערציילט אַלע זיינע סודות, זיך גע׳ישוב׳ט מיט איר

וועגן אַלץ. ווי ער איז עס פּלוצלונג פאַרענדערט געוואָרן! ער פאַרגעסט אַפילו לאָזן איר וויסן דורכן טעלעפאָן וואו ער איז אַהינגעקומען אויף אַ גאַנצן טאָג; און וואָס איז דאָס פאַר אַ „זייער וויכטיקן ענין", וואָס די מחותנים האַלטן פאַר אַזוי נויטיק אים רופן באַלד אין פרימאָרגן אויף אַ גאַנצן טאָג זיך דורכשמועסן! האָבן זיינע עלטערע ברידער, סימאָר און מאַרטין, אויך אַזוי געהאַנדלט קעגן דער מאַמען?

זי האָט צו זיך אַליין געטראַכט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ אויף ניין. גלייכצייטיק האָט זי געזוכט צו פאַרטרייבן פון זיך די שלעכטע מחשבות וואָס מאַכן זי צו פילן אָפּגעפרעמדט פון זיי. נאָך אַלעמען, האָט זי זיך באַרעכנט, לוינט זיך ניט מיט אייגענע צו מאַכן אַ ברוגז וועגן יעדן אומ־רעכט. האָט זי זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, פאַרקאָשערט די פאָר־האַנגען און אַרויסגעקוקט אין דעם זוניקן דרויסן, וואו קינדער האָבן זיך געשפּילט און פאַרהילכט די גאַס מיט זייער פריידיקן געלעכטער. זי האָט באַטראַכט די פּאַרלעך, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, געקוקט אין זייערע פּנים׳ער און געזוכט צווישן זיי איר דעני׳ן, וועלכער איז אויף אַ גאַנצן טאָג אַוועק אַ ניט־געגעסענער... זי האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו זען און ריידן צו אים, הערן פון אים וואָס ער האָט איר צו דערציילן. אַ פאַרבענקטע איז זי לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, ביז זי איז אַ מידע אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל ביים פענצטער, און כדי ווידער ניט אַריינפּלאָנטערן זיך אין טרויעריקע מחשבות, האָט זי גענומען לייענען דעם ראָמאַן פון איר צייטונג און האָט ביי די ערשטע שורות איינגעדרימלט.

אַ קלאַפּ פון טיר האָט זי אויפגעוועקט. זי האָט דערזען פאַר זיך איר שיינעם עלעגאַנטן זונדל, איר דעני׳ן, מיט אַ פריידיק באַגייסטערטן פּנים איז ער צוגעלאָפן צו איר, אַרומגענומען זי און מיט שמחה געזאָגט:

— גוטע נייעס, מאַ, איך בין אָבער הונגעריק, מאַ!

זי האָט מער ניט געוואָלט פרעגן, די מאַמע. זי האָט זיך פון בענקל אויפגעהויבן און גיך דעם טיש געגרייט און אים געלאָזט רואיק עסן זיין מיטאָג. ווען ער איז מיטן עסן פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך גע־זעצט קעגן אים ביים טיש, אַ שטילע, אַ נייגעריקע. דעני האָט נערוועז פאַרויכערט אַ ציגאַרעטל און געזאָגט:

— מיר האָבן באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער חתונה. די מחותנים האָבן באַלד נאָכדעם געדונגען דעם גרויסן ליבערטי זאַל. זיי באַצאָלן פאַר אַלץ, מאַ.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּנים, ווי זי וואָלט ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס ער האָט גערעדט, און בכלל וואָס איז אַזוי די גדולה

אויף אים ? איז זי געזעסן און באַטראַכט, ווי דאָס ציגאַרעטל ציטערט ביי אים צווישן די פינגער און ער קוקט אויף איר מיט אומרואיקע אויגן פאַרוואָס זי שווייגט, ביז ער האָט זיך אָפּגערופן :

— האָסט שוין אויף דעם גאָרניט וואָס צו־זאָגן, מאַ ? ביסטו ניט צופרידן מיט דעם זאַל וואָס מיר האָבן געדונגען, צי אפשר — — —

— ניין, מיין זון, — האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט. — איך בין צופרידן. צו דיין חתונה וועל איך אָבער ניט קומען, מ׳קאָן זיך דאָרט באַגיין אָן מיר...

— וואָס רעדסטו, מאַ ? — האָט ער אַ דערשטוינטער גערעדט — דו מיינסט באמת... וואָס הייסט, דו וועסט ניט קומען צו מיין חתונה ? פאַרוואָס ? וואָס אַזוינס האָבן מיר געטאָן ? — זאָג, מאַ !

ער איז צוגעשטאַנען צו איר מיט אַן ערנסטן פּנים און מיט ציטער נאָכאַמאָל איבערגעטראַכט דער מאַמע׳ס באַשלוס. די מאַמע האָט זיך פון טיש אַ הויב געטאָן און געפּרואווט אַריינגיין צו זיך אין צימער, ער האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט :

— מאַ, — האָט ער זיך געבעטן, — דערקלער מיר וואָס... אפשר, וועל איך —

זי האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ ביטערן שמייכל, וואָס איר דערוואַקסענע „בעיבי" רעדט אַזעלכע נאַרישקייטן, ער וועט... אין דער צייט, ווען זיין כלה סעידי מיט אירע טאַטע־מאַמע, האָבן ערשט אַזוי מיאוס איגנאָרירט זיין מאַמע, וואָס פאַר איר איז דאָס גאָר אַ וויכטיקער ענין. סאַרקאַסטיש האָט זי אים אַ פרעג געטאָן :

— פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער, דעני, אַז זיי, די מחותנים צוזאַמען מיט דיין סעידי, זיינען אַזוי גערן, אַז דיין מאַמע זאָל קומען צו דער חתונה ? אָט האָבן זיי דאָך שוין אַלץ אַראַנזשירט אָן מיר !

דעני איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער מיט אַ נאַריש פּנים. ער האָט פאַררויכערט אַ פרישׂ ציגאַרעטל און געשוויגן. די מאַמע האָט זיך פון אים אויסגעדרייט אין איר צימער, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן בעט און מיט אָפענע אויגן שטאַר געקוקט אויף די גרויע געקאַלכטע ווענט מיט דער ווייסער סטעליע וואָס האָט זיך איצט געוויגט פאַר אירע אויגן.

זי איז לאַנג אַזוי געלעגן און האָט געפּרואווט טראַכטן פון אירע גליקלעכע טעג, ווען איר שטוב איז פול געווען מיט קינדעריש געלעכטער. זי האָט זיך דערמאָנט אירע פרייטיק־צו־נאַכטסן, ווען אין שטוב איז געווען שבת׳דיק, און איר דוד איז פון שול געקומען אַן אויסגעפּוצטער נאָך אַ וואָך שווערע אַרבעט אין גראָסערי־סטאָר, און זי מיט די דריי

קינדער, אויסגעפּוצטע אין די נייע קליידער, האָבן זיך צום טיש געזעצט עסן. אָבער באַלד האָט דער קאָפּ איר געגומען שווינדלען און זי איז צוביסלעך איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט די אויגן ווידער געעפנט, איז די שטוב געווען איינגע־הילט אין אַ שווערער פינצטערניש. זי איז אַרונטער פון בעט, ליכטיק געמאַכט. דער וואַנט־זייגער האָט געוויזן אויף פינף. מיט שטילע טריט האָט זי געזוכט דעני׳ן אין זיין צימער און איז געבליבן אַ פאַרפינצטערטע, ווען זי האָט אים דאָרטן ניט געפונען.

וואו איז איר דעני איצט? פאַרוואָס איז ער ניט אַהיים געקומען? איצט, אַן אויסגעשלאָפענע, אַן אויסגערוטע, האָט זי מיט אַ קלאָרן מוח נאָכאַמאָל באַטראַכט די נעכטיקע געשעעניש און זיך געפונען שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט פאַרשאַפט אַזוי פיל צער איר געליבטן דעני׳ן, וואָס האָט זיך געלאָזט פירן פון די מחותנים.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אָנקלינגען איר עלטערן זון סימאָר׳ן, אים פאַרבעטן, ער זאָל שוין אַהערקומען מיט זיין אויטאָמאָביל, און צו־זאַמען זען געפינען און ברענגען דעני׳ן צוריק אַהיים. האָט זי זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז ס׳וועט לוסי איז ניט צופרידן, אַז מ׳באַדערט איר מאַן, האָט זי דערפאַר באַשלאָסן שוין אָנקלינגען איר צווייטן זון, איר מאַרטינ׳ען, וועלכער איז זייער אַ וואוילער און אים בעטן, אַז איידער ער גייט אין זיין געשעפט, זאָל ער צופאָרן צו דער מאַמען. נאָר ווען זי האָט שוין געהאַלטן דערביי, האָט איר האַנט אַ ציטער געטאָן: ניין, זי וויל זיך ניט אָנהויבן מיט דער שנור ריטאַ, וואָס איז שטענדיק ברוגז אויף איר... איז די מאַמע געזעסן אַ פאַרצווייפלטע ביז מיטאָג־צייט, ווען דער טעלעפאָן האָט זיך פאַר איר צעקלונגען מיט אַ געזאַנג:

— העלאָ, מיין זון! דיר קומט אַ מזל־טוב, זאָגסטו? וואָס, היינט האָסטו חתונה געהאַט אין געריכט מיט סעידי׳ן? גייען מיר היינט שטעלן אַ חופּה? גוט, מיין זון, זאָל אייך זיין מיט מזל, מיט גליק. איר קומט שוין צו מיר? זייער גוט, קומט טאַקע שוין! דער טיש איז שטענ־דיק גרייט פאַר מיינע קינדער!...

1950.

אַן אייגענע

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער. פון דערבייאיקן פּאַרק האָט גע־שמעקט מיט בעז און פרילינג. לינע האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געגרייט צום קאָנצערט פון איר אָרגאַניזאַציע, און ווען ס'איז נאָכט געוואָרן, איז זי שוין געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטע פאַרן שפּיגל, אַנגעקוואָלן פון איר געראָטענער פריזור און פון איר געפּאַסטער קלייד, און געטראַכט וועגן בענ'ען — דעם שיינעם יונגמאַן, מיט וועמען זי האָט זיך בלויז איין מאָל געטראָפן און באַלד וועט זי זיך ווידער טרעפן מיט אים ביי דעם יער־לעכן פרילינג־קאָנצערט.

מיט בענ'ען האָט לינע זיך באַקענט אין הויז פון איר פריערדי־קער שאַפּ־חבר'טע, מילדרעד. לינע, אַן אַנפירערין פון אַ לייען־קרייז, וואָס האָט געהאָלפן אַראַנזשירן דעם קאָנצערט, איז געקומען צו מילד־רעד'ן אַהיים, כדי אַנצובאָטן איר מיט איר דזשעק'ן בילעטן צום קאָנ־צערט. דעמאָלט טאַקע האָט זי דאָרטן געטראָפן דעם הויכן שיינעם יונג־מאַן, בען, וועלכער האָט אַזוי געקוקט אויף איר, אַז זי האָט אויף אַ וויל פאַרלאָרן דאָס לשון. אַביסל שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן קולטור־אַרבעט און וועגן דעם צוועק פון איר באַזוך, האָט בען זי איבערראַשט מיט זיין באַמערקונג:

— איך וויל צוויי פון די בעסטע בילעטן פאַר מיר און פאַר אייך. שטימט איר איין?

מיט אַ שמייכל וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף זיין פאַרברוינטן פּנים האָט ער געוואַרט פאַר אַן ענטפער. אַפּנים, אַז אַט די קליינע, צאַרטע, שוואַרץ־חנ'עוודיק מיידל, מיט איר אויסגעבלייכטן פּנים, איז אים גע־פעלן געווען. לינע האָט אַ שעמעוודיקע, שוויגנדיק צוגעשטימט צו זיין פאַרשלאַג. און איצט, מיט וואָכן שפּעטער, ווען זי איז פאַרן שפּיגל גע־שטאַנען, האָט זי נאָך אַלץ געפילט אויף זיך זיינע וואַרעמע בליקן, און האָט זיך דערפאַר געפרייט מיט איר איצטיקן אויסזען. ס'האָט איר אָבער פאַרדראָסן וואָס זי האָט אים ניט געלאַדן ער זאָל קומען נאָך איר אויסנעמען זי צום קאָנצערט.

און שפּעטער אַפילו, ווען זי איז געפאָרן צום קאָנצערט־זאַל אינעם

ענגען געפּאַקטן סאַבוועי־וואַגאָן, אַרומגערינגלט מיט פרײדיק־געשטימטע יונגע פּאָרלעך, איז לינע אַן איינזאַמע געשטאַנען און געציטערט, אַז ער, בען, וועט אפשר גאָר ניט קומען צום קאָנצערט. איז זי געשטאַנען און באַדויערט איר אייגענע צו גרויסע באַשיידנקייט ניט בלויז מיט בענ׳ען, נאָר אין אַ צאָל אַנדערע פאַלן, וואָס זי האָט אַליין פאַרנאָכלעסיקט. אמת, זי האָט ניט וואָס זיך צו באַקלאָגן: זי האָט אַ ליבע היים מיט אַ געטרייע מאַמע; זי פאַרדינט גאַנץ פיין אינעם שאַפ און נאָך דער אַרבעט איז זי אָפט פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעטן, וואָס זיינען איר ליב. אָבער...

זי האָט געפילט ווי טרערן שפּאַרן זיך, און ווען זי איז אַרויס פון סאָבוועי האָט אַ פרילינג־ווינט געגלעט איר פּנים און זי אָפּגעפרישט. מיט ציטערדיקע לאַנגזאַמע טריט איז זי דערגאַנגען צום קאָנצערט־זאַל. בען, אַ יום־טוב׳דיק אָנגעטאָנענער, האָט שוין אויף איר געוואַרט. ער האָט זי אונטערן אָרעם גענומען, צו זייערע פּלעצער אינעם זאַל, און דאָרט גע־דריקט איר קליינע האַנט אין זיינע, און ווי אויסגעזונגען:

— הערסט, קליינע, — כ׳האָב היינט שווער געאַרבעט; אסור, אויב כ׳האָב געקענט קומען, ווען ניט דו...

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און איר אין די אויגן אַריינגעקוקט ווי מ׳קוקט צו אַ ליב קינד וואָס מ׳דערוואַרט, אַז עס זאָל זאָגן עפּעס, וואָס מוז דערפרייען. לינע׳ן איז זיין אָפנהאַרציקייט מיט זיין דרייסטקייט געפעלן; וועגן אַזעלכע פשוט׳ע ערלעכע מענטשן האָט זי געלייענט אין ביכער. און דאָ זיצט זי מיט אַזאַ מענטש. ער האַלט איר האַנט אין זיינער און קוקט צו איר מיט ליבע — —

די ליכט אינעם זאַל האָט זיך אויסגעלאָשן. אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ באַרימטער פּיאַניסט. ס׳איז שטיל געוואָרן. אויגן, אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט. בען האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט לינע מיטן פינגער צום מויל אַ צייכן געגעבן ער זאָל שווייגן. בען האָט געשוויגן, אָבער זיינע מידע אויגן האָבן אין דער וואַרעמער שטילקייט ניט גע־קאָנט פאַרבלייבן אָפן און ער האָט צוביסלעך איינגעדרימלט...

לינע האָט דאָס אין אָנהויב באַמערקט. און ווען זי האָט עס יאָ באַ־מערקט, האָט זי אויך קיין פאַריבל ניט געהאַט. ווייל זינט זי האָט דער־הערט, ווי שווער ער האָט היינט געאַרבעט און געקומען איז ער בלויז צוליב איר, איז ער ביי איר חשוב׳ער געוואָרן. און געטראַכט האָט זי, אים נאָך היינט באַקענען מיט אירע קרייז מענטשן. נאָר די שטימונג איז ביי איר מיטאַמאָל פאַרשטערט געוואָרן דורך אַ דינעם פייף מיטן נאָז פון איר שלאָפנדיקן באַגלייטער. אַט דער דאָזיקער פייף, איז פאַר זיך נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי ער איז געווען אַן אָנדייטונג אויף

ענלעכע אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס דערוואַרטן זי ביזן סוף פון קאָנצערט. באַלד טאַקע האָט זי ווידער דערהערט אַ פּייף. ניט טראַכטנדיק האָט זי זיין האַנט אַ לייכטן דריק געטאָן און ער האָט מיט אַ שמייכל זיך אַנט־שולדיקט.

זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און איז אים דאַנקבאַר געווען, ווען ער האָט זיך גענומען איינהערן צו דער מוזיק. אָפּנים, אָבער, אַז זיינע אויגן זיינען צו מיד געווען אויסצופּאַלגן אים. האָט צו איר אויער זיך באַלד ווידער דערטראָגן דער געפּאַר־סיגנאַל. צום גליק, האָט דער באַרימטער פּיאַניסט גראָד געהאַלטן אין שפּילן אַ שטורעמדיקע קאָמפּאָ־זיציע, וואָס האָט פאַרהילכט יעדן גערויש. ווען דער פּיאַניסט האָט אָבער פאַרענדיקט, און אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ פידל־שפּילער און גענומען שפּילן פּיאַניסימאָ, מיט שטילע ווייכע טענער, וואָס האָבן פאַר־וויגט און פאַר׳חלומ׳ט, און שטיל איז געווען, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון האַרץ — דעמאָלט איז די שטילקייט פּלוצלונג איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ שנאַרך. אַלע אַרומיקע האָבן מאָדנע מיט די קעפּ געדרייט... אַ ציטערדיקע האָט לינע מיט איר שאַרפן שפּיציקן נאָגל געשטאָכן בענ׳ס האַנט, ביז ער האָט די אויגן געעפנט.

מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ ווי אַ שולדיקע איז זי שוין ווייטער ווי אויף שפּילקעס געזעסן און מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהייבן. גע־דאַכט האָט זיך איר, אַז אַלע וואָס זיצן אַרום איר און יעדער איינציקער אין זאַל קוקט מיט טענות אויף זיי ביידן. זי האָט געטראַכט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען וואָס גיכער פון דאַנען, אויסמיידן די שפּאָטישע בליקן פון באַקאַנטע, זי האָט אָבער ניט געוואוסט ווי זי קען עס איצט טאָן. איז זי געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און באַדויערט די פרייד וואָס האָלט אַזוי שנעל אין פאַרשווינדן. בען האָט זי פאַרן האַנט אָנגענומען, ווי ער וואָלט מיט דעם איר פאַרזיכערט, אַז מער וועט ער ניט איינ־שלאָפן. שפּעטער, ביים איבעררייס, ווען אין זאַל איז ליכטיק געוואָרן, האָט ער צו איר געזאָגט:

— הערסטו, קליינע, — אסור, אויב מיין פוס טרעט דאָ נאָך אַמאָל אַריבער. געהערט? ניט קיין זונג, ניט קיין שפּרונג, פּע...

ער האָט זי פאַרן האַנט אַ כאַפּ געטאָן, דעם זאַל פאַרלאָזט און איז מיט איר אַרויס אין גאַס. אויפן סקווער האָט ער געשפּאַנט אין אַ פריי־לעכער שטימונג, ווי ער וואָלט פּטור געוואָרן פון אַ תפיסה. זי איז מיט־געגאַנגען אַנטוישט און פאַרביטערט, און ניט געוואוסט, ווי אים דאָס צו דערקלערן. ווען זיי זיינען פאַרביי אַ רעסטאָראַן, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און געזאָגט:

— ס׳ווילט זיך עסן. מיר׳ן אַריינגיין צובייסן — יאָ?

ער האָט זי פאַרן אָרעם גענומען צום רעסטאָראַן. אָבער לינע, אַן אויסגעבלייכטע, האָט ציטערדיק געזאָגט:

— ניין, איך גיי אַהיים. איך...

ער האָט איר אָבער קיין וואָרט ניט געלאָזן רעדן. ער האָט אירע בײדע קליינע הענטלעך אין זיינע שטאַרקע הענט גענומען און גוטמוטיק געזאָגט:

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, איך האָב דיך ליב. וואָס דאַרפסטו אַוועקגיין?

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט נאָכדעם, געקוקט אין אירע אויגן אַזוי לאַנג ביז זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין האַרציקייט. און געטראַכט האָט זי איצט, אַז זי וועט איצט מוזן אַ סך לערנען מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם, איר אייגענעם...

.1950

מיסטער מאַלקינ׳ס אויגן

אין גאַנצן איז געווען עפּעס מער פון אַ יאָר, זינט דער הויזן־פּאַ־בריקאַנט, מיסטער מאַלקין, האָט צוליב אַ שווערער קראַנקהייט, געמוזט איבערגעבן זיין שאַפּ אין די הענט פון זיין יונגן איידעם, מאַרטין. און אין אָט דער קורצער צייט האָט אונטער מאַרטינ׳ס אויפזיכט דער זעלבער הויזן־שאַפּ, וואָס האָט פריער, ביים אַלטן באַלעבאָס, קיין באַלמעלאָכעס ניט געקענט קריגן, זיך דווקא פאַרגרעסערט און פאַרבעסערט.

די אַרבעטער פונעם שאַפּ זיינען פון אָט דער ענדערונג אַוואַדע צו־פרידן געווען, דערפאַר וואָס איצט, אונטער מאַרטינ׳ס אויפזיכט, פעלט זיי ניט אויס קיין אַרבעט, און נאָכמער, — מיט דעם וואָס זיי זיינען כאָטש אויף אַ ווייל פּטור געוואָרן פון דעם מיסטער מאַלקינ׳ס באָסישע אויגן איבער זיי. אַליין איז ער, דאַכט זיך, אַ מענטש גאָר ניט אַזאַ שלעכ־טער, ניט ער האָט ווען פון זיי געזידלט און אַפילו ס׳מויל ניט געעפנט. ער האָט אָבער פון אינדערפרי ביז די אַרבעט האָט זיך געענדיקט, אַרומ־געשפּאַנט איבערן שאַפּ, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן, און מאָדנע אָנגעקוקט יעדן אַרבעטער, מיט אַזעלכע אויגן, אַז ס׳האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

און איצט, ווען זיין איידעם מאַרטין האָט פאַרוואַלטעט זיין שאַפּ, איז אָבער דער מיסטער מאַלקין נאָך אַלץ ניט געווען אַ צופרידענער. אין אָנהויב, האָט אים דאָס האַרץ געציטערט, אַז זיין געשעפט, וואָס ער האָט מיט „זיינע אייגענע כוחות געשאַפן" (ווי ער האָט אָפט זיך אויסגעדריקט), וועט איצט, „אָן זיינע אויגן", ווערן רואינירט, ווייל קיינער, חוץ אים, ווייסט ניט און קען ניט וויסן, ווי אַזוי מ׳דאַרף אַכטונג געבן אויף אַר־בעטער און אַוואַדע ניט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען קונדן.

צו זיין יונגן איידעם, מאַרטין, האָט ער אַפילו געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, אים אָפּגעשאַצט פאַר גאָר אַ וואוילן יונגנמאַן, וואָס האָרכט און פאָלגט אים. און טאַקע דערפאַר, איז ער זייער צופרידן, וואָס ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט, וואו ער, מאַרטין, וועט מיט דער צייט זיך דערלערנען וואָס און ווי אַזוי... אָבער איצט איז מאַרטין נאָך פאַרט רוי, און מ׳קען אים דערווייל ניט אָנטרויען ווי צו פירן דאָס געשעפט און אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער אין שאַפּ. דע־

ריבער, ווען מאַלקין איז אַהיימגעקומען פון זיין דאָקטאָר מיט פאַרזאָג: „לחלוטין פאַר אַ צייט ניט קומען אין שאַפּ!" האָט מאַלקין געטראַכט און באַדויערט, וואָס ס׳קען איצט געשען מיט זיין שאַפּ. ווי אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך באַקלאָגט:

ס׳איז אויס, גאָסי... מיינע יאָרן שווערע פּראַצע.

ער האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין ווי אַ קינד, אַט דער פינף און פופציק יאָריקער מאַלקין! זיין ווייב מיט אַ פולן נעבעכדיקן פּנים איבער אַ טאָפּלטן גוידער, האָט שטילערהייט מיטגעוויינט, און מיט איר האַנט דעם מאַנ׳ס גלאַטן קאָפּ געגלעט, און געטרייסט אים, אַז ער האָט, ברוך השם, אַ געטרייע ווייב, מיט אַ טאָכטער וואָס איז געראָטן און וויליק צו העלפן מאַרטינ׳ען אין געשעפט און ער מעג זיך אויף די קינדער פאַרלאָזן! און איצט, מיט אַ צייט שפּעטער, ווען דאָס געשעפט איז דווקא אַוועק גוט, און עס האָט זיך זיי אַלעמען אויסגעדוכט, אַז ער, מאַלקין, איז גליקלעך און צופרידן, האָבן זיי ערשט געמאַכט דעם גרעסטן טעות, ווייל אַט דער מאַלקין האָט בטבע קיינעם ניט געטרויט!

ערשט נאָך אַלע גליקן, איז מאַלקין געזעסן אין שטוב אַ פאַרזויערטער און בלויז געטראַכט, אַז מ׳באַ׳גנב׳עט אים. מיט צוגעמאַכטע אויגן אויפן געלעגער, האָט ער ממש „געזען", ווי די אַרבעטער זיינע, וואָך־„הענט", שפּילן זיך אַרום דעם גאַנצן טאָג. און ווען זיי גייען אַהיים, שלעפּן זיי פון שאַפּ אַרויס שטיקער סחורה, קלעצלעך פּאָדים און אַפילו פּאַרטיקע הויזן... ער האָט אַפילו „געזען" ווי זיין טאָכטער דינה׳טשקע, וואָס העלפט כלומרשט אין אָפיס — זי, מיט מאַרטינ׳ען זעען צו און שווייגן. אַפּנים, אַז אויך זיי ווילן רואינירן זיין פּראַצע...

אַזוי, אין אַזעלכע טראַכטענישן, זיינען טעג און חדשים פאַריבער. די צייט וואָס מאַלקינ׳ס דאָקטאָר האָט אים פאַרזאָגט צו רוען אין שטוב איז אַוועק. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מאַלקין זיך אַוועקגעלאָזט צו זיין שאַפּ און דאָרטן ביים טיר באַגעגנט דעם פּרעסער אַלעקס, וועלכער האָט מיט אַ קלאַפּיק האַרץ און מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל אים באַגריסט. מאַלקין האָט זיך באַלד אַרומגעקוקט, ווי אַלע טוען זייער אַרבעט פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אין שאַפּ; און געזען האָט ער זיין מאַרטינ׳ען צום ערשטן מאָל אַלס פאַרוואַלטער איבער זיין געשעפט און באַוואונדערט, ווי געשיקט אָט־דער יונגערמאַן איז! ווי ער לויפט פון די צושניידערס צו די באַלמעלאָכעס; ווי ער נעמט אַוועק פּאַרטיקע אַרבעט און ברענגט אַרבעט צו מאַכן און איז אַזוי פאַרנומען, אַז ער האָט קיין צייט ניט צו באַגעגענען אים, מאַלקינ׳ען...

די אַרבעטער האָבן זייער באַלעבאָס דערשפּירט נאָך איידער ער איז

צו זיי געקומען: קעפּ האָבן זיך פּלוצלינג פון ניי־מאַשינען געהויבן און פאַרציטערט דערזען אַז זייער באַלעבאָס מאַלקין שפּאַנט ווי אַמאָל — אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי ער גייט זיך פּאַמעלעך מיט זיין „גענגעלע" וואָס, ס׳דוכט זיך, אַז ער גייט יאָ, און אָט שטייט ער אַ ווייל און קוקט ווי דער קעשענע־מאַכער גאַרבער אַרבעט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי יענער וואָלט בכיוון וועלן אויסמיידן זיין בליק. וואָסי? ס׳לוינט זיך אים ניט באַגריסן דעם באַלעבאָס? אים אַוואָדע שלעכט געטאָן? גייט ניט יעדע וואָך אַהיים מיט שכירות — האַ? ער האָט פאַרגעסן, דער שנאָרער, ווען ער, מאַלקין אַנטלייט אים ניט אַלע מאָל אַ פּאָר טאָלער אויף דירה־געלט — יאָ...

און אָט־דער בראַסגע, וואָס זיצט אַביסל ווייטער — ער וויל אויך דעם קאָפּ ניט אויפהויבן! ער האָט אַוואָדע געמיינט, אַז כ׳שטאַרב און ער וועט קענען „שיסן"! „שונאים מיינע" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און זיך צוגערוקט צו דעם נאָט־נייער, אַ נעם געטאָן די פאַרטיק־געמאַכטע אַרבעט ביי אים און אין דער שטיל, כמעט אײדל, געזאָגט:

— זע, ליבמאַן, ווייסט נאָך אַלץ ניט צו מאַכן אַ גלייכן נאָט, אָט — זע...

דער איטאַליענער סטיוו האָט מיט שרעק אויפגעהויבן די אויגן פון „בעיסטינג"־מאַשין. ער האָט אַ טאַרקע געטאָן זיין שכן דאַרקינ׳ען:

— העי, דאַרקין, ער איז דאָ! ער קומט אַהער, דאַרקין — — —

דעם אַלטן דאַרקינ׳ס ציטערדיקע הענט האָבן פון שרעק פאַרן באַ־לעבאָס זיך גענומען קנוילן אין דער סחורה אַריין. פאַר זיכערקייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעזיפצט אין דער שטיל:

— באַלד, באַלד, סטיוו, — האָט ער מיט ווייטיק באַמערקט. — איך וועל מוזן אַוועק פון דאַנען און מער ניט אָנקוקן דעם...

ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, דער אַלטער דאַרקין. אָבער זיינע הענט האָבן איצט מער ווי שטענדיק זיך געוואָרפן פון שרעק. סטיוו האָט אים באַדויערט און געפרעגט:

— איר מיינט, דאַרקין, זיך שוין אָנגעבן פאַר רעגירונגס־פּענסיע?

דאַרקין האָט טרויעריק זיך צעשמייכלט:

— אַ פראַגע אויב איך וויל? זיכער וואָלט איך געוואָלט, אַפילו שוין! אָבער ווי קומט מען דורך מיט דער אָרעמער פּענסיע אין איצטיקן ביי־טערן יקרות — — —

ער האָט איבערגעהאַקט דאַרקינ׳ען. דער באַלעבאָס איז אונטערגע־קומען און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אים און מיט זיינע אויגן זיך איינגעגעסן אין דאַרקינ׳ס הענט ווי זיי וואַרפן זיך ווי אין קדחות —

איין מינוט... צוויי מינוטן... פאַר דאַרקינ׳ען איז דאָס געווען אַן איי־ביקייט.. מאַלקין האָט אים גאָרניט געזאָגט, און אַזוי אַ שטילער זיך אויסגעדרייט אויף יענעם זייט געשטעל — צום געזעם־פאַרנייער דאַלין. מאַלקין האָט כלומרשט באַטאַפּט זיין געמאַכטע אַרבעט בעת ער האָט גאָר מיט זיינע אויגן דורכגעטאַפּט אַ פאַרבונדענעם פּעקעלע לעבן זיין שכנ׳טע פרידע, וועלכע טוט ביי אים אין שאָפּ פאַרשיידענע אַרבעטן. איצט, ווען ער האָט דערזען ס׳פּעקעלע לעבן איר, האָבן דעם באַלעבאָס׳ אויגן זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט: „אַ, האַ, פרידע! מיטגענומען פון דער היים זיך עפּעס צו מאַכן אויפן באַלעבאָס׳ צייט״... פרידע האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, און ער, מאַלקין, אַן אָנגעצונדענער, אַ באַ־גזל׳טער, האָט אַ שפּאַן געטאָן צו די פינישערס, וואו פרויען האָבן גע־אַרבעט פון שטיק. ער האָט אַרום זיי געטראָפן פּעקלעך און פּעקעלעך, אַז דער קאָפּ ביי אים האָט זיך גענומען דרייען: וואָס אַ שטייגער האָבן זיי דאָרטן אין די פּעקעלעך — האַ ?...

ער איז געזעסן אין זיין אָפּיס אַן אויפגעהעצטער. דעם קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף די הענט, בעת זיין פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט מעשים וועגן די „פּעקעלעך״, וואָס ער האָט דאָ אין שאָפּ געטראָפן. ער האָט גאָרניט געוואָלט באַמערקן זיין בת יחידה, דינה׳טשקע, וואָס איז געזעסן ביים שרייב־טיש און פאַרצייכנט עפּעס אין בוך. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זיין אײדעם מאַרטין איז אַ פאַרביזעוועטער, מיט דרך ארץ, אַריין אין אָפּיס, זיך צו באַגריסן מיט זיין שווער, האָט ער אים געטראָפן זיצן אַ פאַר־דומניעוועטן. דינה׳טשקע, אַ שיינינקע, אַן אויסגעפּוצטע, האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו אים און מיט אַ וואונק אים צו וויסן געגעבן: לאָזן דעם טאַטן צורו. מאַלקין האָט זיך תיכף אַ כאַפּ געטאָן און געבעטן מאַר־טינ׳ען אַריינצורופן אין אָפּיס דעם שאָפּ־טשערמאַן זובער.

ווען זובער איז אַריינגעקומען, האָט דער באַלעבאָס אים צוגערוקט אַ בענקל און פריינטלעך אָנגעהויבן:

— איך בין אַ צייט ניט געווען אין שאָפּ. מיר דוכט, אַז עפּעס איז דאָ לויז געוואָרן. כ׳מיין, מ׳טוט וואָס מ׳וויל, ס׳איז הפקר!

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און פאַרגעזעצט:

— איך זאָג ניט, אַז אַלע דאָ אין שאָפּ זיינען אַזוי, אָבער געוויסע מענטשן האָבן אויסגענוצט מיין אָפּוועזנהייט און שטעלן מיך בדלות, אַז —

דער שאָפּ־טשערמאַן זובער האָט אים דאָ איבערגעהאַקט און פאַר־דריסלעך געפרעגט:

— ווער שטעלט אייך דאָ בדלות? איר זענט זיכער אין דעם? טאָ זאָגט ווער! זאָגט שוין, מיסטער מאַלקין!

זובער, וואָס האָט דעם באַלעבאָס געקענט פאַר אַ מענטשן, וואָס גע־טרויט קיינעם ניט, איז געשטאַנען איצט איבער אים אַ צערייצטער, וואָס זיין באַלעבאָס, וועלכער איז אַ צייט אין שאַפּ ניט געווען און געטראָפן אַלץ אין אָרדענונג, וואָגט צו פאַרדעכטיקן זיינע אַרבעטער אין גנבה! זובער האָט מיט פאַראַכטונג זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. דער באַלע־באָס האָט אים צוריקגערופן:

— לויף ניט אַזוי, זובער. איך האָב געזאָגט, אַז ניט אַלע זיינען אַזוי. איך וויל ניט אָנרופן נעמען... איך פאַרלאַנג אָבער, זאָלסט אַלעמען לאָזן וויסן, אַז נאָך היינט שטעל איך ביים טיר אַ מענטשן, ער זאָל אינ־ספּעקטירן יעדן פּעקל וואָס מ׳טראָגט אַרויס ביים אַהיימגיין, און פאַר־טיק אַן עסק!

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, דער באַלע־באָס, ווי מיט דעם וואָס ער האָט איצט אָפּגערעדט, וואָלט זיך אַלץ גע־ענדיקט. מער ניט, וואָס די אַרבעטער פונעם שאַפּ האָבן דאָ אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן. ווארום אַזוי גיך, ווי זייער שאַפּ־טשערמאַן איז צוריקגע־קומען און דערציילט דעם באַלעבאָס׳ פאַרלאַנג, האָט אַ פייער זיך צע־צונדן פון איין עק שאַפּ ביזן צווייטן. די איבער אַכציק הויזן־מאַכער האָבן זיך געבונטעוועט:

דער קעשענע־מאַכער גאַרבער האָט איבערן געשטעל אַ ברום געטאָן:

— נו, חברה־ברידער, צו־וואָס מיר האָבן זיך דערדינט אויף דער עלטער! נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט, כאַ־כאַ!

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט, גערבער. זיין שכן בראַסגע האָט אָפּ־געשטעלט די אַרבעט און געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איר הערט, ברידער, שוין איבער פערציק יאָר אַרבעט איך ביים פאַך — איר הערט! דאָס ערשטע מאָל ווי איך הער אַזעלכעס — איר הערט?!

די איטאַליענער האָבן צווישן זיך געשמועסט בליצנדיק מיט די אויגן און איינער פון זיי, דער בענד־נייער דאָמיניק, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין געשטעל און אויסגעשריען:

— איך וויל זען ווער ס׳וועט וואַגן מיך צווינגען זיך לאָזן אונטער־זוכן צי איך טראָג עפּעס אַרויס אינעם פּעקל! איך וויל עס זען!...

דאָס פייער האָט זיך צעצונדן פון געשטעל צו געשטעל. ערשט ביי מיטאָג־צייט האָבן אַלע אַרבעטער אַרומגעקליבן זיך צום טשערמאַן מיט טענות:

— אָבער... וואָס זאָגסטו, זובער? דו ביסט דאָך אונדזער שאַפּ־

טשערמאַן, קאָנסטו דעם באַלעבאָס ניט דערציילן די ריכטיקע „מעשה״ אַזוי און אַזוי ?...

זובער האָט געשוויגן און איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. ווייל זינט ער איז אַ יוניאָן־מיטגליד און געאַרבעט אין שעפּער האָט ער מיט אַזעלכע פּראָבלעמען קיינמאָל זיך ניט באַגעגנט. אויך דורך די צען יאָר וואָס ער איז דאָ געווען שאַפּ־טשערמאַן, האָט ער געפּרואווט אַליין אויסגלייכן סכסוכים. איצט אָבער פאַרלאַנגט דער באַלעבאָס עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ מיאוסע באַליידיקונג פאַר ערלעכע אַרבעטער. ער איז אָבער אויך ניט זיכער, צי דער באַלעבאָס האָט ניט קיין רעכט אויף זיין פאַרלאַנג. איז זובער געשטאַנען פאַר די אַרבעטער פון שאַפּ מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן. ער האָט ענדלעך געזאָגט:

— איך גיי אין אָפיס נאָכאַמאָל רעדן וועגן דעם מיטן באַלעבאָס. אויב ער וועט מיך ניט הערן, קלינג איך אָן דער יוניאָן, זאָל קומען ברודער בראָמער. ווי ער וועט אָפּמאַכן וועלן מיר טאָן, — צופרידן, ברידער ?

— ניין! — האָבן קולות פאַרהילכט דעם שאַפּ:

— מיר זיינען ניט קיין גנבים!

— מיר וועלן קיינמאָל זיך ניט לאָזן באַזוכן! — האָט אויסגעשריען ריטשי, איינע פון די פינישערס.

דער שאַפּ־טשערמאַן, אַ נערוועזער, האָט מיט פאַרביסענע ליפּן זיך אויסגעדרייט צום באַלעבאָס אין אָפיס און געזאָגט:

— אָט, וואָס איר, מיסטער מאַלקין, האָט אָנגעסטרויעט! איבער אַ יאָר האָבן די מענטשן אין שאַפּ געאַרבעט האַרמאָניש, געזונט, אַז די קונדן אייערע זאָלן האָבן די אַרבעט אין צייט! מיר האָבן געקראָגן גענוג באַל־מעלאָכעס און דער שאַפּ איז געגאַנגען ווי אַ זייגער! איצט, טוט אַ קוק וואָס ס׳טוט זיך...

ער האָט צעעפנט די אָפיס־טיר און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף די אַרבעטער, וואָס שטייען אין אַ געזעמל פול מיט צאָרן און וואַרטן... נו? וואָס איז אייער ענטפער, מיסטער מאַלקין? זאָגט!...

דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעשטעלט ווי אַ באַליידיקטער און מיט גאַל דערקלערט:

— עס איז מיין שאַפּ! — איך האָב אַ רעכט צו היטן מיין אייגנטום! ווער קען מיר דאָס ניט דערלאָזן, ווער?

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, דער באַלעבאָס, ער האָט שאַרף גע־קוקט פון איינעם צום צווייטן אין פּנים אַריין, איין מאָל און נאָך אַמאָל

געקוקט, און געוואָרפן מיט זיין שאַרפן בייזן בליק אַ פּחד אויף אַלעמען. דער שאַפּ־טשערמאַן, זובער, האָט אָנגעקלונגען אין דער יוניאָן:

— העלאָ, דאָס רעדט זובער — יאָ, פון מאַלקינ׳ס שאַפּ.

— וואָס? בראָמער איז גראָד ניטאָ? ווען וועט ער קומען?

— נו, פאַרגעסט ניט, זאָגט אים, אַז מיר וואַרטן מיט דער אַרבעט — יאָ.

זובער האָט זיך אויסגעדרייט צום באַלעבאָס און פעסט דערקלערט:

— איר וועט וואַרטן אויף דער יוניאָנ׳ס ענטפער, מיסטער מאַלקין. מיר וועלן פריער ניט אַרבעטן!

מאַרטין מיט דינה׳טשקען האָבן צו זובער׳ן אַ וואונק געטאָן. ער האָט באַלד אָן עפּן געטאָן די אָפּיס־טיר און איז אַוועק צו די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף נייעס. זובער האָט מיט אַ צייכן אַלעמען געהייסן פאַרבלייבן שטיל אויף זייערע פּלעצער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פונעם אָפּיס אַרויסגעקומען מאַרטין. מיט אַ צעגאָסענעם שמייכל האָט ער אַ מאַך געטאָן:

— גייט צו דער אַרבעט... ער גייט אַהיים — זאָל ער...

מיסטער מאַלקין איז מאַרגן אינדערפרי ווידער געקומען אין שאַפּ אַריין... אמת, ער האָט מער ניט געוואַגט זיך ווידער אָנצוהויבן מיט זיינע אַרבעטער און מיט זייער יוניאָן, דערפאַר אָבער, האָט זיין ווילדער מוח דורך דער נאַכט זיך דערטראַכט צו אַן „אָריגינעלן" פּלאַן: ער אַליין האָט זיך ביי אַ טיש נאָענט פון טיר געשטעלט, און מיט זיינע שטעכיקע אויגן אָפּגעמאָסטן יעדן אַרבעטער ווען מען פאַרלאָזט דעם שאַפּ!...

ווען די אַרבעטער האָבן זיך אויף דעם באַקלאָגט פאַר זייער טשערמאַן זובער, האָט ער שטיפעריש געזאָגט:

— פאָלגט מיך, ברידער, דרייט זיך צו אים אויס מיטן רוקן, און זאָל ער דעמאָלט קוקן וויפיל ער וויל...

1951.

אין די בערג

נאָך מיטאָג האָט אַ פֿייערדיקע יולי־זון פֿאַמעלעך זיך אַוועקגערוקט ווייט אַריבער די געדיכטע אַלטע ביימער, וואָס האָבן אין האַלבן קרייז אין די מאָרגנס פֿאַרשטעלט מיט שאָטן דעם שיינעם לעיק אין די בערג. געסט פֿון אַרומיקע זומער־פּלעצער האָבן, נאָך אַ צאָל כמורנע רעגנדיקע טעג, זיך קוים דערוואָרט אויף דעם זוניקן טאָג זיך צו באָדן, צו שיפֿלען.

אייזיק מאַרטאָן, אַ יונגערמאַן אין די אָנהייב דרייסיקער, האָט דעם טאָג פֿאַרבראַכט מיט דער שיינער זינאַ, שיפֿלענדיק זיך מיט איר אויף די שפּיגלדיקע וואַסערן פֿונעם לעיק. דאָס יונגע שיינע מיידל אין איר ווייסן באָד־קאָסטיום, איז געזעסן קעגנאיבער אים און מיט פֿאַרבאָרגענער פֿרייד געקוקט אויף זיין פֿאַרברוינטן פּנים מיט די טיפֿע שטערן־ווינקלען. זי האָט מיט נייגיר זיך צוגעהערט וואָס ער דערציילט.

מיט זינאַ׳ן האָט מאַרטאָן זיך באַקענט אינעם עס־צימער ביי זיין טיש. ער, אַ מענטש אַ פֿריינטלעכער, אַ ריידעוודיקער, האָט תיכּף זיך פֿאַראינטערעסירט אין דער יונגער שיינער מיידל מיטן ציגיינער־פּנים ווי זי איז געזעסן אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע און האָט קוים מיט אַ וואָרט געענטפֿערט אויף אַלע זיינע באַמערקונגען. מאַרטאָן איז אָבער געווען גע־דולדיק. ער האָט ביי זיך אויסגעטייטשט איר ניט ענטפֿערן ווי אַ סימן פֿון נאַאיוויקייט, וואָס דאָס דווקא האָט אים נאָך מער פֿאַראינטערעסירט בעסער זיך צו באַקענען מיט איר.

שפּעטער, ווען ס׳איז אים שוין געלונגען צו געווינען איר צוטרוי, האָט זי צוגעשטימט גיין מיט אים אַמאָל אויף אַ שפּאַציר, אויך אין די אָוונטן מיטצופֿאָרן ערגעץ אין זיין אויטאָמאָביל. אָבער אַפֿילו דעמאָלט האָט זי זיך נאָך אַלץ געפֿילט ניט צוגעפּאַסט און אינגאַנצן ניט זיכער, ווי עס פּילט אויף אַ רייכער חתונה אַן אָרעמאַן, וואָס איז אויך ביי זיך ניט זיכער ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך האַלטן אין דער רייכער געזעלשאַפֿט. זינאַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער שיינער רייכער יונגערמאַן רעדט גאָר אַן אַנדער שפּראַך צו איר וואָס זי פֿאַרשטייט קוים. ער רעדט צו איר וועגן זאַכן אין וועלכע זי האָט גאָר אַ קליינעם באַ־גריף, און האָט ביז איצט וועגן זיי ניט געהערט אין איר היים, ניט פֿון

טאַטע־מאַמע און ניט פון דעם איבעריקן הויז־געזינט, און זיכער ניט אינעם פּלאַץ ביי די זעווין בראַדערס, וואו זי אַרבעט אַלס „בוכקיפּער" אין זייער „פּלאַמבינג ביזנעס".

זינאַ, וואָס האָט שטאַלצירט מיט איר שיינקייט און האָט ביי זיך גע־פילט, ווי אַלע באַקאַנטע בחורים קוקן צו איר אַרויף מיט אַכטונג און האָבן אַ זכיה ווען זי שמייכלט צו זיי, האָט איצט, ביי דער באַגעגעניש מיט דעם ראַפינירטן, קאַלעדזש־גראַדואירטן מאַרטאַן, ניט געקענט ביי זיך שלום מאַכן מיטן געדאַנק, זיך צו פילן נידעריקער אין זיין געגנוואַרט. איינצייטיק האָט זי זיך געגרויסט מיט זיין פריינטשאַפט, באַוואונדערט זיין געזונטן אַטלעטישן אויסזען צוזאַמען מיט זיינע דינע שוואַרצע וואַנצעלעך, וואָס דערמאָנען זי אין איר באַליבטן פּאָפּולערן פילם־סטאַר.

איז זי געזעסן קעגנאיבער אים אויפן שיפל, זיך צוגעהערט וואָס ער דערציילט פון אַ רייזע אין אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צוריק דורכגעמאַכט איבער אַמעריקאַנער וועגן. זינאַ האָט מיט באַגייסטערונג זיך צוגעהערט און דערביי באַוואונדערט זיין שיין געשליפענע שפּראַך, זיינע שטאַרקע נאַקעטע אָרעמס, וואָס באַוועגן זיך ריטמיש מיט זיין יעדן הייב מיט דער „ווערסלע". זי האָט אַפילו באַוואונדערט די קלאָרקייט פון זיינע הענט און נעגל און געטראַכט, אַז אַזעלכע האָט זי זעלטן גע־טראָפן ביי די מאַנצבילן־קונים, וואָס קומען אַריין אין דער „פּלאַמבינג ביזנעס" וואו זי אַרבעט.

טראַכטנדיק איז זי געקומען צום אויספיר, אַז ווערדליק זיינע אַריס־טאָקראַטישע מאַנירן, שטאַמט ער זיכער פון אַ רייכער משפּחה. אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט: וואָס אַ שטייגער קער זי זיך אָן צו אים, אַז זי זאָל זיך גאָר אינטערעסירן מיט אים? אָט גייט ער נאָך איר שוין איבער אַ וואָך און האַלט כסדר אין איין דערציילן מעשיות, אָבער דאָס וויכטיקסטע — דאָס, וואָס זי איז גערן צו הערן פון אים, פאַרשוויגט ער! זי ווייסט אַפילו ניט ווער ער איז און וואָס זיינע געשעפטן זיינען. איז זי געזעסן און געהאַט טענות צו זיך, פאַרוואָס זי פאַרנעמט זיך די גע־ציילטע וואַקאַציע־טעג מיט פּוסטע פראַנטן, וואָס פאַרדרייען איר אומ־זיסט דעם קאָפּ.

מאַרטאַן האָט באַמערקט די ענדערונג אויף איר פּנים מיט אירע פּלוצלונג אַרונטערגעלאָזטע וויעס, וואָס פאַר אים האָט דאָס באַדייט, אַז זי איז שוין מיד פון זיינע מעשיות וואָס ער דערציילט.

:: :: ::

די זון האָט צוביסלעך זיך אַוועקגערוקט ווייט אַריבער דעם לעיק. געסט האָבן זיך גענומען צואיילן צום ברעג, זיך מאַכן גרייט צום אָוונט־

ברויט, וואו מ׳דאַרף קומען אַן אויסגעפּוצטער צום עסן. מאַרטאַן האָט ניט געקרן זיך געשיפּלט צום ברעג ווי דאָס פאַרברענגען מיט זינאַ׳ן וואָלט צו טייער געווען דאָס צו פאַרלירן.

— זינאַ, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן — אויב מעגלעך, פאָרן מיר באַלד נאָכן אָוונט־ברויט אין דיוּוקינ׳ס האָטעל, אַ דרייסיק מייל פון דאַנען. איך דאַרף זיך דאָרטן טרעפן מיט עמעצן פאַר ביזנעס. אויב יאָ, האָב איך אַ סופּרייז.

זינאַ האָט געשוויגן. און ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע מילדע בעטנדיקע אויגן, אַז ביי איר זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן אַלע אירע טענות און צווייפלען. אַ ווײַלע שפּעטער, ווען זי איז געקומען אין איר צימער, האָט זי לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דעם סורפּרייז וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר איר...

אַ גליקלעכע, וואָס ענדלעך איז די וויכטיקסטע שעה געקומען, האָט זי זיך גענומען וואַשן, זיך אויסגעפּוצט אין דער שענסטער קלייד וואָס זי האָט דאָ מיטגעבראַכט, און לאַנג געשטאַנען ביים שפּיגל פאַרריכטנדיק אירע סאַמעט־שוואַרצע האָר. נאָכדעם, ווען מאַרטאַן האָט זי דערזען אין עס־צימער, האָט ער זי הייס באַגריסט פאַר איר פיינעם געשמאַק ווי זיך צו קליידן. באַלד נאָכן עסן, שוין זיצנדיק אין אויטאָמאָביל מיט איר ביי דער זייט, האָט ער ווי צו זיך געזאָגט:

— איך טראַכט, זינאַ, וועגן אַריינברענגען דיך צו אונדז אין אָפּיס אויפּפּאַסן אַביסל דאָרטן, געפעלט עס דיר, האַ?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך כמורנע געענטפערט:

— פאַרוואָס זאָל איך פאַרלאָזן די זעווין בראָדערס? איך קריג דאָרט אַ פיינעם געהאַלט.

זי האָט אָפּגעהאַקט; זי איז געווען אַנטוישט פון זיין אָנבאָט. ניין, ניט דאָס האָט זי דערוואַרטעט צו הערן פון אים. ווייל וואָס אָנבאַלאַנגט אַ פּלאַץ צו אַרבעטן, וואָלט זי צו יעדער צייט בעסער אויסגעקליבן דעם פּלאַץ וואו זי אַרבעט שוין די לעצטע דריי יאָר בכבוד.

מאַרטאַן האָט באַמערקט ווי זי האָט פּלוצלונג זיך אָפּגערוקט פון אים, ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— זיי ניט קיין נאַר, איך וויל חתונה האָבן מיט דיר, זינאַ, אָט־וואָס!

ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער פאַר אַ ווייל אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל, איר אויסגעקושט דאָס פּנים מיט די אויגן און צו איר געזאָגט:

— דו קומסט אַריין אין אַ פיינער באַלעבאַטישער משפחה, וואָס פאַרמאָגט אַ גוטע גאַנגבאַרע ביזנעס וואָס מיין פאָטער האָט מיט יאָרן

צוריק געגרינדעט און אַרויפגעאַרבעט. היינט איז אָבער מיין פאָטער אַלט און שוואַך, און אויף מיר, זיין איינציקן זון, ליגט דער גאַנצער יאָך, איך אַליין מוז טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט! איצט פאַרשטייסטו מיך, טייערע?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש נאָך זיין גאַנצער דערקלערונג, האָט זי נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין באַגריף וואָס פאַר אַ מין ביזנעס דאָס איז. און ־גראָד דאָס ניט דערזאָגטע האָט זי נאָך מער פאַראינטריגירט. אָבער זי האָט געשוויגן און זיך געטראַכט, אַז סוף כל סוף וועט זי זיך עס דערוויסן.

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען מאַרטאָן האָט אַ לאָז געטאָן דעם אויטאָמאָביל, האָט זינאַ נאַאיוו געפרעגט:

— ווער איז ער דאָס אָט־דער, וועמען דו דאַרפסט זען איצט וועגן ביזנעס?

— אָ, ער? — האָט מאַרטאָן גלייך געענטפערט — ער איז זייער רייך, זיין נאָמען איז מיסטער דאַבליו עיטש גילבערט, דער פּרעזידענט פון אַ לאָנג איילענדער ריל עסטעיט קאָמפּאַניע. ער איז אויך פּרעזידענט פון אַ גרויסער אידישער אָרגאַניזאַציע.

זי האָט אַ מאָדענעם לאַך געטאָן און אומצופרידן באַמערקט:

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז דיין פּלאַנעווען פאָרן זען עמעצן פאַר ביזנעס, איז בלויז אַן אָנשטעל, ווייל באמת האָסטו גאָר געזוכט זיך צו דערקלערן אין ליבע צו מיר אויפן וועג. אָבער אַפּנים ס'איז ניט אַזוי. איך האָב זיך גענאַרט...

זינאַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט מיט דעם געגעבן אים אָנצוהערן, אַז זי איז גאָרניט באַגייסטערט זיך צו טרעפן דאָרט מיט דעם גרויסן רייכן פּרעזידענט מיסטער גילבערט! זי האָט געטראַכט אים שוין בעטן ער זאָל אָפּלייגן די רייזע אַהין, אויף אַן אַנדער מאָל, ווען ער וועט אַליין פאָרן.

מאַרטאָן האָט איבערגעריסן איר טראַכטן. ער האָט געזאָגט:

— ניין, טייערע, דאַרפסט ניט זיין גענאַרט. דעם מיסטער גילבערט מוז איך היינט זען אונטערצושרייבן צוויי קאָנטראַקטן. ווי איך האָב דיר דערקלערט, איז דער דאָזיקער מענטש דער פּרעזידענט פון אַ ריל עסטעיט קאָמפּאַניע וואָס האַנדלט מיט סעמעטעריס. ער איז אויך דער פּרעזידענט פון אַ גרויסער אידישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע גיט קאָנטראַקטן צו באַגראָבן זייערע מתים. און ביידע קאָנטראַקטן האָבן אַ שייכות מיט אונדזער פיונעראַל פירמע פון מאַרטאָן און סאָן — —

— באַגרעבער!? — האָט זי ווי ניט מיט איר קול אויסגעשריגן.

זי האָט זיך צעכליפּעט, און גיך זיך אַוועקגערוקט פון אים, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ מת. ער, מאַרטאַן, האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געפּרואווט זי איינגעמען מיט גוטע רייד. אָבער די רייד זיינען פאַרטויבט געוואָרן פון איר היסטעריש געוויין. מיט שרעק אין קול האָט זי זיך צעשריגן בעת זי האָט געסטוקעט אין די פענצטער:

— פירט מיך צוריק! לאָזט מיך אַרויס!...

מאַרטאַן, אַ דערשראָקענער פאַר אַ סקאַנדאַל, וואָס וואָלט זיכער קיין טובה ניט געטאָן זיינע ביזנעס, האָט אויסגעקערעוועט דעם אויטאָמאָביל און אַ דערשלאָגענער דאָס מיידל צוריקגעבראַכט פון וואַנעט ער האָט זי גענומען.

זיך איבערגעבעטן

פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג איז קיווע קצב אַוועק אַהיים אַ ברוגז׳ער, ווייל זיינע ברידער לאַנדסלייט, צוזאַמען מיטן פּרעזידענט דראַפּקין, האָבן ווי איינגענומען אַ שטומעניש און איגנאָרירט די גערעכטע טענות, וואָס ער, קיווע, האָט דאָרטן ביים אָפענעם מיטינג, אָנגעגעבן קעגן דעם „גרינעם” לאַנדסמאַן ווידער, יאַנקל שוחט׳ס איניקל, וועלכן ער האָט פאַר רחמנות צו זיך אין שטוב אַריינגענומען מיט ווייב און קינד, זיי באַזאָרגט מיט אַ דירה, מיט אַרבעט און מיט אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. און צום סוף האָט אים ווידער איבערגעלאָזט דעם דזשאב אין זיין בוטשער־סטאָר, דערצו מיטגענומען מזומן פיר הונדערט דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַר ווידער׳ן אין באַנק ערוב געווען.

פון ערגערניש איז קיווע אַוועק פון די לאַנדסלייט אַ קראַנקער. עס האָט אים שוין ניט אַזוי פאַרדראָסן אויפן געלט, וואָס ער האָט געמוזט אין באַנק באַצאָלן, ווי אויף די לאַנדסלייט וועלכע קענען אים און ווייסן, אַז ער, קיווע, איז מיט יאָרן צוריק געווען איינער פון די גרינדער פון זייער חברה „אנשי בני זאַוואַד”, און יעדעס מאָל געהאָלפן די לאַנדסלייט מיט אַ פולער האַנט. אַפילו איצט, ווען די מערסטע פון זיי האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַנדערע געגנטן און טוען גאָרניט פאַר דער חברה, איז ער נאָך אַלץ פאַרבליבן אויף דער איסט סאַיד, וואו ביי אים אין בוטשער־סטאָר איז דער זאַמל־פּונקט פון אַלע געפּלאַנטע טעטיקייטן. און ניט נאָר ער אַליין, אויך זיין זעלדע איז שטענדיק טעטיק מיט איר „לעידיס אָקזילערי”, צוגרייטן די אַלע פּאַרטיעס, וואָס די אָרגאַניזאַציע אַראַנזשירט.

צום מיינסטן אָבער האָט אין קיווע׳ן געברענט אַ כעס אויף דעם פּרעזידענט דראַפּקין. מיט חדשים צוריק, ווען ווידער מיט זיין פאַמיליע האָט זיך קוים דערשלאָגן פון דעם דייטשישן „די־פּי” לאַגער קיין אַמעריקע, וואו אויסער דער „האַיאַס” האָט ער קיין אייגענעם ניט געהאַט און זיך געווענדט נאָך הילף צו זיינע לאַנדסלייט, האָט דעמאָלט דער זעלביקער דראַפּקין געפּראוווט מיט זיינע שיינע רייד אים, קיווע׳ן, באַאיינפלוסן אַז, ערשטנס, דאַרף ער שאַנעווען זיין שוואַכן געזונט און אַריינגעמען צו זיך אין „בוטשער־סטאָר” דעם יונגן, שטאַרקן ווידער׳ן.

און בכלל, האָט דראַפּקין גע׳טענה׳ט, איז פּאַר אים, קיווע׳ן, וואָס שטאַמט פון דורות קצבים, אַ פליכט און אַ כבוד אויסצושטרעקן אַ וואַרעמע, מענטשלעכע האַנט צו יאַנקל שוחט׳ס אַן אייניקל...

פון דראַפּקינ׳ס לעצטע רייד האָט אויף קיווע׳ס פּנים זיך באַוויזן אַ חוזק־שמייכעלע. ווייל פּאַר קיווע קצב, וועלכער האָט נאָך גוט געדענקט אָט־דעם יאַנקל שוחט — דעם הויכן אויסגעדאַרטן מענטש מיטן אַרויס־געשטאַרצטן גאָרגל און האַלדז־גריבעלע, וועלכער האָט קאַלטבלוטיק טריף געמאַכט די סאַמע פעטסטע, בעסטע בהמות, וואָס ער האָט פאַר זיין טאַטן געשאַכטן — איז דער שוחט געווען אַ קנאַפּער יחסן... ער געדענקט נאָך ווי היינט וואָלט דאָס פּאַסירט פּאַר זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, ווען ער מיטן טאַטן האָבן געבראַכט פון דערפל אַ פעטע, שיינע בהמה און זי געפירט אַרום עלף וויאָרסט אין שעכט־הויז אַריין. און ווען יאַנקל שוחט האָט די בהמה טריף געמאַכט, האָט דער טאַטע, יאָסל קצב, אַ נעם געטאָן אַ דרענגל און ווען ניט ער, קיווע, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן, וואָלט ער דעם שוחט געווען „דערגלושעט" אויפן אָרט.

ווען קיווע איז אָבער אַהיימגעקומען נאָך יענעם מיטינג, איבערדער־ציילט זיין זעלדע׳ן וואָרט ביי וואָרט דראַפּקינ׳ס פאָרשלאָג, האָט ס׳וויב, זעלדע, מיט אַ קלוגן שמייכל זיך אָפּגערופן:

— ווייסט, קיווע, מיר דוכט, אַז דראַפּקין האָט רעכט. נעם דעם יונגנמאַן אַריין, ווייל דו טאָרסט מער ניט שלעפּן די „זייטלעך פלייש". טאָרסט מער ניט שטיין ביים האַק־קלאָץ און דיכען מיטן האַרצן! פאַר־געסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט, — האַ?

זעלדע האָט אים גענומען „דערמאָנען" ווי די אַסטמע מאַטערט אים, ווי גאַנצענע נעכט זיצט ער ביים אָפענעם פענצטער און דיכביעט מיט דער נשמה... און באַלד נאָכדעם גענומען מאָלן אַ צווייט בילד: ווי אָט־דער יונגערמאַן וועט אים באַפרייען פון דער שווערער אַרבעט אין זיין „בוטשער־סטאָר" און ער, קיווע, וועט גאָרניט צולייגן צום געשעפט, ווייל לויט איר דערפאַרונג זיינען די קונדן מער גערן צו ווערן באַדינט פון געזונטע, פון יונגע...

די דאָזיקע רייד האָבן אַפּנים אויף קיווע׳ן דעמאָלט געווירקט. און שפּעטער האָט ווידער געבראַכט צו זיי אין שטוב אַריין ס׳יונגע ווייב הילדע אַן אויסגעמאָגערטע, מיט אַ צאַרט, אויסגעבלייכט פּנים און זייער צוויי־יאָריק טעכטערל, אַדינע, אַ קרענקלעכע, אַ וויינענדיקע, מיט אַן אויסגעבלייכט פּנים ווי איר מאַמע. זעלדע האָט זיי אויפגענומען און זיי באַהאַנדלט ווי אייגענע. זי האָט זיי אָוועקגעגעבן אַ צימער און באַזאָרגט זיי מיט דעם נויטיקסטן.

און אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זעלדע באַמערקט די ענדערונג צום גוטן אויף איר מאַן: ווי ער עסט אין צייט און שלאָפֿט זיך גוט אויס, און האָט בכלל מער צייט צו לעבן, און אין דער זעלבער צייט ליידט פון דעם גאָרניט דאָס געשעפט, נאָר פאַרקערט: ס׳מערן זיך קונדן אינעם „בוטשער־סטאָר״, ווייל איצט שטייט דאָרטן ניט מער איר אַלטער קיווע מיט זיין אַסטמע־הוסטל, נאָר דער יונגער וויגדער, וואָס טיילט אויס חלקים פלייש מיט אַ שמייכל. איר האַרץ האָט אָנגעקוואָלן פון פרייד און זי האָט זיך דערביי געוואונטשן, אַז הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער. אָבער די יונגע הילדע האָט צוביסלעך זיך גענומען פאַר איר באַקלאָגן אויף איר צימער...

באמת איז דער צימער פאַר זיי דרייען געווען צו קליין און צו טונקל... אָבער מער פון אַלץ האָט הילדע געבענקט נאָך אַן אייגענעם ווינקל, וואו קיין פרעמד אויג און אויער זאָל ניט אַריינדרינגען צו זיי... אָט־דער נאַטירלעכער וואונטש פון יעדן פאָר־פאָלק האָט הילדע׳ן גע־מאַטערט נאָך אין אָנהויב, באַלד ווען זי האָט זיך אַהין אַריינגעצויגן. יעדן מאָל ביים קינד׳ס געוויין אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָט הילדע, אַ הילפלאָזע, אין דער שטיל זיך געשטיקט מיט דעם צער, וואָס איר קינד קען דאָ, אינעם ענגן צימער ניט איינשלאָפן און מיט אַן אויסגעמאַטערטן, פאַרוויינטן פנים דאָס שפּעטער איבערגעגעבן איר וויגדער׳ן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. וויגדער, וואָס האָט אַפילו אינעם טיפן שלאָף געשפּירט דעם קינד׳ס געוויין, האָט אין דער שטיל אויסגעקושט אירע מידע פאַרוויינטע אויגן, זי געטרייסט און געבעטן זי צו זיין געדולדיק.

איינמאָל נאָך אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט, ווען אַלע זיינען אין שטוב געווען האָט וויגדער פאַרצויגן מיט די באַלעבאַטים אַ געשפּרעך:

— מיינע פריינט, — האָט ער גוטמוטיק אָנגעהויבן, — מיר מוזן האָבן אַ וואוינונג פאַר זיך אַליין... ס׳איז אוממעגלעך פאַר אונדז דאָ צו וואוינען אינעם צימער.

אין שטוב האָט נאָכדעם געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט ווי נאָך אַ שווערן אויפטרייסלענדיקן דונער... קיווע, אַ בייזער, האָט אים באַ־טראַכט מיט אַ פנים ווי אָט פלאַצט ער אַרויס מיט עפּעס אַ האַרבן וואָרט. וויגדער האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, מיסטער קיווע, אַז אויף אַ דירה נאָך מיט אַ ביסל מעבל דאַרף מען האָבן געלט, דאָס וואָס איך האָב ניט... בין איך וויליק צו אַרבעטן און אייך אַלצדינג אָפּצאָלן.

קיווע האָט, ווי שטענדיק ביי אַזאַ געלעגנהייט, ווען מ׳בעט פון אים עפּעס, פאַרזשמורעט די אויגן און מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן געוויגט

דעם קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, ביז ער האָט זיך דערטראַכט: ווי זיך אָפּצוּ־פּטר'ן... זעלדע האָט אים דעם וועג פאַרלאָפן און געזאָגט:

— איך דענק טאַקע, אַז ס'איז שוין צייט צו האָבן אַ דירה פאַר זיך. ס'קינד, נעבעך, וויינט גאַנצע נעכט, אַז ס'האַרץ גייט אויס. די מי־סעס געלער האָט ערשט די וואָך דערציילט אין „בוטשער־סטאָר", אַז זי האָט געקראָגן אַ דירה פאַר איר טאָכטער. מ'קען קריגן אַ דירה! מען דאַרף נאָר אַ זוך טאָן.

זעלדע האָט פאַרענדיקט מיט אַ זיכערן טאָן, אַז זי וועט געפינען אַ דירה פאַר דעם פּאָרל. פאַר איר איז דאָס בייטיק געווען פּונקט ווי פאַר דעם פּאָרל, ווייל די דירה איז דאָס איינציקע מיטל, וואָס וועט האַלטן וויגדער'ן אין „בוטשער־סטאָר" און שאַנעווען איר מאַן. און דערפאַר האָט זעלדע באַרירט בלויז דעם הויפּט־אינהאַלט פונעם געשפּרעך — די דירה! און בכיוון אויסגעמיטן מיט אַ וואָרט אַפילו אָנצומערקן, ווער עס זאָל פאַר דער דירה באַצאָלן. ווי זי וואָלט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וועגן דעם ענין „באַצאָלן" קען גאָר קיין אַנדער מיינונג ניט זיין ווי נאָר זיי, די באַלעבאַטעם, זיינען מחויב דעם ענין צו דערליידיקן. קיווע אָבער, איז געזעסן ווי אַ באַ'גזל'טער, ער האָט בלויז באַמערקט:

— נו, איך וועל מוזן גיין אין באַנק און ערוב זיין די הלוואה פאַר דיר, וויגדער...

וויגדער האָט אַ צופרידענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און אין אַ קור־צער צייט אַרום, ווען דאָס פּאָרל האָט געקראָגן אַ דירה ערגעץ אין ברוקלין און זיך געפונען צום ערשטן מאָל צווישן אייגענע פיר ווענט, איז דאָס פאַר זיי געווען אַ יום־טוב! פאַר שמחה האָט הילדע'ס צאַרטער פּנים אויפגעלעבט און גענומען שמייכלען. אמת, די צימערן זיינען גע־ווען קליינע, אָבער אייגענע... דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט געראַמט איר אייגן ווינקל, און מיט אַביסל אָרעמע מעבל, וואָס זיי האָבן איינגע־האַנדלט, האָט זי אויסגעפּוצט זייערע צימערן. אַפילו די קליינע קרענק־לעכע אַדינע האָט דאָ אויפגעהערט צו וויינען אַזוי אָפט ווי דאָרטן, איז דורך די נעכט מער געשלאָפן, און האָט געהאַט גענוג פּלאַץ אַרומצוּ־קריכן און זיך שפּילן. זעלדע פלעגט קומען אַהין ווען נאָר זי האָט צייט געהאַט, און יעדעס מאָל מיטגעבראַכט אַ מתנה. בלויז די שכירות, וואָס וויגדער האָט ביי איר מאַן געקראָגן זיינען געווען קליינע, אָרעמע...

געטראַכט האָט וויגדער, אַז היינט־מאָרגן וועט ער מיטן באַלעבאָס האָבן אַ שמועס וועגן העכערן זיין געהאַלט. און אפשר... וועט דער באַ־לעבאָס אַליין פאַרשטיין, און פרייטיק, ביי די שכירות־צאָלן, איבעראַשן אים מיט אַ ממשות'דיקער העכערונג...

איז אָבער אַוועק אײן וואָך און די צווייטע און אַ לאַנגע רייע וואָכן אָן ענדערונג. ווידער האָט געגומען איינזען, אַז דער באַלעבאָס וועט מיט גוטן קיין העכערונג ניט געבן, און גיין פאָדערן האָט אים אויסגעפעלט מוט. ווייל פאַרשטאַנען האָט ווידער, אַז ביים פאָדערן אַ העכערונג וועט ער זיך מוזן צעקריגן מיט דעם מענטשן, וועלכער האָט פאַר אים אַזוי פיל געטאָן...

ווען עס האָט אָבער זיך אונטערגערוקט די ערשטע דאַטע צו באַצאָלן פאַר דער הלוואה אין באַנק, האָט ווידער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געזאָגט קיווע׳ן, אַז ער קען דאָס מאָל ניט באַצאָלן, ווייל... די דירה דאַרף מען איינאָרדענען, און דערפאַר וועט ער זען שפּעטער...

גערעכנט האָט ווידער אַפילו אים פּשוט צו זאָגן דעם אמת, אַז די אָרעמע שכירות קלעקן ניט צום צאָלן חובות! אָבער די ווערטער זיינען געבליבן שטעקן ערגעץ. קיווע האָט בלויז באַדויערט, וואָס ווידער האָלט ניט קיין וואָרט און געשוויגן. ווען ווידער האָט אָבער אויך ניט געצאָלט ביי דער צווייטער דאַטע, האָט קיווע געוואַרט ווען אין דעם „בוטשער־סטאָר” זיינען קיין קונדן ניט געווען און מיט אַ בייזן טאָן אָנגעהויבן:

— האָרך נאָר דו, וואָרום צאָלסטו ניט אָפּ דעם צווייטן וועקסל אין באַנק? דענקסט, ס׳איז הפקר אַריינכאַפּן געלט? האָסט אַ טעות, ברודער, וועסט קרענקען און באַצאָלן!

פון זיין רעוון האָט ווידער אויפגעציטערט. ס׳בלוט האָט אים אין גענומען זידן און מיט געביילטע פויסטן האָט ער געפרעגט:

— אויף וועמען שרייט איר אַזוי, מיסטער קיווע? וואו זאָל איך נעמען געלט אייך צו באַצאָלן! זאָגט וואו זאָל איך נעמען? — זאָגט!...

ער איז געשטאַנען קעגן דעם באַלעבאָס מיט אַ פאַרביטערט האַרץ און געהאַלטן אין פרעגן: וואו זאָל ער נעמען צו צאָלן — וואו? געפרעגט האָט אין אים די בייזע נויט, וואָס אַרבעטנדיק שווער ביי דעם מענטשן פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, האָט ער פון זיין אַרבעט ניט גענוג אויף אַ קלייד פאַר זיך מיטן ווייב, און פיל מאָל קלעקט ניט פון די אָרעמע שכירות צו קויפן אַ פלעשל מילך פאַרן קינד.

דער באַלעבאָס קיווע האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס אַרט דאָס מיך ווי אַזוי דיין ווייב פירט דאָרטן די באַלעבאַטישקייט? איך צאָל דיר יעדע וואָך און מער קען איך ניט! און אויב פאַר דיר איז דאָס ווייניק, קענסטו שוין זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש! געדענק אָבער, די וועקסלען וואָס דו האָסט פאַר דער הלוואה אונטער־

געשריבן, וועלן דיך אויפזוכן און וואו דו וועסט ניט אַרבעטן וועסטו מוזן באַצאָלן!

וויגדער'ן האָט אַ ברען געטאָן די סטראַשונקעס פון דעם באַלעבאָס. ער האָט אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בוטשער־רעקל און עס דעם באַלעבאָס אַ וואָרף געטאָן, און געשפּיגן מיט גאַל:

— איך וויל אייך מער ניט אָנקוקן, מיסטער קיווע! איר זענט אַ מיאוסער נפש!

ער האָט מיט עקל זיך אויסגעדרייט און פאַרלאָזט דעם „בוטשער־סטאָר".

און איצט, מיט פינף חדשים שפּעטער, ווען קיווע האָט נאָך דעם לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג געשפּאַנט איינער אַליין אַ ברוגז'ער איבער דילענסי סטריט, האָט די גאַס, ווי אַלע מאָל אין אַ שפּעטן שבת אָוונט, געווירבלט מיט מענטשן און געווען שטאַרק באַלויכטן פון ריזיקע עלעקטריק לאָמפּן און פון די ליכט, וואָס איז געקומען פון די שוי־פּענצטער, וועלכע זיינען געווען אויסגעפּוצט לכבוד די אָנקומענדיקע אידישע יום־טובים.

און כאָטש דער וועג פונעם לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג ביז פּיט סטריט — זיין היים — איז געווען אַ קורצער, איז ער פאַר דעם אַלטן, שוואַכן קיווע'ן — נאָך אין זיין איצטיקן אויפגערעגטן צושטאַנד — געווען לאַנג און שווער. מיט געציילטע שוואַכע טריט האָט ער זיך געשלעפּט אַהיים און געטראַכט וואָס פון דראַפּקינ'ס דעמאַלטדיקע שיינע רייד האָט זיך אויסגעלאָזט. ער האָט זיך אָפּט געכאַפּט ביים האַרצן און גערדאַכט האָט זיך אים, אַז אָט־אָט פּלאַצט דאָרט עפּעס און ער וועט אַוועקפאַלן...

ס'וויבּ זעלדע, האָט פון זינט יענער געשעעניש אויפגעהערט צו באַזוכן די „גרינע" און צוגלייך מיט איר מאַן זיי באַטראַכט פאַר שונאים און גנבים. זי האָט יעדן טאָג אין בוטשער־סטאָר דערציילט פון דאָסגיי, ווי אָט־דער גרינער אויף וועמען זי האָט רחמנות געהאַט און באַהאַנדלט אים מיט זיין פאַמיליע ווי אייגענע, האָט צום סוף זיי באַראַבעוועט און אַנטלאָפן! זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר קיווע איז היינט צוליב דעם גע־לאָפן צו די לאַנדסלייט זיך פון האַרצן אַראָפּרעדן. איז זי געזעסן ווי אויף הייסע קוילן און געוואַרט אויף איר מאַן. ווען די טיר האָט זיך גע־עפנט און זי האָט דערזען קיווע'ן אַ פאַרמאַטערטן מיט די אויגן אַרויס־געשטאַרצט פון קאָפּ, איז זי אים אַנטקעגן געקומען, אים באַרואיקט און דערנאָך געפרעגט:

— נו, קיווע... וואָס הערט זיך דאָרטן... האָסטו עמעצן געזען? גערעדט?...

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען וואָס צו

ענטפערן, אַז זי זאָל גראָד פילן, אַז זיין היינטיקער זיין ביי די לאַנדס־לייט איז ניט געווען אומזיסט. ער האָט געזאָגט:

— איך פאָר מאָרגן צו אים... איך האָב דאָרט געהערט, אַז דער „גרינער" אַרבעט און פאַרדינט זייער גוט. און זיי האָבן מיר געראָטן, אַז פריער פון אַלץ זאָל איך זיין ביי אים און מיט גוטן זיך דורכריידן. אפשר וואָלסטו מיטגעפאָרן — האַ?

זעלדע האָט אַ ציטער געטאָן: זיך ווידער טרעפן מיט די „גרינע גנבים" און ווידער פאַרשאַפן איר מאַן עגמת נפש... אָבער קיווע, האָט זי געטראַכט, וועט סיי־ווי פאָרן! און אויב, חלילה, ער זאָל זיך דאָרטן אויפרעגן...

האָט זי געפרעגט געלאַסן:

— גוט. איך פאָר, כדי זיך צו איבערצייגן... וועסט אָבער מיך לאָזן מיט זיי רעדן — מיך!

אויף צומאָרגנס, באַלד נאָך פרישטיק, האָבן מאַן און ווייב זיך אַוועק־געלאָזט צו די „גרינע" אין ברוקלין. ווען זיי זיינען אַרויס פון סאָבוועי, האָט זיי באַגריסט די סעפּטעמבער־זון, וואָס האָט באַשטראַלט די געדיכט־באַפעלקערטע גאַס מיט די קינדערלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די טראָטו־אַרן מיט שטיפעריי און געטומל. ווען מאַן און ווייב זיינען אַרויפגעקראָכן אויף אַ דריטן שטאָק און אַ טיר האָט זיך דאָרט געעפנט, איז זיי אַנט־קעגן געקומען הילדע, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, און שטום זיי אָנגע־קוקט ווי זי וואָלט אויפן מאָמענט ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט וואָס צו זאָגן. זעלדע מיט קיווע'ן האָבן אַזוי אומגעבעטענערהייט זיך צוגעזעצט אויף אַ קאַנאַפּע און גענומען באַטראַכטן דעם צימער מיט די מעבל, וואָס זינט ס'איז געקויפט געוואָרן איז עס שוין אַ שפּאַר ביסל געווען אָפּגעניצט. זעלדע האָט אויף שטום־לשון ווי געזאָגט צום מאַן:

„דו מעגסט דאָ זיצן, קיווע. די קאַנאַפּע איז געקויפט פאַר אונדזער געלט".

קיווע האָט געשוויגן אַן אָנגעכמורעטער און זיך אַליין ניט געקענט פאַרגעבן פאַרוואָס ער האָט געמוזט אַהער קומען אָנצוקוקן זייערע פנים'ער... הילדע, נאָך אַלץ אַ דערשראָקענע, האָט קוים באַוויזן צו זאָגן עפּעס:

— אַ, סאַראַ געסט... ער וועט באַלד אַריינקומען, ווידער, באַלד, באַלד...

פון אַ צימער האָט זיך פּלוצים דערטראָגן ס'געוויין פונעם קינד. הילדע האָט געבעטן אַנטשולדיקן איר. זי איז גיך אַוועק אַהין און באַלד

צוריקגעקומען מיט איר אַדינע׳ן אַ ווײנענדיקע מיט פֿאַרזשמורעטע אויגלעך. הילדע האָט צו איר געזאָגט:

— זעסט, אַדינע׳לע, די טאַנטע זעלדע מיטן אָנקל זיינען דאָ. גע־דענקסט דאָך זיי, קינדעלע — יאָ...

דאָס קינד האָט ברייטער צעעפֿנט אירע אויגן, זיך אַרומגעקוקט און דערזען ווי זעלדע שמייכלט צו איר. דאָס האָט ס׳קינד באַרואיקט. די מאַמע האָט איר צום דיל אַרונטערגעלאָזט, איר צוגעטראָגן איר ליאַלקע, בערטאַ, וואָס דאָס קינד האָט אין די אָרעמס אַריינגעכאַפּט, און אַליין האָט הילדע זיך געזעצט אויף אַ בענקל קעגנאיבער מאַן און ווייב, און מיט אַ נערוועזיטעט וואָס האָט בולט אַרויסגעצייגט פֿון איר יעדן באַריר, האָט זי זיך גענומען נאָכפּרעגן אויף די באַקאַנטע. זעלדע האָט גאָר אַן חשק געענטפֿערט. זי האָט מיט אומגעדולד געפּרעגט:

— ווען וועט שוין אייער וויגדער קומען? מיר דאַרפֿן צו אים — —

זי האָט פֿאַר הילדע׳ן צוביסלעך קלאָר געמאַכט דעם צוועק פֿון זייער איצטיקן וויזיט... זי האָט פֿריער פֿאַמעלעך אויסגערעכנט דאָס „גוטס״, וואָס זי מיט קיווע׳ן האָבן פֿאַר זיי געטאָן און מיט וואָס זיי האָבן פֿאַר דעם אָפּגעצאָלט. הילדע, אַן אומרואיקע, איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן און נישט געקענט אַרויסזאָגן קיין וואָרט דערפֿון, וואָס ביי איר אויפֿן האַרצן האָט זיך פֿון יענער צייט אָנגעקליבן קעגן זייערע „בעלי־טובֿות״. איז זי אַזוי געזעסן אַ פֿאַרשטומטע און גאָרנישט געקאָנט ענטפֿערן, ביז ווידגער איז אָנגעקומען. ער איז שטיין געבליבן מיט אַ פּאַזע, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיינע אויגן.

קיווע, אַן אָנגעבלאָזענער, מיט אַן אויסגעבלייכטן בייזן פּנים, האָט זיך געקליבן עפּעס אַ זאָג צו טאָן. אָבער געזאָגט האָט זעלדע:

— מיר זיינען אַהער געקומען דיך רופֿן צוריק צו דער אַרבעט. נאָך אַלעמען, זיינען מיר דאָך לאַנדסלייט.

זי האָט גערעדט מיט אַ פֿריינטלעך פּנים; מיט האַרץ האָט זי גערעדט, אַז ווידגער זאָל איר גלויבן. אין דער זעלביקער צייט האָט זי געטראַכט, אַז ווידגער, ווען מען אירע קונדן קענען און האַלטן זיך אין נאָכפּרעגן אויף אים, וואָלט אַ חוץ וואָס ער וועט שאַנעווען איר מאַנ׳ס געזונט, אויך זיין גוט פֿאַר „ביזנעס״. זי האָט אויך געטראַכט, אַז אַנדערש וועט זי ביי די קבצנים איר חובֿ נישט אַרויסקריגן...

פֿאַר ווידגער׳ן זיינען די אַלע זאַכן נישט שווער געווען צו פֿאַר־שטיין. ער האָט געלאָזן געזאָגט:

— זייט וויסן, אַז פֿון זינט לעצטע וואָך אַרבעט איך אין אַ יוניאָן־

שאַפּ, ווייניקער שעה'ען און קריג מער ווי טאָפּלט שכירות, ווי מיסטער קיווע האָט מיר געצאָלט. בין איך צופרידן צו אַרבעטן ביי אייער מאַן אונטער די זעלבע באַדינגונגען און צוביסלעך אייך אָפּצאָלן דעם חוב. אָבער פריער וועלן מיר גיין אין מיין יוניאָן, איר זאָלט אונטערשרייבן. זענט איר גרייט, מיסטער קיווע?...

מאַן און ווייב האָבן זיך אַ ווײַלע איבערגעקוקט. זעלדע האָט פאַר איר מאַן געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ...

.1952

אַן אַ פּאַרוואַס

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק אין אָונט, ווען פרידע האָט נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך ענדלעך געקראָגן די צושטימונג פון איר מאַן, דעיוו, אַריינצונעמען איר ברודער אין געשעפט, און זי איז גרייט געווען פאָרן צו טאַטע־מאַמע, צו טרעפן דאָרטן אַלבערט׳ן, איר ברודער, ריידן מיט אים ער זאָל באַלד קומען פאַרנעמען טשאַרליי׳ס פּלאַץ צו פּאַרוואַלטן זייער וואַש־פעקטאָרי.

פרידע׳ן איז דאָס נישט אָנגעקומען גרינג. זינט דעם טאָג ווען טשאַרלי האָט דעם פּלאַץ פאַרלאָזן, האָט פרידע׳ן, דער געטרייער שוועסטער זיינע, געעקבערט דער מוח וועגן איר ברודער אַלבערט, ווען די רעגירונג האָט אָן אַ פאַרוואָס, און אָן אַ משפּט, אָפּגעזאָגט פון זיין מלוכה־אַמט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרנומען פון זינט ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי. איצט איז שוין באַלד אַ יאָר, ווי ער געפינט ניט קיין אַנדער פּלאַץ און זיצט אויף די פּלייצעס פון טאַטע־מאַמע. זי, פרידע, האָט כסדר גע׳טענה׳ט צו איר מאַן, אַז איר ברודער דאַרף און קאָן פאַרנעמען טשאַרליי׳ס פּלאַץ אַלס פאַרוואַלטער אין דער וואַש־פעקטאָרי. אַלבערט, האָט זי גע׳טענה׳ט, איז יונג, מאָדערן, געענדיקט צוויי קאַלעדזשעס — ער פאַרשטייט ווי צו באַגיין זיך מיט מענטשן.

אַזוי האָט פרידע גע׳טענה׳ט צו איר מאַן. אָבער איר מאַן דעיוו האָט לכתחילה גאָר נישט געוואָלט הערן פון דעם. דער פּראַקטישער ביזנעסמאַן דעיוו, וואָס האָט אין אַ גאָר קורצער צייט זיך „אַרויפגעאַרבעט״ פון אַן איינפאַכן „טראַק־טרייבער״ צו אַן אייגענע גרויסע וואַש־פעקטאָרי, וואו איבער הונדערט מענטשן זיינען באַשעפטיקט, האָט זיין ווייב פרידע׳ן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס איר ברודער אַלבערט פאַרמאָגט די דאָזיקע מעלות, טויג ער ערשט ניט צו פאַרוואַלטן זיין וואַש־פעקטאָרי. „איך דאַרף אַ מענטשן מיט אויגן״ — האָט ער גע׳טענה׳ט. — „דער מענטש דאַרף זען און היטן... ער דאַרף האָבן אַ מויל, מ׳זאָל ציטערן פאַר אים — אָט וואָס איך דאַרף, ניט קיין קאַלעדזש־מאַן.״

און איצט, נאָכן זיג איבער איר מאַן, ווען פרידע האָט פאַרנומען

איר פּלאַץ אין באַן, וואָס פאָרט פון איר לאָנג־איילאַנד היים צו די בראָנקס, וואו טאַטע־מאַמע וואוינען, האָט זי זיך צופרידן באַקוועם־געמאַכט אויף איר פּלאַץ, וואָס זי האָט פאַרנומען, און האָט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געטראַכט וועגן איר וויכטיקער מיסיע, וועגן די גוטע נייעס, וואָס זי פירט מיט זיך. זי האָט געטראַכט וועגן דעם איבער־ראַשנדיקן איינדרוק, וואָס די גוטע נייעס וועט מאַכן אויף טאַטע־מאַמע, וועלכע היטן זיך אַפילו צו דערמאָנען דעם ענין. אָבער זי, פרידע, זייער טאָכטער, פאַרשטייט זיי אויפן וואונק. זי קאָן פילן זייער צער און זייער אַנטוישונג, וואָס זייער געראָטענער בן־יחיד, מיט וועלכן זיי האָבן זיך באַרימט, אַז בלויז צו דריי און צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געהאָט פאַרענדיקט סיטי קאַלעדזש, מיט קאָלאָמביאַ אוניווערסיטי. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געפרייט מיט זייער קינד'ס זיכערן מאָרגן. נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אַלבערט האָט תיכף זיך אָנ־געשלאָסן אין די באַוואָפנטע קרעפטן פון לאַנד ביזן סוף פון דער מלחמה...

דרעמלענדיק מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט פרידע זיך דער־מאָנט דעם טיפן צער פון טאַטע־מאַמע אין יענע שרעקלעכע מלחמה־יאָרן; ווי זיי האָבן עס געציטערט איבער זייער בן־יחיד! זי געדענקט אויך זייער פרייד, ווען אַלבערט איז צוריקגעקומען אַ גאַנצער, אַ גע־זונטער און האָט באַלד געקראָגן אַ בכבוד'יקע מלוכה־שטעלע. אָבער פּלוצים האָט מען אים אָפּגעזאָגט אָן אַ משפּט, אָן אַ פאַרוואָס...

פרידע האָט מער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. זי האָט זיך געטרייסט, אַז איצט וועט איר ברודער האָבן אַ זיכערן פּלאַץ צו אַרבעטן ביי זיי, ביי אייגענע, און קריגן אַ פיינעם געהאַלט. אַלבערט וועט איצט קענען טראַכטן פון תכלית. כ'לעבן, ס'איז שוין צייט, ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין אירמאַ...

די באַן האָט אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע. פרידע האָט דעם קאָפּ צום פענצטער אויסגעדרייט. אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָבן זיך פאַר אירע אויגן געמיניעט עלעקטרישע שילדן פון פאַרשיידענע קאָלירן. אַרום האָט געהערשט אַ חושך און רו. געטראַכט האָט זי איצט, אַז באַלד נאָך אַלבערט'ס חתונה וועט זי אויסזוכן אַ וואוינונג פאַרן יונגן פּאָרל אין שטעטל לעבן איר הויז. און פאַרוואָס טאָקע ניט? — האָט זי ווייטער געלאָזט שפּינען איר פאַנטאַזיע. — זי וועט אַריבערברענגען טאַטע־מאַמע פון די בראָנקס קיין לאָנג־איילאַנד און האָבן די גאַנצע פאַמיליע אַרום זיך...

מיט דעם־אַ געפיל, איז פרידע אָנגעקומען צו די עלטערן אַהיים.

אַ פריילעכע, אַ גליקלעכע, האָט זי זיך צוערשט אַרומגעכאַפּט מיט טאַטע־מאַמע, דערנאָך מיט אַלבערט׳ן, וואָס איז מיט זיי געזעסן ביים טיש.

— איר ווייסט טייערע, וואָס איך האָב געטראַכט פאַרנדיק אַהער?

— האָט זי גוטמוטיק געזאָגט. — שוין צייט אייך אַלעמען אַריבער־צונעמען אין שטעטל ביי מיר און זיין צוזאַמען — האַ?

— ביי מיר האָסטו שוין גע׳פועל׳ט, — האָט די מאַמע זיך אָנ־געכאַפּט, — וועל איך מיך נישט דאַרפן מאַטערן פאָרן אייך זען אַזוי ווייט.

— און ביי מיר ניט! צו וואָס פאָרן, וואָס פעלט מיר דען דאָ? — האָט דער טאַטע געשפּאַסט.

— און דו, אַלבערט? — האָט פרידע געפרעגט, און באַלד ערנסט געזאָגט:

— אַלבערט, איך האָב פאַר דיר נייעס, און גוטע נייעס: טשאַרלי, דער פאַרוואַלטער פון אונדזער פעקטאָרי, האָט פאַרלאָזט דעם פּלאַץ. מיין דעיווי וויל דו זאָלסט פאַרנעמען זיין פּלאַץ אַלס פאַרוואַלטער! איז עס ניט גוטע נייעס?

זי האָט בכיוון געזאָגט, אַז דעיווי וויל אים, אַז ער האָט עס געמאַכט דעם אָנבאָט; זי האָט געוואָלט מאַכן אַלבערט׳ן גלויבן, אַז איר מאַן זאָגט אַזוי, אַז ער גלויבט אין אַלבערט׳ס פעאיקייטן. אָבער דערזען האָט זי פאַר זיך אַ צעטומלטן אינגל זיצן ביים טיש אָן אַ שום אויסדרוק אויף זיין פּנים, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען דעם וויכטיקן ענין וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט באַלד זיך געכאַפּט:

— וואָס מיינסטו, פרידע? — האָט ער געפרעגט. — איך — אַ פאַרוואַלטער פון אַ שאַפּ מיט אַרבעטער! און זאָגסט, אַז דיין דעיווי וויל מיך? ניין, דעיווי קאָן מיך נישט וועלן. וואָס ווייס איך דען דאָרטן?

פרידע׳ס פּיס האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין פאַרלירן דעם באָדן אונטער זיך. זי האָט זיך אָבער אויסגעגלייכט און מיט אַ שמייכל, וואָס איז איר שווער אָנגעקומען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— אַלבערט! איך בין נישט געקומען אַהער שפּעט ביינאַכט אַזש פון לאָנג־איילאַנד דיך אויסלאַכן! וואָס דו ווייסט, פרעגסטו? דו ווייסט אַלץ! דו ביסט אַ יונגער, געזונטער, געלערנטער מענטש, וועסטו זיך אויסלערנען! צוערשט ביי מיין דעיווי׳ן, דערנאָך וועסטו וויסן מער פון אים!

זי האָט געקוקט אויף טאַטע־מאַמע — וואָס זיי טראַכטן וועגן די נייעס, וואָס זי האָט געבראַכט. דער טאַטע האָט געשוויגן. געזאָגט האָט די מאַמע:

— מיר דוכט, אַלבערט, — האָט די מאַמע שטיל אָנגעהויבן, —

אַז דו האָסט גאָרנישט וואָס צו קלערן. דיין לערנען וועט עס נישט קאַליע מאַכן. בפרט, אַז דעיווי נעמט זיך אונטער דיר ווייזן דעם וועג — —

— מאַמע! — האָט אַלבערט איר נישט געלאָזט זיך אויסריידן. — איך וויל דו זאָלסט וויסן, מאַמע, און דו אויך, פרידע: איך האָב מיינע יאָרן נישט גע׳פּטר׳ט צו לערנען, כדי דערנאָך צו ווערן אַן אָנטרייבער איבער מענטשן אין אַ שאַפּ. ניין, צוליב דעם האָב איך נישט באַדאַרפט לערנען!

פרידע׳ס אויגן האָבן זיך געשפּיצט אין איר ברודער׳ס כמורנעם פּנים. די ביז־איצטיקע פרייד, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר היים און דעם גאַנצן וועג געטוליעט אין האַרצן, האָט זיך פּלוצים אויסגעשעפּט. איז זי געשטאַנען אַ צעווייטיקטע מיט אַ צערונצלט פּנים איבער אַ גוף — אַ דאַרן, אַ קליינעם, ווי פון אַן אומבאַהאָלפן קינד. מיט צאָרן האָט זי אויסגעשריען צום ברודער:

— אַ־האַ! ווילסט ניט זיין קיין אָנטרייבער איבער מענטשן, מיין ברודער, ס׳שטימט אַוואַדע ניט מיט דיינע פּרינציפּן! טאָ וואָס דען וועסטו טאָן? וועסט זיצן ביי טאַטע־מאַמע וואַרטן אויף משיח׳ן? די רעגירונג וועט דיר איצט מער קיין אַרבעט נישט געבן, אַנדערע וועלן עס נאָכפאָלגן. ווער־זשע דען וועט דיר העלפן, אויב נישט אייגענע?

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אים מיט פאַרבראָכענע הענט. אַלבערט האָט געגלעט אירע האָר און שמייכלענדיק זי באַרואיקט:

— זאָרג ניט פאַר מיר, שוועסטער. זע, איך בין אַ מיטגליד פון אַ גרויס לאַנד. איך באַזיץ די נויטיקע בילדונג צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. איצט איז די צייט אַ שווערע, אַ פינצטערע, אָבער דאָס וועט אויך אַוועק, איך בין זיכער אין דעם.

דער אַלטער טאַטע האָט אין דער שטיל גענומען ברומען אַ ניגון און צום סוף זיך אָפּגערופן:

— איך קלער: וואָס האָט מען צו מיין קינד? וועמען האָט ער געטאָן שלעכטס? אַלע יאָרן געלערנט. דערנאָך, אין מלחמה־צייט, ערלעך געדינט דעם לאַנד. און דאָך האָט די רעגירונג אַן אַ משפּט צוגענומען ביי אים דעם דזשאָב, און קיין אַנדערן וועט זי אים נישט געבן. זאָג, מיין טאָכטער! פאַרוואָס קומט דאָס אים, פאַרוואָס?...

אין שטוב איז שטיל געוואָרן, ווי מער רעדן וועגן דעם עניין וואָלט ניט נויטיק געווען. פרידע האָט אַן אַנטוישטע זיך געלאָזן אַהיים.

.1949

צוויי חבר׳טעס

באַלד ווי ראש־השנה איז געווען פאַראיבער, האָט מרים זיך גענומען קלייבן אויף אַ באַזוך צו איר יוגנט־חבר׳טע טעסי, מיט וועלכער זי האָט צוזאַמען זיך אויסגעהאָדעוועט, געלערנט אין דער זעלביקער פּאָבליק סקול און אידישער קינדער־שול, געגעסן, גענעכטיקט איינע ביי דער אַנדערער, ווי צוויי לייבלעכע שוועסטער.

דאָס איז אָבער געווען מיט יאָרן צוריק. היינט, מיט אַ פופצן יאָר שפּעטער, ווען טעסי איז שוין מרס. קאַרל פּאָרטש, די פרוי פון אַן אייגנ־טימער פון אַ „גאַראַדזש״, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן בלאָק, און זי מיט איר מאַן און קינד פאַרנעמען אַ רייכן אַפּאַרטמענט אויפן דראַיוו, האָבן די געוועזענע גאָר־נאָענטע חבר׳טעס זיך זעלטן־ווען געטראָפן און נאָך זעלטענער געקומען איינע צו דער צווייטער. און ווען טעסי האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן מיט טענות צו מרים׳ען, פאַרוואָס זי מיידט זי אויס צו באַזוכן, האָט מרים נישט געפונען גלייך דעם פּאַסיקן ענטפער. גלייכצייטיק האָט זי אָבער נישט געהאַט קיין חשק זיך אָוועק־צולאָזן צו איר. נישט חלילה, ווייל זי האָט איר חבר׳טע נישט פאַרגונען איר רייכן לעבן, בעת זי, מרים, איז די פרוי פון אַן אַרבעטער, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוואוסט וועגן וואָס און ווי אַזוי זי זאָל ריידן צו דער איצטיקער רייכער טעסי.

האָט מרים דערפאַר געהאַלטן אין אָפּציען דעם באַזוך אויף שפּעטער. אָבער דעם ערב ראש־השנה, ווען מרים׳ס טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען און זי האָט גלייך דערקענט טעסי׳ס קול — וואַרעם, פריינטלעך, פונקט ווי אַמאָל אין יענע צייטן, ווען זיי האָבן זיך געהאַט פאַרטרויט זייערע יונגע מיידלשע סודות — און זי האָט געבעטן, אַז זי, מרים, זאָל איבעררעדן מיט איר מאַן סעם, וואָס זיי קענען זיך נאָך פון יענער צייט — פון „פּראָגרעסיוון קלוב״, וואו סעם, איר מאַן, איז געווען דער הויפּט־טוער — און זיי זאָלן קומען אויף אַ באַזוך, האָט מרים באַלד געגעבן דער חבר׳טע צו פאַרשטיין, אַז פאַר איר מאַן, וועלכער איז אַ פאַרנומענער מענטש, קאָן זי קיינמאָל ניט זאָגן יאָ צי ניין. אָבער זי מיט איר אינגעלע, באָבי׳ן, וועלן זיכער קומען.

ווען מרים׳ס עלטערע מיידל, קלאַראַ, איז נאָך מיטאָג צוריק אַוועק אין פּאַבליק סקול, און מרים איז פאַרטיק געוואָרן אָנצוטאָן איר פּיר־און־אַ־האַלב־יאָריקן באַבי׳ן אין זיינע בעסטע קליידער, און אַליין זיך אַ ביסל צוגעפּוצט, איז זי לאַנג געשטאַנען פאַרן שפּיגל, זיך געקעמט און געלאָקט אירע געדיכטע טונקל־ברוינע האָר, וואָס זיינען זיך ווי אויף צו־להכעיס צעפלויגן ווי אין אַ ווינט אונטער איר קאַם און האָבן זיך ניט געלאָזט איינפורעמען לויט נאָך איר געשמאַק. נאָכדעם האָט זי גענומען באַבי׳ן און איז מיטן אויטאָבוס אָנגעקומען אויפן דראַיוו פאַר דער רייכער הויז, וואו די פאַמיליע פּאָרטש האָט געוואוינט.

אַ טיר־וועכטער אין אַ אוניפאָרם, מיט בלישטשענדיקע קנעפּ וואָס האָבן העל געפינקלט אין דער רייכער „לאָבי", האָט פאַר זיי די טיר געעפנט און האָט איידל געפרעגט:

— וועמען ווילט איר דאָ באַזוכן, מאַדאַם?

— די פּאָרטש פאַמיליע, — האָט זי געענטפערט.

— ווילן זיי אייך זען?

— וו־אַ־אָ־ס? — האָט מרים ווי דאָס לשון פאַרלאָרן.

— וועמען ווילט איר זען? מיסטער פּאָרטש, אָדער — —

— מיסעס פּאָרטש וויל איך זען!

זי האָט מיט ביטערניש זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, אַ נעם געטאָן באַבי׳ן פאַר דער האַנט — אַהיימגיין און פּטור! דער טיר־וועכטער האָט זי אָבער צוריקגעהאַלטן, האָט אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן־טרייבל, דאָרט אַריינגערעדט, און תיכף זיך אויסגעדרייט צו איר. מיט אַ חניפה׳דיקן בויג, האָט ער אָנגעוויזן מרים׳ען דעם עלעווייטער אַרויפ־צופאָרן צו דעם פּאָרטש־אַפּאַרטמענט.

ווען מרים האָט געעפנט טעסי׳ס טיר, האָבן אַ פּאָר וואַרעמע הענט זי אַרומגענומען און טעסי האָט זיך האַרציק צעקושט מיט איר. אין די ערשטע מינוט איז די „גאָלדענע וואַנט", וואָס האָט אַ לאַנגע צייט די צוויי נאָענטע חבר׳טעס צעטיילט, ווי פאַרשוואונדן. איצט, ווען זיי זיינען געשטאַנען מיט פאַרטרערטע אויגן פון פרייד, איינגעקלאַמערט איינע אין דער אַנדערער, האָבן זיי זיך צוריק געפונען ביי זייערע טאַטע־מאַמעס אין זייערע אָרעמע היימען, וואו ביידע זיינען צוזאַמען אין די אָוונטן געזעסן אַרום אַ טיש, געגרייט זייער שול־אַרבעט, און וואו זיי מיט אַנדערע שול־קינדער האָבן אָפט אויסגעפּלאַנעוועט ווי צו פייערן זייערע שמחות און גע׳חלומ׳ט זייערע יוגנט־חלומות.

טעסי האָט אָפּגעלאָזט מרים׳ען. זי האָט אָנגעקוקט איר באַבי׳ן, וואָס איז אינגאַנצן געווען ענלעך צו דער מוטער, ווי ער, באַבי, באַ־

טראַכט מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן אַלץ וואָס עס טוט זיך דאָ אַרום אים; טעסי האָט זיי בײדע פּאָר די הענט געגומען, דורכגעפירט זיי דורך רחבות׳דיקע צימערן מיט די רייכע צוגעפּאַסטע מעבל און דיקע ווייכע טעפּיכער, וואָס אַזוינס האָט מרים בלויז געזען אויפן לייוונט אין אַ פילם־טעאַטער. מרים האָט אַלץ באַוואונדערט, אַפילו די זון, וואָס האָט אַריינגעלויכטן דורך די גרויסע פענצטער און באַשטראַלט די רייכקייט, דאַכט זיך גאַנץ אַנדערש ווי זי באַלייכט אין די אָרעמע שטיבער.

טעסי האָט זיי צוגעפירט צום טיש, וואָס איז שוין פון פריער געווען געגרייט, און האָט אין באַבי׳ס הענטל אַריינגעלייגט אַ נאַשעריי. באַבי האָט ברייט צעעפנט זיינע אויגן, אַנגעקוקט די מאַמע, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט, צי ער זאָל עס אָננעמען. טעסי האָט אַ רוף־געטאָן איר בן־יחיד׳ל, סידני, וואָס האָט זיך געשפּילט אין זיין צימער, און ס׳איז אַריינגעקומען אַ קליינער אינגל מיט געקרייזלטע האָר אין דעם עלטער ווי באַבי, — אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיק שיין אינגל, אַ שטילער און אַ פּאַר־חלומ׳טער, גאַרנישט ווי איר באַבי, דער שטיפער. מרים האָט געזאָגט:

— זעט אויס אַ וואויל אינגל, דיין סידני, אַ שטילינקער. אויף מיין באַבי׳ן געזאָגט געוואָרן!

טעסי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער, ווי זי זאָל מיט דעם אָנדייטן, אַז מרים האָט אַ גרויסן טעות. אויך באַבי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דינינקן געלעכטער. ער איז צוגעקומען צו סידני׳ן, וואָס איז געווען מיט אַ האַלב יאָר עלטער, און אים דערלאַנגט אַ „שלום עליכם״ מיט זיין הענטל איבער סידני׳ס פּנים, ווי ער וואָלט מיט דעם סידני׳ן „אָנערקענט פאַר אַ חבר״. באַלד האָבן בײדע קינדער זיך אַ לאָז געטאָן אין מוזיק־צימער אַריין און געפּרוּווט פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך.

טעסי איז פונעם זיץ אויפגעשפּרונגען, האָט נערוועז צעעפנט די טיר און מיט אַ האַרבן טאָן געוואָרנט:

— גיב אַכטונג, סידני! קיין זאַך זאָל ניט געטשעפּעט ווערן. געדענק, סידני!

זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט מיט אַ פּנים, וואָס האָט אין מרים׳ס אויגן אויסגעזען ווי גוואַלדיק פאַרזאָרגט, ווי זי וואָלט דערוואַרטן עפּעס אַן אומגליק. מרים האָט זיך דערפילט אַ ביסל שולדיק, וואָס איר באַבי איז אַ שטיפער און געפינט זיך דאָרטן, און ווער ווייס וואָס אַט־דער שטיפער קאָן דאָרט אויפטאָן?! איז זי שוין געזעסן אין איין ציטערניש.

און באַלד טאַקע האָבן זיך פון מוזיק־צימער דערטראָגן ווילדע פּיאַנאָ־קלאַנגען, אַז ס'האָט געלעכערט דעם מוח...

אַ שווייגנדיקע, אָבער אַן אויפגערעגטע, האָט זיך טעסי אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו די קינדער, וואו ביידע זיינען געשטאַנען פאַר דער גרויסער, גלאַנציקער פּיאַנאָ און מיט זייערע הענטעלעך געקלאַפּט איבער די קלאַווישן. אַ שווייגנדיקע האָט זי די קינדער פאַר די הענט גענומען און זיי אַריינגעפירט אינעם קינדער־צימער, וואו ס'האָבן זיך געפונען אַלערליי קינדערשע שפּילצייג. באַבי האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אַזוי פיל גוטע זאַכן, וואָס ער זעט דאָ. ער האָט צוערשט זיך געכאַפּט צו אַ קינדער וועלאָסיפּעדל און שוין גענומען אַרומפאָרן.

— סידני! — האָט טעסי אַ געשריי געטאָן, אַז מרים האָט ביים טיש אויפגעציטערט, — גיב אַכטונג, סידני, ער זאָל ניט פאָרן נאָענט צו די ווענט! די „דעקאָרעיטינג" וועט איבערגעפירט ווערן. סידני, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר?

טעסי האָט זיך צוריקגעקערט צום טיש, וואו מרים איז געזעסן אַ צעטרגערטע און געטראַכט ווי גיך זי קאָן פון דאַנען אַוועק... טעסי האָט דערפילט, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און זי דאַרף זיך אַנטשולדיקן פאַר מרים'ען וואָס זי קאָמאַנדעוועט אַזוי מיט די קינדער, האָט זי הכנעה'דיק געזאָגט:

— אַלץ וואָס דו זעסט דאָ, מרים לעבן, מוז איך היינט טאָן אַליין. מיין דינסט האָט היינט איר אָפּרו־טאָג.

און זי האָט זיך גענומען באַקלאָגן אויף איר געזונט, ווי זי האַלט זיך אין איין קורירן... און אַז די אַרבעט וואָס זי מוז „אַליין" טאָן ווירקט שלעכט אויף איר געזונט. זי האָט עס דערציילט אין אַ טראַגישן טאָן. איר שמאָלער קרענקלעכער פּנים האָט ווי עדות געזאָגט אויף איר יעדן וואָרט. מרים האָט אין דער מינוט איר אַלץ מוחל געווען און אפילו באַדויערט, וואָס נאָך אַלע גליקן איז טעסי נאָך אַלץ גאַנץ ווייט פון צו זיין גליקלעך. זי האָט טעסי'ן חבר'יש געפרעגט:

— און וואָס זאָגט אויף דעם דיין מאַן?

טעסי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אירע רייד, ווי זי וואָלט פּלוצלונג דערהערט עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט לאַנג שוין דאָס באַגערט צו הערן. מיט אַ פריינטלעכקייט און מיט אַ שיינענדיקן פּנים וואָס האָט פּלוצים זיך געענדערט, האָט זי ווי אויסגעזונגען:

— מיין קאַרל... ער זאָגט, איך זאָל איבערלאָזן האַק און פּאַק, נעמען דאָס קינד, און אַוועקפאָרן אויפן גאַנצן ווינטער וואו נאָר דער

דאָקטאָר וועט ראַטן! מייַן קאַרל איז מיר זייער, זייער געטרייַ! איך וויל זאָלסט עס וויסן, מרים!

זי האָט דאָס וואָרט „זייער" שטאַרק אונטערגעשטראָכן, און האָט שוין דערבייַ דערציילט, אַז איר קאַרל פאַרוואַרפט זי פּשוט מיט מתנות; זי האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן, גענומען מרים׳ען אונטערן אָרעם, זי אַרייַנגעפירט אין אַ צימער צו אַ קליידער־שאַפע, פון דאָרט אַרויס־גענומען אַ נייַ־מאָדערנעם סייבעל־פוטער וואָס זי האָט געקראָגן די וואָך, און גערדריייט אים אין אַלע זייַטן, אַז בייַ מרים׳ען האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו איר פאַרפּוצטן שלאָף־צימער, וואו זי האָט פון אַ פייער־קאַסע אַרויסגענומען אַ שאַכטעלע מיט דימענטן און טייַערע איידל־שטיינער, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין ליכט, און שטאָלץ אויסגערופן:

— זעסט, מרים! צען טויזנט קאָסט דאָס...

אַ פאַרגאַפטע האָט מרים געקוקט און בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיך גענומען איילן אַהיים, ווייל איר טעכטערל קלאַראַ, האָט זי געזאָגט, דאַרף באַלד קומען פון סקול.

צוריקוועגס איז מרים געזעסן אין אויטאָבוס אַ פאַרטשאַדעטע פון אַלץ וואָס זי האָט געזען בייַ טעסי׳ן. מער פון אַלץ האָט מרים געטראַכט און באַוואונדערט איר חבר׳טעס פּנים, וואָס האָט פלוצים, ווי דורך אַ כישוף, אויפגעלעבט, ווייַזנדיק איר די טייַערע מתנות וואָס זי האָט געקראָגן פון איר רייַכן מאַן. און אַ פאַרדאַכט איז איר באַפאַלן: ווער ווייס, אַז דאָס וואָס טעסי האָט אַזוי געגאַרט, אַז זי זאָל דווקא קומען פּונקט איצט צו איר, איז אפשר געווען דערהויפּט צו האָבן פאַר וועמען אויסצופיינען זיך מיט איר „גוטן" מאַן און מיט איר עשירות?!

1949.

גערקריוודעטע

ס׳איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג. דער הימל — אַ גראָער, אַ פאַרכמורעטער, האָט פונעם פרימאָרגן אָן געוואָרנט מיט רעגן. זיפּקין, אַ שאַפּ־אַרבעטער, וואָס האָט איבער זיך אַ באַלעבאָס און אַ פאָרמאַן, וואָס דערגייען אים די יאָרן, האָט אינעם דאָזיקן פרימאָרגן, וואָס ער האָט באַשטימט צו פאָרן אויף זיין וואַקאַציע, אַרויסגעקוקט דורכן שטובּפענצטער, מיט רוגזה, ווי אַ שונא, באַטראַכט דעם פאַרכמורעטן הימל און זיך אויסגעדרייט צום ווייב און פּעסט דערקלערט:

— מעי... דו האָרכסט, מעי, ס׳וועט באַלד אַ כליאַפּע טאָן אַ רעגן. איך פאָר היינט ניט...

ער האָט געגומען שפּאַנען איבערן צימער מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי ס׳זאָל אים טרעפן אַ גרויס אומגליק; ער האָט אַרומגעשפּאַנט און צו זיך אַליין געהאַט טענות:

— אַ מזל... אַ גאַנץ יאָר אַרבעט מען שווער און ביטער, מען וואַרט אויפן גליקלעכן טאָג צו פאָרן זיך אָפּרוען, צום סוף גאָר — אַ רעגן!

אַ ווײלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין ווייב, וואָס איז געזעסן איבער איר צייטונג, און זיך פלוצלונג דערטראַכט:

— ווייסטו וואָס, מעי טייערע, מיר׳ן מאָרגן פאָרן צוזאַמען. פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאָרן מיט מיר, מעי?

זיפּקין האָט אונטערטעניק געקוקט אויף זיין ווייב׳ס מויל, וואָס זי וועט ענטפערן. און ווען מעי האָט גאָרנישט געזאָגט, איז ער באַלד אַרויס מיט אַ פּאָר טענות, מיט קריוודעס און מיט פאַרדאַכטן קעגן איר. מעי, ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל, האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַנ׳ס טענות מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — דערקלערנדיק אים צום וויפילטן מאָל דעם דאָקטאָר׳ס פאַרזאָג, אַז צוליב איר געזונט זאָל זי אַהין נישט פאָרן! און בכלל וויל זי אין ערגעץ נישט פאָרן אויף וואַקאַציע. זיפּקין האָט געשוויגן און איר האָט זיך געדאַכט, אַז איצט גלויבט ער שוין וואָס זי זאָגט.

אָבער ווען זיפּקין האָט זיך ענדלעך אַנטשלאָסן און איז אַרויס־

געפֿאָרן, האָט אין דרויסן געטומען רעגענען. אינעם אויטאָבוס האָט געהערשט אַ מרה־שחורה׳דיקער שטילשטאַנד. נאָר זיפּקין האָט פֿונדעסטוועגן באַמערקט ווי פֿאָרלעך דאָ און דאָרט טוליען זיך, סוד׳ען זיך, שמייכלען איינער צום צווייטן. בלויז ער, זיפּקין — אַ מענטש, דוכט זיך, ווי יעדער איינער, וואָס האָט אויך אַ היים, אַ ווייב — מוז זיצן גאָר איינער אַליין און האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן...

איז ער געזעסן אָנגעפּילט מיט טענות, מיט קריוודעס, און געטראַכט...

דער רעגן האָט שטאַרקער געקלאַפּט און געוואַשן די שויבן פֿונעם אויטאָבוס, און יעדער קלאַפּ אין די שויבן האָט אין זיפּקינ׳ען דערוועקט דערינערונגען פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט זיין מעי, און זי ליב געקראָגן מיט אַ ליבע, ווי זי וואָלט אים פֿאַר׳כישופֿ׳ט... געטראַכט האָט ער איצט וועגן די אַלע „אומרעכטן” וואָס זי, מעי, איז קעגן אים באַגאַנגען — אומרעכטן, וואָס האָבן באמת גאָר קיין האָפּט און קיין זין נישט. האָבן איצט אים אויסגעזען אַזוי קלאָר, און געצויגן האָבן זיי זיך צו אים פֿון אַלע זיינע פֿאַרבאָרגענע קעמערלעך מיט שווערע טענות קעגן איר, ביז ער האָט אַ מידער, אַ פֿאַרצאַרנטער, איינגעדרעמלט, און זיך ערשט אויפֿגעכאַפּט ווען צו זיינע אויערן האָט דערגרייכט דאָס קול פֿונעם טרייבער:

— סילוויע האָטעל!

ס׳איז שוין געווען נאַכט ווען זיפּקין איז אַהין פֿאַרפֿאָרן. דער רעגן האָט אויפֿגעהערט און דער פֿאַרכמורעטער הימל האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אויסלייטערן. אַ פֿולע ליכטיקע לבנה האָט זיך דורכגעריסן דורך אַ שוואַרצן וואָלקן, באַזילבערט די אַרומיגע הויכע בערג און וואַלד, דעם דורכגענעצטן באָדן אַרום דעם באַשיידענעם האָטעל.

אַ סך פֿון די זומער־געסט זיינען, אַפּנים, שוין אַוועק שלאָפֿן. ווען זיפּקין האָט די טיר געעפֿנט, האָט ער ביי אַ טיש געטראָפֿן עטלעכע פֿון די געסט טרינקען טיי. אַן עלטערע פֿרוי מיט אַן אָנגענעמען פּנים איז אים אַנטקעגן געקומען, זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס באַלעבאָסטע און געפֿרעגט:

— ווער האָט אייך רעקאָמענדירט אַהער, יונגערמאַן?

— די וויסבערגס, די שכנים מיינע. אָט־די וואָס זיינען ערשט צוריקגעקומען פֿון אייך.

— די וויסבערגס? — האָט די באַלעבאָסטע אַ פֿאַרטראַכטע איבערגעפֿרעגט. — יאָ, איך קען זיי. אָבער פֿאַרוואָס האָט מען מיר גאָרנישט געלאָזט וויסן וועגן דעם?

— וואָסי? איר האָט דען נישט קיין פּלאַץ פאַר מיר? — האָט זיפּקין אַ דערשטוינטער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

אַ ציטערדיקער איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף אירע ליפּן, ווי פון איר ענטפער זאָל אָפּהענגען זיין לעבן. די באַלעבאָסטע, מיט אַ געניט אויג, האָט דעם מענטשן באַטראַכט, געזען זיין פאַרצווייפלונג און האָט געזאָגט:

— יונגערמאַן, איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין, אַז ס'איז ניט מיין שולד, נאָר אייערע... איך וועל אָבער זען וואו ס'איז מעגלעך אייך צו געבן אַ צימער דערווייל. נו, מאַכט זיך היימיש און זעצט זיך צום טיש.

די באַלעבאָסטע איז אַרויס ערגעץ און זיפּקין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ בייזער אויף זיינע שכנים, די ווייסבערגס, וואָס האָבן אים פאַרפירט מיט זייער „גן־עדן" פּלאַץ, ווי זיי רופן עס, צוזאַמען מיט די „גאָלדענע גליקן" וואָס זיי האָבן פאַר אים געמאָלן. און געדאַכט האָט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט מיט אַלע זיינע נאָענטע זיינען אים שונאים, וואָס טראַכטן בלויז ווי אַזוי אים צו דריקן און שטיקן... אַ געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן:

אָנקלינגען ערגעץ נאָך אַ טעקסי, וואָס זאָל קומען און אים שוין אַוועקנעמען וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן! אָבער ווען ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, איז די באַלעבאָסטע מיט אַ צופרידן פּנים אַריינגעקומען און אים גוטמוטיק געזאָגט:

— איך האָב אַ צימער פאַר אייך אויף דערווייל. דער צימער געפינט זיך פון יענער זייט לאַנקע ביי דעם טייך. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אייך בייטן דעם צימער.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו איר אַרויסהעלפערין און געזאָגט:

— נעם, ריווע, בעטציי‌ג. גיי אַהין מאַכן דאָס בעט. זאָל דער יונגערמאַן מיטגיין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ריווע, באַוואָפנט מיט בעטצייג אין איין האַנט, און מיט אַ שיין־וואָרפער אין דער צווייטער, אָנגעהויבן צו שפּאַנען אויפן וועג צום צימער. זיפּקין, אָנגעטאָן ווי געווינלעך אין האַלבע שיך, האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נאָכגעשפּאַנט און געטראָטן איבער נאַסע הויכע גראָזן, דורך לוזשעס רעגן־וואַסער, און ווען זיי זיינען אַהין אָנגעקומען, און ריווע האָט אַן עפן געטאָן די טיר און אָנגעצונדן ס'ברעקל עלעקטריק־ליכט, האָט די פּוסטקייט אַ ווייע געטאָן אַזוי, אַז זיפּקין האָט אין דער רגע נישט געוואוסט צי באַדויערן זיינע דורכגעווייקטע פיס, צי דעם צימער וואוהין זי האָט אים געבראַכט.

ריווע האָט אויף גיך גענומען מאַכן דאָס בעט. זיפּקין האָט נאָר

אַ בליק געטאָן אויפֿן מאָגערן מאַטראַץ, האָט ער באַלד פֿאַרגעסן וועגן זיינע דורכגעווייקטע פּיס און אַ ברום געטאָן:

— מיסעס... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געלעגער? זע נאָר אַ מאַטראַץ... ווער, מיינט איר בין איך?

ער האָט זיך צערעדט, זיפּקין, אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף דער אָרעמער פֿרוי. אַ פֿאַרצוויפֿלטער האָט ער גענומען לויפֿן פֿון ווינקל צו ווינקל, באַטאַפּט דעם „דרעסער", געפּרוּאווט די שופֿלאָדן צי זיי רוקן זיך ווי געהעריק. און פּלוצלונג איז ער צו צום פֿענצטער, באַטראַכט די נישט־באַפּעסטיקטע שויבן, וואָס האָבן זיך איצט געטרייסלט פֿונעם ווינט, און זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— איך וועל דאָ ניט שלאָפֿן, מיסעס! דאָ פּאַסט זיך גיכער צו זיין אַ שטאַל פֿאַר בהמות, ניט פֿאַר מענטשן — איר הערט?!

זי האָט אויף אַ ווײַלע אויפֿגעהערט אַרבעטן, באַטראַכט זיין צע־קרימטן פּנים, און שטילערהייט ווידער געטאָן איר אַרבעט.

אַ פֿאַרלוירענער, וואָס ער ווערט אַזוי איגנאָרירט, האָט ער מיט פֿאַראַכטונג זיך אויסגעדרייט, איז צוגעלאָפֿן צו די קראַנען, געלאָזט לויפֿן ס'וואַסער און אָנגעהויבן אויף דאָס ניי:

— אַ ביסעל וואַרעמע וואַסער זיך אָפּצואוואַשן איז ניטאָ... צו וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר — —

ריווע האָט זיך אויסגעגלייכט, און שטייענדיק ביי דער טיר שוין אַוועקצוגיין, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים, און מיט אַ שטילן קול געזאָגט:

— ווי איך זע, יונגערמאַן, זיינט איר ביי זיך זייער חשוב, איר האָט זיך זייער ליב, איר ווילט אַפֿילו נישט איין נאַכט דאָ איבערשלאָפֿן, און שרייט אויף מיר ווי איר וואָלט געוועזן מיין האַר און איך די דינסט. איך ווייס ניט, צי איר האָט אַ פֿאַמיליע און וואָס מיט אייך און מיט זיי האָט געטראָפֿן, אַז איר זאָלט זיך אַזוי פֿירן, האַנדלען! איך האָב אויך געהאַט אַ פֿאַמיליע, איז זי אומגעבראַכט געוואָרן אין היטלער'ס קאַלך־אויוונס. און אויב מיר איז ווי דורך אַ נס פֿאַרבליבן אַן איינ־איינציקער זון. געפֿינט ער זיך אַצינדערט אין קאָרייע, און כ'ציטער יעדע מינוט פֿאַר אַ שלעכטער בשורה...

זי האָט זיך אויסגעדרייט אַ באַליידיקטע, און אַן אַ גוטע נאַכט שטיל פֿאַרלאָזט דעם צימער.

1951.

דער „גוטער״ באַלעבאָס

נאָך די אַלע נישט־געראָטענע אונטערהאַנדלונגען, וואָס דער באַלע־באָס, מיסטער וועריק, האָט געהאַט סיי מיט דער יוניאָן און סיי מיט אַרבעטער פון שאַפּ, האָט ער זיך צום סוף דערטראַכט, ווי פּטור צו ווערן אויף זיין אייגענעם שטייגער פון דעם קראַנקן פּרעסער, פלאַקער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל צו אים אין שאַפּ אַריין מיט אַ פאַרלאַטעטן רוקנביין, און פאַרנעמט אומזיסט און אומנישט אַן אָרט ביי איינער פון זיינע געציילטע פּרעס־מאַשינען אין סאַמע מיטן פון ברענענדיקן פרילינג־סעזאָן.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם שאַפּ אויף בראָדוועי, האָט, לכתחילה, מיט קיין שלעכט וואָרט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט קעגן דעם קראַנקן פלאַקער, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים איבער צוועלף יאָר, ווען ער איז פון שפּיטאָל געקומען אַן אויסגעבלייכטער, איינגעצויגן נאָך אַ לאַנגער צייט ליגן אין גיפּס.

גראָד איז דעמאָלט געווען באַלד נאָך די יום־טובים, ווען קיין צופיל אַרבעט איז אין שאַפּ נישט געווען, האָט דער קראַנקער פלאַקער אומ־געשטערט זיך גענומען ווידער צוגעוואוינען צו דער אַרבעט. זיינע שכנים פּרעסער, דער איטאַליענער מאַיק און דער אַלטער אַווראָמטשע, האָבן אים באַגעגנט ווי אַן אייגענעם, און אָפטמאָל אַליין אויסגעפּרעסט פאַר אים זיין חלק אַרבעט.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אין סלעק־צייט. אָבער אַזוי גיך ווי דער פרילינג־סעזאָן האָט זיך באַוויזן אין שאַפּ, און קונים האָבן די אַרבעט פון די הענט געריסן, האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט.

מיסטער וועריק, אַליין אַן עלטערער מענטש, וואָס פלעגט אַריינ־קומען אין שאַפּ אַ ביסל שפּעטער, האָט איצט, אין „ביזי״־צייט, גע־נומען אַריינקומען אינעם פרימאָרגן צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער אין שאַפּ, און גלייך אָנגעקלונגען אין דער יוניאָן וועגן נייע אַרבעטער, אויסצופילן ליידיקע פּלעצער אין שאַפּ. אַזוי האָט ער זיך געפירט טאָג־איין, טאָג־אויס. נאָר ווען ער איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם „ווינקל״, וואו די פּרעס־מאַשינען זיינען געשטאַנען, האָט ער באַמערקט ווי דער

קראַנקער פלאַקער רירט זיך קוים... און אין וועריק׳ס באַלעבאַטישן מוח האָבן זיך בייזע מחשבות געגומען פלאָדיען... ער איז צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן פלאַקער׳ס אַ געפּרעסט שטיקל אַרבעט, און אַ פאַרקרימטער אונטערגעבורטשעט:

— ס׳טויג ניט, פלאַקער! זע, דאָ איז פאַרגלאַנצט... און דאָ איז נישט דערפּרעסט... וואָס דענקסטו, ס׳איז ביי מיר אַ שפּיטאָל?

פלאַקער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים אַ שוויגנדיקער, ווי דאָס לשון וואָלט ביי אים אָפּגענומען, און צום סוף מיט ביטערניש אַ זאָג געטאָן:

— וואָס עפּעס מיט איין מאָל, מיסטער וועריק?

ער האָט געוואַרט אויף אַ דערקלערונג פון זיין באַלעבאָס, יענער זאָל קלאָר מאַכן וואָס ס׳האָט אים געבראַכט אַהער מיט טענות וואָס ער, פלאַקער, האָט פון וועריק׳ן קיינמאָל נישט געהערט. דער באַלעבאָס האָט זיך אָבער גיך אויסגעדרייט צו זיין אָפיס און אָנגעקלונגען דער יוניאָן:

— העלאָ, מיסטער פייפער! דאָס רעדט וועריק, יאָ, וועריק... וואָס ס׳הערט זיך, פרעגט איר? אַ ביסל אַרבעט און פיל טראָבל. וואָס? אָט הערט: איך פאָדער, מ׳זאָל קומען פון דער יוניאָן און אָנקוקן פלאַקער׳ס געפּרעסטע אַרבעט... יאָ, אָט דער וואָס איז געקומען פון שפּיטאָל אַ האַלב־פּאַראַליזירטער גלייך צו מיר אין שאָפּ אַדיין... יאָ, קומט און זעט, ווי ער לייגט די אַרבעט אין דער ערד — — —

שפּעטער, ווען דער יוניאָן־פאַרטרעטער האָט זיך באַוויזן אין שאָפּ, האָט ער זיך באַגעגנט מיטן שאָפּ־טשערמאַן מעקס, זיך דורכגעשמועסט מיט אים וועגן דעם ענין, דערנאָך מיט דעם פּרעסער פלאַקער און אויס־געהערט וואָס ער האָט צו זאָגן. דער באַלעבאָס האָט אים מיט זיין שאָפּ־טשערמאַן שפּעטער אַריינגעבעטן צו זיך אין אָפיס, און מיט אַ פּנים פון אַ געקריוודעטן געזאָגט:

— איך ווער רואינירט צוליב אייך. איר צווינגט אויף מיר אַרויף אַ קראַנקן פּרעסער, וואָס וואָלט געפּאַסט ער זאָל בעסער ליגן אין שפּיטאָל אָנשטאָט צו פּרעסן אַרבעט, וואָס טויג אויף גרויסע קלאָגן!

ער האָט די טיר פונעם אָפיס צעעפנט, געכאַפּט פון פּרעסער־געשטעל עטלעכע שטיקלעך אַרבעט און דאָס צוגעטראָגן נאָענט צו זייערע אויגן, און צוגעבורטשעט:

— נאָט, קוקט זיך צו, געפּרעסטע אַרבעט...

ברודער דראַפּקין, דער יוניאָן־פאַרטרעטער — אַ מענטש אין די יאָרן און לאַנג אין דער יוניאָן, וואָס האָט זייער גוט געקענט די באַלעבאַטים — האָט מיט אַ דין שמייכעלע באַטראַכט ווי די אַרבעט איז געמאַכט, און פאַרשנדיק געפרעגט:

— איך זע גאָרניט אויף אָט־דער געפּרעסטער אַרבעט, ס׳געפעלט מיר דווקא. אפשר, מיסטער ווערִיק, וואָלט איר אונדז בעסער פאַרטרויט, וואָס אייגנטלעך איר זוכט זיך?

האָט דער באַלעבאָס אויך געשמייכלט און מיט אַ פאַרענדערט פריינטלעכן פּנים געזאָגט:

— איך זוך ניט קיין שלעכטס, מיינע פריינט. פּונקט פאַרקערט. איך זע דאָ אין מיין שאַפּ ווי אַ קראַנקער מענטש מוטשעט זיך ביי דער פּרעס־מאַשין... וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז די יוניאָן, אויך די מענטשן פון שאַפּ, זאָלן שאַפן אַ סומע געלט, ער זאָל זיך פאַרשאַפן עפּעס אַנדערש? פון מיין זייט, בין איך וויליק צוצוטראָגן וויפיל איר וועט אַליין פּסק׳ענען! טאָ וואָס־זשע דענקט איר?

ער האָט געקוקט, מיסטער ווערִיק, אויפן שאַפּ־טשערמאַנ׳ס מויל, אַז יענער זאָל צוהעלפן מיט אַ גוט וואָרט. אָבער דער שאַפּ־טשערמאַן, וועלכער האָט אין זיין אַרבעטער־לעבן שוין געקענט אַ סך באַלעבאַטים און זייערע טובות, און בעסער פון אַלע דעם איצטיקן באַלעבאָס, מיסטער ווערִיק, האָט איצט אָנגעקוקט מר. ווערִיק׳ן מיט ניט־גלויבנדיקע אויגן. אויך ברודער דראַפּקין האָט געשמייכלט פון באַלעבאָס׳ רייד און גע־טראַכט דערביי: ווי געמיין אָט־דער אַלטער פוקס דאַרף זיין זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע ליגנס! ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט דערקלערט:

— ליידער, קאָן אייך די יוניאָן אין אָט־דעם ענין גאָרניט העלפן, — און ער האָט פאַרלאָזט דעם שאַפּ.

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט מיט אַ שמייכל זיך צוריקגעקערט צו זיין ניי־מאַשין, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אַלע אַרבעטער אַרום זיין געשטעל שוין געוואוסט דעם צוועק פון ברודער דראַפּקינ׳ס קומען אַהער. דער קאָלנער־מאַכער, זעמל, אַ מענטש מיט אַ גראַדן שכל, האָט באַ־מערקט:

— אויב אונדזער באַלעבאָס רופט ספּעציעל דעם יוניאָן־פאָרטרעטער צו העלפן זיינעם אַ קראַנקן אַרבעטער, און ער אַליין איז וויליק צו־צוטראָגן וויפיל מ׳וועט פּסק׳ענען — איז עס משיח׳ס צייטן און ס׳איז אַפילו שווער צו גלויבן...

— מעגסט גלויבן, — האָט דער שאַפּ־טשערמאַן פאַרזיכערט. — איך האָב דאָס אַליין מיט מיינע אויערן געהערט.

— און איך זאָג, — האָט סאָלניק, דער עלטסטער קעשענע־מאַכער, אַ „תושב״ אין שאַפּ פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, געזאָגט, — מענטשן האָבן מזל... מ׳קאָן דאָ אין שאַפּ געפינען עלטערע, און אפשר

מער קראַנקע ווי פּלאַקער — נו? וואָלט זיי דער באַלעבאָס אויך גע־האָלפן מאַכן זיך אַ „ביזנעס"?

זיין שותּף, פרידל, האָט אים אַ שטאָך געטאָן:

— איר זענט דאָך מקנא אַפילו אַ טויטן די תּכריכים! ס'פּעלט אייך נעבעך אויף שבת, מיסטער סאַלניק...

דער באַלעבאָס איז מיט שווערע טריט צוגעקומען צום געשטעל, אַ שמעק געטאָן וואָס ס'טוט זיך, און תּיכּף אויף־צוריק אַ פּאַרטראַכטער אַוועק צו זיך אין אָפיס. ער איז דאָרטן לאַנג געזעסן און געטראַכט פון דעם ענטפער, וואָס ער האָט געקראָגן פונעם יוניאָן־פאַרטרעטער דראַפּקין. ניין, מיסטער ווערריק האָט פון זיין ענטפער זיך גאָרנישט באַרואיקט; דער געדאַנק, אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, ער זאָל פּטור ווערן פון אַ קראַנקן אַרבעטער, וואָס האַלט צוריק די אַרבעט אינעם שאַפּ, האָט פאַר אים געשאַפן נייע אילוזיעס.

געטראַכט האָט איצט מיסטער ווערריק, אַז ער וועט נאָך היינט אָוונט זיך טרעפן מיט דעם יוניאָן־מענעדזשער, מיסטער פייפער. יענער, אַ העכערער באַאַמטער, מיט „מער אחריות" פאַר יעדן יוניאָן־מיטגליד, וועט טיפער באַגרייפן, אַז ער, ווערריק, מיינט חלילה ניט קיין שלעכטס מיט דעם וואָס ער זוכט צו העלפן זיינעם אַ קראַנקן אַרבעטער! ער האָט געוואָלט שוין אָנקלינגען אין דער יוניאָן, אַז ער וויל אים זען. אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטן זיין האַנט גרייט אָנצונעמען דעם טעלעפאָן־טרייבל, האָט ער זיך גאָר באַרעכנט, אַז צוערשט וועט ער זיך דורכשמועסן מיט פּלאַקער'ן אַליין. ער, פּלאַקער, וועט פון זיין פּלאַן זיכער זיין צופרידן.

און טאַקע באַלד נאָך דער אַרבעט איז פּלאַקער פאַרבעטן געוואָרן אין באַלעבאָס' אָפיס. דער באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ פריינטלעכן פּנים און אָנגעהויבן אַ „האַרץ־צו־האַרץ" געשפּרעך:

— לאָמיר נישט זיין גענאַרט, פּלאַקער, — האָט ער מילד אָנגעהויבן, — דו ביסט אַ קראַנקער מענטש! זע איך דען נישט, ווי דו קאָנסט דיין רוקן נישט איינבויגן ביי דער אַרבעט? אַנטלויף פון שאַפּ, אויב דו ווילסט לעבן! זיכער קאָנסטו זיך אַנדערש ניט העלפן, און דערפאַר האָב איך דיך גערופן. איך בין אַפילו אַליין גרייט העלפן דיר מיט מזומן. האָסט ביי מיר פאַרדינט אַ גרינגערע פּרנסה!...

ער האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין בוזעם־קעשענע, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט זיין טייסטער און גענומען פאַר אים אויסציילן...

אין פּלאַקער'ס אויגן האָט אַ פייערל זיך באַוויזן און געצונדן דאָס אויסגעבלייכט פּנים, דעם שוואַכן גוף. קאַלטבלוטיק האָט ער דערקלערט:

— ניין, מיסטער ווערריק, איך נעם נישט אייער געלט. איך פאַרבלייב אַרבעטן!...

עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ פרימאָרגן, ווען פלאַקער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט זיין פּרעס־מאַשין „פלוצלונג" אויפגעהערט אַר־בעטן... דער באַלעבאָס, מיסטער ווערריק, איז „גראָד דעמאָלט" דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש — און האָט „ניט געהאַט קיין צייט" צו רופן אַ מעכאַניקער, וואָס זאָל פאַרריכטן די מאַשין...

1951.

אַ שוועדע ליבע

הערי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן פאַרטאָגיקן שלאָף, וואָס איז אים באַפאַלן פונקט אין דער שעה, ווען ער דאַרף אויפשטיין צו דער אַרבעט. זיין יונג אויסגעצערט פּנים האָט איצט אויסגעקוקט אַלט און בלאַס פון דרייען זיך אַ גאַנצע נאַכט אויפן געלעגער און פון טראַכטן פון זיין שאַפּ־שכנה ליזע, אין וועלכער ער האָט זיך האָפּענונגס־לאָז פאַרליבט.

אין די עלף חדשים, זינט הערי איז געקומען קיין אַמעריקע פון היטלער׳ס קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַרבעט אין מיסטער זאַיצעס׳ קליידער־שאַפּ, האָט ער די ערשטע צייט, פונקט ווי יעדער אַנדער גרינער, געהאַט געגנוג צרות פון דער אַרבעט. ווען נישט ליזע, זיין שאַפּ־שכנה, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט אין אים, הערי׳ן, און געלערנט אים דעם פאַך, וואָלט ער קיין באַלמעלאָכע נישט געוואָרן.

צוערשט, באַלד ווי ער איז אין שאַפּ געקומען, און די אַרבעטער האָבן באַמערקט דעם אויסגעדאַרטן בחור מיט אויסגעברענטע ציפערן אויף זיין אָרעם, האָבן אים אַלע אין שאַפּ מיט סימפּאַטיע אַרומגערינגלט און אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן. יעדער פון זיי האָט דווקא געוואָלט וויסן, ווי אַזוי די אַלע שוידערלעכע פאַרברעכנס פון די דייטשן קעגן אידן און אַנדערע פעלקער זיינען דורכגעפירט געוואָרן.

ס׳האָט געפרעגט סטיוו, דער פּראָגרעסיווער איטאַליענישער אַרבעטער, און האָט געוואָלט וויסן די אַלע שוידערלעכע איינצעלהייטן, צו באַווייזן פאַר זיינע צוריקגעשטאַנענע לאַנדסלייט וואָס די פאַשיסטישע באַנדעס האָבן אָפּגעטאָן. דער פּוילישער אַרבעטער, איגנאַץ, וואָס רעדט אידיש ווי אַ איד, האָט געוואָלט וויסן וועגן זיינע פּאָליאַקן, ווי אַזוי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט די אידן אין דער שוידערלעכער צייט. דער איטאַ־ליענער דזשאָ גאַלאַנט, מוסאָליני׳ס אַ פריערדיקער פּאַטריאָט, וואָס האָט שטענדיק אָפּגעלייקנט אַלע פאַשיסטישע גרויזאַמקייטן, איז איצט גע־שטאַנען אַ פאַרשטומטער.

אויך דער באַלעבאָס, מיסטער זאַיצעס, אַ פאַרהאַוועטער מענטש, וואָס אויסער זיין געשעפט עקזיסטירט מער גאָרנישט פאַר אים, אויך ער

האָט, באַטראַכטנדיק דעם יונגן אויסגעצערטן בחור, מיט די אויס־געברענטע צייכנס אויפן אָרעם, אויף אַ ווייל זיך פאַרגעסן וועגן די באַשטעלונגען, וואָס האַלטן אין פאַרמערן זיך מיט יעדן טאָג, און וועגן שטענדיקן שאַפּ־„טראָבל" מיט די טענות צו דער יוניאָן, צו זיין שאַפּ־טשערמאַן לעוו, אַז זיי טוען גאָרנישט צו העלפן אים אויסקומען מיט די באַלמעלאַכעס. אויף אַ ווייל איז דעם באַלעבאָס' פּנים פאַרוואָלקנט געוואָרן, און ער איז געשטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

און דער שאַפּ־טשערמאַן לעוו, אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט זיין גאַנצע משפחה, קרוב צוויי הונדערט מענטשן, פאַרלאָרן אין די היט־לעריסטישע גאַז־קאַמערן, האָט מיט פאַרטרויערטע אויגן געהייסן דעם יונגנמאַן זיך זעצן צו דער אַרבעט אין שכנות מיט אים און מיט ליזע'ן, און געדאַכט האָט זיך, אַז נישט בלויז זיי, נאָר יעדער פון די אַרבעטער וויל העלפן דעם יונגן הערי'ן וואָס גיכער אויסלערנען דעם פאַך. און אַזוי טאַקע איז געשען.

איין טאָג איז הערי'ס רבי געוועזן דער שאַפּ־טשערמאַן לעוו. צו־מאָרגנס האָט הערי'ן שוין געלערנט דער פּוילישער אַרבעטער איגנאַץ. צוויי טאָג האָט ער מיט הערי'ן געקנעלט, און ענדלעך אים איבערגעגעבן צום איטאַליענישן אַרבעטער סטיוו. אים, סטיוו'ן, איז עס געגאַנגען אין אַמביציע צו העלפן הערי'ן. צום סוף אָבער האָט ער געמוזט איבער־געבן הערי'ן לערנען צום באַלעבאָס. און ער, דער באַלעבאָס, וואָס האָט קיינמאָל קיין מינוט צייט ניט געהאַט, האָט אַפילו געפּרוּווט זיך זעצן צו דער ניי־מאַשין אין הערי'ס זייט, און אין גאַייל, געזוכט אים אויס־צולערנען די שניידערישע תורה. אָבער, ווי אויף להכעיס, האָבן הערי'ס הענט זיך נישט געקלעפּט צו דער אַרבעט.

און נישט בלויז זיינע הענט האָבן זיך נישט אויסגעטויגט, נאָר אַלע אברים — זיין קאָפּ, זיין מח זיינען ביי דער אַרבעט נישט געווען. די זעקס פינצטערע יאָרן, וואָס ער האָט זיך דורכגעמאַטערט אין היט־לער'ס קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו טויזנטער מענטשן זיינען יעדן טאָג געוואָרן געפּייניקט, פאַרברענט אין די קאַלך־אויוונס, צווישן זיי אויך זיין טאַטע־מאַמע און זיין יונג שוועסטערל, צירל, — אָט־די גרויל־יאָרן האָבן זיך ווי איינגעבירגערט אין זיין בלוט און אין זיין זכרון. און איצט, ביי דער אַרבעט, זיינען זיי אַלע געשטאַנען פאַר זיינע אויגן.

פאַר הערי'ן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע צייט. דער חלום, וואָס ער האָט געהאַט אויסגע'חלומ'ט צו ווערן זעלבסטשטענדיק אין דעם נייעם לאַנד און פאַרדינען ערלעך זיין ברויט, האָט זיך געהאַלטן אין אויסלאָזן מיט גאָרנישט. די אַרבעטער פונעם שאַפּ, וועלכע זיינען פון אָנהויב

גרייט געווען אים צו העלפן, האָבן איצט געהאַט פאַר זיך אַ שווערן פּראָבלעם: הערי׳ס זיצן ליידיק ביי דער ניי־מאַשין, אין צייט ווען אַלע אַנדערע אַרבעטן, האָט ווי אַ שווערע משא זיך געלייגט אויף די געמיטער. אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָט דער שאַפּ־טשערמאַן לעוו געמאַכט זיין לעצטן פּרואוו, און זיך געווענדעט צו דער יונגער ליזע וועגן דעם שווערן ענין — — —

און ליזע, צי מיט אירע יונגע פלינקע פינגער, וואָס האָבן ביי דער אַרבעט געשוועבט פאַר די אויגן, צי מיט איר חנ׳עוודיקן שמייכל, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון אירע מויל־ווינקלען העט־אַרויף איבער דעם שטערן און איבער אירע שיינע שוואַרצע האָר, — יעדנפאַלס האָט זי, ווי דורך אַ כישוף, געבראַכן הערי׳ס גלייכגילטיקייט און אים געצוואונגען זיך אַ נעם טאָן אין די הענט אַריין. און אַ „נס״ איז געשען: הערי׳ס ווי פאַרגליווערטע פינגער האָבן זיך גענומען רירן, געוואָרן טעטיקער, געניטער צו דער אַרבעט.

דער באַלעבאָס, מיסטער זאַיצעס, וועלכער האָט כסדר געהאַט טענות צו דער יוניאָן, צום שאַפּ־טשערמאַן לעוו, אַז זיי טוען גאָרנישט צו קריגן פאַר אים מער באַלמעלאָכעס, האָט אינגיכן גענומען גאָר אָנקוועלן פון דעם גוטן באַלמעלאָכע הערי. די אַרבעטער פון שאַפּ זיינען אַוואַדע געווען צופרידן, און זיכער האָט זיך באַדאַרפט פרייען הערי אַליין, וואָס נאָך אַזוי פיל צרות איז זיין חלום רעאַליזירט געוואָרן, און ער ווערט איצט אַ גוטער באַלמעלאָכע צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אינעם שאַפּ. הערי האָט זיך אָבער נישט געפרייט; הערי האָט אין דער צייט פון לערנען זיך פאַרליבט אין זיין לערערין — אין דער יונגער, חנ׳עוודיקער ליזע, — אַ ליבע, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך באַרואיקן ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט אויף זיין געלעגער. ער האָט געוואוסט, אַז זיין ליבע צו איר איז אַ האָפענונגסלאָזע; און טאַקע דערפאַר איז זיין פאַרליבטקייט געוואָרן אַ מאַטערניש פאַר אים.

און ליזע, אַ פאַרהייראַטע פרוי פון אַ געליבטן מאַן, האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן און האָט אויך געליטן פון דעם. הגם ער, הערי, האָט זיך אויסגעהיט צו ריידן מיט איר וועגן דעם, האָט איר פרויען־אינסטינקט איר אונטערגעזאָגט, אַז אָט־דער בחור, וועלכן זי האָט אויסגעלערנט דעם פאַך, און וועלכער זיצט אַנטקעגן איר ניי־מאַשין, און קוקט אויף איר אַזוי מאָדנע, טראָגט זיך אַרום מיט אַ סוד, וואָס האָט צו טאָן בלויז מיט איר...

ליזע האָט געטראַכט וועגן אָט־דער נייער שווערער פּראָבלעם. און איינמאָל ביי דער אַרבעט איז פּלוצלונג צו איר געקומען איר מאַן. ליזע

האָט פריידיק אַרומגעכאַפּט איר מאַן און האָט נערוועז צוגערופן העריין:
— הערי! — האָט זי אויסגעשריען. — דאָס איז מיין מאַן, בען... באַקענט זיך...

הערי האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אַ ווײַלע אָנגעקוקט ליזען מיט דעם שיינעם יונגנמאַן לעבן איר, האָט געפּרואווט עפּעס זאָגן און קוים צוגעשקאָלט מיטן קאָפּ. ער האָט צוריק זיך געזעצט צו דער אַרבעט מיט אַ שווינדל אין קאָפּ און מיט ציטערדיקע הענט. צומאָרגנס, איז הערי צו דער אַרבעט נישט געקומען. אין דעם שאַפּ האָט ער מער ניט געקאָנט בלייבן.

.1949

„דער דזשענטלמאַן"

פרייטיק פאַרנאַכט האָט ביי די סעגעלס דער שבת זיך געפילט אין אַלע שטוב־ווינקעלעך: די בענטש־ליכט, וואָס האָבן געברענט אויף דעם איבערגעדעקטן טיש, צוזאַמען מיט די אנגענעמע ריחות פון די שבת׳דיקע מאכלים, וואָס בעטי, די יונגע חנ׳עוודיקע באַלעבאָסטע, האָט צוגעגרייט, האָבן ווי געלאָזט וויסן, אַז דער היינטיקער אָוונט איז אַנדערש פון אַלע אָוונטן פון דער וואָך — עס איז פרייטיק־צו־נאַכט! באַלד וועט לאַרי אַהיים קומען פון פעדלען. אויס מיט זיין פערד־און־וואָגן, אויס מיט אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצע וואָך און פאַרקויפן פרוכטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און ווען לאַרי — אַ מידער, אַ פאַרוואָקסענער, וואָס האָט צו דרייסיק יאָר אויסגעזען מיט צען יאָר עלטער — האָט הינטער זיך קוים צו־געמאַכט די טיר, האָט דער בן־יחיד זיינער, דער צוויי־און־אַ־האַלב־יאָריקער מעני, אַ וואָרף געטאָן צום דיל זיין „באַנק" מיט די פּעניס, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט, און מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי גלייך אויסגעוואָקסן לעבן אים. פון גרויס שמחה האָט ער דעם טאַטן ביי די קני אַרומגענומען, אים אַ טראַט ניט געלאָזט טאָן. לאַרי האָט אויפגעהויבן דאָס זינדל, טאַטע־זון האָבן זיך זאַט אָנגעקוקט. ס׳קינד האָט דאָס נעזעלע צוגעלייגט צו זיין באַק, געקוקט דאָס פאַרוואָקסענע פּנים, אויסגעקוקט די מידע אויגן.

די יונגע מאַמע, בעטי, אויסגעפּוצט ווי אַ כלה, מיט אַ קרוין פון פּרעכטיקע שוואַרצע קרייזלעך אויפן קאָפּ, האָטביידן באַטראַכט אַ טיף־גערירטע.

די אַכצן חדשים, זינט איר לאַרי האָט פאַרלוירן דאָס פּלאַץ צו אַרבעטן ביי איר אַנקל אויף עלדרידזש סטריט און איז נאָכדעם געווען געצוואונגען זיך נעמען צו דער שווערער פּרנסה — פעדלען מיט פרוכט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט, — האָבן אויף איר זייער שלעכט געווירקט. און דערפאַר איז אָט־די באַגעגעניש פון טאַטע און זון געווען פאַר איר אַ שטיקל טרייסט, אַ באַלוינונג פאַר דערשטיקן אין זיך דעם צער, ניט נאָר פון איר לאַרי׳ן, נאָר אויך פאַר זייער קינד׳ס עלנטקייט, וואָס ער זעט דעם טאַטן אַזוי זעלטן און האַלט אין איין בענקען נאָך אים און זיך נאָכפרעגן: „ווען קומט פּאַפּאַ אַהיים?"

און שפּעטער, ווען לאַרי האָט זיך אַרומגעוואַשן, און אַ ריינער און אָפּגעפּרישטער געזעסן מיט זיין משפּחה ביים געגרייטן טיש, האָט די שטימונג זיך געהויבן: מיט מוטערלעכער פרייד האָט בעטי דערציילט די נייע חכמות פון זייער זינדל. לאַרי האָט צוגעשמייכלט אַ שווייגנ־דיקער, בעת ער האָט געטראַכט צו איבערראַשן זי מיט אַ גוטער בשורה, אַז גאָר אינגיכן וועט ער זיין אימשטאַנד צו קויפן פאַר איר אַ מאַנטל, אין וועלכן זי נויטיקט זיך. נאָר ווען די ווערטער זיינען שוין ביי אים אויפן צונג געלעגן, האָט דאָס טיר־גלעקל זיך צעקלונגען. ס'איז אַריינגעקומען אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט אַ גלאַנציק־פאַרקאַמטן קאָפּ און האָט בעטי'ן נאָך ביי דער טיר זייער עלעגאַנט באַגריסט. לאַרי'ס פּנים איז פינצטער געוואָרן. אומצופרידן האָט ער דעם גאַסט באַגריסט:

— העלאָ, דזשין, העלאָ... קום צו טיש, דזשין...

בעטי האָט דעם גאַסט מאָדנע אָנגעקוקט. און ווען זי האָט באַמערקט לאַריס'ס פאַרענדערטן פּנים, האָט זי דערפילט, אַז דער־אָ מענטש איז געקומען ניט פאַר אַ פריינטלעכן באַזוך, נאָר — מאָנען... איז זי גע־שטאַנען און האָט געוואַרט... לאַרי האָט נערוועז צוגערוקט אַ פלאַש בראַנפן און כלומרשט געזאָגט:

— אַ טרונק, דזשין, יאָ?

ער האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף דזשינ'ען און געוואַרט, אַז דער „שאַרק" זאָל שוין אַרויסקומען מיט לשון, מיט טענות וואָרום ער צאָלט ניט אָפּ זיין חוב. דזשין האָט אָבער געשוויגן מיט אַ שמייכעלע אויפן פּנים, ווי ער וואָלט טראַכטן, אַז ער האָט צייט... דאָס פייגעלע וועט פון אים ניט אַנטלויפן! ער האָט אַריינגעגאָסן אַ גלעזל, האָט פאַרביסן מיט אַ צווייטן, מיט אַ דריטן. ערשט איצט האָט לאַרי באַמערקט ווי דזשינ'ס גרויסע אויגן ווערן גרעסער, מיט אַ גרינעם פייערל קוקן זיי זיך זשעדנע אַרום, שטעלן זיך אָפּ אויף בעטי'ס שיינע האָר, אויף איר בלאַסלעך־דורכזיכטיקן פּנים, אויף איר פולער ברוסט, וואָס האָט איצט אין אַנגסט זיך געהויבן. בעטי האָט דערפילט זיינע שטעכיקע אויגן. זי האָט דערפילט, ווי אַ מיאוס'ע באַשעפעניש וואָלט אָנגערירט איר לייב. אַ טיף־באַליידיקטע האָט זי געכאַפּט דאָס קינד, וואָס איז שטיל געזעסן און גענורעט זיך צום טאַטן, און איז אַוועק אין אַ צווייטן צימער, פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר. דזשין האָט זי זשעדנע נאָכגעקוקט. ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און האָט געזאָגט צו לאַרי'ן:

— ביסט אַ מזל'דיקער חברה־מאַן, לאַרי. וואו האָסטו זי געקראָגן? אַ פאַרמעגן, כי־כי־כי...

ער האָט נאַריש זיך צעכיכיקעט און זיך אַ נעם געטאָן אויסצולייזיקן

די פלאַש. לאַרי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און האָט געטראַכט ווי שנעלער פטור צו ווערן פון אָט־דעם מיאוס׳ן „שאַרק". ער האָט געטראַכט: פשוט אַ זאָג טאָן אים אַזוי און אַזוי, און אַ סוף! דזשין האָט זיך אָבער צוגעצויגן נאָענט צו אים, מיט הינטישער חניפה זיך געקלאַמערט צו אים און געמורמלט:

— לאַרי, מיין פריינט... ביסט אַ וואוילער חברה־מאַן, לאַרי... דו קענסט מיך, לאַרי — דזשין איז אַלעמאָל אַ „ספּאָרט", אַלעמאָל... לאָז מיך אַרויסנעמען דיין וויב אויף בראָדוועי... זאָל זי אַמאָל וויסן פון אַ וועלט, האַ?

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך געשטעלט ביים שפּיגל, און מיט צוויי פינגער אַרויסגעשלעפּט פון דער אויבערשטער קעשענע אַ קעמעלע און פאַרקאַמט ס׳גלאַנציק קעפּעלע, ווי פאַרטיק צו גיין... לאַרי האָט אים אָנגעקוקט מיט נאַאיווע אויגן, ווי ער וואָלט ניט ריכטיק באַנומען זיין באַגער. און ווען דזשין האָט זיך שוין געהאַט אויסגעפּוצט און האָט זיך צום טיש געזעצט וואַרטן, האָט לאַרי אים כלומרשט רואיק געפרעגט:

— און דאָס קינד? ווער וועט אַכטונג געבן אויפן קינד?

דזשין האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן, ווי אויף אַ נאַריש אינגל, וואָס פאַרשטייט ניט אָדער וויל נישט פאַרשטיין וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט רואיק, פּאַמעלעך אַרויסגענומען אַ ציגאַרעטל, מיט אַ פייער־צינדער פאַרזיכטיק פאַררויכערט, און פילאָזאָפיש בלאָזנדיק דעם רויך, האָט ער זיך ברייטלעך צוגעשפּאַרט מיטן פלייצע צום בענקל און האָט גערעדט איינגעהאַלטן:

— אַ שיינער דזשענטלמאַן ביסטו! דיין וויב אַרבעט פאַר דיר שווער און ביטער זיבן טעג אַ וואָך. זי ראַמט, קאָכט און טוט פאַר דיר וואָס דו באַגערסט. קאָנסטו ניט איין מאָל זיין אַ „ספּאָרט" און פאַרבלייבן דאָ מיט דיין קינד? פע...

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, דזשין, ווי ער וואָלט מיט דעם געמיינט, אַז אַזאַ מין גראָבקייט האָט ער פון לאַרי׳ן גאָר ניט דערוואַרט. באמת אָבער האָט דזשין געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער, וואָס העלפט לאַרי׳ן אַרויס מיט הלוואות, ווען ער נויטיקט זיך, איז באַרעכטיקט אויף זיין פאַרלאַנג — יאָ.

לאַרי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען וואָס דזשין האָט ניט דערזאָגט. איז ער דערפאַר געזעסן אַן אָנגעגליטער, ווי אַ שטיק פייער, און מיט בליציקע אויגן באַטראַכט דעם געמיינעם נפש, וואָס האָט הפקר׳דיק זיך אַריינגעריסן אין זיין היים מיט חוצפה׳דיקע פאַרלאַנגען. און ווען

דאָס שווייגן איז געוואָרן אוממעגלעך האָט ער כלומרשט זיך פאַרוואונ־דערט:

— אַזוי גאָר, דזשין?... דו מייַנסט טאַקע דאָס וואָס דו רעדסט? איך זאָל פאַרבלייבן דאָ און דיר איבערלאָזן מיין ווייב — דו זאָלסט איר וויַיזן אַ וועלט דאָרט אויף בראָדוועי... פיין, זייער פיין פון דיר! זעסטו, ביז איצט האָב איך דיך געקענט פאַר אַ הויט־שינדער, פאַר אַ שאַרק. אָבער פאַר אַ געמיינעם אידיאָט האָב איך ערשט דיך דערקענט.

דזשינ׳ס האָפערדיקער פּנים האָט זיך געביטן אין קאָלירן, די ליפּן האָבן ביי אים אַזש געציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם ברענענדיקן ציגאַרעטל, האָט זיך אַ שטעל געטאָן און האָט געזאָגט:

— נו, גוט. טאָ הער זיך איין, וואוילער יונג. דו קומסט אונדז נאָך פינף און פערציק דאָלאַר מיט זיבן און אַכציק סענט. דו וויַיזט ניט מער דיין נאָז פאַר אונדז. איז וואָס זאָגסטו?

דזשין האָט גערעדט באַפעלעריש, די געוויינלעכע שפּראַך ווי אַ „שאַרק" רעדט צו זיינע קרבנות. ער האָט דערביי צוויי מאָל באַטאָנט: „אונדז", אַז לאַרי זאָל געדענקען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט „חברה" וואָס רעכענען זיך פאַנאַנדער...

אויך לאַרי׳ס פּנים האָט זיך געבליטשט, צי פאַר שרעק צי פון שנאה צו דעם נפש. ער האָט אויסגעליידיקט אַלע זיינע קעשענעס און דאָס געלט אויסגעצאָלט אים אין האַנט אַריין. און ווען עס האָט נאָך אַלץ גע־פעלט צום חשבון, איז ער אויף אַ רגע געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. און מיט שטילע טריט, ווי מען טרעט אַרום אַ קראַנקען, האָט ער, לאַרי, זיך געדרייט אַרום דעם קינד׳ס „באַנק" מיט פּעניס, וואָס דער זינדל זיינער האָט איבערגעלאָזט אינעם ווינקל אויפן דיל... צום סוף — ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַ בויג געטאָן נאָך דעם... דזשין האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אים געוואָרנט:

— לייג עס אַוועק, לאַרי! איך וויל ניט דעם קינד׳ס געלט — איך בין אַ דזשענטלמאַן!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ פּנים פון אַ באַליידיקטן און האָט שנעל פאַרלאָזט דאָס הויז.

אינעם צווייטן צימער וואו בעטי האָט געדרעמלט לעבן קינד איז געווען פינצטער. ווייט און הויך דורך די פענצטער, האָט זיך געוויזן די אָנהייב־חודש׳דיקע לבנה.

1949.

אין אַ שטורעם

זומער, פרימאָרגן. די באַרג־קאָלאָניע, וואו עטלעכע צענדליק משפּחות האָבן אויף אַ געדונגענעם שטיק לאַנד אויפגעשטעלט זומער־היימען, איז נאָך געלעגן אין טיפן שלאָף. פון יענער זייט באַרג, וואו ס׳האָט זיך געצויגן אַ זאַמדיקער שליאַך צום סטעיט־ראָוד, האָט זיך ערשט באַוויזן די פולע מאָרגן־זון, וואָס האָט באַשטראַלט די טויאיקע גראָזן, די באַנגעלאוס מיטן שותּפות׳דיקן פּלאָמפּ, די געדיכטע בוימער, וואָס שטייען און באַוואַכן דעם משופּע׳דיקן באַרג־אַראָפּ, וואָס פירט צום „פּאַסיפּיקל" — צום טייכל, וואָס איז קוים גרויס און טיף גענוג אַ שווים צו טאָן אין אים.

דער צוועלף־יאָריקער דזשערי האָט זיך יענעם זוניקן פרימאָרגן אויפגעכאַפּט אַ פרייִדיקער, וואָס זיידע הערשל, זיין גרענד־פּאַ, איז נעכטן ענדלעך געקומען צו פאָרן אַהער אויף זיין וואַקאַציע. דזשערי האָט ליב געהאַט זיין גרענד־פּאַ הערשל, וואָס איז שטענדיק גוט צו אים און האָט אים כמעט אויף די הענט אויסגעהאָדעוועט. ס׳איז געווען אין מלחמה־צייט. דזשערי׳ס פאָטער, אַרני, איז געווען אין דער אַרמיי, און ער, הערשל, האָט זיין טאָכטער פעני מיט איר קינד געהאַלטן ביי זיך אין שטוב. דזשערי איז נאָך קיין פולע זעקס יאָר ניט געווען, און איז דעמאָלט געשלאָפן אין איין בעט מיטן גרענד־פּאַ. ער געדענקט נאָך אַפילו די שיינע מעשה׳לעך וואָס דער זיידע האָט אים פאַרן שלאָף דערציילט.

איצט, צו צוועלף יאָר, זומערנדיק אין דער באַרג־קאָלאָניע, האָט דזשערי געוואָלט האָבן אַ „רעפט", אַ מין פּליט, וואָס זאָל שטיין אין מיטן „פּאַסיפּיקל", כדי ער זאָל פון דאָרטן קענען שפּרינגען אין וואַסער. דזשערי האָט גע׳חלומ׳ט וועגן דעם „רעפט" פון זינט ער איז אַהערגעקומען. ער האָט זיך אַפילו וועגן דעם אַדורכגעשמועסט מיט זיין חבר, דעם דרייצן־יאָריקן הערי, און ביידע האָבן שוין גענומען גרייטן מאַטעריאַלן. אָבער ווער זאָל עס אויפבויען? זיין חבר הערי האָט קיין פאָטער ניט געהאַט אים צו העלפן. און דזשערי׳ס טאַטע, אַרני, אַרבעט אַ גאַנצע וואָך אין שטאָט, און ווען ער קומט סוף וואָך אַהער, איז ער כסדר פאַרנומען מיט אויסבעסערן זיין באַנגעלאָו, וואָס איז נאָך צוויי יאָר בויען נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט. און ער וויל אַפילו ניט הערן, דער

טאַטע, וואָס ער, דזשערי, דרייט אים אַ מוח וועגן אַ „רעפּט" אויפן „פּאַסיפיקל"!

איז דזשערי איצט געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ פריידיק פּנים געקלערט פון זיין גוטן גרענד־פּאַ, הערשל, וואָס שלאָפט דאָ לעבן אים אויפן בעט. דער זיידע קען אַלץ מאַכן... ער וועט זיכער נאָך היינט העלפן דזשערי׳ן, אַז זיין חלום וועגן אַ „רעפּט", זאָל רעאַליזירט ווערן! נאָר ווען דזשערי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און האָט באַמערקט ווי דער גרענד־פּאַ שלאָפט נאָך גאַנץ געשמאַק, איז ער אַראָפּ פון בעט, זיך גענומען אָנטאָן און אויפגעקליבן זיין געצייג צו זיין גרייט. די מאַמע, פעני, וואָס איז שוין אויף געווען, האָט אים פאַרדעכטיקט נאָכגעקוקט. זי האָט מיט אַ שטילן קול געפרעגט:

— וואָס גייסטו איצט, דזשערי, טאָן מיט דיין געצייג?

דאָס אינגל איז אויף אַ וויילע געבליבן אָן לשון, ווי ער וואָלט זיך געיישובט, צי ער זאָל דער מאַמען פאַרטרויען זיין סוד. אָבער די מאַמע האָט זיך אין דעם ניט געגוויטיקט, זי האָט נאָך פון פריער געהערט פון איר אינגל, אַז ער וואַרט אויפן גרענד־פּאַ ער זאָל אים העלפן מיטן „רעפּט"! האָט זי אים אַ רוף געטאָן און געזאָגט:

— וועסט מוזן צורו לאָזן דעם גרענד־פּאַ, דזשערי!

זי האָט צו אים גערעדט שטרענג, די מאַמע, אַז דער אינגל זאָל גאָר אָפילו ניט טראַכטן שוין דעם ערשטן טאָג ווי דער טאַטע איז אַהערגעקומען, אים איינצושפּאַנען אין אַרבעט! ווייניק אַרבעט ער זיך אָן אַ גאַנץ יאָר אין שטאָט? זי האָט צוגעבויגן דזשערי׳ן צו זיך, און אין דער שטיל, דעם טאַטן ניט אויסצואוועקן, מיט אַ האַרציקן קול פאַרטרויט, אַז דער גרענד־פּאַ איז שוין ווייט ניט קיין יונגערמאַן, ער איז שוואַך און מיד, ער מוז זיך אויסרוען! דזשערי האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פּנים, ווי ער וואָלט איינגעשטימט מיט דער מוטער.

אָבער באַלד ווי דער גרענד־פּאַ איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך מיט דזשערי׳ן אַרומגעכאַפּט, האָט דאָס אינגל פאַרגעסן יעדן וואָרט וואָס די מאַמע האָט אין אים איינגע׳טענה׳עט. און ווען די מאַמע איז נאָך פרישטיק אַוועק מיטן זאַמדיקן שליאַך צום „ווילעדזש" עפּעס איינקויפן, האָט זיך דזשערי צוזאַמען מיט זיין חבר הערי אַוועקגעלאָזט מיט זייער געצייג צום „פּאַסיפיקל".

:: :: ::

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. די באַרג־קאַליפאָרניע האָט זיך געבראָטן אונטער אַ ברענענדיקער זון. אַ קלעפּיקע היץ האָט געשטיקט. הערשל האָט זיך געהאַט אויסגערוט אַביסל, איז ער אַרויס אָנקוקן די

קאַלאָניע, וואו ער איז שוין לאַנג ניט געווען. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און מיט נייגיר באַטראַכט די נייע צוגעקומענע באַנגע־לאָוס מיט זייער פאַרשיידנאַרטיקייט פון געבוי; מיט פרייד האָט ער באַוואונדערט דעם אייגנאַרטיקן ישוב, אין וועלכן דער גרעסטער טייל מענטשן באַשטייט פון אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, און ווי זיי לעבן זיך אויס דעם זומער אין אַן אייגענער סביבה.

הערשל׳ען האָט זיך איצט געוואָלט אַוועקלאָזן צום טייכל, וואו דזשערי וואַרט פאַר אים. איז אָבער די זון פּלוצלונג פאַרשוואונדן אונ־טער אַ דיק־שוואַרצן וואָלקן. אַ רעגן איז אַראָפּ. צוערשט — אַ דינער, אַן אומבאַדייטנדיקער, נאָר ביז ער האָט באַוויזן קומען צו זיין באַנגעלאָו איז אַ פּלוצלונגדיקער רעגן־שטורעם מיט בליצן און דונערן באַפאַלן די קאָלאָניע.

הערשל האָט קוים פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך. אָבער דער שטורעם־ווינט מיטן מבול האָט געריסן טיר און פענצטער, אַראָפּגע־ריסן דעכער, אויסגעלאָשן די עלעקטריק־ליכט, און פּלוצים האָט אַ בליץ אין דער געדיכטער פינצטערניש דעם הימל צעשפּאָלטן, און אַ העל־גרינע ליכטיקייט האָט אַ רגע זיך אַ מיניע געטאָן אין די אויגן. תיכף נאָכדעם האָט אַ קנאַל געטאָן אַזאַ דונער, אַז דער באַרג מיט אַלץ אויף אים האָט אויפגעציטערט! פונעם וואַלד האָט זיך דערטראָגן אַ געקראַכעריי, אַ געשריי...

הערשל האָט צעפּראַלט די טיר און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום וואַלד — צום טייכל וואו זיין דזשערי געפינט זיך אַצינד... דער ווינט מיטן רעגן האָט אים אין פּנים געפּאַטשט, געוואָרנט... און ער, אַ דורכ־געווייקטער ביזן לייב, אַ געבויגענער פונעם בייזן ווינט, האָט פאַר׳עקשנ׳ט געשפּאַנט צום וואַלד. ניט געפינענדיק דאָרט דעם אויסגעטראָטענעם וועג וואָס פירט צום טייכל, האָט ער געבלאָנדזשעט צווישן געדיכטע ביימער, דורך פאַרפּלאָנטערטע צווייגן וואָס האָבן אים געשטערט אויף יעדן שריט. אַ בליץ האָט אים דעם וועג באַלויכטן. ער איז ענדלעך געבליבן שטיין ביי דעם באַרג־אַראָפּ וואָס פירט צום טייכל. מיט אַלע כוחות האָט ער געשריען:

— דזש־ערי! דזש־ערי! — — — —

ער האָט געשריען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, אָבער אויסער דער פּיי־פעריי פונעם שטורעם און קנאַלן פון דונער האָט ער פונעם טייכל גאָר־ניט געהערט. אַ פאַרלוירענער איז ער ציטערדיק געקראָכן דעם משופּע־דיקן באַרג־אַראָפּ צום טייכל. ווען ער האָט אים דערגרייכט האָט ער דאָרט קיינעם ניט געזען. ער האָט ווידער געשריען:

— דזש־ערי! דזש־ערי! — — —

אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער אַרומגעזוכט אַרום דעם טייכל, ביי די וואַסער־ברעגן. ער איז געקראָכן ביזן גאַרטל אין וואַסער, גענישטערט דאָרט ביים גרונט און האָט ווידער גערופן מיט אַ געבראָכן קול דעם אינגל׳ס נאָמען, ביז ער איז מיד געוואָרן רופנדיק און איז געבליבן זיצן אויף אַ שטיין.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין גיסן. דער בייזער ווינט האָט געפּאַטשט דעם נאַסן גוף, בעת דער מוח ביי אים איז געווען פֿאַר־נומען מיט דערשראָקענע געדאַנקען וועגן דזשערי׳ן: ווי קען ער אַהיים קומען אָן דזשערי׳ן?...

מיטאַמאָל האָט דער שטורעם מיטן רעגן זיך איינגעשטילט. דער פֿאַרצויגענער כמאַרנער הימל האָט זיך גענומען אויסלייטערן און פֿאַר־טריבן די געדיכטע פינצטערניש. הערשל האָט די אויגן אויפגעהויבן און האָט דערזען דאָרט — צופוסנס פונעם וואַלד וואו ס׳זיינען אָנגע־וואָרפן שטיקער האָלץ, רודערט זיך עפּעס אונטער אַן איבערגעקערטער פאַס... מיט נייע כוחות האָט ער זיך אַ הויב־געטאָן און מיט פרייד דערזען ווי פון אונטער דער פאַס... קריכן אַרויס צוויי יאַטן. דזשערי, אַ פריילעכער, האָט אַ זאָג געטאָן צום חבר:

— אָט איז דאָך דער גרענד־פּאַ, זע נאָר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט באַלד ווידער געשיינט איבער דער באַרג־קאָלאָניע. מענטשן זיינען פון די באַנגעלאָוס אַרויסגעקומען און גענומען פֿאַרריכטן וואָס דער שטורעם האָט חרוב געמאַכט. פון יענער זייט באַרג, מיט דעם זאַמדיקן שליאַך, האָט דזשערי׳ס מאַמע, פּעני, אַ פֿאַרזאָרגטע געאיילט אַהיים.

1950.

אויף באַזונדערע וועגן

אַרום צוויי נאָכמיטאָג האָט סאָרקין זיך גענומען גרייטן צו באַגע־גענען זיין ווייב רענע, וואָס האָט אים מיט אַ קורצע צייט צוריק פאַר־לאָזן, און נעכטן אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זיך היינט טרעפן מיט אים ביים פּאַרק אַריינגאַנג.

געשען איז דאָס בלויז עטלעכע חדשים נאָך זייער חתונה. ער, סאָרקין, אַ מאַשין־מעכאַניקער, אַ יונגערמאַן, וואָס אויסער זיין פאַך האָט ער קיינמאָל ניט פּרעטענדירט זיך צו מישן אין קונסט־ענינים, האָט געהאַט דאָס גליק אָדער דאָס אומגליק, זיך צו באַקענען און זיך צו פאַרליבן אין דער יונגער שיינער רענע, וואָס האָט לעצטן יאָר געענדיקט אַ קאָלעדזש אַלס זשורנאַליסטין, און שרייבט איצט אַ בוך און טראָגט זיך אַרום אין אַ וועלט פון חלומות. סאָרקין האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט בדעה צו שטערן איר ליטעראַרישע אַרבעט. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר געגרויסט מיט איר און האָט געטראַכט, איר צו העלפן מיט וואָס ס׳איז אים נאָר מעגלעך — צו פאַרווירקלעכן איר פאַרלאַנג צו ווערן באַרימט. ער האָט נאָך זייער חתונה אַפילו פאַרקוקט, וואָס זי, ס׳ווייב זיינע, זיצט כסדר ביים שרייב־טיש און פאַרגעסט אָפּט, אַז זי דאַרף צוגרייטן עסן פאַרן מאַן, ווען ער קומט אַהיים.

סאָרקין האָט אויך פאַרקוקט וואָס זי רעדט בכלל ווייניק צו אים. הגם ערגעץ האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק, אַז איר ווייניק רעדן צו אים, איז ניט ווייל זי איז אַזוי פאַרנומען מיטן טראַכטן וועגן איר שרייבן, נאָר ווייל זי, די קאָלעדזש־גראַדואירטע, האָט מיט אים, דעם איינפאַכן אַרבעטער וואָס איז אַפילו אין האַי־סקול ניט דערגאַנגען, וועגן גאָרנישט צו ריידן. אָבער אָט דעם געדאַנק, האָט סאָרקין, צוליב זיין ליבע צו איר, געזוכט צו דערשטיקן און אַפילו געפּרוווט צורעכענען צו זיין מינדער־ווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס באַפאַלט אים גאַנץ אָפּט. פאַר אים איז גענוג געווען וואָס די יונגע שיינע רענע געפינט זיך צוזאַמען מיט אים אין איין הויז.

שפּעטער אָבער, ווען רענע האָט אים אָן אַ שום דערקלערונג פּלוצ־לונג פאַרלאָזט, האָט ער אין אָנהייב געפּרוווט זיין גלייכגילטיק צו דעם. אָבער שוין צומאָרגנס, ווען ער איז אַ היים געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער באַלד, ביים אויפשליסן די טיר, דערפילט, ווי אַ פּוסטקייט

האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים. געדאַכט האָט זיך אים, אַז די גאַנצע שטוב מיט די עלעגאַנט־מעבלירטע צימערן וויינען פון אומעט.

אין אָט דער פאַרצווייפלטער שטימונג האָט סאָרקין פאַרבראַכט טעג און נעכט, אין אַ נאַגנדיקער בענקעניש נאָך זיין יונג ווייבל, וואָס ער האָט ערשט אָט געהאַט און באַלד פאַרלאָרן, אָבער זינט נעכטן, ווען זי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זיך מיט אים טרעפן, האָט ער ווידער פאַרריסן דעם קאָפּ, און זיך אַליין געלויבט פאַר דעם, וואָס ער האָט איר ניט געגעבן קיין געלט, ווען זי האָט פאַרלאָזן זייער באַקוועמע היים און איז געווים אַוועק זוכן אַרבעט. און איצט, ווען זי האָט קיין אַרבעט, מסתמא, ניט געקראָגן, האָט זי אַוואַדע חרטה און וויל שוין צוריק... אַזוי האָט סאָרקין געטראַכט. פונדעסטוועגן, ווי נאָר ער האָט זיך גענומען גרייטן זי צו באַגעגענען, האָט ער ווי פאַרגעסן וועגן אַלץ, וואָס איז געווען און האָט גאָר געזוכט איר צו געפעלן, פונקט ווי דע־מאָלט צום ערשטן מאָל, צו דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר ביי איר מאַמען אין שטוב. איז ער דערפאַר לאַנג געשטאַנען ביים ראַזירן זיך, נאָכדעם זיך לאַנג געוואַשן און זיך אויסגעפּוצט יום טוב׳דיק.

:: :: ::

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַ ווינטיקער. אין פרימאָרגן האָט די אָקטאָבער־זון זיך אָפּט געטונקט הינטער כמורנע וואָלקנס. איצט, נאָכמיטאָג, איז די זון אינגאַנצן פאַרשוואונדן הינטער דעם כמורנעם הימל. פון ערגעץ האָט אַ ווינט אויפגעריסן און מיט אַ פייפעריי אַראָפּ־געטרייסלט די לעצטע פאַרגעלטע בלעטער פון די ביימער. סאָרקין האָט געשפּרייזט מיט אַ ציטערדיק האַרץ צו באַגעגענען רענע׳ן. אַ געדאַנק, וואָס איז פּלוצלונג געקומען אין זיין מוח האָט אים גענומען פאַרפּאַלגן: פאַרוואָס האָט רענע אויסגעקליבן צו באַגעגענען זיך גראָד אין פּאַרק, וואו עס איז קאַלט און ווינטיק, אַנשטאָט ביי זיי אין דערהיים, וואו ס׳איז וואַרעם, וואו מ׳קען זיצן און שמועסן? — איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צע־טראָגענער און געטראַכט, אַז באַלד ווי זי וועט אָנקומען וועט ער זי פאַרבעטן אַ היים.

נאָר אַ ווײַלע שפּעטער, ווען ער האָט זי פון ווייטן דערזען — אַ שלאַנ־קע, מיט דעם קליינעם הוט אויפן שפּיץ קאָפּ איבער אַ וואָלד בלאָנדע האָר, ווי זי שפּאַנט פּאַמעלעך, אַ זיכערע, אַ שטאָלצע און הייבט אַפילו ניט אויף אירע אויגן צו אים, — איז אים קאַלט געוואָרן אויף דער נשמה. זי האָט זיך פריינטלעך באַגריסט מיט אים, דערלאַנגט אים איר קליין וואַרעם הענטל און האָט באַלד איראָניש באַמערקט:

— ס׳פרייט מיך דיך ווידער צו טרעפן, סאָרקין...

ער האָט געשוויגן מיט אַ פּנים, ווי ער וואָלט צווייפלען, צי זי פרייט זיך באמת אים נאָכאַמאָל אָנצוקוקן. ווארום לויט איר נייעם קאָס־טיום, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, מיט איר צופרידענעם אויסזען, איז ער שוין געווען איבערצייגט, אַז זי אַרבעט און פאַרדינט און נויטיקט זיך גאָר ניט, אַז ער זאָל איר העלפן. ער האָט אָבער שמייכלענדיק זי באַטראַכט און באַמערקט:

— זעסט אויס וואונדערבאַר, רענע. מיר דוכט, ביסט נאָך שענער געוואָרן!

זי האָט אים באַדאַנקט מיט אַ נייג מיטן קאָפּ און איז מיט אים אַוועק טיפער אין פּאַרק אַריין, וואָס איז איצט געווען פאַרלאָזט פון מענטשן. זיי האָבן שוויגנדיק געטראָטן איבער הויפנס פאַרגעלטע בלע־טער און ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, איז זיי מיט אַ געפּייפעריי באַפאַלן אַ שטאַרקער קאַלטער ווינט, וואָס האָט זיי דורכגע־נומען ביזן לייב. ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר און באַמערקט:

— איך קען דיך ניט פאַרשטיין, רענע, צו וואָס פאַר אַ צוועק האָסטו אויסגעקליבן זיך גראָד צו טרעפן דאָ אין פּאַרק אין דער קעלט? מיר האָבן דאָך אַ וואַרעמע היים, וואָס וואַרט אויף אונדז — קום אַ היים, רענע!

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זי אָנצונעמען ביים אָרעם. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים, באַפוילן אים ער זאָל זיך צוריק אַוועקזעצן און מיט אַן ערנסט פּנים געזאָגט:

— ניין, סאַרקין. איך גיי ניט צוריק אין דיין היים. מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן, סאַרקין, ווי דו האָסט מיך געפּייניקט פאַר יעדער פּעני?

זי האָט גערעדט מיט טרערן אין די אויגן און גלייכצייטיק אַנט־שלאָסן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ניט וועגן דעם האָט זי אים אַהער פאַרבעטן, נאָר וועגן אַ וויכטיקערן צוועק. סאַרקין אָבער האָט מיט אומ־געדולד אַ בייזער זיך אָנגערופן:

— ס'אַ ליגן, רענע! איך האָב דיך באַקליידט פון קאָפּ ביז די פיס, איך האָב אויסגעמעבלירט פאַר דיר אַ שיינע היים און יעדן פרייטיק דיר איבערגעגעבן מיינע פולע שכירות...

ער האָט זיך אַזש געצאַפּלט מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט מיט זיין קריצעניש אַרויסגעזאָגט, און געפילט אַ ביטערן האַס צו דער פרוי, וואָס איז אין זיין הויז געזעסן ווי אַ פּריצ'טע ביים שרייב־טיש און זיך פאַרגעסן אַפילו אָנצוגרייטן עפּעס עסן פאַר איר מאַן, אָדער אַ פריינטלעך וואָרט אויסצורעדן צו אים, ווען ער קומט אַ פאַרמאַטערטער פון דער אַרבעט.

רענע האָט זיין ביטערקייט דערקענט אויף זיין פּנים וואָס איז פּלוצ־לונג געוואָרן רויט ווי טשוויק... זי האָט רואיק געזאָגט:

— אמת, אמת, סאָרקין. דו האָסט אַלצדינג געטאָן. אָבער וואָס האָט פּאַסירט שפּעטער? ווען דו האָסט פּלוצלונג דיינע שכירות באַהאַלטן ביי זיך, און מיר ניט געוואָלט געבן אַן איבעריקע פּעני, — געדענקסטו, סאָרקין?

ער האָט געזוכט אויסצומיידן אַן ענטפער, און אין דער זעלבער צייט, האָט ער איר ניט געוואָלט בלייבן שולדיק. ער האָט פאַרביסן געזאָגט:

— יאָ, איך געדענק, רענע. דאָס איז אָבער געווען, ווען דו האָסט אָן אַ פאַרוואָס, פּלוצים פאַרשלאָסן דיין שלאָף־צימער פאַר מיר. פאַרוואָס האָסטו אַזוי געטאָן, רענע?

אַ שווייגנדיקע האָט זי דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געטראַכט, ווי זי וואָלט מיט זיך אַן עצה געהאַלטן, צי זי זאָל אויפקלערן אַן ענין, וואָס ער, סאָרקין, וועט סיי־ווי ניט וועלן אָדער ניט קענען פאַרשטיין. איז זי געזעסן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט צו דער פּייפעריי פונעם ווינט און געקוקט אויף די גרויסע שוואַרצע פייגל וואָס פּילן אַן דעם פּאַרק אין די שפּעטע האַרבסט־חדשים. סאָרקין האָט סאַרקאַסטיש געקוקט אויף איר פאַרלאָרנקייט, ביז זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— אַזוי פיל איך צייטנווייז, סאָרקין. איך קען ניט אַנדערש. איך בין ניט קיין געקויפטע שטיק מעבל אין שטוב... — אַנטשולדיק, וואָס איך קען עס ניט מאַכן קלאָרער, אַז דו זאָלסט מיר גלויבן. דערפאַר איז דאָס בעסטע, זאָלסט פאַרלאַנגען אין געריכט אַ גט פון מיר. מיר׳ן זיך צעשיידן און דו קריג זיך אַן אַנדערע!

זי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, רענע, ווי די ווערטער וואָס זי האָט איצט פונעם מויל אַרויסגעבראַכט וואָלטן זי באַפרייט פון אַ שווערע משא, וואָס האָט אויף איר געדריקט. און ווען זי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן צו אים, האָט זי באַמערקט, ווי ער זיצט מיט פרעגנדיקע אויגן, וואָס ווייזן, אַז פאַר אים איז עס נאָך אַלץ ניט קלאָר גענוג. ער האָט באַלד געפרעגט:

— איז צוליב דעם האָסטו מיך דאָ אַהערגעבראַכט, דיך אָפּצו׳גט׳ן? באַפרייען!?

ער האָט מיט צאָרן זיך אַ שטעל געטאָן און באַלד זיך אויף צוריק אַוועקגעזעצט, שטיל איינגעקאָרטשעט פון צער. ניין, וועגן שיידן זיך מיט איר, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט טראַכטן, ווייל ער האָט געפילט, אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי ווי זי דענקט, נאָר אין דער אמת׳ן איז זי זיין גאַנ־צער אינהאַלט אין לעבן! ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און זיך געבעטן:

— פאַרגעס פון גט׳ן זיך, רענע. איך גיי אַהיים, אויב דו ווילסט, קום מיט מיר. לאָמיר אָנהייבן אַ נייעם לעבן. מיר׳ן פּרואוון. וואָס זאָגסטו, רענע?

זי האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי, אַז ער האָט ניט געוואוסט צי אויף יאָ צי אויף ניין. דערנאָך האָט זי געזאָגט אַנטשלאָסן:

— ס׳וועט ניט טויגן, סאַרקין. איך קען אַנדערש ווי איך בין ניט זיין, איז בעסער פאַר ביידן — אַז ניט!...

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון באַנק, און שטילע דעם פּאַרק פאַרלאָזט, און זיך צעשיידט אויף באַזונדערע וועגן...

1950.

אַ שאַכטל קרעקערס

שפּעט נאָכמיטאָג זיינען די הילנערס קוים פאַרטיק געוואָרן מיט אויפראַמען און ברענגען אין אָרדענונג די פיר צימערן פון זייער וואוינונג אין קווינס. ניט לאַנג צוריק האָט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן אַ געדונגענע פרוי. איצט אָבער לעבן די הילנערס דורך אַ ביטערע צייט.

ער, מאָריץ הילנער, אַ מענטש אין די דרייסיקער, וואָס האָט יאָרן לאַנג פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע ביי דער רעגירונג, איז פּלוצים אָן אַ פאַרוואָס אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער שטעלע און קיין אַנדערע שטעלע האָט ער פאַר די לעצטע צוויי יאָר ניט געקענט קריגן. זיין פרוי, רחל׳ע, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע, וואָס איז געווען שוואַך זינט איר פּעי׳ס געבורט, האָט איצט, ווען עס האָט שוין גענומען אויספעלן אויף דאָס נויטיקסטע, אַליין געמוזט טאָן די גאַנצע הויז־אַרבעט.

ס׳איז געווען סוף מאַי. אין דער שטילער גאַס האָט דורך די צע־עפנטע פענצטער אַריינגעקוקט אַ כמורנער הימל. אַ קאַלטער ווינט, ווי אָנגעפילט מיט רעגן, האָט זיך געפילט אַפילו אין שטוב. מאַן און ווייב —ביידע מידע נאָך דער שווערער הויז־אַרבעט, זיינען שטיל געזעסן מיט אַן אויסדרוק אויף די פּנימ׳ער, ווי יעדער פון זיי וואָלט געזוכט אויס־צומיידן איין און דעם זעלבן געשפּרעך... אָבער זייערע געדאַנקען זיינען סיי־ווי געווען קאָנצענטרירט אויף דער ביטערער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך און וואָס זיי זעען ניט קיין אויסוועג פון איר. דאָס טיר־גלעקל האָט איבערגעריסן די שטילקייט. זייער טעכטערל, די אַכט־יאָריקע פּעי, אַ חנ׳עוודיק מיידעלע, געראָטן אין איר מאַמען, וואָס האָט זיך געשפּילט אין גאַס, איז אַריין אין שטוב. הינטער איר זיינען אָנגע־קומען די מאַרווינס, — אַלטע גוטע פריינט.

מאָריץ האָט זיך באמת דערפרייט מיט די געסט, וואָס זיינען פּונקט איצט, אינעם כמורנעם פאַרנאַכט, ווי פון הימל ספּעציעל געשיקט געוואָרן צו זיי אין שטוב אַריין, כדי כאָטש אויף אַ ווילע פאַרטרייבן דעם אומעט, וואָס שפּרייט זיך אין יעדן ווינקעלע און פאַראומערט זיי דאָס לעבן. רחל׳ע האָט אויך אַזוי געפילט און אַ טראַכט געטאָן ווי אויפצונעמען די

ליבע געסט מיט פיינעם כיבוד, ווי זי האָט אַלע מאָל געטאָן. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב איז גאָר ניטאָ פאַר די געסט. זאָל זי אַראָפּגיין עפּעס קויפן? פאַרמאָגט זי אָבער איין־איינציקן קוואָדער... איז רחל׳ע געבליבן שטיין מיט צער, און צו פאַרהאַלטן די טרערן, האָט זי מיט אַ געמאַכטער פרייד געזאָגט:

— זעצט זיך, טייערע. זעט, וואָס פאַר אַ געסט — — —

זי האָט געפּרואווט באַהאַלטן איר צער מיט דעם, וואָס זי האָט גענומען דערציילן די געסט פון זייער שוועדן טאָג שטוב־אַרבעט. זי האָט כלומרשט געשפּאַסט פון איר מאַריצ׳ן, וואָס מעג זיך זיין אַ פיינער בעל־מיקער אין זיין לאַבאָראַטאָריע, אָבער איז זייער אומגעלומפּערט און אומבאַהאָלפן, ווען עס קומט צו הויז־אַרבעט. טימי מאַרווין האָט מיטגעלאַכט און פאַר איין וועגס דערציילט. אַז זי האַלט שוין באַלד אויך ביים פאַרלירן איר אַרבעט אַלס לערערין אין פּאַבליק סקול. ווען זי האָט באַמערקט רחל׳עס פאַרטרערטע אויגן, האָט זי איבערגעריסן דעם געשפּרעך און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אפשר שפּילן צוזאַמען אַ דאַמקע, שאַך, אָדער וואָס — —

מאַריץ האָט זיך אַנטשולדיקט און דורכשפּרייזנדיק די צימערן, איז ער פון דאָרט צוריקגעקומען מיט די אַלע שפּיל־מכשירים וואו ער, סידני, און טימי האָבן זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט. רחל׳ע האָט געזאָגט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, טייערע, איך דאַרף אַריינגיין צו דער שכנה.

ערשט איצט, ווען זי האָט זיך אין גאַס געפונען, האָט דער באַהאַלטענער צער נאָך מער איר אַרומגעכאַפּט. איז זי געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט, אַליין ניט וויסנדיק צו וואָס זי גייט זיך מאַכן נאַריש מיט אַן איינציקן קוואָדער אין האַנט־בייטל עפּעס איינצוקויפן פאַר די געסט. זי האָט באַדויערט, וואָס נאָכדעם ווען די געסט וועלן אַהיים גיין, וועט איר אָרעמקייט שוין מער קיין סוד ניט זיין פאַר אַלע באַקאַנטע. אָנשטאָט אַכטונג, וואָס יעדער האָט געהאַט צו די הילנערס, וועט פון איצט פאַרנעמען דעם פּלאַץ רחמנות — דאָס, וואָס זי האָט אַלע מאָל פיינט געהאַט ווי דעם טויט! איז זי מיט די וואַקלדיקע טריט געגאַנגען צווישן רייען שפּייזגעשעפטן, געזען דאָרטן שיינע אויסגעלייגטע פרוכטן, געפילט די ריחות פון געריכערטע פישן, פון געפעפערטע פליישן, פון פאַרשיידנאַרטיקע קעזן — אַלץ האָט געוואונקען צו איר, זיך גערייצט:

— איך געפעל דיר ניט — האַ?...

געדאַכט האָט זיך איר איצט, אַז זי הערט ווי זיי לאַכן אויס קבצנים־

קונדן מיט אַן איינציקן קוואָדער אין האַנט... זי האָט זיך אָפּגעקערט מיט אַ צעפּלאַמטן פּנים און געטראַכט: ווי גוט עס איז די יעניקע, וואָס האָבן דעם מוט צו לייען, באָרגן, אַפילו גנב׳ענען... זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר אָט דעם געדאַנק, אָבער באַלד באַשלאָסן: זי מוז ברעכן איר כאַראַקטער, זי וועט אַריינגיין צו איר באַקאַנטן גראָסערי־מאַן, מיסטער פעדל, און נעמען דאָרט אויף באָרג ביז מאָרגן.

זי האָט זיך געמאַכט מוט און געשטעלט פעסטערע טריט. זי וועט אַריינקומען אין גראָסערי, וועט זי זיך הייסן געבן דאָס וואָס עס איז איר איצט נויטיק. און ווען אַלצדינג וועט שוין זיין אין אירע הענט, וועט זי אים זאָגן, אַז באַצאָלן וועט זי מאָרגן...

נאָר ווען אירע פיס האָבן גענומען איבערטרעטן מיסטער פעדל׳ס שוועל, איז אַ ציטער איר באַפאַלן און די ציין האָבן זיך אַזש גענומען טרייסלען ביי איר. זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— אַ באָקס סאָדע־קרעקערס, פּליז...

1950.

אַ נייע באַראַטונג

נאָך לאַנגע חדשים פון ביטערן „סלעק", זיינען אין מיסטער דרימער'ס שניידער־שאָפּ אַריינגעקומען באַנדלעך אַרבעט. די זעכציק אַרבעטער, וועלכע האָבן דורך דעם לאַנגן „סלעק" אַרומגעבלאָנקעט פאַר־מאַרעטע איבער די גאַסן, האָבן איצט געהאַפּט, אַז ענדלעך וועלן זיי אָנהויבן אַרבעטן און פאַרדינען. אָבער נאָך די ערשטע עטלעכע טעג איז געקומען אַ נייע צרה.

ס'איז געווען אָנהויב פרילינג. דורך די פאַרשטויבטע שאָפּ־פענצטער האָט זיך דורכגעריסן אַ פרימאָרגנדיקע מערץ־זון, זיך דאָרט צעלייגט אויף די ברודיקע ווענט, אויף דער פאַרקאָפּטשעטער סטעליע און אויף די רייען אַרבעטער איבער די געשטעלן, וואָס זיינען איצט געזעסן פאַר־אומערטע און האָבן געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן צום אָפיס, וואו ס'האָט זיך געפונען זייער יוניאָן־פאַרטרעטער, ברודער קאַטעק, צוזאַמען מיט זייער שאָפּ־טשערמאַן, פעכער.

די באַראַטונג האָט איינגעאָרדנט דער באַלעבאָס. און די אַרבעטער זיינע, וואָס האָבן ביי אים יאָרן־לאַנג געאַרבעט, האָבן פון דערפאַרונג געלערנט וואָס אַזוינס דער באַלעבאָס איז אויסן מיט אָט־דער באַראַטונג איצט, אין „סלעק"־צייט. זיינען דערפאַר די אַרבעטער געזעסן שטילע, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַ וואָרט וועגן דעם אויסצורײדן און מיט דעם צעשטערן זייער זיסע אילוזיע וועגן אַרבעטן און פאַרדינען.

נאָר ווען קיינער האָט פונעם אָפיס זיך ניט באַוויזן, האָט דער אַרבל־איינגייער טאָבי, פון די עלטערע שאָפּ־אַרבעטער, איבערגעריסן די שטילקייט און סאַרקאַסטיש באַמערקט צו זיין שכן זישע:

— זיי אַמפּערן זיך דאָרט אַוואַדע וועגן דעם, וויפיל מיר זאָלן איצט, אינעם גרויסן יקרות, קריגן געהעכערט די שכירות, ניין אפשר?

דער שכן זישע, אַ מענטש וואָס מישט זיך קיינמאָל ניט אין שאָפּ־ענינים, האָט געהויבן מיושב'דיק מיט די אַקסלען:

— פון מיינעטוועגן זאָלן זיי... — און איז שטיל געבליבן.

דער איטאַליענער דזשימי האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן:

— וואָס איז מיט דיר, זישע? ס'אַרט דיר גאָרניט, וואָס זיי פאַר־

האַנדלען דאָרט? ביסטו טאַקע גרייט איצט, ווען לעבנס־מיטלען שטייגן, נאָך אַרונטערגעבן פון די קלאָגעדיקע פאַרדינסטן?

דזשימי איז ברוגז געוואָרן און געקוקט אויפן שכן אַ בייזער. ער האָט געוואָרט, אַז אָט־דער זישע, וואָס אַרבעט מיט אַלעמען גלייך און ליידט פונעם זעלבן באַלעבאָס, וואָס דערגייט אַלעמען גלייך די יאָרן און פאָדערט כסדר גוטע אַרבעט און בלויז גוטע אַרבעט, זאָל איצט, ווען דער באַלעבאָס וויל נאָך דערצו שניידן די פאַרדינסטן, עפּעס זאָגן, פּראָטעסטירן.

אָבער זישע האָט, ווי שטענדיק, צוגעשוויגן.

דער קעשענע־מאַכער בערטשיק האָט זיך אָנגעבלאָזן און ווי אויף להכעיס זיך אָנגערופן:

— און וואָס דענקט איר צו טאָן, גרויסע רעוואָלוציאָנערן מיינע, אויב מיר וועלן דאַרפן אַרונטערגעבן פון אונדזערע שכירות? וועט איר בעסער ניט אַרבעטן? איך וואָלט דאָס דווקא געוואָלט וויסן.

— אַ־האַ! האָט טאָבי זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איצט איז פאַר מיר קלאָר, נאָך וואָס דער באַלעבאָס האָט גערופן די „יוניע" צו זיך אין אָפיס! ווי כ'זע, איז דער וועג אויסגעפּלאַסטערט פאַר אים, ער האָט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

— זעט איר, — האָט בערטשיק זיך אָנגעצונדן, — איך וויל זען, אויב איר, טאָבי, וועט אויסקלייבן זיך ווידער אַרומשלעפּן אין די גאַסן! וואָסי דען? ביי די „פּרענקלין" און ביי די „גאַרדנער" האָט מען יאָ גע־מעגט שניידן, און ביי אונדז ניט? ס'איז אַ שלעכטע צייט, מ'דאַרף לעבן! נו, איז וואָס?

דער קאָלנער־מאַכער טייטלער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און מיט אַ קאָמישן פּנים געזאָגט צו בערטשיק'ן:

— זאָג נאָר מיר, צוליב וואָס קוויטשעסטו אַזוי? ווילסט, אַז מ'זאָל דערהערן דאָרט אין באַלעבאָס' אָפיס, אַז דו קריכסט פאַר זיי אויף אַלע פיר? טפוי זאָלסטו ווערן!

— מיט דיר, שיכור, האָב איך אינגאַנצן ניט קיין „ביזנעס"! זע נאָר ווער ס'רעדט! אויך מיר אַ קנאַקער! — האָט בערטשיק מיט אַ פאַרקרימטן פּנים זיך אַ וואָרף געטאָן.

— דו... דו אונטערלעקער, דו... איך טרינק פאַר מיין געלט, און אויב דיר געפעלט ניט, נעם איין אַ מיתה משונה שוין אָט־אָ־דאָ!

פונעם געטומל האָט די אומרואיקייט זיך געשפּרייט פון געשטעל צו געשטעל. אַרבעטער, וואָס האָבן לכתחילה נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן דערשפּירט, אַז עס קלייבט זיך אויף זיי אַ צרה דאָרט

אין אָפּיס; און זיי זיינען געווען פאַרביטערט, וואָס דווקא איצט, אינעם גרויסן יקרות און נאָך אַ לאַנגן „סלעק", ווען מ'האָט קוים דערלעבט אַ ביסל אַרבעט און עפּעס אָנהויבן פאַרדינען, האָט זיך שוין אונטער־געדרוקט די אַלט־נייע צרה פון אַרונטערגעבן...

אַ ביסל שפּעטער איז פון אָפּיס אַרויסגעקומען דער שאַפּ־טשערמאַן פּעכער, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט תמיד גערן אויסגעפאָלגט דעם פאַר־לאַנג פון זיינע ברויט־געבער, האָט צונויפגערופן אַרום זיך די אַרבעטער און דערקלערט:

— ס'וועט אַלץ זיין אָלראַיט... דער באַלעבאָס פאַרלאַנגט אַ רע־דוקציע ווי ביי „פרענקלין" און „גאַרדנער", אָבער ער וועט מוזן זיך באַנוגענען מיט אַ העלפט... ווען מיר איצט דערוויילן אַ קאָמיטע, וואָס וועט העלפן אויסגלייכן — —

טאָבי, אַ צאַרנדיקער, האָט אים מער נישט געלאָזט רעדן:

— זאָג נאָר, טשערמאַן, ווער האָט דיר דערלויבט צו האַנדלען וועגן אַ שניט אין אונדזערע שכירות? האָבן מיר דיך געשיקט דאָס צו טאָן?

פּעכער האָט אים ווילד אָנגעקוקט, ווי יענער וואָלט רעדן וועגן אַ פרעמדן ענין, און באַלד געענטפערט:

— איך בין דאָ דער שאַפּ־טשערמאַן! וואָס זיי הייסן, בין איך מחויב אייך איבערצוגעבן. דאָט'ס אָל!

די איטאַליענערין לינע האָט אַ בייזע זיך אָנגערופן:

— מיר, פינישערינס, ווילן פאַר אָט־דער אַרבעט מער געלט! ס'איז שווער. און די לעבנס־קאָסטן שטייגן פון טאָג צו טאָג, און מיר דאַרפן לעבן! העי, פּעכער, מעגסט זיי דאָס זאָגן אין אָפּיס.

די יונגע פליכטלינג־פרוי שרה'לע, איינע פון די פינישערינס, האָט געוויזן אירע צעשטאָכענע פינגער פון דער נאָדל און זיך באַקלאָגט:

— איר זעט מיינע צעשטאָכענע פינגער!... ער שטייט איבערן קאָפּ, דער באַלעבאָס... קליינע פערלדיקע שטעך וויל ער... און וואָס פאַרדין איך? ניין, כ'וועל בעסער זיצן אינדערהיים.

דער פרעסער מיטשל, אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ פּנים פון אַ סוכאָטניק, האָט מיט אַ קרומען שמייכל באַמערקט:

— און וואָס זאָלן מיר, פרעסער, זאָגן? ער טרעט דאָך פאַר אַ מינוט ניט אָפּ, וואַרפט די אַרבעט צוריק אין פּנים אַריין מיט טענות און געשרייען... געץ אים נאָך אַרונטער, געץ אים!

דער וואויל־יונגערישער פרענקי האָט זיי אַ סטראַשע געטאָן:

— אַז ס'לוינט אייך ניט צו אַרבעטן, איז ניט! ווער האַלט אייך

דען דאָ? אַמעריקע איז אַ „פרי קאַונטרי", איר מעגט אַהיים גיין! פאַראַן גענוג, וואָס וואַרטן אויף אייער „דזשאָב".

לינע האָט פאַרשפּיצט אירע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן אויפן יונג, און מיט אירע קרומלעכע צעשטאָכענע פינגער אים אין די אויגן געטיקעט:

— גיי שוין! וואָס שטייסטו? גיי, ברענג נייע פינישערס, נייע אָפּערייטאָרס און נייע פּרעסערס! וואָס שטייסטו? גיי און דערלעב ניט צו קומען צוריק, פרענקי באָם!

— מיר גייען אין דער יוניאָן, און אַ סוף זאָל דאָס נעמען! — האָט טאָבי גע'עצה'ט.

פּעכער'ס בלייכער פּנים איז פון כעס רויט געוואָרן ווי אַ בוריק:

— דערווייל בין איך דער שאַפּ־טשערמאַן! איך באַפעל, מיר זאָלן אָנהויבן אַרבעטן!

פונעם אָפיס איז אַרויסגעקומען דער באַלעבאָס, אַ צופרידענער, אַ רואיקער, ווי איינער וואָס ווייסט אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַר־לאָזן, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַרריכטן אַ מאַשין, וואָס ער האָט נישט געהאַט פאַרענדיקט צוליב דער באַראַטונג. דערנאָך איז דער יוניאָן־פאַרטרעטער צוגעקומען צו די אַרבעטער און גוטמוטיק גע־קיבעצט:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל ביי אייך? פע, ס'פּאַסט ניט פאַר אַזעלכע גוטע יוניאָן־לייט ווי איר...

ער איז געשטאַנען פאַר זיי אַ הויכער, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ שווערן בייכל נעבעך, וואָס ער האָט געמוזט טראָגן, און דורך זיינע דיקע שווערע אויגנגלעזער באַטראַכט יעדן איינעם אַרום אים. ער האָט דערפילט דעם האַס און די ביטערקייט, וואָס איז געווען באַהאַלטן טיף אין די קנייטשן פון זייערע פאַראומערטע פּנימ'ער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס אייגנטלעך האָבן זיי צו אים? מיט וואָס איז ער דאָ שולדיק? האָט ער דען געשאַפן דעם־אַ ביטערן „סלעק"? און בכלל, טוט ער זיי דען שלעכטס מיט דעם, וואָס ער זיצט פאַרשפּאַרט מיטן באַלעבאָס אין אָפיס און זוכט אַ וועג, אַז זיי זאָלן קענען עפּעס פאַרדינען? אַ טיף־פאַרטראַכטער האָט ער אָנגעהויבן:

— מיר האָבן צוגעשטימט צו קאָאָפּערירן מיט דעם באַלעבאָס פאַר אונדזער אַלעמענס טובה וועגן, מיט אַ רעדוקציע פון נישט מער ווי זיבן פּראָצענט — —

— ווער האָט אייך געבעטן דאָס צו טאָן נאָך איידער איר האָט אונדז אָנגעפרעגט? — האָט טאָבי אינמיטן אַרויסגעדונערט.

— איר מיטן באַלעבאָס וועט זיצן און אַרבעטן, ניט מיר! — האָט דער איטאַליענער דזשימי אַרויסגעהאַלפֿן.

פֿון אַלע זייטן האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פֿון פּראָטעסטן. פֿרענקי באָם מיט דעם קעשענע־מאַכער בערטשיק האָבן זיך גע׳סוד׳עט מיט דעם יוניאָן־פּאַרטרעטער, ברודער קאָטעק, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער, קאָטעק, זיך געשטעלט אויף אַ טיש און, מיט זיינע הענט צעשפּרייט, צוגערופֿן אַלעמען צו זיך און דערקלערט אין אַ כמורנעם טאָן:

— מיר, די יוניאָן, וועלן קיינמאָל נישט טאָלערירן קיין טראָבל־מאַכער! טאָ זייט וויסן: איר הויבט שוין אָן אַרבעטן מיט אַ רעדוקציע פֿון זיבן פּראָצענט. און וועמען ס׳לוינט ניט, דער מעג גיין אַהיים!...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דער ברודער קאָטעק, און פֿאַר־געזעצט:

— ס׳פֿאַרדריסט מיך, ברידער, פֿאַרוואָס איך מוז צו אייך רעדן אין אַ טאָן, וואָס פֿאַר מיר איז דאָס איבערדריסיק... איך טו דאָס אָבער פֿאַר אייער טובה־וועגן, איר זאָלט אינעם ביטערן „סלעק״ עפּעס פֿאַר־דינען. און וואָס איז דאָ דער אומגליק? בלויז עטלעכע דאָלער אַרונטער־געבן, אָבער דערפֿאַר: וואָכן אַרבעט...

דער ברודער קאָטעק האָט פֿאַרלאָזט דעם שאָפּ. און די אַרבעטער האָבן נאָך דער רעדע פֿון זייער יוניאָן־פּאַרטרעטער — יאָ צופֿרידן, ניט צופֿרידן — איינציקוויֵיז זיך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט.

אָבער אין אַ וואָך אַרום איז מער קיין אַרבעט ניט געווען. קיין נייע באַנדלעך זיינען ניט אַריינגעקומען. און ווען אַרבעטער האָבן געפֿרעגט זייער יוניאָן־פּאַרטרעטער, ברודער קאָטעק: „וואו איז יושר?... האָט ער זיי דערקלערט:

— אייער באַלעבאָס באַנוגנט זיך אַפּנים ניט... ער זוכט אַוואַדע אַ גרעסערע רעדוקציע, אַזוי ווי ביי די „פֿרענקלין״ און ביי די „גאַר־נערס״. אָבער זאָרגט ניט, ס׳וועט זיין אַלראַיט, אָט גיי איך שוין צו אים אויף אַ נייער באַראַטונג...

.1952

קאָנקורענטן

פאַר די זומער־חדשים האָט לאַרי דאָס יאָר אויסגעקליבן צו אַר־בעטן ווי אַ קעלנער ביי די קרימסקיס אין זייער באַשיידענעם האָטעל אין די בערג.

מיט דעם קעלנער־פאַך האָט לאַרי זיך באַקענט נאָך פון פאַראַיאָרן, ווען ער איז אָנהויב זומער, באַלד נאָך זיין גראַדואירונג פון סיטי־קאָ־לעדזש, דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפאָרן פון ניו יאָרק אין די בערג, און האָט געקראָגן אַרבעט אין גרויסן „פּאַבליק" האָטעל. דאָרטן איז געווען גאַנץ היימלעך, ווייל געאַרבעט האָבן אַ סך יונגע מענטשן ווי ער. נאָך דער אַרבעט, אין דער פרייער צייט, איז געווען מיט וועמען זיך צו חבר'ן. אָבער די אַלע אָנגעשטעלטע האָבן געהאַט איבער זיך, אַ חוץ אַ באַלעבאָס מיט אַ „מענעדזשער", אויך אַ „העדוועיטער", אַ מין פאַרמאַן, וואָס האָט ביי דער אַרבעט שטענדיק געהאַט אַ בייזן פּנים און האָט מיט אַן איי־זערנער האַנט געוועלטיקט איבער די יונגע, אומבאַשיצטע אָנגעשטעלטע און צו דעם נאָך אַוועקגענומען אַ באַדייטנדיקן טייל פון זייער שווער פאַרהאָרעוועט געלט.

לאַרי האָט זיך שטאַרק געגוויטיקט אין דעם, וואָס ער האָט אין וואַ־קאַציע־צייט פאַרדינט. ער האָט איצט געשטודירט אין קאָלאָמביע אוּ־ניווערסיטעט אויף זיין „מאַסטערס דעגרי", וואו ער האָט געמוזט צאָלן פאַרן לימוד. זיין טאַטע, אַן אַרבעטער, האָט אים בכלל שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. דאָ, ביי די קרימסקיס, אין דעם באַשיידענעם האָ־טעלכל, קען ער דווקא פאַרדינען פּונקט אַזוי ווי דאָרטן אינעם גרויסן האָטעל. אַזוי טאַקע האָבן זיי, די נייע בעליבאַטים, אים פאַרזיכערט.

שפּעטער, ווען דער זומער־סעזאָן אין די בערג האָט זיך אָנגעהויבן און די שטאָט־געסט, די גאָלדפיינס און די מירקינס — עלטערע, געווע־זענע ביזנעסלייט, זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי שוין געטראָפן אַ הויכן ברונעטן יונגנמאַן מיט אַ שוואַרצן טשוב האָר, אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייס העמד מיט אַ שוואַרץ געפּאַסטן רעקל, ווי ער שטייט ביי דער טיר פונעם זויבערן עס־צימער און פאַרבעט זיי פּאַמעלעך צו אַ געגרייטן טיש, וואָס בלאַנקט מיט נייקייט, וואָס זיי האָבן דאָס ביז איצט קיינמאָל

אין דעם פּלאַץ ניט געטראָפן. זיינען זיי געזעסן, געגעסן מיט אַפּעטיט און באַוואונדערט לאַרי׳ן. די פרויען האָבן מיט די אויגן זיך דורכגעשמועסט:

— נו, גאָסי, — האָט די פעטלעכע מיסעס גאָלדפיין צו איר גע־וואונקען, — ווי געפעלט דיר עפּעס אונזער „וועיטער“ — האָ?

— זאָל שוין מיר זיין אַזאַ יאָר, — האָט גאָסי צופרידן געדרייט מיטן קאָפּ.

— זאָל ער זיך נאָר לאַנג האַלטן דאָ! ס׳גלויבט זיך קוים, — האָט די מיסעס גאָלדפיין, ווי פאַרצווייפלט געהויבן מיט די אַקסלען.

און ניט בלויז פרויען האָבן לאַרי׳ן באַוואונדערט, נאָר אויך מאַנצ־בילן האָבן געהאַט וועגן אים אַ געהויבענע מיינונג און געזוכט צו פאַר־ציען מיט אים אַ געשפּרעך, באַוואונדערנדיק דעם פאַקט, וואָס ער, אַ סטודענט פון קאָלאָמביע, פירט דורך אַזוי גוט זיין קעלנער־אַרבעט.

געסט זיינען צוגעקומען מיט יעדן טאָג. פריער — די שטענדיקע, די אַלטע באַקאַנטע, וועלכע קומען צו די קרימסקיס יעדן זומער. דער־נאָך האָבן זיך גענומען באַווייזן גאָר נייע פּנים׳ער. לאַרי איז געווען צופרידן, ער האָט אַלעמען העפלעך אויפגענומען און באַדינט. און ווען די געסט זיינען צופרידענע אַהיים געפאָרן, האָבן זיי אים באַדאַנקט מיט אַ ממשות׳דיקן „טיפּ“, וואָס דאָס איז אייגנטלעך פאַר לאַרי׳ן געווען דער הויפּט־טייל פון זיין פאַרדינסט. און צופרידן זיינען אויך געווען זיינע באַלעבאָטים, וועלכע האָבן שוין פון יאָרן אַזוי פיל געסט ניט געהאַט אָנגעזען. זיי האָבן צופרידן געריבן די הענט און געזען אין דעם יונגען, פע־איקן בחור אַ ניי־אַנטדעקטן גאָלד־קוואַל, וואָס וועט זיי דאָס יאָר רייך מאַכן!

ווען דער עס־צימער האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן אינגאַנצן פאַר־פולט מיט געסט, האָבן זיי, די באַלעבאָטים, געשיקט נאָך זייער קרובה, סיסי, וועלכע האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט דאָס ערשטע יאָר קאָלעדזש, און האָט, פּונקט ווי לאַרי, זיך געגוטיטיקט אין זומער־אַרבעט. די ניינצן־יאָריקע סיסי, מיט אַ קאָפּ ליכטיקע, בלאָנדע האָר, האָט רירעוודיק און מיט אַ רואיקן, חנ׳עוודיקן שמייכל געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן און זי האָט אין צייט פון עסן געהאָלפן לאַרי׳ן באַדינען די געסט.

לאַרי איז געווען צופרידן פון זיין געהילף. מחמת די אַרבעט אינעם עס־צימער איז פאַר איין מענטש מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער. און ניט אַזוי בלויז צוליב דער שווערער אַרבעט איז ער מיט סיסי׳ן צופרידן געווען, ווי נאָך דער אַרבעט. ווייל דעמאָלט, ווען ער איז פון זיין אַרבעט פריי געוואָרן און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די געפּאַסטע קעלנער־מלבושים און זיך איבערגעטאָן, איז ער געווען איינזאַם און אַ פאַרבענקטער גע־

טראַכט פון יענע ראָמאַנטישע פאַרנאַכטן אינעם גרויסן האָטעל, וואו ער האָט געהאַט געאַרבעט, דערפאַר וואָס אין אָט־דעם באַשיידענעם זומער־פּלאַץ, האָט ער דאָס ביז איצט ניט געהאַט. איצט, ווען סיסי איז געקומען, האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט פּרואוון זיך נענטער באַקענען מיט איר דערפאַר, וואָס זי זעט אויס צו זיין אַן אינטערעסאַנט מיידל. מיט דעם געדאַנק האָט ער אין די ערשטע אָוונטן פון איר אָנקומען לאַנג געשפּאַצירט און שפּעטער, אויפן געלעגער, ניט געקענט איינשלאָפן, נאָר פאַר׳חלומ׳ט געקוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער נאַכט און זיך ניט געקענט מוחל זיין פאַר זיין נאַלעסיקייט, פאַר זיין פאַרפעלן דאָס צו טאָן ביז איצט.

אויך סיסי האָט אין אָנהייב גאָר אַנדערש ניט געטראַכט. באַלד ביי זייער ערשטע באַגעגעניש איז דאָס מיידל געשוואומען פון גליק, וואָס זי וועט אַרבעטן צוזאַמען מיט אַן אייגענעם, אַ סטודענט, נאָך אַ שיינעם בחור דערצו. האָט סיסי דערפאַר מיט דערוואַרטעטער פרייד אים אַרויס־געהאָלפן אין עס־צימער און פאַר אים זיך אויסגעפּוצט אין די פאַרנאַכטן. אָבער זי איז געבליבן אַנטוישט... אַזוי איז אַוועק איין פאַרנאַכט, אַ צווייטער און אַ דריטער .. איר דורכפאַל האָט זי ניט געקענט פאַר־געבן, וואָס ער, לאַרי, ברעקלט זיך אַזוי און איגנאָרירט זי... ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען לאַרי איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער סיסי׳ן שוין געטראָפן אינעם עס־צימער גרייטן טישן, אירע טישן — אָפּ־געטיילט באַזונדער פאַר אירע געסט... זי האָט באַגעגנט לאַרי׳ן מיט אַ קאַלטן „גוט מאָרגן" און זיך אָפּגעקערט פון אים ווי פון אַ שונא.

לאַרי איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, נאָכגעקוקט איר יעדן ריר מיט די הענט, מיט יעדן טראָט, וואָס זי האָט ברוגז׳דיק גיך געשפּאַנט פון איין טיש צום צווייטן און ער האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס דאָ איז מיט איר פּלוצלינג געשען; ווי אַזוי און פאַרוואָס זי קומט דאָ אַזוי פרי גרייטן טישן פאַר אים, — אַן אַרבעט, וואָס ער האָט פון איר קיינמאָל ניט פאַר־לאַנגט. איז ער געשטאַנען ווי אין חלום און צום סוף געפרעגט:

— וואָס איז דאָ געשען איבערנאַכט, סיסי? ווי קומסטו דאָ אַזוי פרי?

ער האָט געזוכט ריידן צו איר מיט אַ טאָן, ווי מ׳רעדט צו אַ קאַפּ־ריזנעם קינד. סיסי האָט געשוויגן, ווי זי וואָלט אים אינגאַנצן איגנאָרירט, דערנאָך זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— ווי דו זעסט, צעטייל איך די טישן גלייך אויף גלייך! איך וויל מער ניט זיין דיין געהילף. איך דאַרף לעבן!

זי האָט אויף גיך אַרויסגענומען אַ ציגאַרעטל, פאַררויכערט און פאַר־געזעצט:

— נעכטן האָב איך שוין געהאַלטן ביים צוריק פאָרן אַהיים, ווייל איך וויל מער ניט טאָן וועלכע ס'איז אַרבעט וואָס עס באַצאָלט זיך ניט! אָבער צו וואָס זאָל איך אַוועקפאָרן? קען איך דען ניט טאָן דאָס וואָס דו טוסט און פאַרדינען אַזוי ווי דו?

זי איז איצט געשטאַנען קעגן אים ווי אַ גלייכע — אַ קאָנקורענט־קע... לאַרי האָט זיך צוגעהערט, הויבנדיק מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט איצט, שוין נאָך דער דערקלערונג, ערשט ניט אַנגעהויבן צו פאַר־שטיין, פאַר וואָס דאָס מיידל, וועלכע ער קאָן בלויז עטלעכע טעג, זאָל ברענען מיט האַס קעגן אים. ער האָט אָבער געפרעגט וועגן עפּעס אַנ־דערש:

— ווייסטו כאַטש, סיסי, וויפיל אַ שטייגער מיר ביידע וועלן דאָ קענען פאַרדינען?

ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. אָבער אַפּנים, סיסי'ן האָט איצט גאָר ניט פאַראינטערעסירט וויפיל זי וועט דאָ פאַרדינען... וואָרום אַנ־שטאָט אַן ענטפער, האָט זי גאָר אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט ווי זי וואָלט אים גאָר ניט געוואָלט אויסהערן, וואָס ער פּלאַפּלט דאָרט, און זיך אויסגע־דרייט צו דער טיר.

ווען זי איז געקומען צו פרישטיק, איז די פריערדיקע ביטערקייט אויף איר פּנים שוין געווען פאַרשוואונדן. אַ פרישע, אַ פאַרפּוצטע אין אַ ליכטיק גרינעם קאָסטיום, האָט זי באַדינט די געסט פון אירע טישן און מיט יעדן טעלער עסן צוגעטראָגן איר חנ'עוודיקן שמייכל. כדי צו שאַפן אַ פריילעכע שטימונג אינעם עס־צימער, האָט סיסי זיך באַנוצט מיט דעם פאָנאָגראַף, וואָס האָט געשפּילט פּאָפּולערע מוזיק און דער עולם ביי די טישן האָבן מיטגעזונגען. דער קליינער עס־צימער מיט די געסט — מערסטנס עלטערע מענטשן, האָבן מיטאַמאָל ווי אויפגעלעבט; פונקט אַזוי האָט סיסי געטאָן נאָכן עסן — שפּעטער, אין די אָוונטן, אַריינ־געבראַכט אַ ביסל פרייד וואָס אין דעם האָטעל האָט אויסגעפעלט.

טעג האָבן זיך געדרוקט. די אַלטע געסט זיינען אַוועק, נייע זיינען געקומען. לאַרי, דער הויכער יונגער ברונעט מיטן שוואַרצן טשוב אויפן קאָפּ, וועלכער האָט שטענדיק באַהאַנדלט העפלעך זיינע געסט, איז גע־שטאַנען גרייט אַלעמען צו באַדינען. אָבער די בלאָנדע סיסי, מיט איר חנ'עוודיקן שמייכל, האָט אַפּנים מער מזל געהאַט: ניט נאָר האָבן די מערסטע פון די נייע געסט זיך באַזעצט ביי אירע טישן, נאָר אַפילו פון אויך די אַלטע געסט האָבן געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון לאַרי'ס טישן און איבערגיין צו סיסי'ס...

אין איינעם אַ פרימאָרגן, איז לאַרי געשטאַנען מיט'ן רענצל אין דער

האַנט און האָט געוואָרט אויף דער טעקסי, וואָס דאַרף אים ברענגען צום אויטאָבוס אַ היים צו פאָרן... סיסי איז אָנגעקומען אַ בלאַסע, אַ ציטער־דיקע און געפּרואווט רעדן צו אים... לאַרי, אַ פאַרביטערטער, האָט זיך פון איר אויסגעדרייט.

1950.

די עלטערע שוועסטער

פון דער אַרבעט איז דזשוליע אַהיימגעפאָרן אַ צעערגערטע מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. איר אַנגעשטרענגטער פנים, מיט זעקעלעך אונטער די אויגן, האָט אויסגעזען געל און גרין זינט נעכטן ביינאַכט, זינט דעם קריג מיט איר אינגערער שוועסטער, רעי. וואָס זי, דזשוליע, האָט אויף אירע הענט אויפגעהאָדעוועט, וועמען זי העלפט נאָך ביז איצט אויס פון איר שווערער אַרבעט אין שאַפּ צו לערנען זיך אין קאַלעדזש. זי האָט עס גע־וואָגט אָנצורופן דזשוליע׳ן „אַלטע מויד״!

און פאַרוואָס, און צוליב וועמען? צוליב דעם „שנעק מיט די אויס־געדרייטע שיך״, ווי זי, דזשוליע, רופט אים.

פון פאַרדרוס אויף דער שוועסטער, מיט איר „גרויס מויל״ און אויף דער אַלטער מאַמע, וואָס האָט דאָס צוגעזען און צוגעהערט און גע־שוויגן, האָט דזשוליע נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, זיך באַוואָשן מיט טרערן. זי איז דערנאָך אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביי דער אַרבעט אַ פאַר־שטומטע, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי איז געזעסן אַ גע־קריוודעטע, מיט פולע אויגן טרערן. דאָס וואָרט „אַלטע מויד״, מיט איר שוועסטער׳ס היסטערישן קוויטש, האָט איר דעם מוח פאַרהילכט. ניין, דזשוליע האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט טראַכטן קיין שלעכטס וועגן איר אינגערער שוועסטער, וועמען זי האָט איצט, צו צוואַנציק יאָר, נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ קינד, אויף וועלכן מ׳מוז אַכטונג געבן. טאַקע דער־פאַר, צוליב דער שוועסטער׳ס טובה וועגן, האָט זי געוועלטיקט איבער איר, געזאָגט דעות, וואָס זי זאָל טאָן און וואָס ניט טאָן. איז זי דען ניט גערעכט?

און איצט, ווען דזשוליע איז אַהיים געפאָרן אין אַ געפּאַקטן סאָבוויי־וואַגאָן, האָט זי די מענטשן אַרום איר אַפילו ניט באַמערקט. זי האָט איצט גראָד ניט געטראַכט וועגן דער שוועסטער, ווי יענע האָט געפּילט און געליטן בעת זי, דזשוליע, האָט מאַלבינ׳ען, איר נאָענטסטן שול־חבר, אַרויסגעיאָגט פון שטוב. זי האָט אויך ניט געטראַכט וועגן איר אַלטער שוואַכער מאַמע, וואָס האָט אַ שווייגנדיקע אַלץ צוגעקוקט און איז אַוועק אַ טרויעריקע צו זיך אין צימער. וועגן זיי איז איצט דזשוליע׳ן גאָר ניט

איינגעפאַלן צו טראַכטן און זיכער ניט זיי צו באַדויערן. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז קיינעם פון זיי איז זי גאָר נישט ניט שולדיק.

דזשוליע׳ס מוח איז איצט געווען פאַרנומען בלויז מיט זיך, מיט אירע אייגענע קריוודעס און געטראַכט האָט זי פון איר אייגענעם שווערן לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעמאָלט, ווען דער טאַטע איז פריצייטיק אַוועקגעשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַן אָרעמע שטוב, אַ שוואַכע מאַמע מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. זי, דזשוליע, דאַמאָלט אַ יונג בליענדיק מיידל, האָט תיכף געמוזט אויפגעבן דאָס לערנען אין הײַ־סקול; אויפגעבן איר פרייהייט און זיך איינשפּאַנען אינעם שווערן יאָך צו אַרבעטן אין שאָפּ טאָג איין טאָג אויס און האָט אַזוי צו ביסלעך אויס־געצערט איר יונג לעבן, אויסגעלאָשן אירע מיידלשע חלומות... צוליב וואָס? צוליב וועמען?

ס׳האַרץ ביי איר האָט איצט געהאַמערט מיט טענות צום גורל, וואָס האָט גראָד זי אויסגעטיילט פאַרוועלקט צו ווערן! איצט, אין אָט דער געפּאַקטער סאָבווי, האָט זי דערזען פאַר זיך איר היים, ווי זי בלייבט שטענדיק זיצן אַן עלנדע, אַ פאַרשעמטע, בעת אינעם צווייטן צימער זיצן זיי ביידע — איר יונגע שוועסטער מיט אַ יונגן בחור... זי הערט זייער שמועס וועגן ביכער, וועגן קונסט, ווי זיי מאַכן פּלענער וואוהין צו גיין, הערט זייער געלעכטער — אָ, ווי זי קען עס שוין מער ניט פאַרנעמען! וויפיל נאָך מוז זי ליידן? ביז ווען מוז זי טראָגן דעם יאָך? אַ געדאַנק איז איר איינגעפאַלן: היינט נאָך וועט נעמען אַ סוף! היינט וועט זי אָפּן דערקלערן דער שוועסטער אַזוי און אַזוי...

נאָר ווען דזשוליע איז געקומען אַהיים און געעפנט די טיר, האָט אַ פּוסטקייט אַ ווייע געטאָן אויף איר. די שוועסטער איז גאָר אין שטוב ניט געווען און די מאַמע האָט זיך געפּאָרעט מיט דער באַלעבאַטישקייט און צו איר אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. דזשוליע האָט אַן אַנטוישטע געפרעגט:

— וואָס איז דער מער, מאַ? איז רעי נאָך פון סקול ניט געקומען? דאַרפסטו זיין אַזוי פאַרזאָרגט?

די מאַמע האָט זי אַזוי באַטראַכט, ווי זי רעדט צו איר סאַרקאַסטיש, האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואָלט טראַכטן ווי דער טאַטער צו ענט־פערן און ענדלעך געזאָגט:

— רחל׳ע גייט ניט מער אין סקול. זי גייט זוכן אַרבעט. זי האָט מיר אין דערפרי געזאָגט, אַז דערווייל וועט זי זיך אויפהאַלטן ביי דזשאָזעפין, איר חבר׳טע.

די מאַמע האָט עס איר איבערגעגעבן און אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך אויסצודריקן איר אייגענע מיינונג. אָבער פאַר דזשוליע׳ן וואָלט

עס סיי־ווי געווען איבעריק, דער צער אויף דער מאַמעס צעקאַרבטן פּנים האָט אַלץ דערציילט. איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פאַרצווייפלטע און ענדלעך זיך אויסגעדרייט צום געגרייטן טיש. אָבער דאָס עסן האָט זי אַפילו ניט אָנגערירט. זי האָט געפּרואווט אַריינקוקן אין איר צייטונג און גאָר ניט אַרויסגעלייענט. איז זי געזעסן אַ פאַרטראַכטע און געפילט ווי דער אומעט הילכט איר אין די אויערן. ניט ווייסנדיק וואָס מ'הויבט דאָ אָן צו טאָן, האָט זי זיך פונעם טיש אַ הויב געטאָן און געשפּאַנט פון צי־מער צו צימער, ווי זי וואָלט געזוכט צו אַנטלויפן פונעם אומעט, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט צו איר דער שוועסטער'ס בילדער פון זינט זי איז אַ קינד געווען, מיט אויגן וואָס האָבן גערעדט צו איר, געבעטן, געלאַסטשעט... אַ פאַרבענקטע האָט זי צוגעשפּאַנט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער מאַמען און געזאָגט מיט אַ צעבראָכן קול:

— ווילסט ניט ריידן צו מיר, מאַ, ווי איך אַליין וואָלט געווען די שולדיקע. אַזוי דענקסטו, מאַ?

די מאַמע האָט געענטפערט מיט אַ הויב מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט מיט דעם דערקלערט, אַז זי וויל קיינעם פון זיי ניט באַשולדיקן. ביידע זיינען אירע קינדער און ביידע זיינען גערעכט.

— אָבער, מאַ...

זי האָט מער גאָר ניט געקענט רעדן און ניט אויספּלאַצן אין אַ געוויי־יאָמער. זי האָט אָבער יאָ געוואָלט דערציילן דער מאַמען וועגן דעם אומעט, וואָס האַלט זיך אין שפּרייטן מער און מער און דערקלערן, אַז צוליב איר דאַרף רעי די שטוב ניט פאַרלאָזן, ווייל עס פאַרדריסט זי שוין פאַר'ן נעכטיקן קריג. איז זי געזעסן לעבן דער מאַמען אַ הילפלאָזע מיט אַ געשלאָסענעם מויל און זיך געגעסן פון חרטה פאַר דער נעכטיקער געשעעניש. די מאַמע האָט עס באַמערקט:

— און אפשר דאַרף אַזוי זיין. רחל'ע איז דאָך שוין אַ דערוואַקסן מיידל. ס'איז צייט, זי זאָל מער ניט ליגן אויף דיין האַלדז. אפשר איז טאַקע בעסער זי זאָל גיין אַרבעטן?

זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר, די מאַמע האָט באַטראַכט דזשוליע'ס מידן, אויסגעצערטן פּנים, מיט די טיפע קנייטשן אַרום מויל און אין די אויגן — אויגן פול מיט גוטסקייט, — און האָט אין זיי דערזען דאָס זעלביקע געטרייע קינד, וואָס האָט מקריב געווען איר יונגן לעבן ביז איצט און איז ווידער גרייט עס צו טאָן.

— אָבער, מאַ! — האָט דזשוליע פאַרצווייפלט ווידער אָנגעהויבן, — איך קען דאָך אַזוי ניט לעבן, מאַ! דער אומעט אין שטוב שטיקט,

ס׳ווערט ענג... מאַ: וואוהין זאָל איך איצט גיין? כ׳האָב דאָך ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן — מאַ!...

זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן, פאַרריכט די האָר און אויסגעווישט די פאַרוויינטע אויגן, אויף גיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אויפגעזוכט דזשאָזע־פינ׳ס אַדרעס און איז געלאָפן איבערצורײדן זיך מיט דער שוועסטער, זי זאָל זיך אומקערן אַהיים.

די אַלטע מאַמע האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ געמיש פון טרויער און פרייד אין די אויגן.

„גליק"

סוף דעצעמבער האָט אידא זיך גענומען גרייטן צו דער ניי־יאָר פּאַרטי, וואָס אַ גרופּע סטודענטן פון איר גראַדואיר־קלאַס האָט אויף דעם אָוונט איינגעאָרדענט ביי דער חבר׳טע פּעי אין הויז. אידא האָט זיך צו־געגרייט אַ ניי קלייד, וואָס האָט געפּאַסט צו איר שלאַנקער פיגור, צו איר חנ׳עוודיק פּנים. איבערהויפּט וויל אידא געפעלן איר פריינט פּאָול, וועל־כער האָט זי און אַלעמען פאַרזיכערט, אַז יענעם אָוונט וועט ער אין דער באַשטימטער שעה קומען צו פאָרן אין זיין אויטאָמאָביל צו אידא׳ס היים און פון דאָרט פאָרן צוזאַמען צו דער פּאַרטי.

מיט פּאָול׳ן האָט אידא זיך געהאַט באַקענט אין אוניווערסיטעט, וואו ביידע האָבן שטודירט און גע׳חבר׳ט זיך. די שלאַנקע חנ׳עוודיקע אידא, מיט איר שיינעם קאָפּ געדיכטע האָר, איז דעם הויכן ברייט־פּלייציקן בלאָנדן פּאָול געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. ער, פּאָול, אַ זון פון רייכע עלטערן, מיט אַ טאַטן, אַ פּרעזידענט פון אַ ניו דזשוירזער באַנק, האָט ניט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש פון זיין רייכן אָפּשטאַם, אַליין אַ קולטורעלער מענטש מיט אַ פיינעם חוש צו קונסט, האָט ער אין דער פרייער צייט זי מיטגענומען צו די פאַרשיידענע אונטערהאַלטונגען.

און אידא האָט אַפילו קיין פּרוּוו ניט געמאַכט זיך צו נישטערן אין זיין פּערזענלעכן לעבן; ס׳האָט איר ניט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן זיין אָפּשטאַם מיט זיין טאַטנ׳ס געשעפטן. און ווען ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ער האָט עס פאַר איר יאָ דערמאָנט, האָט זי אויסער דער מאַמען דעם דאָזיקן „סוד" פאַר קיינעם ניט איבערגעגעבן. פאַר אידא׳ן האָט בלויז עקזיסטירט פּאָול אַליין — דער הויכער בלאָנדער בחור מיט זיינע גוט־מוטיקע בלויע אויגן, וועלכער רעדט צו איר אַנדערש און זיין באַנעמונג צו איר איז אינגאַנצן אַנדערש, ווי פון אַלע בחורים וואָס זי האָט ביז איצט געקענט.

און שפּעטער, ווען אידא האָט פּאָול׳ן צו זיך אַהיים געבראַכט, אים באַקענט מיטן הויזגעזינט און דערזען האָט פּאָול אַן אַלטן געבויגענעם טאַטן מיט פאַרשוואַרצטע צעשטשאָפּעטע פינגער, מיט אַן אַלטער מאַמע, וואָס טראָגט אַ ברייטן פאַרטוך אויף איר איינגעדאַרטן גוף, האָט פּאָול גוטמוטיק געשמייכלט צו אידא׳ן, ווי ער וואָלט מיטן שמייכל זי געוואָלט באַרויקן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט טאַקע די שטימונג אין שטוב זיך גענומען

האָבן: די מאַמע, מיט אַ פריידיקן פּנים, האָט דעם ליבן גאַסט פאַרבעטן צום טיש, וואו עס איז פון פריער שוין געגרייט געווען אַ פיינער אָונט־מאַלצייט, מיט אַ פרישן, שמעקעדיקן פודינג, וואָס זי, די מאַמע, האָט ערשט פונעם אויוון אַרויסגענומען. דער אַלטער טאַטע האָט צוגעטראָגן צום טיש אַ ביסל בראַנפען. אַזוי צו ביסלעך איז פּאָול לעבעדיקער און ריידעוודיקער געוואָרן און זיך היימיש געמאַכט.

די היימישקייט האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע חדשים. דורך דער צייט איז פּאָול גאַנץ אָפט געקומען אין אידא׳ס היים, וואו דער טיש איז פאַר אים שטענדיק געגרייט געווען מיט אַלדאָס גוטס. די מאַמע האָט ליב געהאַט צו זיצן קעגנאיבער די קינדער און אָנקוועלן ווי זיי עסן, ווי זיי האָבן זיך ליב. און ווען פּאָול האָט דער מאַמען אַמאָל פאַרבעטן זיך דורכצופאָרן מיט זיי אין זיין רייכן אויטאָמאָביל, האָט זי קיינמאָל ניט געטראַכט פון פּאָול׳ס עשירות, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ביי־זאַך. נאָר זי איז געזעסן און באַוואונדערט דאָס שיינע פּאָרל וואָס זיצט פאַר איר. ער, פּאָול, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, ווי ער זיצט פעסט ביים רעדל, און מיט זיין בלאָנדן קאָפּ צוגעשפּאַרט צו דעם שוואַרצן שיינעם קאָפּ האָר פון איר מוזינקע, אידא.

דער טאַטע האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַנוגנט. אים האָט זיך געוואָלט וויסן עטוואָס מער פונעם בחור, ווי דאָס ווייב האָט אים אָנפאַרטרויט „בסוד״. האָט ער איינמאָל, ווען די קינדער זיינען ביים טיש געזעסן, פאַרצויגן אַ געשפּרעך פון זיין „סטאָרקע״ פון הויז־כלים, וואָס ער האָט שוין פון יאָרן אויף בעטגעיט עווענױ אין די בראָנקס. פּאָול האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש צום אַלטנ׳ס רייד און צוגעזאָגט אַמאָל די „סטאָרקע״ צו באַזוכן און אין „ביזי״־צייט אים אַ העלף טאָן! און ווען ער האָט אים געפרעגט וועגן זיין טאַטנ׳ס געשעפטן, און דער עיקר — די אויסזיכטן וואָס פּאָול האָט פאַר זיין צוקונפט, האָט פּאָול צוערשט זיך געקווענקלט, דערנאָך רויט־ווערנדיק, ווי אַ שעמעוודיק אינגל, געזאָגט:

— מיין טאַטע איז דער פּרעזידענט פון דער „ניו דזשוירזי באַנק און סטעיט״. אין גיכן נעמט מיך דער טאַטע אין געשעפט.

פּאָול האָט געענטפערט דייטלעך און קלאָר. אָבער דער אַלטער, וואָס האָט ניט אינגאַנצן געגלויבט וואָס זיין ווייב האָט אים שוין געהאַט דערציילט, האָט איצט אויך די זעלביקע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון פּאָול׳ס מויל, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט:

— דאָס איז איז טאַקע אמת? דיין טאַטע איז אַ באַנקיר און דו — — פון אויפרעגונג האָט ער מער ניט געקענט רעדן. ער האָט זיך מער

אַנגעבויגן צום טיש און שאַרף געקוקט אויף די קינדער, ווי ער וואָלט פון זייערע פּנים׳ער געזוכט דעם אמת, וואָס זיין מוח קען בשום אופן ניט פאַרנעמען. אידא האָט מיט ציטער באַטראַכט דעם טאַטנ׳ס הענט, ווי זיי טרייסלען זיך אויפן טיש. פּאָול, פאַרקערט, האָט געשמייכלט און גע׳טענה׳ט:

— איר, פּאַ, האַלט אַ סטאַרקע, איר פאַרקויפט טעפּ, לעפל און מיין טאַטע האַלט אַ באַנק, האַנדלט מיט געלט...

דער אַלטער האָט פון פּאָול׳ס נאַאיוון פאַרגלייך געשמייכלט אונטער די וואָנצעס. ערשט איצט, האָט ער בדעה געהאַט אים צו פרעגן, וואָס פאַר אַ מין באַציאונג ער, מיט די צעשטשאָפּעטע פינגער, מיט זיין טאָכטער אידא, וואָס קומט פון אַן אָרעמער שטוב, קען דערוואַרטן צו קריגן אין זיין מיליאָנערסקער משפּחה? און צי האָט ער, פּאָול, בכלל, וועגן דעם ענין שוין אַ שמועס געטאָן מיטן טאַטן, דעם באַנקיר? איז אָבער אידא געזעסן קעגנאיבער אים מיט די אויגן — „אַנגעלאָדענע", וואָס האָבן זיך ווי געבעטן מער וועגן דעם ניט צו רעדן.

די לאַגע האָט זיך באַלד סיי־ווי געענדערט. אַזוי גיך ווי די וואַקאַ־ציעס זיינען פאַריבער, האָט פּאָול׳ס טאַטע, דער באַנקיר, אַליין שוין אַלט און שוואַך, אַריינגענומען פּאָול׳ן צו זיך אין באַנק און אים אָנפאַרטרויט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. פּאָול איז מער קיין פרייער פויגל ניט געווען, וויל מיט זיין בעסטן ווילן האָבן זיינע איצטיקע פליכטן אים ניט דער־לויבט, אַזוי אָפט ווי אים גלוסט זיך, פאָרן זען אידא׳ן אין איר היים. ער האָט אָבער דורכן טעלעפאָן אָנגעהאַלטן מיט איר פאַרבינדונגען, זי איינ־פאָרמירט יעדע קלייניקייט, וואָס האָט נאָר געקאָנט זיין פאַר איר וויכ־טיק. און גלייכצייטיק פאַרזיכערט איר, אַז ער האָט גוטע אויסזיכטן צו געווינען דעם טאַטן אויף זיין זייט.

אידאַ האָט אים געגלויבט און גע׳חלומ׳ט פון אים אַ גאַנצע וואָך. און דעם טאָג וואָס פּאָול האָט באַשטימט צו קומען, איז זי געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטע און געוואַרט אויף אים. די מאַמע האָט כסדר דורכן פענצ־טער אויף דער גאַס אַרונטערגעקוקט, צי פּאָול באַווייזט זיך שוין אין זיין ליכטיק־גרויען אויטאָמאָביל. דערנאָך איז זי מיט אידא׳ן ביי דער צע־עפנטער טיר געשטאַנען, ביז ס׳האָבן זיך דערהערט זיינע באַקאַנטע פלינ־קע טריט אויף די טרעפּ, וואָס האָט פאַר זיי געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק. און באַלד איז אין שטוב אַ יום טוב געוואָרן: די מאַמע האָט אויפן טיש געשטעלט אַלע מאכלים, וואָס פּאָול האָט ליב. און פּאָול, מיט זיין שטענדיק־גוטמוטיקן שמייכל, איז ווי אַלעמאָל פריער, געזעסן מיט טאַטע־מאַמע ביים טיש און אָנגערופן דעם אַלטן „פּאָפּ" און זיין וויַיב „מאָם".

אָבער וואָס לענגער פּאָול איז געווען אין באַנק, האָט ער געמוזט טראָגן אויף זיך אַלץ מער פליכטן, וואָס האָבן אַוועקגערויבט כמעט זיין גאַנצע פרייע צייט. זיין טאַטע, דער באַנקיר, האָט אַפּנים באַמערקט פון זונ׳ס חבר׳ן זיך מיט אידאַ׳ן. ער האָט דווקא זיך ניט געמישט אין זונ׳ס פּריוואַט לעבן, ער האָט אים בלויז אַרומגערינגלט מיט פליכטן. אין דער באַשטימטער שעה, ווען אידא האָט דערוואַרט פּאָול׳ן, האָט דער טעלעפאָן זיך פלוצלונג צעקלונגען:

— העלאָ: דו? דאַרלינג? וואָס האָט פּאַסירט? דו מוזט פאַרטרעטן דעם טאַטן היינט נאָך צו אַ זיצונג פון די „באָארד אָוו דירעקטאָרן״ — אַ־האַ! ס׳טוט מיר אַזוי לייד, דאַרלינג! דאָס מאָל...

עס האָט אָבער פּאַסירט מער ווי דאָס מאָל. פּונקט ווען אין אידאַ׳ס היים האָט מען זיך געגרייט אויפנעמען פּאָול׳ן, האָט אין דער באַשטימטער שעה דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען מיט דער בשורה, אַז דער טאַטע פילט ניט גוט, און ער, פּאָול, מוז אים פאַרטרעטן! און יעדעס מאָל נאָך אַזאַ פאַל, האָט פון די שטוב־ווינקעלעך אַ יאוש זיך צעשפּרייט, ווי תשעה־באב ביינאַכט. טאַטע־מאַמע האָבן אין דער שטיל זיך געוואונטשן פּאָול זאָל מער ניט קומען, מער ניט פאַרזיכערן און מער ניט אַנטוישן. און אידאַ? זי, וועלכע האָט רואיק אָפּגעשאַצט די געענדערטע לאַגע און האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן איר צוטרוי צו אים, האָט אָבער צוליב איר לאַנגער חבר׳שאַפט מיט פּאָול׳ן, זיך שוין געהאַט אָפּגעפרעמדט און דערווייטערט פון כמעט אַלע פריערדיקע באַקאַנטע און דערפאַר האָט זי זיך איצט געפונען אין אַן ענגן ווינקל — איינע אַליין אין איר צימער איבער אַ בוך.

אויף טאַטע־מאַמע האָט איר איינזאַמקייט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. געטראַכט האָבן זיי זי פּרוּוון צורעדן זי זאָל אַוועקפאָרן צו־גאַסט, באַזוכן דעם עלטערן ברודער, דעיוו׳ן, אין טאָראָנטאָ, וואו ער לעבט זיך רואיק און באַקוועם. איז אָבער אָנגעקומען דער חודש דעצעמבער, וואָס האָט די שטימונג ביי אידאַ׳ן געביטן צום בעסערן. ווידער ווי אַמאָל האָט זי גענומען באַזוכן אירע פריערדיקע שול־חבר׳טעס, און פלוצלונג געלאָזט וויסן דער מאַמען וועגן דער ניי־יאָר פּאַרטי ביי איר חבר׳טע פּעי אין הויז, וואו זי מיט פּאָול זיינען געלאַדן און פּאָול האָט פאַרזיכערט, אַז ער קומט געוויס. און כאָטש די מאַמע האָט אין דער שטיל זיך געוואונטשן, אַז פּאָול זאָל מער ניט פאַרזיכערן מיט זיין „פּינקטלעכקייט״, האָט זי, די געטרייע מאַמע, קיין „האַרץ״ ניט געהאַט צו צעשטערן דער טאָכטער׳ס פרייד.

אויף מאָרגן האָט די מאַמע מיט אידאַ׳ן באַזוכט די שענסטע קליידער־

געשעפטן און געהאָלפן אויסקלייבן אַ קלייד, וואָס געפעלט דער טאָכטער אַמבעסטן. און ווען דער באַשטימטער ערב ניי־יאָר איז געקומען איז אידאַ אין דער באַשטימטער שעה שוין געשטאַנען אַן אויסגעפוצטע. די מאַמע איז אין ווינקל פונעם צימער געשטאַנען און צום וויפילטן מאָל באַוואונדערט, ווי שיין איר טאָכטער זעט אויס אין איר ניי קלייד, און מיט די „מאַמעס אויגן״ באַמערקט, ווי אידאַ שטייט אַ ציטערדיקע און וואַרט... האָט זי, די מאַמע, פאַרפירט מיט איר אַ געשפרעך וועגן איר זון אין טאָראָנטאָ, און פון זיין ווייב גלעדיס, וואָס ריכט זיך יעדן טאָג אין קימפעט, און וואָס דער זון פאַרלאַנגט דווקא, אַז זי, די מאַמע זאָל אַהינפאָרן צו־גאַסט. זי האָט גערעדט, די מאַמע, און זיך כלומרשט גע׳עצה׳ט, וואָס אידאַ האָט אויף דעם צו זאָגן. אָבער אידאַ, אַ פאַרטראַכטע, האָט גאָר געקוקט אויף איר האַנט־זייגערל, ווי זי וואָלט באַדויערט די מינוטן וואָס לויפן, און מיט יעדער מינוט פאַרגייט אַ שטיק פון איר פרייד, וואָס זי האָט דורך שלאָפלאָזע נעכט אויסגע׳חלומ׳ט. מיט פולע אויגן טרערן איז זי ענדלעך אַוועק אין איר צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אַ פיינלעכע שטימונג איז פון דער מינוט אין שטוב געשאַפן געוואָרן. די מאַמע, מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, האָט צעעפנט דעם פענצטער און מיט אָנגעשפיצטע אויערן און אויגן געקוקט אין דער טונקעלער קאַלטער גאַס און באַטראַכט יעדן אויטאָמאָביל־דורכפאָרער: צי קומט נישט פאָול?

און וואָס וועט זיין אויב, חלילה, ער וועט נישט קומען? אַ שוידער איז איר באַפאַלן בלויז פונעם געדאַנק. איז זי געשטאַנען, די מאַמע, אָנגעבויגן ביים צעעפנטן פענצטער, געציטערט פון קעלט מיט טרויעריקע געדאַנקען. ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט דער טאַטע איר פּלאַץ ביים פענצטער פאַרנומען. די מאַמע האָט מיט שטילע טריט די טיר אַ ביסל צעעפנט און דאָס אויער צו די טרעפ אָנגעשטרענגט: צי עס דערטראָגט זיך ניט דער פריילעכער געקלאַנג פון פאָול׳ס טריט...

און ווען דער טעלעפאָן האָט זיך פּלוצלונג צעקלונגען, איז די פיינלעכע שטימונג, וואָס האָט שוין געהאַט באַהערשט אַלץ אין שטוב, אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדן. אידאַ האָט מיט אַ פאַרוויינטן פּנים די טיר פון איר צימער צעפראַלט, מיט איין אָטעם צום טעלעפאָן געלאָפן:

— „העלאָ, דאַרלינג!״ — האָט זי אַרויסגעזונגען. — דו קומסט שוין?! אַהאַ, דער טאַטע האָט דיך געבעטן צופירן די שוועסטער מילדרעד אין קלוב? גוט געטאָן! „דאַרלינג״ — איך וואַרט...

טאַטע־מאַמע זיינען אויף די ערטער ווי צוגעשמידט געשטאַנען, און געדאַכט האָט זיך זיי, אַז זיי לעבן דורך אַ בייזן חלום.

.1950

אין אַן ענגער דירה

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט, ווען ריווע מירקין האָט ענדלעך באַוויזן איינשלאָפֿן. עס האָט זיך איר געמישט אין קאָפּ פֿון איר שמוליע׳ס טענות דעם גאַנצן אָוונט וועגן זייערע קינדער, וואָס האָבן מיט אַריבער דריי יאָר צוריק זיך באַזעצט מיט זיי אין זייער ענגער דירה און עס זעט זיך ניט קיין סוף דערצו.

דורך די פֿינף און דרייסיק יאָר פֿון זייער צוזאַמענלעבן האָט ריווע זעלטן געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. איר שמואל איז שטענדיק געווען אַ געטרייער מאַן און אַן איבערגעגעבענער פֿאָטער צו זייערע קינדער. ער האָט מיט זיינע באַשיידענע אַרבעטער־פֿאַרדינסטן געזוכט זיי צו באַזאָרגן מיט אַלע זייערע באַדערפֿענישן און אויך געבן זיי אַ העכערע בילדונג. פּריער — דער עלטערער טאָכטער, עטל, וועלכע איז איצט אַליין אַ לערערין און פֿירט אַ פֿיינעם לעבן מיט איר מאַן; און דאָס זעלבע האָט דער פֿאָטער געפּרוּווט טאָן פֿאַר דער מוזינקע, לינדע. און ווען לינדע, אַ שיינע, געראָטענע, האָט צו איין־און־צוואַנציק יאָר פֿאַרענדיקט דעם האַנטער־קאָלעדזש מיט אויסצייכענונגען און זיך פֿאַרליבט אין דעם רויט־האָריקן פֿרעדי, אַ בחור וואָס האָט אַפֿילו ניט געהאַט פֿאַרענדיקט האַי־סקול, און האָט אַן שום אויסזיכטן פֿאַר דער צוקונפֿט חתונה געהאַט מיט אים, האָט דער פֿאָטער נישט נאָר ניט געשטערט, נאָר זיי, דאָס יונגע פּאָרל, צו זיך אין דער ענגער דירה אַריינגענומען, און זיך אונטערגע־נומען זיי אַרויסהעלפֿן, ביז זיי, די קינדער, וועלן אָפּשפּאָרן די נויטיקע געלט צו קענען נעמען פֿאַר זיך אַ וואוינונג. אָבער דורך די דריי יאָר זינט זיי וואוינען ביי אים, איז די מעגלעכקייט צו נעמען פֿאַר זיך אַ וואוינונג מיט יעדן טאָג געוואָרן שוואַכער, וואָרום ס׳האָט אומעטום גע־הערשט אַ מאַנגל אין וואוינונגען. פֿאַר יעדער וואוינונג האָט מען געפֿאָ־דערט אַ סך געלט און קיין געלט איז ביי די קינדער ניט געווען. לינדע האָט יאָ געאַרבעט און פֿאַרדינט, אָבער פֿרעדי, איר מאַן, האָט זיך צו קיין שום אַרבעט ניט געקענט צופּאַסן. אין אָנהייב, האָט ער כאָטש געפּרוּווט און דערנאָך איז אים דער גאַנצער עסק מיאוס געוואָרן... איז ער זיך בעסער געשלאָפֿן אין דער וואַרעמער בעט ביז נאָך האַלבן

טאָג, און ווען ער איז פון בעט אַרויס האָט ער זיך געלאָזט באַדינען פון דער גוטער פריינטלעכער „מאַם" ריווע, וועלכע האָט מיט אַ ביטער האַרץ זיך אָנגעשטרענגט אַרויפצוציען אויף זיך אַ פריינטלעך פּנים און האָט געגרייט עסן פאַר איר איידעם.

ריווע האָט פרעדי'ן קיינמאָל גאָר ניט געזאָגט און ניט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש וועגן זוכן אַרבעט. אָבער פרעדי'ס אויפפירונג האָט איר באמת פאַרדראָסן. און איינמאָל האָט זי צו איר טאָכטער געזאָגט:

— איך פאַרשטיי ניט דיין פרעדי, וואָס אייגנטלעך דענקט ער?...

די מאַמע האָט גערעדט צו לינדע'ן מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, כדי איר ניט צו ערגערן, אָבער אין דער זעלבער צייט איר ווי געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז זי, לינדע, זאָל עפּעס זען טאָן צו דעם, וואָרענען פרעדי'ן... לינדע האָט זי אָבער אויסגעהערט מיט אַ פּנים ווי איר זאָל פאַרדריסן, וואָס די מאַמע פאַר'מסר'ט איר מאַן...

האָט ריווע מער קיין וואָרט ניט געזאָגט און ביי זיך באַשלאָסן דאָס אויך צו פאַרשווייגן פאַר איר שמואל'ן.

און שמואל, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך פאַרבראַכט אין שאָפּ, האָט זיכער זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין דער צייט, וואָס ער שטייט און שוויצט ביי דער פּרעס־מאַשין, שלאָפט זיך זיין יונג איידימל באַקוועם און איז באַזאָרגט מיט פּרנסה!

וואָס שמואל האָט יאָ גאַנץ אָפט געטראַכט, איז וועגן זיינע אייגענע קריוודעס. ער איז געווען ווי אַ שוואָם אָנגעזאַפּט מיט טענות, וואָס ער, שוין אַ מענטש אין די יאָרן, וואָס האָט שטענדיק נאָכן שאָפּ־געטומל גע־פונען אין אָוונט רו אין זיין היים, קען דאָס איצט, זינט די קינדער וואוינען מיט אים, מער ניט האָבן, ווייל די היים איז מער ניט פאַר אים אַליין. ס'איז אויך ניטאָ די פריערדיקע געבענטשטע רואיקייט ביים טיש, ווען ער מיט זיין ריווע'ן האָבן ביים עסן געמיטלעך זיך איבערדערציילט די נייעסן פונעם טאָג; עס פעלט אים אויך די פיינע קלאַסישע מוזיק פון דער ראַדיאָ, וואָס ער האָט אַזוי ליב צו הערן. דער באַלעבאָס איבער דער ראַדיאָ איז איצט אינגאַנצן פרעדי, און מען הערט פון ראַדיאָ בלויז אַ געטומל מיט אַ ווילדן געלעכטער, וואָס פאַרטויבט די אויערן. און וועד שמועסט וועגן די שבתים און אין די זונטיקס, ווען גאַנץ־אָפט קומט צו פרעדי'ן אַ פולע שטוב מיט פריינט און מאַכן אַ טומל, דעמאָלט איז ער, שמואל, אינגאַנצן אַן איבעריקער אין זיין אייגענער היים.

אָט די אַלע טענות האָט שמואל ווי וויט מעגלעך געפּרואווט דער־שטיקן אין זיך צוליב די קינדער, וואָס האָבן זיך ליב און וועלן, מסתמא, סוף כל סוף געפינען אַן אייגענע דירה. און בכלל, צוליב דעם מאַכן די

קינדער פאַר שונאים? ניין, פון דעם האָט ער זיך אויסגעהיט. נאָר איינמאָל, אין אַ שבת־נאַכט, ווען אין דרויסן האָט גע׳מבול׳ט, און אין די קליינע צימערן זיינען געווען פול מיט בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ „פּאַרטי״ און האָבן פאַרבראַכט אויף זייער אופן, האָט לינדע אַן אויסגעבלייכטע, אַ ציטערדיקע, פּלוצלונג זיך אַרויסגערוקט פונעם צימער... ריווע איז צוגעלאָפן, זי, די טאָכטער אַרומגענומען. לינדע האָט דעם קאָפּ אויף דער מאַמע׳ס ברוסט אַנגעשפּאַרט, זיך געסוד׳עט מיט איר און ווען שמואל איז צו זיי געקומען מיט אַ פרעגנדיקן פּנים, האָט דאָס סוד׳ען זיך אויפגעהערט. אַ ווײַלע שפּעטער, האָט לינדע זיך צוריק געקערט אין צימער צו די פריינט.

ריווע האָט אָנגעקוקט איר מאַן, ווי ער שטייט מיט נייגער און טרעט ניט אָפּ, האָט זי אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און פאַרדראָסיק געזאָגט:

— זע נאָר, זע, ווי טשיקאַווע ער איז...

זי האָט זיך אויף גיך אויסגעדרייט, ווי זי וואָלט ניט וועלן איצט פאַר אַ פולער שטוב מענטשן אָנצוהויבן אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין. שמואל איז אָבער ניט געווען צופרידן פון איר אויסדרייען זיך און גע־טראַכט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק און מ׳פּרוּווט עפּעס אויסבאַהאַלטן פון אים. האָט ער אַ ברוגז׳ער אַרויפגעצויגן זיין מאַנטל און איז אַרויס אין דרויסן.

ס׳איז געווען אַ פאַר־פּסח אָוונט. דעם גאַנצן טאָג האָט גערעגנט. איצט, שפּעט אין אָוונט, ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָבן מענטשן פאַרלאָזן זייערע שטיבער, זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער עוועניו עפּעס איינצוהאַנדלען אָדער זיך דורכשפּאַצירן און באַקוקן די שיינע אויסגע־פּוצטע שויי־פענצטער לכבוד יום־טוב. שמואל האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט און אַלץ געטראַכט וועגן דער לאַגע ביי אים אין שטוב. איצט, ווען ער איז געווען ווייט פונעם שטוב־געטומל, האָט ער פאַרגעסן דער ווייב׳ס סוד׳ען זיך און אַלע קריוודעס קעגן איר און האָט אַפילו געפּרוּווט פאַרגעסן זיינע קריוודעס קעגן די קינדער, וואָס לאָזן אים ניט לעבן מיט זייער געטומל. ווייל נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך יונגע מענטשן און זיי האָבן אַ רעכט צו לעבן ווי זיי געפעלט. אָבער וואָס ווילן זיי פון א י ם? וויפיל איז דער שיעור? ער אַליין וויל נאָך אויך לעבן זיין אייגן לעבן! האָט ער אויף דעם ניט קיין רעכט?

ער האָט לאַנג געשפּאַצירט און געטראַכט וועגן דעם, אַז ס׳איז שוין צייט די קינדער זאָלן זיך אַרויסציען. ס׳וועט בעסער זיין פאַרביידן. ווען ער איז צוריק אַהיימגעקומען, איז שוין אין שטוב שטיל געווען. די קינ־

דער זיינען שוין געהאַט אַוועק אין זייער צימער. אַן אויסגעמאַטערטער האָט זיך שמואל צונויפגעקאָרטשעט אויף אַ בענקל אין קיך, וואו ריווע איז געשטאַנען ביים סינק און גערייניקט די געשיר. אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך אָנגערופן:

— ריווע, איך האָב באַרעכנט, אַז די צייט איז געקומען די קינדער זאָלן געפינען אַ דירה און זיך אַרויסציען פון דאַנען, כ'האָב שוין מער ניט קיין כוח...

ער האָט געקוקט אויף זיין ווייב, באַטראַכט ווי זי שטייט און אַרבעט און האָט באַדויערט ווי געעלטערט זי איז געוואָרן דורך דער צייט פון באַדינען דאָס גאַנצע הויז־געזינט אין די ענגע צימערן. ער האָט געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן און זי האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן:

— אַוודאי ביסטו גערעכט, און געלט?...

ער האָט פריידיק זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וועגן געלט וועט מען זיך אַן עצה געבן, איך בין גרייט געבן צו־שטייער, און זאָלן זיי נאָר פּרואוון געפינען —

זי האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— רעדסט פון געבן צושטייער, שמואל? זיי אַליין פאַרמאָגן דאָך ניט קיין פּעני ביי דער נשמה.

שמואל איז געבליבן אָן לשון, מיט פרעגנדיקע אויגן זי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט, וואָס זיינע אויערן הערן. אַ געדאַנק איז אים דורך, אַז ניט אַנדערש, אַז זיין איידעם פאַרטאַכלעוועט זיינע פאַרדינסטן ווער ווייסט וואו. אָבער ריווע האָט זיך צוגעזעצט נאָענט צו אים און האָט אים פאַרטרויט:

— איך קען פאַרשטיין, וואָס דו טראַכסט, שמואל... וויל איך דו זאָלסט וויסן דעם גאַנצן אמת, אַז פרעדי אַרבעט זעלטן, ער וויל ניט און אפשר קען ער זיך ניט צופּאַסן צו קיין אַרבעט — ווייסטו שוין איצט?

דאָס בלוט האָט שמואל'ן אין פּנים אַ זעץ געטאָן, ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און מיט כעס גזאָגט:

— און פון מיר האָסטו דאָס די גאַנצע צייט באַהאַלטן? פאַרוואָס האָסטו עס מיר ניט דערציילט? ווייניק וואָס איך האָב פאַר אים אויסגע־האַדעוועט אַ שיינע געבילדעטע טאָכטער, בין איך נאָך מחויב צו פּאַשן אים און שטיקן זיך אין די ענגע צימערן?! נו, גוט. איך בין גרייט באַדאַי זיך צו פאַרלייען, זיך צו פאַרזעצן אַבי זיי זאָלן זיך שוין פון מיר אַרויס־ציען, ש ו י ן, זאָג איך דיר!

אַ צאָרנדיקער איז ער אַריין אין שלאָפצימער און געפּרואווט פאַר־

קלאַפּן הינטער זיך די טיר. ריווע האָט אים נאָכגעפאָלגט און מיט אַ מאַ־
מע׳שן טאָן צו אים געזאָגט:

— איידער דו מאַכסט גוואַלדן, זאָלסטו שוין אויך וויסן, אַז ערשט היינט ביינאַכט האָט לינדע מיר פאַרטרויט, אַז זי איז שוואַנגער... און אויב יאָ פאַרלייען זיך און פאַרזעצן, וועלן מיר צוערשט דאָס מוזן טאָן פאַר אירע קימפּעט־הוצאות, פאַר אונדזער נייעם איינִיקל...

זי האָט געשמייכלט צו אים און ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּנים, ווי ער זאָל ביי זיך ניט קענען באַשליסן, צי זיך פרייען מיט די נייעס, צי שוין אָנהויבן גאָר אַ נייע זאָרג...

.1950

אַ פּאַר־פּאָלק

זונטיק איז סעמי קופּער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און גלייך גענומען פּוצן זיין אויטאָמאָביל און גרייטן אים אויף אַרויסצופאָרן מיט זיין יע־טי׳ן באַלד נאָך פרישטיק.

דאָס פּאַר־פּאָלק,ביידע יונגע מענטשן, פלעגן פאַרברענגען די וואָ־כעדיקע טעג אין שאַפּ. קיין קינדער, וועלכע ביידע האָבן באַגערט צו האָבן, זיינען דווקא ניט געקומען. זייער אויטאָמאָביל איז ניט געווען פון די נייע, דער מייל־ציילער האָט שוין פאַרצייכנט אַ היבש ביסל מיילען, אָבער סעמי איז געווען אַ מעכאַניקער, וואָס איז אַביסל געווען באַקאַנט מיט דעם אויטאָמאָביל־מעכאַניזם און איז בכלל געווען אַ פאָרזיכטיקער טרייבער, האָט דערפאַר זייער אויטאָמאָביל נאָך געהאַט אַ שיין פּנים.

ס׳איז געווען אַרום אַכט אינדערפרי. אין דער געדיכט־באַוואוינטער גאַס האָבן די איינוואוינער נאָך רואיק געשלאָפן. אין דער זומערדיקער שטילער מאָרגן־לופט האָט אָפּגעקלונגען דאָס סוויסטשען פון פייגעלעך, וואָס האָבן צווישן הויכע הייזער און פענצטער אויפגעבויט זייערע נעסטן. סעמי, אַ הויכער שלאַנקער יונג מיט אַ פאַרברוינט פּנים, אָנגעטאָן אין גרינע אַרבעט־הויזן, איז געשטאַנען אין גאַס מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל, די שוואַרצע קוטשמע האָר איבערן שטערן און האָט מיט אַ שמאַטע אין דער האַנט, וואָס איז געווען געטונקט מיט אַ מין פעטס, געשמירט, גע־רייניקט יעדן ברעקל פון אויטאָמאָביל איינמאָל און נאָכאַמאָל ביז ס׳האָט געגלאַנצט אונטער דער פרימאָרגנדיקער יולי־זון.

די יונגע לידאַ האָט מיט אַ פאַרשלעפערט פּנים זיך באַוויזן אויפן גאַס. מיט שטילע טריט האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער בעקעריי אויף דער צווייטער זייט גאַס. זי האָט זיך באַגריסט מיט אַ „גוט־מאָרגן״ צו סעמי׳ן, וועלכער האָט מיט אַ באַזונדער פרייד דאָס אויפגעכאַפּט, בעת ער האָט באַטראַכט אירע ליכטיק ברוינע האָר, וואָס זיינען איצט געלעגן אין אַ חנ׳עוודיקער אומאָרדענונג. זי האָט נייגעריק געפרעגט:

— וואוהין קלייבסטו זיך היינט, סעמי?

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען, ווי ער זאָל מיט דעם זאָגן, אַז אים איז שווער צו געבן אַ קלאָרן ענטפער און האָט באַלד געזאָגט:

— איך ווייס נאָך ניט, לידאַ. מסתמא, ערגעץ ביים ים־ברעג, און דו? אפשר?...

— נײן, אַ דאַנק. מיר דערוואַרטן הײנט געסט. װײסט װער?

לידאַ האָט געזוכט צו פאַרציען מיט דעם יונג אַ געשפּרעך. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט יעטי׳ס קװיטשיק קול:

— סע־מי! סע־מי!

לידאַ האָט זיך אויף גיך אָפּגעטראָגן. סעמי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן צו דעם פּערטן שטאָק און האָט געזען, װי זײן יעטי שטײט דאָרטן אין איר אָפענעם נאַכט־העמד, מיט די פולע נאַקעטע בריסטן איבערגעבויגן איבערן פענצטער און פאָדערט, אַז ער, סעמי זאָל שוין אַרויפגײן. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און װי אַ פאַרשולדיקטער זיך געלאָזן מיט די טרעפּ אין שטוב אַרײן און געטראָפן זײן װײב אַ צעטראָגענע, מיט אַ צערײצטן פּנים האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— װאָס? שוין װידער מיטנעמען זי מיט אונדז — האַ?

זי איז געשטאַנען פאַר אים װי אַ ריכטער, װאָס װיל פון קײן אַנדער זאַך ניט װיסן: דעם אמת און נאָר דעם אמת... און ער, סעמי, איז געשטאַנען און שװײגנדיק געשמײכלט, װי דאָס װאָס ער האָט צו זאָגן װעט זי סײ־װי ניט גלויבן. זי האָט אָבער ניט געשװיגן:

— געהערט אַן אומגליק! אַרבעט שװער און ביטער אַ גאַנצע װאָך, װאַרט אויף דעם פרײען טאָג אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, פּראַפּט ער אָן אַ פולן אויטאָמאָביל — אַן אומגליק אויף מײן קאָפּ...

זי האָט געהאַלטן אין אײן איבער׳חזר׳ן דאָס װאָרט „אומגליק“, פּונקט װי דאָס אומגליק װאָלט שוין געשטאַנען בײ איר אויפן שװעל. און װען סעמי האָט נאָך אַלץ צוגעשמײכלט, האָט זי פונעם האַרצן אַרויסגעשאָסן:

— שװײגסט, מײן טײערער מאַן? ביסט מודה, אַז דיר גלוסט זיך װידער צו האָבן יענע מויד אין אויטאָמאָביל?! טאָ זײ װיסן, אַז דער אויטאָמאָביל איז מײנער! פאַר מײן געלט געקויפט — מײנס...

זי האָט פאַרענדיקט מיט אַ געװײן. זי האָט געיאָמערט אויפן ביטערן שיקזאַל װאָס די נאַטור האָט איר צוגעטײלט: אַכט יאָר נאָך זײער חתונה צו זײן קינדערלאָז; זי האָט געיאָמערט איבער איר פינצטערן לעבן, אײבער איר אײביקער שרעק װאָס זי האָט פאַר איר מאַן, װעמען זי האָט אַזױ ליב, אַז ער זאָל, סוף כל סוף, זי ניט פאַרבײטן אויף אַ צװײטער פרוי, װאָס קען אים געבוירן אַ קינד. און װען זי האָט זיך גוט אויסגעװײנט, איז זי אַ מידע אַװעקגעפאַלן אויף איר געלעגער. סעמי האָט זיך דעמאָלט אָפּגערופן:

— זאָג אַלײן, יעטי, װאָלסטו ניט בעסער געטאָן װען דו גרײטסט צו עסן?

זי האט אים ניט געענטפערט. ער האט זיך אוועקגעזעצט ווארטן מיט א צייטונג אין האנט און גאר געטראכט פון זייער צוזאמענלעבן, וואס איז פול מיט אומצוטרוי, מיט איר אייפערזוכט צו אים, וואס האט ניט קיין זין! אמת, ער האט ליב אמאל זיך אן אומשולדיקן שפאס צו טאן מיט א פרוי. אבער ער טראכט דאך ניט צו פארבייטן זי אויף אן אנדערער פרוי, וועלכע ער האט ליב און איז צו איר געטריי... איז ער געזעסן א פארצווייפלטער און געקוקט אויף די געדרוקטע אותיות, וואס האבן אים איצט גאר ניט געזאגט און גאר ניט פארענטפערט. שפעטער א ווייל,ביים עסן, ווען זי האט זיך שוין בארואיקט, האט זי געזאגט:

— ווייסט, סעמי, מיר וועלן באלד נאכן עסן א פאר טאן צו מיין חבר׳טע מילי אין ניו דזשוירזי. שוין צייט אפצוקריגן דעם הונדערטער! ווי לאנג איז דער שיעור זיך צו אמוזירן מיט יענעמס געלט?

דאס ביסן אין מויל איז ביי סעמי׳ן אין האלדז געבליבן שטעקן פאר מורא, ס׳זאל באלד ווידער זיך ניט צעפלאקערן א נייער פייער, וואס וועט נאך איבערשטייגן דעם פריערדיקן, ווייל זיי וויסן דאך, אז ווילי, מילי׳ס מאן, איז קראנק און ארבעט ניט. אבער כדי ניט צו שטערן דעם שלום בית, האט ער געזאגט:

— אויב דו דענקסט אזוי, לאמיר פארן.

אבער באלד, ווי זי האט זיך נאר אוועקגעזעצט לעבן אים, האט זי שוין אנגעהויבן:

— הער זיך איין, סעמי, זאלסט עס איבערלאזן אינגאנצן צו מיר. דו מיש זיך ניט.

— גוט, יעטי, — האט ער צופרידן צוגעשטימט — זי איז דיין חבר׳טע, וועסטו זיך אליין מיט איר אויס׳טענה׳ען. איך וועל פארבלייבן אין אויטאמאביל ווארטן.

— וואס? — האט זי א שפריץ געטאן מיט פייער — ס׳פאסט דיר שוין גאר ניט מיט מיר צוזאמען אריינצוקומען? אזוי האלט איך שוין ביי דיר?...

זי האט ארונטערגעלאזן דעם קאפ און פארקרימט דאס פנים, אז א שרעק איז אים באפאלן זי זאל זיך ניט צעיאמערן. ער האט זיך אויסגעדרייט צו איר, זי ארומגענומען און מיט א שמייכל, ווי צו א קינד, געזאגט:

— האסט א טעות, יעטי טייערע. מיר פאסט שוין גאר זיך צו באווייזן אומעטום מיט דיר און נאך פאר דיין בעסטער חבר׳טע. איך בין אבער זיכער, אז ביי דיין קומען איצט אויפמאנען דעם חוב, ווען איר ווילי ארבעט ניט, איז בעסער איך זאל ניט זיין דערביי. אט וואס!

— זע נאר, זע נאר, ווי ער פארטיידיקט זי. דער גוטינקער — האט

זי ווידער גענומען בליצן מיט די אויגן און מיטן מויל — שוין העכער צוויי יאָר ווי זי האָט ביי מיר גענומען אַ הונדערטער! ווילסטו איך זאָל עס איר שענקען, וואָס?

ער האָט געפּרואווט ענטפערן:

— עס פעלט דיר דען צום לעבן, יעטי? ווען איר ווילי איז קראַנק און די קינדער — — —

— הער מיר אויף צו רעדן וועגן די קינדער! — האָט זי גאַליק געזאָגט — דיך אַרט דאָך ניט פאַר אירע קינדער. דו זוכסט צו געפעלן מיליץ. דערפאַר האָסטו זיך דעמאָלט אַרויסגעכאַפּט מיט געבן איר אַ הונדערטער! מיינסט איך בין אַזאַ גולם? כ׳בין אַ מבין אויף דיר?...

ער האָט אומגעדולדיק אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל און געפרעגט:

— טאָ וואָס דען פאַרלאַנגסטו פון מיר, זאָג!

ער איז געווען פאַרצווייפלט, בייז, אַז די הענט האָבן ביי אים געציטערט. ער האָט נערוועז פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַרעטל און באַשלאָסן זיך שוין פאַרקירעווען צוריק אַהיים און דאָרט אין דער היים וואַרטן ביז זי וועט זיך באַרואיקן און אים אויפהערן צו מאַטערן! ווען ער האָט אַזוי געטאָן, איז זי אַ צופרידענע צוגעפאַלן צו אים. טוליענדיק זיך נענטער צו אים, האָט זי געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, סעמי, וואָס דו טראַכסט פון מיר... מאַכסט אָבער אַ גרויסן טעות, איך בין ניט אַזוי שלעכט ווי אומגליקלעך... איך וויל גאָר ניט פון מיליץ, איך שווער דיר, אַז ניט!

זי איז איצט געזעסן אַ שטילע, אַ באַרואיקטע, פול מיט חרטה פאַר איר היינטיקער אויפפירונג. סעמי, מיט אַ שמייכל אויפן פנים, האָט דעם אויטאָמאָביל געטריבן אַהיים.

1950.

באַנייט די שותפות

די סאָבוועי־באַן, וואָס איז געלאָפן פון איסט־ניו־יאָרק צו דאַון־טאַון, מאַנהעטן, איז געווען האַלב ליידיק. ס׳איז געווען אין אַ שפּעטן זונטיק־פרימאָרגן. אין גאַס האָט די מערץ־זון, אַ ליכטיקע, אַ יונגע, ערשט נאָך אַ לאַנגן נודנעם־כמורנעם ווינטער, צום ערשטן מאָל אין פרילינג, זיך גענומען אויסצוטיילן בינטן ליכטיקע שטראַלן, זיי פריי געוואָרפן דאָ־און־דאָרט, דורך טיר און פענצטער. דאָ, אינעם טונקל־באַלויכטענעם סאָבוועי־וואַגאָן, וואו די רובינס, ביידע אין די מיטעלע יאָרן, זיינען געפאָרן באַזוכן שוועסטער און שוואָגער — האָט די סאָבוועי־פוסטקייט, צוזאַמען מיט דער אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט זיי פון דער היים באַגלייט, אָנגעוואָרפן אַן אומעט.

די אָנגעצויגנקייט צווישן מאַן און ווייב איז אַרויסגעקומען טאַקע צוליב די זעלבע לענגס, צו וועמען זיי זיינען איצט געפאָרן אויף אַ באַזוך — די וועלכע זיינען מיט אַ קורצער צייט צוריק אַנטלאָפן פון דער יוניאָן מיט זייער קליידער־שאַפּ אין אַ שטעטל פון פּענסילוועיניע — „וואו מיידלעך אַרבעטן האַלב־אומזיסט", ווי ער האָט אָפט געסטראַשעט די אַרבעטער, און איז צום סוף פון דאָרט צוריקגעקומען „מיטן בייטשל אין האַנט" — אויסגעליידיקט.

פּאַסירט האָט די געשיכטע מיט דריי יאָר צוריק. מיסטער לענג, אַ שוואָגער פון די רובינס, וועלכע האָט זיך ביים שוואָגער רובין אויס־געלערנט די מלאכה פון נייען קליידלעך און האָט נאָכדעם יאָרן־לאַנג געאַרבעט מיט אים בשותפות ביי דער זעלבער אַרבעט, איז דורך אַ „צופאַל" געוואָרן אַ באַלעבאָס. און מיטן אָנקום פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען קליידער איז שווער געווען צו קריגן, איז ער מיט אַ מאָל רייך געוואָרן. סוף מלחמה, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען מיסטער לענג האָט שוין פאַרמאָגט אַ גרויסן קליידער־שאַפּ, און זיין שאַפּ־טשערמאַן, ברעקלער, איז, ווי דער שטייגער, געקומען צו אים מיט קריוודעס פון אַרבעטער, האָט דער מיסטער לענג געענטפערט שטיל און פעסט:

— זיי וויסן, ברעקלער, איך גיב דאָ אויף מיין שאַפּ!

דער שאַפּ־טשערמאַן ברעקלער, וואָס האָט דעם זעלבן ניגונ׳דל וויפיל

מאָל געהערט פון זיין באַלעבאָס, האָט געשמייכלט. אָבער דאָס מאָל האָט מיסטער לענג געהאַלטן וואָרט און האָט איבערגעצויגן זיין קליידער־שאַפּ קיין פּענסילוועניע. דער שוואָגער רובין האָט זיך שוין פון לאַנג דערווייטערט פון אים און זיך ניט אַריינגעמישט. אָבער בעלאַ, זיין ווייב, וועלכע האָט די אינגערע שוועסטער מייטי נאָך מיט יאָרן צוריק קיין אַמעריקע אַריבערגעבראַכט, געגעבן איר אַ בכבוד'יקע היים ביזן טאָג פון איר חתונה, און זינט איר שוועסטער איז רייך געוואָרן האָט זיך איר פריינטשאַפט עטוואָס אָפּגעקילט צו איר, — זי, בעלאַ, האָט פאַרבויגן איר כבוד, האָט באַזוכט מייטי'ן און געוואָרנט:

— איך פאַרשטיי ניט, מייטי, — האָט זי פריינטלעך געזאָגט, — וואָס, אַ שטייגער, פעלט אייך דאָ? באַרעכנט זיך...

מייטי האָט געשמייכלט אויף בעלאַ'ס אומגעבעטענע עצות. זי האָט תּיכף פאַרצויגן אַן אַנדער געשפּרעך, ווי זי וואָלט דער שוועסטער מיט דעם געגעבן אַן אָנצוהערעניש זיך וואָס ווינציקער צו מישן אין זייערע עסקים. איצט אָבער, ווען זיי זיינען פון דאָרט צוריקגעקומען אָרעם און הויל און האָבן קוים פאַרמאָגט צו דינגען אַן אָרעמע דירה אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, האָט זי די עלטערע שוועסטער שוין נישט אָפּגעלאָזט.

בעלאַ האָט אָבער מיט איר בעסטן ווילן דער שוועסטער מיט גאָרנישט געקענט העלפן. און רובין, איר מאַן? אַ פּשוט'ער אַרבעטער־מענטש, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם באַלעבאָס, מיסטער לענג, ווי אַלע באַלעבאַטים, האָט אַפילו איצט, ווען דער שוואָגער איז פון דאָרט צוריקגעקומען אָרעם, ווי פריער געזוכט ווי ווייט מעגלעך אים אויסצומיידן און פון זיין זכרון געוואָלט אויסמעקן. אָבער דעם אינדערפרי צו פרישטיק האָט בעלאַ אַזוי ווי פאַר זיך צערעדט זיך:

— אינדרויסן איז אַזוי זוניק... ווייסט, רובין טייערער, לאָמיר באַלד נאָך פרישטיק אַ פאָר־טאָן זען די שוועסטער. ס'איז שוין, כ'לעבן, צייט...

זי האָט ליבלעך גערעדט צו אים, דערנאָך, מיט אַ טריבן קול, וואָס אַט־אַט פּלאַצט זי אויס מיט אַ געוויין, דערציילט איר מאַן די ביטערע לאַגע פון איר שוועסטער מיט איר פאַמיליע, וואָס זיינען איצט געבליבן אָן מיטלען צום לעבן און אָן פריינט. רובין, אַ דערצאָרנטער, האָט איבערגעהאַקט מיט כעס:

— נו, גענוג שוין וועגן אים! איך האָב דעם מיסטער לענג טיף־טיף...

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פונעם טיש און גענומען שפּאַנען אין דער

לענג פונעם צימער הין־און־צוריק מיט פּאַרדרוס אויף זיין ווייב, וואָס לאָזט אים נישט לעבן מיט אירע טענות. ווען ער האָט אָבער באַמערקט, ווי זיין בעלאַ, אַ בלאַסע, מיט אַ פּיערל אין די אויגן, האָט מיט אַמאָל זיך פונעם טיש אַ הויב געטאָן, אַריינגעשפּאַנט אין איר צימער און דאָרטן זיך גענומען גרייטן אַליין צו פאָרן, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אפשר איז זי גערעכט.

איצט, ווען ער איז געזעסן אינעם האַלב־לײדיקן, טונקל־באַלויכטע־נעם סאָבווער־וואַגאָן, און זי, דאָס ווייב, איז געזעסן לעבן אים, אַ שטילע, און געדרעמלט, האָט ער אויף דאָס ניי אַדורכגעטראַכט די גאַנצע גע־שעעניש פונעם אָנהויב ביזן סוף און זיך צו עפּעס יאָ דערטראַכט... אַ דערמוטיקטער, האָט ער געפּרואווט ריידן צו בעלאַ'ן:

— גלויב מיר, בעלאַ, — האָט ער אין אַ וויכן טאָן אָנגעהויבן, — איך ווייס נאָך אַלץ נישט, מיט וואָס, אַ שטייגער, מיר אַליין, אַרבעטער־מענטשן, קאָנען דיין שוועסטער מיט איר פאַמיליע מיט עפּעס באַ־הילפיק זיין?! אפשר ווייסטו, בעלאַ?

דער מיטל־יאָריקער רובין, וואָס האָט אינעם פאַרלויף פון זיין אַרבעטער־לעבן זיך שוין גענוג אָנגעהערט און אַליין צוגעזען, ווי גע־וועזענע באַלעבאַטים זיינען צוריק געקומען אַרבעטן ביי יענעם אין שאַפּ, — ער האָט דווקא יאָ געוואוסט, ווי אַזוי די לענגס קענען געהאָלפן ווערן. רובין האָט דאָס אָבער געוואָלט הערן פון בעלאַ'ס מויל. האָט זי ווי אויף צו־להכעיס געשוויגן, כאָטש זי אַליין האָט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז קיין אַנדער אויסוועג, ווי דער שוואָגער זאָל אָנהויבן צוריק אַרבעטן אין שאַפּ, איז נישטאָ. זי האָט דאָס אָבער נישט געוואָגט פון איר מויל אַרויסצוברענגען און אַפילו נישט געגעבן אים די מינדסטע אָנצוהערעניש, וואָס זי דענקט וועגן דעם ענין.

אַ ווײַלע שפּעטער, האָט זי אַ מונטערע זיך אָנגערופן:

— ווען מיר וועלן אַהין קומען, וועלן מיר רעדן. אפשר וועלן מיר זיך צו עפּעס דעררייִדן.

ער האָט צופרידן מיט זיינע אַקסלען געהויבן, ווי ער וואָלט כמעט מסכים געווען מיט איר פרומען וואונטש. נאָר שפּעטער אַ ווייל, ווען זיי זיינען פונעם סאָבווער אַרויסגעשטיגן, האָט אַ קאַלטער מערץ־ווינט אין פנים זיי געיאָגט און דעם וועג פאַרשטעלט. רובין האָט געציטערט פון קעלט, דערמאָנענדיק זיך וואוהין ער גייט און מיט וועמען ער וועט זיך באַלד דאַרפן באַגעגענען... ער האָט סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטאָן:

— זעסט, בעלאָ טייערע, ווי אַפילו דער ווינט וואָרנט אונדז זיך אומצוקערן אַהיים...

בעלאָ, אַ פאַרטראַכטע, ווי זי וואָלט זיין באַמערקונג גאָר נישט גע־הערט, האָט מיט אים זיך געלאָזט דורך די אַלט־באַקאַנטע איסט־סאַיד־גאַסן; געשפּאַנט צווישן אַלט־חרוב׳ע הייזער, וואָס שטייען שוין פון יאָרן ביים איסט־ריווער, — דאָרט, וואו די לענגס האָבן איצט געוואוינט. מיט יעדן טריט האָט זיך ביי בעלאָ׳ן געוועקט דער זכרון, באַדויערנדיק, וואָס ערשט נישט לאַנג, דאַכט זיך, האָט איר שוועסטער געוואוינט ערגעץ אין ברוקלין, פאַר זיך אַליין אין אַ פּריוואַט־הוים, אַרומגערינגלט מיט ביימער און בלומען.

און באַלד, ווען זיי האָבן ביי די לענגס אין טיר אָנגעקלאַפּט, זיינען זיי ביידע באַגעגנט געוואָרן מיט פריינטלעכקייט פון שוועסטער און שוואָגער. דער שוואָגער לענג, וואָס האָט אין די גוטע צייטן זיינע קיין צו־גרויסן ווערט נישט געמאַכט פון די זעלבע געסט, האָט זיי איצט אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט מיט זיי און אויפריכטיק געזאָגט:

— אָ, ווי איך קוק אייך אויס, טייערע מיינע...

די שוועסטער מייטי האָט מיטן דינעם שמייכל, וואָס האָט זיך גע־צויגן פון אַרום איר מויל אויף איר אויסגעבלייכטן לענגלעכן פּנים, צוגעבראַכט צום טיש פון אַלץ וואָס האָט זיך געפונען צום עסן. און ווען אַלע זיינען אַרום טיש געזעסן, פאַרזוכט דעם אָרעמען כיבוד, האָט רובין אינגאַנצן פאַרגעסן אַלע זיינע פריערדיקע טענות צו די לענגס און זיך געפילט היימיש, ווי אין יענע פריערדיקע צייטן, ווען זיי האָבן געאַרבעט בשותפות און געזוכט פּרנסה. אַזוי ריידנדיק און ענטפערנדיק אויף לענג׳ס פראַגן וועגן די אַרבעט־באַדינגונגען אין שאַפּ, האָט רובין, אָן צערעמאָניעס, גוטברודעריש אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָלסטו צופרידן געווען, לענג, ווידער צו קומען אַרבעטן מיט מיר אין שאַפּ און זיין שותפים ווי אַמאָל?

לענג האָט אים אָנגעקוקט מיט ניט־גלויבנדיקע אויגן. ער האָט אַ געציטערטע זיין האַנט צו אים אויסגעשטרעקט, און האָט פריידיק געענטפערט:

— זיכער, רובין, זיכער...

.1951

אַנטוישונג

זוניקע ליכט־שטראַלן פונעם מאַי־פרימאָרגן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שטאָרן פון בידי׳ס צימער, באַזילבערט די געפּאַרבטע ווענט און דעם קינד׳ס בעטעלע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט פונעם צימער. דער פיר־יאָריקער סימאָר איז האַלב־וואַך געלעגן און האָט גע־וואָרט אויף זיין מאַמי, זי זאָל אַריינקומען, אים אַריינגעמען צו זיך אין בעט, ווי זי טוט דאָס געוויינלעך אין אירע פרייע טעג, ווען זי גייט נישט צו דער אַרבעט. איצט אָבער איז בידי געלעגן אַ מידע, צונויפ־געקאָרטשעט אין איר ערשטן שלאָף.

דורך דער גאַנצער נאַכט איז בידי ווייניק געשלאָפן און מער ווי אַלע מאָל געטראַכט פון איר אומגליקלעכן מאַן וויקטאָר, דער פאָטער פון איר קינד, מיט וועמען זי האָט געהאַט אַ גליקלעך לעבן קורצע צוויי יאָר. איצט איז ער שוין איבער צוויי יאָר האָפּענונגסלאָז קראַנק אין שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע. גלייכצייטיק האָט איר באַאומרואיקט אַ בריוו, וואָס זי האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געקראָגן פון אַ יונגן מאַן, מאָרעי, אַז ער וויל זיך טרעפן מיט איר דעם שבת פאַרנאַכט אויפן סקוועיר; ער דאַרף וועגן עפּעס וויכטיקס רעדן מיט איר.

די באַשיידענע יונגע בידי, וועלכע האָט זינט דעם אומגליק מיט איר מאַן אויסגעמיטן נייע באַקאַנטשאַפטן, האָט זיך געוואונדערט לייענע־דיק דעם בריוו פון אַ מענטשן, וועמען זי קען בלויז דורך דעם, וואָס זיין פרוי געפינט זיך אין זעלביקן שפּיטאָל אַזוי האָפּענונגסלאָז קראַנק ווי איר מאַן. זי געדענקט אַפילו דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט אים דאָרט מיט אַ צייט צוריק באַגעגנט. דערזען האָט זי דעמאָלט פאַר זיך אַ צעוויטיקטן מענטשן, וואָס האָט מיט טרערן באַדויערט דעם גרויסן אומגליק מיט זיין געליבטער ווייב... און שוין אַזוי גיך האָט ער אַלץ פאַרגעסן ?!

פון טרעפן זיך מיט אים, ווי ער האָט געבעטן אין זיין בריוו, האָט בידי אַפילו נישט געטראַכט. זיין בריוו האָט זי צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. אָבער מאָדנע: די ווערטער, וואָס זי האָט פונעם בריוו אַרויס־

געלייענט, אַז זי זאָל זיך מיט אים באַגעגענען — דאָס איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון און האָט געצויגן און גענאָגט. און איצט, עטלעכע טעג שפּעטער, האָט זי טראַכטנדיק וועגן דעם בריוו זיך דערמאָנט, אַז טאָקע מאָרגן פאַרנאַכט וועט אָט־דער מאָרעי וואַרטן דאָרט אויף איר. מיט אָט־דער נאָגעניש איז זי קוים פאַרטאָג איינגעשלאָפן.

שפּעטער, ווען בידי האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט זי שוין געטראָפן איר סימאָר׳ן שפּילנדיק זיך ביי איר בעט. מיט מאַמעשער האַרציקער פרייד האָט זי דאָס קינד צו זיך אויפגעהויבן און לאַנג אים צום האַרצן געדריקט, ווי זי וואָלט מיט דעם געזוכט צו פאַרטרייבן פון זיך עטוואָס אַזוינס, וואָס שרעקט איר. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און איז אַרויס פון בעט. שפּעטער האָט זי דאָס פענצטער צע־עפנט. אַ מילדער פרילינג־ווינט האָט זיך פון גאַס געצויגן און צעבלאָזן אירע שוואַרצע נישט־פאַרקאַמטע האָר. האָט זי אויף גיך דאָס פענצטער צוגעמאַכט, דאָס קינד געוואַשן און עסן געגעבן, און זיך צעשמועסט מיט אים:

— סימאָלע, ווילסט היינט אפשר גיין צו דיין גרענדמאַ?

דאָס קינד האָט מיט פרייד געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און צוגעגעבן:

— קום שוין, מאַמי...

ער האָט זיך פונעם טיש אַ הויב געטאָן און דער מאַמע אָרומגענומען, זי זאָל אים טאָקע שוין נעמען צו זיין באָבע׳ן, וועלכע ער זעט לעצטנס אַזוי זעלטן. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און שמייכלענדיק פאַר־זיכערט:

— מיר׳ן גיין צו גרענדמאַ, מיר׳ן גיין שפּעטער אַ ווײַלע. פריער וויל מאַמי עסן, צוראַמען דיין בעטעלע, דיינע צאַצקעלעך פון דיל. דערנאָך דיך אויספּוצן אין נייעם מאַטראָסן־אַנצוגל און גיין מיט סימאָר׳ן צו גרענדמאַ.

דער קליינער סימאָר האָט זי באַטראַכט מיט אַן ערנסט פּנים, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, צי ער זאָל דאָס פרעגן:

— וועסט דאָרט ניט וויינען ווי אַלע מאָל, מאַמי?

ביי בידי׳ן האָבן זיך טרערן באַוויזן דערמאָנענדיק זיך, אַז יעדעס מאָל ווען זי קומט אַהין, צו איר קראַנקן מאַנ׳ס מוטער, מיט איר קינד, ווערט דאָרט אַ יללה און דאָס ווירקט שלעכט אויפן קינד, און דערפאַר טאָקע קומט זי אַהין לעצטנס מיטן קינד זעלטענער. זי האָט סימאָר׳ן

צו זיך אַ הויב געטאָן, באַדעקט זיין פּנים מיט הייסע קושן און האָט פאַרזיכערט דעם קינד:

— ניין, סימאַלע מיינס, ניין.

פאַרנאַכט־צו איז בידי שוין פאַרטיק געווען צו גיין באַגעגענען מאַרעי׳ן.

פון זינט בידי איז מיט עטלעכע שעה פריער געקומען פון איר מאַנ׳ס מוטער, וואו זי האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד מיט דעם אויסרייד, אַז איר שוועסטער פון ניו־דזשוירזי רופט איר, זי זאָל קומען אַהין, האָט איר אַ שווער געמיט באַגלייט מיט איר יעדן קער און באַריר. מיט אַ בלאַנקן מוח, וואָס האָט גאָרנישט ניט געטראַכט, האָט זי זיך מעכאַניש געוואַשן און אָנגעטאָן. נאָר ווען זי איז שוין אַ באַקליידעטע געשטאַנען פאַרן שפּיגל צו פאַררעכטן איר פריזור, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר קראַנקער מאַן, וויקטאָר, מיט וועמען זי שטייט אַ שמייכלענדיקע, אַ גליקלעכע צוזאַמען אויף אַ בילד אין אַ ראַמל אונטער דעם שפּיגל, קוקט זי נאָך מיט מאָדנע פרעגנדיקע אויגן: „פאַר וועמען פּוצט זי זיך עס?“ בידי האָט נישט אויסגעהאַלטן איר מאַנ׳ס בליק. אַ בלייכע, אַ פאַרשעמטע איז זי צום טיש צוגעפאַלן און איז אַזוי לאַנג געזעסן אַ פאַרצווייפלטע, מיטן קאָפּ אויף די הענט אָנגעשפּאַרט, און געטראַכט, אַז זי וועט נישט גיין — און פאַרטיק! אָבער באַלד האָט זי חרטה געקראָגן און באַשלאָסן, אַז זי דאַרף גיין ספּעציעל, כדי אים אויסצוזידלען פאַר זיין חוצפּה.

איצט, ווען בידי האָט זיך געלאָזן גיין, האָט זי מיט יעדן טראָט זיך איינגעחזר׳ט, ווי זי וועט אים באַגעגענען, דעם מאַרעי׳ן, און וואָס זי וועט אים אַריינזאָגן, אַז ער זאָל דערפילן איר ביטער האַרץ — און נאָכאַמאָל מער ניט שרייבן צו איר... און ס׳האָט איר איצט שוין פאַרדראָסן, וואָס זי האָט די צעריסענע שטיקלעך פון זיין בריוו אַרויסגעוואָרפן אין מיסט און נישט געהאַלטן גרייט אים צו וואַרפן אין פּנים אַריין...

ווען זי איז אָנגעקומען אויפן סקווער, האָט זי דאָרטן, ווי שטענדיק אין די שבת־פאַרנאַכטן, געטראָפן מאַסן מענטשן, וואָס האָבן זיך געאיילט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט ערגעץ צו פאַרזאַמען. מאַרעי האָט זי פון דערווייטנס דערקענט. ער איז צו איר שנעל צוגעקומען, זיך פאַרנייגט און לייכט איר האַנט געדריקט. בידי האָט קיין מוט נישט געהאַט אים שוין צו זאָגן דאָס, וואָס זי האָט זיך אויפן וועג איינגעחזר׳ט; געדאַכט האָט זיך איר גאָר, אַז זי זעט איצט פאַר זיך דעמזעלבן צעוויטיקטן

מענטשן, ווען זי האָט פריער באַגעגנט אין שפּיטאָל. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר, און זיי האָבן צוזאַמען אַוועקגעשפּאַצירט אין דערבייאיקן פּאַרק, שטילע, פאַרטראַכטע. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אייך גערופן, בידי, ווייל מיר איז שווער אויפן האַרצן. מיין הילדע איז שוין באַלד אַ יאָר האָפענונגסלאָז קראַנק, און זי דערקענט מיך מער ניט. אויסער איר האָב איך קיינעם ניט אויף דער וועלט...

בידי האָט אים שוין געוואָלט ענטפערן עפּעס פון דעם, וואָס ס'האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן אויפן האַרצן דורך דער צייט. אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיין הילדע איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. זי איז מיט מיר צוזאַמען געקומען ערשט מיט אַכצן חדשים צוריק פון די וועסט... זי איז דאָרטן געווען אַ לערערין פון ענגליש. זי איז געווען אַזאַ שיינע, אַ האַרציקע...

— און איצט, ווען אייער ווייב איז קראַנק, קאָנט איר שוין, הייסט עס, שרייבן בריוולעך? — האָט בידי אים מיט כעס איבערגעשלאָגן.

זי האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. זי האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט אַ בייזע, אַ צערייצטע און געטראַכט, אַז זי מוז שוין לויפן אַהיים און וויל מער קיין וואָרט ניט הערן...

מאָרעי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און ווען ער האָט זיינע אויגן צו איר אויפגעהויבן, האָט ער באַגעגנט אַ צעפּלאָמטן פּנים; די ליפּן האָבן ביי איר געציטערט, און די אויגן — גרינע, שטעכיקע, זיינען געווען פול מיט פאַראַכטונג צו אים. אַ צעטומלטער, האָט ער געזוכט זי צוריקהאַלטן און פאַרענטפערן זיך.

בידי האָט פון דער זייט באַמערקט אַ טרער אין זיין אויג און דערפילט רחמנות צו אים. איז זי געבליבן זיצן אַ שטילע און געטראַכט, אַז אָט־דער מענטש, וואָס זיצט איצט לעבן איר, איז אַ רעטעניש, וואָס ס'איז שווער פאַנאַנדערצוקלייבן: אָט רעדט ער מיט אַזאַ האַרציקייט פון זיין פרוי, און אין דער זעלבער צייט, ווען הילדע ליגט אַ קראַנקע, זוכט ער נייע באַקאַנטשאַפט.

— בידי, — האָט ער אירע געדאַנקען איבערגעשלאָגן, — איר זייט געוויס הונגעריק. דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ רעסטאָראַן. ווילט איר אַריינגיין אַהין?

זי האָט געשוויגן. געפילט האָט זי, אַז בעסער וואָלט געווען זיך גלייך געזעגענען און אַוועק אַהיים. ער האָט אָבער געקוקט אויף איר מיט אויגן, וואָס האָבן דערוועקט רחמנות און האָבן איר איינצייטיק

פאַרזיכערט, אַז זי מעג דעם מענטשן געטרויען. און ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין מיט אים, האָט אַ פרייד זיך גענומען שפרייטן אויף זיין בלאַסן לענגלעכן פנים. ער האָט זי אונטערן אָרעם גענומען און זיך געלאָזט מיט איר אין רעסטאָראַן.

זיצנדיק אין רעסטאָראַן מיט אים ביי אַן אָפּגעזונדערטן טישל, האָט בידי ווי איינגאַנצן פאַרגעסן איר שלעכטע מיינונג וועגן מאָרעי׳ן. זי האָט באַמערקט זיין פיינע באַנעמונג צו איר, זיך גוט צוגעקוקט צו זיין געשמאַק אין אָנטאָן זיך, און אַז ער איז בכלל אַן אנגענעמער מענטש, וואָס פאַרמאָגט דערצו אַ שיין־פאַרמירטן פנים מיט צוויי טיפע ווינקלען איבער זיין שטערן. שפעטער, ווען זיי האָבן זיך צערעדט וועגן וועלט־זאַכן, וועגן שרייבער, קינסטלער און זייערע שאַפונגען, האָט דער גע־שפרעך איר הנאה געטאָן און זי איז שוין געווען צופרידן, וואָס זי האָט זיך מיט אים געטראָפן. אָבער — וואָס ער וויל פון איר, האָט זי אַלץ נישט פאַרשטאַנען. האָט זי אים ענדלעך געפרעגט:

— וואָס איז, אייגנטלעך, געווען אייער צוועק צו רופן מיך אַהער דורך אַ בריוו? קענט איר מיר דערקלערן?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ווייל עס איז מיר שווער און איך פיל זיך איינזאַם אין אָט־דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים גוט באַטראַכט מיט אַ פּנים, ווי זי וואָלט אַלץ ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זי געפינט זיך דאָ מיט אים... זי האָט געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס האָט איר גראָד מיך אויסגעקליבן, מיך? ס׳פעלט מיר דען פרישע צרות?

זי האָט גערעדט און דערציילט פון איר שווערן לעבן, ווי זי מוז יעדן אינדערפרי איר קינד איבערלאָזן אין אַ דערבייאיקן קינדער־גאָרטן און לויפן צו דער אַרבעט; לויפן נאָך דער אַרבעט אָפּנעמען דאָס קינד; לויפן זען דעם קראַנקן מאַן. און אַ חוץ אַלעמען היטן איר גוטן נאָמען צווישן פרעמדע... ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָט זי זיך דערפילט לייכטער, און געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט פון אים דערוואַרט אַ טרייסט... איז ער געזעסן, מאָרעי, און זיך צוגעהערט מיט אַן אַרונטער־געלאָזטן קאָפּ און געפילט, ווי יעדער וואָרט וואָס זי האָט געזאָגט מאָנט ביי אים עפעס. האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געזאָגט:

— בידי, איך וויל ניט, אַז איר זאָלט שלעכטס דענקען וועגן מיר. איך בין נישט דער, וואָס זוכט פאַר אייך פרישע צרות. אָבער איך בין אַזוי עלנט ווי איר. דאָרט אין שפּיטאָל ביי אייער קראַנקן מאַן האָב

איך אייך באַגעגנט, אַ ליידנדיקע אַזוי ווי איך, האָב איך געפילט, ווי עפּעס וואָלט אונדז פאַרבונדן צווישן זיך...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. און בידי, וועלכע האָט איצט אויף אים אַנדערש געקוקט, האָט זיך גאָר נישט באַנוגנט מיט זיין ניט־קלאָרן ענטפער. שפּעטער, ווען ער האָט איר אָנגעבאָטן אַהיים אָפּצופירן, האָט זי האָפערדיק צוגעשטימט. נאָר ווען ער האָט ביי איר טיר זיך גיך אָפּגעזעגנט און זי איז געבליבן איינע אַליין, האָט אַ בענקעניש זי אַרומגעכאַפּט, און זי האָט זיך געפילט אַנטוישט...

.1951

שרעק

זאַמקין האָט נאָך דער אַרבעט מיט אַ שווערן געמיט פאַרלאָזן דעם קאַפעטעריע־רעסטאָראַן, וואו ער איז ערשט עטלעכע טעג געווען באַ־שעפטיקט אַלס קאַסירער. זיין געהאַלט אין דעם נייעם פּלאַץ איז געווען נעבעכדיק קליין. דער באַלעבאָס האָט זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ „באָס־באָי" און צו דעם אַלעמען איז ער אַפילו ניט זיכער מיט זיין דזשאַב, און קען יעדן טאָג אָפּגעזאָגט ווערן!...

זאַמקין האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס ער, ניט אַבי ווער, נאָר אַ דערפאַרענער פאַכמאַן, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען אָנגעשטעלט אַלס קאַסירער אין אַ באַרימטער בראָדווייער קאַפעטעריע, וואו ער איז געהאַלטן געוואָרן מיט כבוד און געקראָגן גאָר אַ פיינעם געהאַלט, דאַרף איצט ווערן אַזוי דערנידעריקט און אַרבעטן אין אַזאַ אומווירדיקן פּלאַץ! און אויב, חלילה, ער וועט פאַרלירן אָט־דעם בידנעם דזשאַב, איז וואָס וועט ער מיט זיין סערע, מיט זיין עליקס'ן, וואָס גייט אין קאָלעדזש, טאָן? ווידער מוזן לעבן פון זייער עלטערע טאָכטער עדנאַ'ס געהאַלט, וואָס זי באַקומט אַלס סקול־לערערין און ווי־דער זיך ווערגן מיט יעדן ביסן אין מויל.

ס'איז געווען אַ סוף־זומערדיקער פאַרנאַכט. די ניו־יאָרקער סאָבוועי־סטאַנציע, וואו זאַמקין איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ באַן, וואָס איז שוין געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פאַסאַזשירן, וועלכע האָבן נאָך אַ טאָג אָפּגעאַרבעטן אין שאַפּ אָדער אין אָפיס, זיך געאיילט וואָס גיכער אַהיים. און ווען די סאָבוועי־באַן איז אָנגעקומען און האָט צעעפנט אירע טירן, האָט די מענטשן־מאַסע ווילד־אומגעדולדיק זיך אַ לאָז געטאָן צו די אַריינגענג, זיך געשטופּט, געשטויסן איינער דעם צווייטן, ווי יעדער וואָלט אַ חוץ זיך אַליין מער קיינעם ניט באַמערקט.

זאַמקין האָט אינעם מענטשן־געווירבל פּלוצים דערפילט אַ שפּיציקן שטויס אין רוקן, אַז ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. און ווען ער האָט זיך געפּרואווט אָנכאַפּן אינעם שטאָלענעם הענטל איבער זיין קאָפּ, האָט דעמאָלט פּונקט די סאָבוועי־באַן זיך אַ קערעווע געטאָן און ער, זאַמקין, אַ שוואַך־מענטשל, איז ראַפּטאָם מיט זיינע צעשפּרייטע הענט

אַרויפגעפאַלן אויף אימעצן. אויף וועמען — האָט ער גלייך ניט באַ־מערקט, נאָר ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט זיך אַנטשולדיקט, האָט ער באַגעגנט אַ בייזן פּנים פון אַ פרוי, וואָס שטעכט אים אַדורך מיט אירע שפּיציקע אויגן — ווי גרייט אים אויסצופּאַטשן! אָבער אין אַ רגע אַרום האָט איר פּנים זיך אינגאַנצן געענדערט. מיט אַ צופרידן, קלינגענ־דיקן קול האָט זי צו אים געזאָגט:

— אַ, איר... איר פאָרט מסתמא יעדן פאַרנאַכט אין דער צייט...

זאַמקין האָט אויף דעם גאָר נישט ניט געענטפערט און לכתחילה אַפילו ניט באַגריפן וואָס די פרוי האָט צו אים געזאָגט. אָבער באַלד האָט יעדעס וואָרט אירס אים גענומען לעכערן זיין צעהיצטן מוח און ער האָט זיך געפרעגט: וואָס אייגנטלעך האָט די דאָזיקע פרוי געמיינט מיט די ווערטער „איר פאָרט מסתמא דאָ יעדן פאַרנאַכט"? פאַר וועלכן צוועק איז דאָס נויטיק פאַר איר צו וויסן? איז זי ניט אַמאָל אַ פּאָליציי־אַגענטקע, וואָס ווערט ספּעציעל געשיקט אין דער־אָ צייט, ווען די סאָבווײ־באַן איז אָנגעפּיקעוועט מיט מאַנצבילן און פרויען, כדי צו האָבן זינדיקע, און דערנאָך זיי ברענגען פאַר דער גערעכטיקייט?!

ווען ער האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, איז זיין פאַרדאַכט ווי באַשטעטיקט געוואָרן: ער האָט געזען פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטע יונגע פרוי, ווי זי קוקט כלומרשט אין איר צייטונג און שמייכלט דערביי מיט אַ צופרידענעם שמייכל ווי איבער אַ באַזיגטן. אים האָט זיך שוין געדאַכט, אַז זי היט אים, ער זאָל זיך ניט פּרוּווּון אַרויסדרייען פון אירע הענט, און ווי נאָר די טירן פונעם סאָבווײ־וואַגאָן וועלן זיך צעעפענען, וועט זי אים אָננעמען ביי דער האַנט און הייסן גיין...

אַ קאַלטער שווייס איז אים באַפאַלן און אונטערן לעפּעלע האָט ביי אים פּלוצלונג גענומען נאַגן בלויז פונעם געדאַנק, וואָס אַזאַ זאַך וואָלט געמיינט פאַר אים! ער האָט שוין איצט געטראַכט נאָר פונעם סקאַנדאַל וואָס וועט זיכער געשען, ווען ס׳וועט נאָכדעם צעפּויקט ווערן אין די צייטונגען אַז: „איינער, אַ מיסטער זאַמקין, אַ באַאַרנטער מענטש, אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער, איז פון אַ פּאָליציי־פרוי געפּאַקט געוואָרן ביים וואָרפן זיך אויף אַ פרוי און איז געבראַכט געוואָרן פאַר דער גערעכטי־קייט". אָט די נייעס וועט זיכער לייענען זיין שוואַכע קראַנקע סערע מיט די קינדער. די חרפּה וועט זיין גרויס. סערע׳ן וועט די נייעס קיין גוטס ניט טאָן. אויך די שכנ׳טע, די מיסעס קריפּ, וועט עס אַוודאי אויף איר שטייגער פאַר אַלעמען איבערדערציילן ווי אַ „סוד". אַלע וועלן טייטלען אויף אים מיט די פינגער און ער וועט ניט קענען זיין פּנים ווייזן פאַר מענטשן...

און וואָס וועט אויף דעם זאָגן דער נייער באַלעבאָס צו וועלכן ער, זאַמקין, איז אָנגעקומען אַרבעטן דורך אַ טובה פון אַ פריינט? ער וועט דאָך אים איצט אַפילו ניט וועלן אָנקוקן... און ווער וועט אים נאָך אַזאַ געשיכטע געבן אַרבעט? וועט ער קיין אַרבעט טאַקע מער ניט קריגן און וועט ווידער מוזן לעבן אויף דער טאָכטער׳ס פאַרדינסטן!

איצט, ווען זאַמקין איז געשטאַנען צונויפגעדריקט צווישן אַ רייע מיטפאָרער, האָט זיין שרעקנדיק האַרץ פלוצים גענומען באַוויינען זיין טאָכטער עדנאַ׳ס מזל: „שוין אַ מיידל אין די יאָרן, אַרבעט די טעג אין קלאַס־צימער און אין די אָוונטןביים קאָרעגירן העפטן, צוגרייטן נייע אַרבעטן, אַזוי פּטר׳ט זי, ערנאַ, איר יונג לעבן אָן פריינט און אָן פרייד". און וואָס וועט זיין — האָט ער זיך פלוצים געפרעגט — ווען א י ר ע באַלעבאָטים וועלן לייענען די נייעס וועגן איר טאַטן? וועט דען איר פּרינציפּאַל, דער מיסטער גאַיד, וואָס קוקט שוין אויף איר לאַנג קרום דערפאַר, וואָס זי האָט איר אייגענע מיינונג וועגן פאַרשיידענע פראַגן, ניט זוכן פּטור צו ווערן פון איר? און דאַמאָלט וואָס וועט זיין?

מיט שטאַרע אויגן האָט זאַמקין אַצינד אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע פון וואַגאָן. ער האָט געטראַכט, ווי אַלצדינג וואָס ער האָט דורך זיינע יאָרן אויפגעבויט, צעפאַלט זיך אַצינדערט ווי אַ קאָרטן־שטיבל, פּונקט ווי אַלץ וואָלט געהאַנגען בלויז אויף אַ האָר! ער האָט באַדויערט זיין היים, זיין שוואַכע קראַנקע פרוי, זיינע קינדער און זיך אַליין, וואָס איז קיין אַמעריקע געקומען ווען ער איז געווען יונג און שטאַרק. אַלע יאָרן האָט ער ערלעך פאַרדינט זיין ברויט. און איצט, צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש, וועט ער באַלד געשטעמפּלט ווערן פאַר דער וועלט פאַר אַ פאַרברעכער.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט האַס געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער פרוי וואָס זיצט אַנטקעגן אים און היט אים ווי אַ געפאַנגענעם. ער האָט באַמערקט איר שמייכל, וואָס האָט פאַר אים געהאַט דעם זעלבן אויסדרוק ווי פון אַ רויב־חיה, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געזען אין אַ שטייג. מיטאַמאָל האָט די סאָבוועי־באַן זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז געווען „זיין" סטאַנציע. די אומבאַקאַנטע פרוי האָט ווי אַ וואונק געטאָן צו אים. און ער, אַן אויפגעטרייסלטער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, איז ווי צו דער תליה נאָכגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

זיי האָבן אין דרויסן געשפּאַנט זייט־ביי־זייט. ער האָט מער גאָר ניט געטראַכט און ניט געפּרואווט זוכן קיין אויסוועג, ווייל דעם ענטפער האָט ער אַרויסגעלייענט פון איר שמייכל, וואָס האָט באַדייט: „עס וועט בע־

סער זיין, ווען דו וועסט עס דערציילן פאַרן ריכטער״! אָ, יאָ, ער ווייס דעם ענטפער.

נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער גאַס וואו ער וואוינט, האָט דאָס האַרץ ביי אים אויפסניי זיך אַ צאַפּל געטאָן: צו זי וועט פריער ניט פּרואוון זיך זען מיט זיין פאַמיליע און וואָרענען זי קעגן אים... און מיט יעדן טריט וואָס האָט אים דערנענטערט צו זיין וואוינונג האָט דאָס האַרץ אים שטאַרקער געקלאַפּט! און גאָר צום סוף, ווען זי, די אומבאַקאַנ־טע, האָט גענומען גיין אינעם קאָרידאָר, וואָס פירט צו זיין וואוינונג, האָט ער פון שרעק פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט בלויז מיט די אויגן געזען, ווי זי טאַנצט אַרויף אויף די טרעפּ ביזן ערשטן שטאָק און וואַרט דאָרט ביי אַ טיר פון אַ וואוינונג. ער האָט זיך קוים אַרויפגעשלעפּט און איז געשטאַנען פאַר איר אַ צעבראָכענער מענטש. זי האָט אויף גיך זיך געזעגנט מיט אים מיטן זעלביקן שמייכל:

— גריסט אייער עדנאַ, מיין חבר׳טע. אַ דאַנק!

אין אַ שווערן געמיט

דער דעצעמבער־טאָג, אַ פּראָסטיקער, אַ כמאַרנער, האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. אין מאַרקוס׳עס קליידער־שאַפּ האָבן די אַרבעטער שוין אומגעדולדיק געקוקט אויפן זייגער, זיך געפרייט וואָס די צייט רוקט זיך אַוועק און באַלד־באַלד וועט פאַרהילכן איבערן שאַפּ דער גע־וואונטשענער געפייף פונעם שאַפּ־טשערמאַן, וואָס זאָגט אָן, אַז דער אַרבעט־טאָג איז פאַרענדיקט. פרידע איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביי דער אַרבעט אַ שטילע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צו אירע נאָענטסטע שכנים. ראָוז און דזשעני, וואָס זיצן מיט איר צוזאַמען ביים „פיניש״־טישל שוין איבער אַ יאָר, און ווייסן וועגן איר, דער יונגער אלמנה, אַז זי לאָזט איבער איר קינד אויף פרעמדע הענט, האָבן זיך מיט די אויגן איבערגעפרעגט: „אפשר עפּעס מיט איר קינד?״ און געהויבן זייערע אַקסלען.

פרידע האָט אָבער ווי קיינעם ניט געזען און גאָרנישט ניט באַ־מערקט, ווי זי וואָלט זיך איצט געפונען ניט אין אַ טומלדיקן שאַפּ, וואו עס אַרבעטן אַרום הונדערט מענטשן, נאָר אין אַן איינזאַמער וועלט. ווען זי איז נעכטן, אַ בענקענדיקע נאָך איר קינד, נאָך דער אַרבעט גע־קומען אַהיים און איר בענעלע האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, פּונקט ווי זי וואָלט אים געווען אַ פרעמדע, איז זי דערנאָך פאַר צער אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. און איצט, ביי דער אַרבעט, איז זי געזעסן אַן אויסגעבלייכטע, מיט אויגן רויט פון נישט דערשלאָפן, און געטראַכט וועגן איר בענעלע, דעם פיר־יאָריקן יתום, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין טאַטן איין יאָר נאָך זיין געבורט און איז געבליבן אויף אירע הענט; זי האָט אים אויף קיין רגע פון אויג נישט אָפּגעלאָזט. איצט, ווען זי איז גע־צוואונגען צו גיין פאַרדינען, ווערט איר קינד, וואָס פאַרבלייבט אונטער מיסעס קופּער׳ס אויפזיכט, צו איר, דער מאַמע׳ן, מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָפּגעפרעמדט.

פרידע, וועלכע איז בטבע געווען אַ דאַנקבאַרער מענטש, האָט גע־פּרוווט די בייזע טראַכטענישן דערשטיקן אין זיך. זי האָט נישט געוואָגט פאַר אימעצן זיך באַקלאָגן אויף דער איידעלער פרוי, וואָס האָט

איר אַזוי געהאָלפֿן אין צייט פֿון נויט. ווען זי, פֿרידע, האָט זיך געמוזט אַרויסציִען פֿון איר פֿריערדיקער וואוינונג און קריגן אַ נייע היים, וואו איר קינד זאָל זיין געזיכערט דורכן טאָג, ווען זי איז ביי דער אַרבעט. די מרס. קופֿער, אַן עלנטע אלמנה, אַ פֿרעמדע צו איר, אָבער מיט אַ מענטשלעך האַרץ, האָט איר מיט איר קינד צו זיך אין שטוב אַריינ־גענומען, זיי אָפּגעגעבן איר שלאָף־צימער — אַ ליכטיקן, אַ לופֿטיקן, מיט פֿיינע מעבל, און זיי באַהאַנדלט ווי אַן אייגענע. אָבער וואָס קומט איר, דער מאַמע, אַרויס, אַז איר קינד...

זיצנדיק אַ פֿאַרזאָרגטע וועגן איר קינד, וואָס ווערט פֿון איר אָפּ־געפֿרעמדט, האָט פֿרידע זיך אַליין באַשולדיקט אין נאַכלעסיקייט און געטראַכט, ווי אומדערפֿאַרן און נאַריש זי איז ביז איצט געווען, זינט זי האָט זיך צו דער מרס. קופֿער אַריינגעצויגן און דערלויבט איר צו דערפֿירן צו אָט דעם, וואָס ס׳האָט פּאַסירט נעכטן ביינאַכט, ווען איר בענעלע, איר פֿלייש און בלוט, האָט זיך פֿון אירע הענט מיט געוואַלט אַרויסגעדרייט און איז אַוועקגעלאָפֿן צו דער „טאַנטע״ קופֿער, ווי דאָס קינד רופֿט זי. וואו איז זי, די מאַמע, ביז איצט געווען, וואָס האָט דערלויבט, אַז די פֿרעמדע מרס. קופֿער זאָל אַזוי בענעלע׳ן צוציִען צו זיך סיי ביים עסן, סיי ווען ער גייט שלאָפֿן? אַז זי, מרס. קופֿער, זאָל אים דערציילן מעשה׳לעך, און ניט די מאַמע? און פֿאַרוואָס איז זי, פֿרידע, ביז איצט אַזוי נאַריש געווען און דערלאָזן, אַז ווי נאָר איר בענעלע כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, זאָל ער אַוועקלויפֿן פֿון איר, דער מאַמע, צו „טאַנטע״ קופֿער?

אָבער נאָך אַ גאַנצן טאָג טראַכטן, האָט זי זיך אַלץ צו קיין זאַך נישט דערטראַכט. איז זי געבליבן זיצן אַ פֿאַרצווייפֿלטע און האָט באַ־דויערט איר ביטערן שיקזאַל, וואָס דער אומ׳רחמנות׳דיקער טויט האָט אַזוי פּריציייטיק אָפּגעשניטן דאָס יונגע לעבן פֿון איר געטרייען מאַן אייזיק, אָט־דעם איידעלן מענטשן, מיט וועמען זי האָט צוזאַמען שרעקלעך געליטן נאָך אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זי האָט מיט ציטער געטראַכט וועגן איר בענעלע, איר טרייסט אין לעבן, וואָס איז ביי איר פֿאַרבליבן פֿון איר און אייזיק׳ס, פֿוןביידנ׳ס משפּחות, וואָס זיינען דורך די נאַצי־מערדער אומגעבראַכט געוואָרן.

ווען דער אַרבעט־טאָג איז שוין געווען פֿאַרענדיקט און זי איז אַריינגעקומען אינעם פֿרויען־„דרעסינג־רום״ זיך איבערצוטאָן, האָט זי זיך אין שפּיגל דערזען מיט צעשויבערטע האָר, וואָס זיינען אין אומ־אָרדענונג געווען צעפֿאַלן איבער איר לענגלעך בלאַסן פּנים; מיט גרויסע, עטוואָס אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן. אַ שרעק איז איר באַפֿאַלן.

זי האָט לאַנגזאַם, מיט הענט וואָס האָבן געציטערט פון שוואַכקייט, אַרויסגענומען אַ קעמעלע פון איר האַנטבייטל, פאַרריכט אַ ביסל אירע האָר, און אַ פאַראומערטע פון בענקשאַפט און שרעק, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט, איז זי אַהיים געפאָרן.

דער סאָבוועי־וואַגאָן, וואָס האָט געפירט צו די בראָנקס, וואו פרידע האָט געוואוינט, איז געווען געפּאַקט מיט אַן אַרבעטער־עולם. אָבער איר האָט זיך געדאַכט, אַז איר איז ערגער פון אַט־די אַלע מענטשן, וואָס שטייען צונויפגעפּרעסט אַרום איר; אויף יעדנס פּנים האָט זי געזען פרייד, חשק וואָס גיכער אַהיים צו קומען צו מענטשן, וואָס דערוואַרטן זיי מיט אומגעדולד, צו באַגעגענען זיי מיט אָפענע אָרעמס, און פרייען זיך מיט זייער אַהיימקומען נאָך אַ לאַנגן טאָג פון אַרבעט אין שאַפּ. אָבער זי, פרידע? ווער וועט זיך דערפרייען מיט איר אַהיימקומען? איר אייגן קינד, נאָך וועמען זי גייט אויס אַ גאַנצן טאָג פון בענקעניש, איז איר פאַרפרעמדט געוואָרן, דרייט זיך אָוועק פון איר, דער פינצטערער מאַמע...

נאָר ווען פרידע איז אַהיימגעקומען, האָט אַ ליבלעכע וואַרעמקייט זי באַגעגנט באַלד ביי דער טיר: איר בענעלע, אָנגעטאָן אין אַ ריין־געפּרעסטן אָנצוגל, האָט זיך אויפן ריינעם דיל געשפּילט מיט בויען אַ שטיבעלע. ער האָט זיך תיכף ביי איר אַריינקום אַ הויב געטאָן פונעם דיל און זיך אַריינגעוואָרפן אין איר אָרעמס מיט אַ פרייד־געשריי: „מאַמי־מאַמי!״ ער האָט איר דערציילט אויף זיין קינדערשן לשון, אַז די טאַנטע קופער האָט אים היינט געגומען זען די מאַנקיס און די העל־פאַנטן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, און ער האָט געהאַט אַזויפיל „פאַן״, וואַרפנדיק ניסלעך אין דעם לאַנגן נאָז פון דעם גרויסן העלפאַנט... פרידע האָט מיט אַ פריידיק פּנים זיך צוגעהערט און זיך כלומר׳שט גע׳חידוש׳ט אויף זיין „העלדישקייט״. זי האָט אים די אויגן אויסגעקושט און באַטראַכט אין דער זעלבער צייט, ווי ציכטיק איר בענעלע זעט אויס. זי האָט אים דערנאָך אין די אויגן אַריינגעקוקט און געפרעגט:

— און מאָרגן, בענעלע, וואָס וועסטו טאָן? קענסטו זאָגן דער מאַמי?

בענעלע איז געבליבן פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דער־מאָנען. ער האָט געזאָגט:

— מאָרגן, מאַמי, מאָרגן זיך שליטלען אין פּאַרק — יאָ, מאַמי?

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיט דעם פאַרזיכערט, אַז ער נאַרט זי נישט אָפּ.

מרס. קופער איז מיט אַ צעפלאַמטן פּנים פון קיך אַריינגעקומען און פריינטלעך געזאָגט:

— איך האָב אים איינגערעדט צו שליטלען זיך מאָרגן. עס וועט אָבער פריער מוזן אָנפאַלן אַ שניי... — האָט זי לאַכנדיק פאַרענדיקט.

די שטימונג אין שטוב איז געווען אַ געהויבענע. אין אַ ווײַלע אַרום איז פרידע אַרויסגעקומען פון איר צימער אָן אויסגעפּוצטע, מיט אַ קאָפּ פאַרקאַמטע האָר, וואָס האָט זיך פיין קאָמבינירט צו איר צאַרט־אויס־געבלייכטן פּנים. זי האָט בענעלע׳ן פאַר דער האַנט גענומען און אונטערן קראַן זיינע הענטעלעך געוואַשן, די בלאַנדע הערעלעך אים צוגעקאַמט, און געזעצט זיך מיט אים צום געגרייטן טיש. ווען ס׳איז אָבער געקומען צום עסן, האָט בענעלע דאָס פּנים׳ל פאַרקרימט און געזאָגט:

— איך וויל „טאַנטע״ קופער, מאַמי!

ס׳בלוט האָט פרידע׳ן אין פּנים אַ זעץ געטאָן. זי האָט געפּרוווט צו בלייבן רואיק. זי האָט איבעריק געפּרוווט ווירקן אויף אים מיט גוטן, דערקלערנדיק אים, אַז די גוטע טאַנטע קופער איז איצט פאַרנומען מיט צוגרייטן עסן און געפינט זיך אין קיך. זי, די מאַמע, וועט אים געבן עסן, און אויב ער וויל וועט זי אים אויך אַ מעשה׳לע דערציילן, נאָך אַ שענערע פון דער טאַנטע קופער׳ס. ער איז אָבער געבליבן פאַר־עקשנ׳ט און האָט וויינענדיק געפּאָדערט:

— ניין, ניין, מאַמי! איך וויל טאַנטע קופער — מאַמי!

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן, אַז דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן, און זיך צעשריען:

— די מאַמי זאָגט, ועסט עסן מיט מיר — אַז ביט...

זי האָט זיך צעכליפּעט. בענעלע, אַ פאַרציטערטער, איז אַוועק־געלאָפן צו דער טאַנטע קופער, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען ביי די געוואַלדן. דאָס קינד האָט זיך איינגענורעט אין איר ברייטן פאַרטוך, וואָס זי האָט געטראָגן, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו באַשיצן פון דער מאַמי׳ס געשריי און געוויין. מרס. קופער האָט געפּרוווט באַרואיקן פרידע׳ן מיט אַ גוט וואָרט. אָבער פרידע האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט אויף ניין און האָט יאָמערדיק אַרויסגעפּלאַצט:

— איר נעמט אַוועק פון מיר מיין קינד! וואָס האָט איר צו מיין לעבן, וואָס?!

זי האָט כליפּענדיק געבראָכן מיט די הענט און געפּילט פּונקט ווי דעמאָלט, ווען איר יונגער געליבטער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן. זי האָט געוויינט אָן אויפהער ביז זי איז אַ מידע צו זיך אין צימער אַריין, און תיכף אויף צוריק זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— מאָרגן ציען מיר זיך אַרויס פון אייך, מרס. קופּער! גיט מיר די רעכענונג, וואָס איך קום אייך!...

זי האָט דאָס קינד צו זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט אים, אַ וויינענדיקן, אין צימער אַריין און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך...

אויף צו־מאָרגנס, איז פרידע אויפגעשטאַנען אַ באַרואיקטע, — אינגאַנצן אַן אַנדערע: זי האָט פאַרגעסן נעכטיקן שווערן געמיט, ווי מ'פאַרגעסט אַ בייזן חלום...

.1951

די שפּיציקע שער

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער רעגן ניט אויפגעהערט צו וואַשן די שויבן פון מיין פענצטער. אַ נישט־דערשלאָפענער, האָב איך מיטן שפּראָץ אויף טאָג זיך קוים אויפגעהויבן פון מיין געלעגער און בין אין גאַס אַרויס.

דער הימל האָט שוין געהאַט זיך אויסגעלייטערט. אין מזרח־זייט האָט שאַרייעט אויף טאָג. אַ מידער פון ניט־דערשלאָפן, האָב איך לאַנג געשפּאַנט דורך שטילע גאַסן, און צום סוף, ווען מיינע פיס זיינען שווער געוואָרן, האָב איך זיך פאַרנומען צום סענטראַל פּאַרק.

די פייגל אין פּאַרק זיינען שוין געווען וואַך. סוויסטשענדיק זיינען זיי פון ביימער געשפּרונגען און מיט זייערע שנעבעלעך געפּיקט דאָס גראָז. וועווערקעס זיינען פלינק און פריי אַרומגעשפּרונגען און געפונען זייער שפּייז.ביים ברעג טייך האָט אַ זשאַבע־משפּחה זיך פאַרקליבן אַרום די וואַסער־וואָרצלען, געצויגן חיונה און געקוואַקעט.

און איך?

מיט פאַמעלעכע טריט האָב איך געשפּאַנט, בעת דער מידער מוח האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פונעם טאָג וואָס האַלט זיך אין גרויען און פון דעם וואָס האָט מיך דערוואַרט...

די זון האָט צו־ביסלעך זיך גערוקט אויפן לויטער־בלויען הימל. יענעם פרימאָרגן האָב איך געהאַט אַ גלויבן, אַז היינט ווער איך אַ געהאָלפענער. בין איך מוטיק געשטאַנען אינעם געדראַנג צווישן די „דזשאָב“־זוכער, געטאַפּט יעדע ווילע מיין שניידער־שער אין בוזעם־קעשענע און ווי אַלע — געוואַרט אויף אַ „דזשאָב“.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן אין מאַי, און פּונקט אין דער צייט, ווען די באַלעבאַטים רופן די יוניאָן וועגן אַרבעטער. אָבער ווי אויף צו־להכעיס האָט דער טעלעפאָן פון יענער זייט פענצטערל איינגענומען אַ שטומעניש, אַזוי אַז מיין פריערדיקע זיכערקייט האָט מיט יעדער רגע וואָרטן גענומען אויסרינען. נאָר מיט אַמאָל דערהער איך אַ קול הינטער זיך. אימעצער האָט מיך גערופן ביים נאָמען. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען אַ מיטל־יאָריקן אַרבעטער, וואָס איך האָב אים געקענט בלויז אויפן פּנים. ער שטויסט זיך צו מיר אינעם געדרענג פון די אַרבעטלאָזע און רופט מיך.

געטראַכט האָב איך בעת מעשה, אַז אָט־דער, וואָס שטויסט זיך אַזוי צו מיר, מוז אַוואַדע זיין ערגעץ אַ שאַפּ־טשערמאַן, און דאָרטן אין שאַפּ פעלט אויס אַ באַלמעלאָכע, איז ער ספּעציעל אַהער געקומען, אין דער „לעיבאָר־ביוראָ", מיך רופן צו דער אַרבעט. פאַרוואָס גראַד מיך? — וועגן דעם האָב איך ניט געוואָלט טראַכטן. האָב איך זיך דורכגעשטופּט צו אים און זיך געלאָזט פירן פון אים אינעם ווינקל צום סאַמע עק דאָרטן.

דער מענטש האָט תיכף צעשפּיליעט דאָס שמאַטעדיק רעקל זיינס און מיט אַ האַנט וואָס האָט געציטערט, מיר אָנגעוויזן אויף זיין אויס־געריבענער בוזעם־קעשענע, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי שאַרפע שפּיצן פון אַ שניידער־שער. ער האָט געקוקט אַזוי קרענקלעך־בייז, אַז אַ פּחד איז מיך באַפאַלן, און ער האָט געזאָגט:

— איר זעט אָט־די שער, איר זעט? אָט מיט דעם מאַך איך באַלד אַ סוף פון אונדזערע „יוניע"־פירער!...

ער האָט געקוקט שפּיציק אויף מיר, אָט־דער קרענקלעכער מענטש, מיט אַ פּנים, ווי איך זאָל צווייפלען אין זיינע רייד. האָט ער אַרויס־געכאַפּט די בלאַנקע שער, געמיניעט מיט איר פאַר מיינע אויגן און נאָכאַנאַנד גערעדט:

— איר קענט דאָך מיך פאַר אַ שטילן מענטשן — יאָ, איר קענט מיך?! אָבער ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן — אַ סוף זאָל עס נעמען! אַזוי מוטשען — לאַנגע חדשים — איר הערט? חדשים מיך געלאָזט הונגערן! מיין בערעלע גייט נעבעך נאַקעט און באָרוועס... מיין לענד־לאָרד טרעט נישט אָפּ — אָט איז אַ וואָרנונג פון אים! מיין חנה ליידט פון אַסטמע — דאָקטוירים מיט מעדיצין — וואָס זאָל איך אייך דער־ציילן — הכלל, קוים געקראָגן אַ שטיקל דזשאָב, אַרבעט אָפּ אַ וואָך, צוויי וואָכן — איז דאָך גוט, האַ? — לאָזט מיר וויסן דער באַלעבאָס, אַז דער דזשאָב איז אויס! לויף איך דאָך באַלד אַהער, דערצייל דעם „יוניע"־פירער גרעמלין — אָבער וואָס?! ער לאָזט מיך קיין וואָרט נישט... — האַ?...

ער האָט גערעדט האַלבע ווערטער נאָכאַנאַנד־נאָכאַנאַנד, אַז כ'האָב אים קוים פאַרשטאַנען. ער האָט מיך צוגעהאַלטן פאַר די קליאַפּן, פּשוט געצוואונגען אים אויסצוהערן. צום סוף האָט ער זיך גאָר צעכליפּעט. און כליפּענדיק האָט ער אָנגעהויבן צו שפּרייזן מיט דער שער אין האַנט צום יוניאַן־פירער'ס אָפיס...

איך בין געבליבן געפּלעפט. וואָס, אַ שטייגער, הויבט מען דאָ אָן צו טאָן? און טאָמער, ווער ווייסט?... האָבן דאָך אָט־די אַלע אַרבעטלאָזע

געזען מיך צוזאַמען מיט אים! בין איך געשטאַנען אין געהאַקטע צרות׳ און זיך נישט גערירט פון אָרט. אָבער פאַרבלייבן צו לאַנג אויפן זעלביקן פּלאַץ האָב איך ניט געקאָנט: איך האָב זיך געשראָקן. פאַר שרעק האָט ס׳בלוט אין מיר געשטאָכן ווי מיט נאָדלען און דער קאָפּ האָט זיך געדרייט ווי אַ ווינט־מיל.

אין אָט־דעם צושטאַנד האָב איך מיט אַנגעשפּיצטע אויערן פּאַמעלעך זיך צוגעשאַרט צום יוניאָן־פּירער׳ס אָפיס. איך האָב מיין אויער צו־געשפּאַרט צו דער טיר, געטראַכט, אפשר גאָר אויפמאַכן די טיר, אפשר איז נאָך נישט צו־שפּעט... אָבער קיין שאָרך האָט מען נישט געהערט פון דאָרטן. אַפּנים, אַז דאָרטן פון יענער זייט טיר איז שוין געווען נאָך אַלעמען!...

איך בין געשטאַנען ביי דער טיר און האָב געציטערט. וואָס דזשאַב, ווען דזשאַב?! אין מויל איז ביטער געווען ווי גאַל. כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן: אפשר זיך גאָר אַרויסרוקן דורך דער הינטערשטער טיר און זאָל געשען וואָס ס׳וויל, מיין געוויסן איז ריין. נישט איך האָב דעם מענטשן עפּעס געזאָגט, איך ווייס אַפילו ניט זיין נאָמען! אַזוי האָב איך געפּרואווט זיך צו באַרואיקן און זיך אַ לאָז געטאָן צו די הינטערשטע טרעפּ.

— „האַלט!" — האָט עפּעס ווי אַ רוח געגוואַלדעוועט אין מיר און האָט מיך אַ טריט ניט געלאָזט טאָן. — „אָבער דער־אַ מענטש קאָן דיך יאָ" — האָט דער רוח גע׳טענה׳ט אין מיר — „ער האָט דיך גערופן ביים נאָמען, און אַלע־אַלע האָבן געהערט און געזען, ווי ער האָט דיך קוים דערטאַפּט און דיך פאַרן האַנט געשלעפּט צום סאַמע עק אין ווינקל דאָרט, און זיך גע׳סוד׳עט מיט דיר ווי מיט אַן אייגענעם. און געזען האָבן אַלע ווי ער איז תיכף פאַרשוואונדן צום יוניאָן־פּירער׳ס אָפיס מיט דער שאַרפער שער — יאָ?!"

אַצינד בין איך אַ געפאַנגענער! עפּעס מוז דאָך פאַרט געטאָן ווערן! אָבער אַליין עפענען די טיר דאָרטן, דאָס וועל איך נישט טאָן; ווייל טאָמער, חלילה וואָס, זאָל כאָטש נאָך איינער זען מיט זיינע אויגן, אַז איך האָב קיין חלק נישט אין דעם. אָט שטיי איך אַן אומשולדיקער!... אָבער וואו נעמט מען נאָך איינעם צו מיר? ווי אַזוי זאָל איך מיך פאַר־טרויען צו דערציילן עס? יענער מענטש וועט תיכף דערקענען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק! יענער וועט דאָך פרעגן: ווי קום איך צו דער טיר גראָד איצט? און בכלל...

מיין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט ווי אין פיבער. איינס בין איך ביי זיך געווען זיכער, איך וואָלט אַפילו געשוואוירן מיט וויפיל שבועות, אַז

עס אז שוין נאָך אַלעמען דאָרטן, פון יענער זייט טיר! וואָס מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין איז: וואו איז יענער מיט דער בלאַנקער שער אַהינגעקומען? איז מעגלעך, אַז מיט דער זעלבער שאַרפער שער האָט ער תיכף נאָכדעם צו זיך אַ סוף געמאַכט? — „יאָ, ס׳איז מעגלעך!״ — האָט דער רוח אין מיר באַשטעטיקט. טאַקע, צו וואָס נאָך ווערן געשלעפּט אין געריכט און זיצן פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס, פאַרשוואַרצן ס׳לעבן פון ווייב און קינדער? און דערנאָך?... און דערנאָך, אויפן בעסטן אופן — קומען צוריק אַהער צווישן אַרבעטלאָזע און אָנהויבן פון דאָס ניי... ס׳איז דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף! ווען ס׳איז דאָ אַ בלאַנקע שער... צוויי געשאַרפטע שפּיצן, אַז ס׳רייצט... ממש ס׳ציט!...

ס׳האַרץ האָט פּשוט געוויינט אויפן צער פון זיין קראַנקער חנה. וואָס וועט חנה טאָן אַצינדערט? דאָס אָרעם קינד, בערעלע נעבעך, אַ קליינס, אַ דאַרס, איז פאַר מיינע אויגן געשטאַנען. אַ ציטער איז דורך מיין לייב, קוקנדיק אויף זיי — אָרעמע, עלנטע.

איך האָב זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין ווי ס׳קומען צו מיר אַזעלכע געדאַנקען.

כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט פרישן מוט און אָנגעקלאַפּט אינעם יוניאָן־פּירער׳ס אָפיס־טיר. איך האָב געקלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער. מיט מיינעביידע פויסטן האָב איך געקלאַפּט! אָבער די אָפיס־טיר איז גע־בליבן פאַרהאַקט. אַ געדאַנק, גאָר אַ נייער געדאַנק, האָט אין מוח אויפ־געבליצט: דער מענטש האָט פון יענער זייט טיר אָפּגעטאָן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט — נאָך איידער כ׳האָב אוספּייעט זיך צו באַוויזן אַהער, איז ער שוין נישט געוואָרן! איי, שפּעטער? אַז מ׳וועט אים פּאַקן, וועט ער אָנווייזן אויף מיר! וואָס דען האָט ער מיך אַזוי נויטיק געדאַרפט? צו וואָס דען האָט ער אַזוי אימפּעטיק מיך אַוועקגעפירט פון די אַלע מענטשנ׳ס אויגן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל דאָרטן?

אַצינד איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן: דער חברה־מאַן, אָט־דער מיטן נעבעכדיקן פּנים, האָט פּשוט געזוכט אַ קרבן, אַ צודעק פאַר דעם בלוטיקן מאָרד וואָס ער האָט זיך געקליבן דורכצופירן. צום אומגליק האָט ער מיך געפּאַקט!

וואָס עפּעס מיך? וועגן דעם האָב איך דעמאָלט נישט געקאָנט טראַכטן. איך בין געווען אויפגעבראַכט און צעדרודערט; ס׳פּנים האָט מיר געפלאַמט פאַר בושה: סטייטש? וואו איז אַהינגעקומען מיין שכל? ווי לאָזט אַ דערוואַקסענער מענטש אַזוי מיאוס זיך אריינגנאַרן? וואָלט איך כאָטש פרעגן זיין נאָמען? „וואָס הייסט?״ — וועלן מענטשן דרייען

מיט דער נאָז — „דו קאָנסט אים גאָרניט? דערציייל עס דער באָבען! מיט אַ מענטשן, וואָס נישט מען קאָן אים, נישט מ׳ווייס אים, סוד׳עט מען זיך נישט, מ׳שפילט זיך ניט גלאַט אַזוי מיט שפּיציקע שערן!״ — און טאַקע, ווער וועט עס גלויבן, אַז יענע בלאַנקע שער איז נישט מיינע?

איך האָב זיך געכאַפּט ביי דער בוזעם־קעשענע. מיינע ציטערדיקע פינגער האָבן אָנגערירט מיין שניידער־שער ווי זי ליגט זיך אַ רואיקע, און תיכף האָט אין מיר אַלצדינג זיך אַ צאַפּל געטאָן אין פּראָטעסט: וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! ס׳איז עפּעס הפקר אַ וועלט? ווער וועט עס גלויבן אַזעלכע ווילדע בלבולים? אַט־די אַלע פון דאַנען קאָנען דאָך מיך נישט פון היינט. וועל איך פלוצים, פון דער הוילער הויט, נישט מיר, נישט דיר, הייסן אַ מענטשן אָן אַ פאַרוואָס, אַזוי פון פון תענוג וועגן?...

ווען איך האָב זיך ענדלעך באַרואיקט, איז מיין קאָפּ, אַ מידער, אַ שווערער, אַראָפּגעזונקען, און ס׳האַרץ ביי מיר איז אָנגעפילט געוואָרן מיט צער צו דעם אָרעמען פאַרצווייפלטן מענטשן, וואָס ליגט אַוואַדע שוין אַ טויטער פון יענער זייט טיר. מיינע אויגנדעקלעך האָבן פיבערדיק זיך באַוועגט, און מיינע שוואַכע פיס האָבן זיך געבויגן נידעריקער און נידעריקער. איין רגע מער — ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט מיט מיר דאָרט געשען!...

מיטאַמאָל האָט פּונקט נישט ווייט פון מיר אַ טיר זיך צעפּראַלט. איך האָב פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ. ערשט איצט האָב איך אָנטדעקט, אַז איך שטיי פאַר אַ וואַנט!...

מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָב איך מאָדנע געקוקט אויף דעם יוניאָן־פירער גרעמלין, ווי איידל ער באַגלייט אַרויס פון זיין אָפיס יענעם בייזן קרענקלעכן מענטשן, וואָס האָט אַצינדערט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש — מיט אַ פּנים וואָס האָט געשטראַלט פון נחת, מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל. נאָר תיכף, ווי נאָר די טיר הינטער אים האָט זיך פאַרקלאַפּט, איז דער שמייכל אַוועק, און אַ בייזער, אַ קרענקלעכער האָט ער ווידער זיך געווענדעט צו מיר:

— ער האָט דען מיך אַ וואָרט געלאָזט אויסריידן — דער־אַ?...

ער האָט זיך געריקט נעענטער און נעענטער צו מיר, אַט־דער מענטש. ער האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט געפּרואווט מיך ווידער צוהאַלטן ביי דער קליאַפּע, איך זאָל אים ווידער אויסהערן... דער עלעוויי̆טאָר איז אָנגעקומען און זיך צעעפנט. מיט אַ פאַרשעמטן פּנים האָב איך זיך פון יענעם אַרויסגעדרייט...

1948.

פאַרשפּילטע

דער וועג, וואָס האָט זישע׳ן געפירט צו זיין טאָכטער אין די בראָנקס, איז געווען אַ שווערער, אַ באַרג־אַרויפיקער. באַלד פון דער סאָבוועי־סטאַנציע האָבן די אַרומיקע גאַסן משופּע׳דיק זיך געצויגן העכער און העכער. און זישע, אַ מענטש שוין קרוב צו זעכציק, נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ, האָט איצט, אין זומערדיקן פאַרנאַכט, אַרויסשטייגנדיק אַ פאַר־שוויצטער פון אַ געפּאַקטער סאָבוועי־באַן, זיך קוים געהויבן איבער דער משופּע׳דיקער גאַס.

זישע האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער, אַ טאַטע, אַ זיידע, קומט אַזוי זעלטן צו זיין טאָכטער, צו זיין איינציק קינד. און זינט דער לעצ־טער צייט האָט ער געהאַלטן אין איין קלייבן זיך אַהין, — ניט אַזוי צו וויסן וואָס די טאָכטער טוט, ווי זיין עטל לעבט מיט איר דזשאָ׳ן, דעם „געמבּ־לער", אויך ניט אַפילו אָנצוקוקן עטל׳ס ניי־געבוירן קינד, וואָס ער, דער זיידע, האָט ניט געזען זינט דעם געבורט. ניין, ניט וועגן דעם האָט ער זיך אַהין געריסן. נאָר פּשוט וועגן זיך, וועגן זיינע אייגענע צרות האָט ער זיך געקליבן צו קומען. זישע האָט געזוכט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן דעם „מפטיר", ווי די שאַפּ־ברידער קיבעצן אים, וואָס ער, זישע, האָט געכאַפּט אויף די עלטערע יאָרן מיט דעם, וואָס ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ צווייטע ווייב. און פון זינט יענעם טאָג האַלטן זיינע שאַפּ־ברידער אין מאַכן חוזק פון אים.

לכתחילה האָט זישע גאָר אָנגעקוואָלן פון זיין צווייטער ווייב, סערע, און ווי ער האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט געהאַלטן אין איין דער־ציילן זיינע גליקן, וואָס גאָט האָט אים אויף דער עלטער צוגעשיקט. אָבער זינט דער לעצטער צייט האָט ער אויפגעהערט צו דערציילן, און די שאַפּ־ברידער אַפילו ניט געוואָלט ענטפערן מיט אַ וואָרט וועגן זיין סערע... ווייל צוביסלעך האָט ער אָנגעהויבן אַנטדעקן, אַז זיין סערע ליידט אויף פאַרשיידענע קראַנקהייטן מיט פאַרשיידענע נעמען, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהערט. און אַזוי צוביסלעך פאַרקרענקט זי זיין יעדן דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַרדינט, און זי האָט נאָך כסדר טענות צו אים: טאָמער, חלילה, העלפט ער אַרויס זיין אומגליקלעכער טאָכטער מיט אַ ביסל געלט ווי דאָס געלט וואָלט געווען אירס, איינגאַנצן אירס.

אַזוי האָט זישע זיך געקליבן צו דערציילן זיין טאַטער דאָס, וואָס אים דריקט אויפן האַרצן, ווייל נאָך אַלעמען, אַ חוץ דער טאַטער איז ער עלנט ווי אַ שטיין. און פאַר זיין טאַטער האָט ער אַלץ געטאָן, וואָס אַ טאַטע, אַ שווערער אַרבעטער ווי ער, קען נאָר טאָן. פון זינט זיין פייגל איז געשטאָרבן איז ער צום קינד געווען אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע. און ווען עטל האָט פאַרענדיקט די מיטלשול צו אַכצן יאָר און געוואָלט גיין אַרבעטן, האָט ער פאַר איר געקראָגן אַ פּלאַץ ביי זיין באַלעבאָס אין אָפּיס. עטל האָט פאַרדינט, איז געווען באַליבט, און ווען זי האָט זיך אויסגע־קליבן אַ מאַן, האָט דער טאַטע ווידער געהאָלפן מיט אַ חתונה, מיט אויסשטייער און מיט וואָס ער האָט געקאָנט. אָבער מיט אַ „גוטן מזל" האָט ער דער טאַטער ניט געקאָנט העלפן. געדאַכט האָט זיך, אַז דזשאָ, דער פראַנט מיט די פיינע מאַנירן, מיט זיינע שיינע בגדים, מיט זיין געקרויזט קאָפּ האָר, וועט זיין אַן אידעאַלער מאַן פאַר זיין עטל. אויסגע־לאָזט האָט זיך, אַז ס'איז בלויז אַ שיינע דעקאָראַציע. אַליין איז ער — אַ בייזער, אַ נערוועזער „געמבלער".

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָט דזשאָ זיך געסטאַרעט, זיך איינגעהאַלטן מיט אייזערנע צוואַנגען ניט צו „געמבלען", געבראַכט יעדע וואָך זיין פולע שכירות אַהיים. דזשאָ האָט מורא געהאַט פאַר זיין ווייב, וואָס איז געווען יונג און חנ'עוודיק און האָט געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט פון זיינע אַלע חברים, סיי מיט איר רונדן, ווייסן פּנים, מיט אירע כוואַליעדיקע בלאָנדע האָר, וואָס זיינען זיך צעפאַלן איבער איר נאַקן, און איבערהויפּט מיט אירע ליכטיקע גרינע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט פייער. עטל'ס אויגן האָבן דזשאָ'ן באַצויבערט און אויך געוואָרנט.

עטל האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף איר איינזאַמקייט. זי וויל בעסער צוריקגיין אַרבעטן. פאַר איר זיינען פּלוצלונג צו־ענג געוואָרן אירע צימערן, וואו זי איז איינגעשפּאַרט דעם גאַנצן טאָג. דזשאָ האָט עס צוגעהערט מיט אַ פינצטערן פּנים. ס'פאַרריסן נעזל האָט זיך ביי אים געקאָרטשעט אין פאַרדאַכט אויף איר. איצט, ווען מיט צען חדשים צו־ריק איז אַ קינד געקומען, און עטל איז געווען פאַרנומען פיר־און צוואַנ־ציק שעה אין מעת־לעת מיטן קינד, האָט די לאַגע ביי זיי זיך אינגאַנצן געענדערט: דזשאָ האָט אויפגעהערט אַהיימקומען מיט פולע שכירות, נאָכדעם פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע נעכט, און ווען ער איז פאַרטאָג אַהיימגעקומען אַ בייזער, אַ פאַרשפּילטער, האָט עטל געציטערט פאַר זיין בייזקייט און פאַר זיינע קלעפּ...

און עטל האָט דווקא איצט געוואָלט אים האָבן לעבן זיך אַ רואיקן, אַ געליבטן, ער זאָל זי באַהאַנדלען צערטלעך, ווי ער פלעגט עס תמיד

טאָן. פּלוצים האָט זי דערפילט, אַז זי האָט דזשאָ׳ן ליב, זי קען אָן אים ניט זיין. און ווען דזשאָ איז אַהיים ניט געקומען האָט זי געמיינט, אַז איר וועלט גייט אונטער. זי האָט געליטן און ניט דערציילט דעם טאַטן, זיך געקוועלט פון נויט און ניט געוואָלט פאַרשוואַרצן דזשאָ׳ס פּנים. ווען זי האָט צוליב דעם קינד זיך פאַרט געוויטיקט, האָט זי געמוזט אָנקומען צום טאַטן. דער טאַטע האָט געהאָלפן מיט וויפיל ער האָט געקאָנט. און, ווי דער אמת, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן צו קומען אַהין: דער שווערער באַרג־אַרויף, וואָס פאַרהאַקט אים דעם אָטעם און די קראַנקע ווייב מיט אירע כסדר׳דיקע טענות צו אים האָבן אים, דעם טאַטן, דערוויטערט. היינט האָט עטל אים אָנגעקלונגען אין שאַפּ, אַז ער מוז קומען. איז ער באַלד נאָך דער אַרבעט אַהין געגאַנגען, זיך געשלעפּט באַרג־אַרויף מיט אַ ביטער געמיט, און אַ מידער איז ער דאָרטן אַוועקגעפאַלן אויפן ערשטן בענקל.

עטל האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם קינד. אָן אומרואיקע האָט זי ס׳קינד אין אַ צווייטן צימער געלייגט שלאָפן. עטל האָט דערנאָך זיך געזעצט קעגנאיבער דעם טאַטן ביים טיש אַ שווייגנדיקע. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרצווייפלטע, האָט זי כלומרשט געבלעטערט אַ זשורנאַל, ווי זי וואָלט געפּרואווט מיט דעם איינצאַמען דעם שטראָם טרערן, וואָס האָט געשפּאַרט פון אירע אויגן. זישע האָט פון בענקל זיך געהויבן. ער האָט פּאַמעלעך, שטיל געטראָטן איבערן דיל ניט אויפצוואַועקן ס׳שלאָפענדיקע קינד אין צימער. ער האָט באַטראַכט יעדעס ווינקעלע. געדאַכט האָט זיך אים, אַז פון יעדן ווינקעלע שרייט אַרויס דער אומעט, דער הונגער... די אויסגעליידיקטע קיך מיטן ליידיקן איוון, אָן אַ סימן פון שפּייז, האָבן עדות געזאָגט. אויפן „דרעסער" האָט ער באַמערקט אַ וואָרנונג צו באַצאָלן באַלד דירה־געלט. זישע האָט געפרעגט:

— שוין לאַנג, אַז ער איז אַהיים ניט געקומען, דיין דזשאָ?

ער האָט גערעדט צו איר שטיל מיט אַ פאַרשטיקט קול, בעת ער האָט געקוקט אויף איר, וואָס זי הויבט ניט אויף פאַר׳עקשנ׳ט דעם קאָפּ פונעם זשורנאַל. און ווען זי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן איז עס געווען אַ טרויעריק געשטאַלט, וואָס איז קוים ענלעך געווען צו זיין בליענדיקער יונגער עטל. געזען האָט דער טאַטע אַ בלאַס פּנים, פול מיט קנייטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון אַרום די מויל־ווינקלען אַרויף ביז די טונקעלע ראַמען אונטער די אויגן. זי האָט געענטפערט:

— ער איז ניט געקומען דזשאָ, שוין דעם דריטן טאָג אַזוי — — — —

זי האָט באַגלייט די ווערטער מיט אַ ביטער געוויין, ווי מ׳באַוויינט אַ טויטן... אַ פאַרצווייפלטע, מיט פאַרבראָכענע הענט, האָט זי אָנגע־

הויבן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי. עטל האָט געפּרואווט ס׳קינד באַרואיקן און איז צוריק אַריינגעקומען צום טאַטן. זישע האָט זיך געכאַפּט ביי די קעשענעס איבערצולאָזן אַ ביסל געלט און אַוועקגיין. עטל האָט מיט עקשנות געזאָגט:

— ניין, פּאַ! איך וויל נעמען ס׳קינד און אַוועק. קען איך צו דיר גיין, פּאַ?

זישע האָט געשוויגן מיט אַ געבראָכן האַרץ. פאַר אַ ווייל האָט ווי אויפגעבליצט פאַר זיינע אויגן דער טאָכטער׳ס ביטער לעבן מיט איר מאַן, דעם „געמבלער"; פאַר אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט, אַז אייגנטלעך איז עס דער איינציקער אויסוועג פאַר דער טאָכטער צו פאַרלאָזן איר מאַן. מוז דען זיין יונגע טאָכטער צוליב איין טעות אָפּפינצטערן דאָס גאַנצע לעבן מיט אַן אומווירדיקן מענטשן, אַ געמבלער, וואָס פאַרשפּילט זיינע שכירות און לאָזט איבער זיין פלייש און בלוט אויף גאָט׳ס באַראָט? נאָר ווען זישע האָט זיך דערמאָנט אָן זיין סערע׳ן, האָט תיכף ביי אים דאָס בלוט גענומען גליווערן פאַר שרעק: „וואָס וועט סערע אויף דעם זאָגן? סערע איז ניט עטל׳ס מאַמע, נאָר אַ בייזע קראַנקע אידענע, וואָס איז צופעליק איצט זיין ווייב, און דערפאַר מיט כסדר׳דיקע טענות צו אים. ניין, סערע וועט עס קיינמאָל ניט דערלויבן".

ער האָט צו זיך געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, בעת ער האָט גע־צוקט מיט זיינע אַקסלען מיושב׳דיק, ווי ער וואָלט בעטנדיק געזוכט אַ וועג, אַז זיין טאָכטער זאָל אים פאַרשטיין, אַז וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים איז אוממעגלעך, ווייל זיין סערע וועט צו דעם ניט צושטימען. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער איז דאָך אַ טאַטע, ער וועט איר העלפן מיט מער וויפיל ער קען: ער וועט באַלד באַצאָלן דירה־געלט, צו דעם נאָך לאָזן עטלעכע דאָלאַר, יאָ...

עטל האָט באַמערקט, ווי דער טאַטע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און ווי ער כאַפּט זיך ווידער ביי די קעשענעס נאָך געלט. זי האָט אויך איג־סטינקטיוו דערפילט דאָס, וואָס ער טראַכט... אַ שרעק איז איר באַ־פאַלן: דער טאַטע זאָל איר איצט ניט לאָזן אַליין, איצט, ווען דזשאָ וועט צוריקקומען אַ בייזער, אַ פאַרשפּילטער... זי האָט מיט געבעט צום טאַטן געזאָגט:

— פּאַ! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן זיינע מחשבות, — ראַטעווע מיך, פּאַ! איך בין גרייט דיין ווייב צו באַדינען, אַ דינסט וועל איך זיין ביי איר! אָבער לאָז מיך דאָ ניט איבער מיטן גזלן... כ׳האָב מורא, פּאַ...

זי האָט זיך געטוליעט צום טאַטן פון שרעק. זי האָט אויף גיך אַנט־בלויזט אירע אָרעמס און אַנדערע טיילן פון איר קערפּער. זי האָט דעם טאַטן געוויזן בלויִקע סימנים פון ברוטאַלע קלעפּ, פון צייגער אין לייב. אַ ציטערדיקע האָט זי זיך צעשלוכטשעט. דער אַלטער טאַטע האָט מיט־געוויינט אויפן קול. און געדאַכט האָט זיך, אַז צוזאַמען מיט זיי וויינען מיט די ווענט אין שטוב, וויינען אויף ביידענ׳ס פאַרשפּילטע לעבנס.

— ווּעסט גייץ מיט מיר, טאָכטער, — האָט זישע אַנטשלאָסן גע־זאָגט, — נעם דאָס קינד און קום!

זי האָט דעם טאַטן אַרומגענומען און געקושט. זי האָט געפּרואווט אַריינגיין אין קינד׳ס צימער. די טיר האָט זיך געעפנט. דזשאָ מיט אַ פינצטערן פּנים איז אַריינגעקומען אַ בייזער, אַ צערייצטער. ער האָט געזשיפּעט צו זישע׳ן מיט גאַל:

— אַ־אַ, אַ גאַסט אין שטעטל, דער אַלטער תרח איז דאָ! זאָל ער שוין אַרויס פון דאַנען! — האָט ער באַפוילן.

זישע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עטל איז שטיין געבליבן אויפן שוועל פונעם קינד׳ס צימער. זי איז געשטאַנען מיט מורא, אַז אירע ציינער האָבן זיך געטרייסלט. געדאַכט האָט זיך איר, אַז באַלד וועט ער צו איר אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ, ווי ער טוט עס אַלעמאָל אין אַזאַ פאַל. דזשאָ האָט אָבער הכנעה׳דיק צו איר געזאָגט:

— עטל, טייערע, — איז ער פּלוצים צו איר צוגעפאַלן,— זיי מיר מוחל, טייערע. דו ווייסט ווי איך ליב דיך... כ׳וועל אַלץ גוטמאַכן. אָט האָב איך פאַר דיר דירה־געלט... מאָרגן קריג איך ווידער געלט. וועסט גיין צו „מעיסי׳ס" זיך אויסקלייבן די שענסטע קלייד, אַ־יאָ?

ער האָט געקושט אירע האָר, אירע פאַרוויינטע אויגן. מיט פאַר־שטיקטע טרערן, טרערן פון פרייד, וואָס איר דזשאָ איז געקומען צוריק צו איר ווי אַ געליבטער... זישע האָט געקוקט מיט זיינע אַלטע נאַרישע אויגן און זיך געפילט דאָ אַן איבעריקער... אומבאַמערקט האָט זישע זיך אַרויסגערוקט און צוגעמאַכט די טיר און זיך אַהיימגעלאָזט באַרג־אַראָפּ צו זיין סערע׳ן... זי קוקט אַוודאי אים אויס דעם גאַנצן אויפדערנאַכט, און וועט באַלד עפענען איר מויל מיט אירע טענות.

1947.

צעקריגט...

מירנע איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אַ ברוגז׳ע, צונויפגעקאָרטשעט אויפן קורצן שמאָלן דיוואַן, מיט פאַרוויינטע אויגן, צוליב איר קריג מיט דזשייק׳ן.

דער קריג צווישן דעם יונגן פּאָר־פאָלק איז פאָרגעקומען פאַרן שלאָפן־גיין, ווען דזשייק איז געזעסן ביי דער ראַדיאָ און דערביי געלייענט די נייעס פון זיין מאָרגנדיקער זונטיק־צייטונג. איז צו אים צוגעקומען מירנע אַ שמייכלדיקע, מיט אַ פּנים, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס באַדאַרפט אַנטשולדיקן, אים איבערגעשלאָגן דאָס לייענען:

— דזשייק, טייערער, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז מיין שוועסטער כאַיטשע מיט איר שלום׳ען, האָבן נאָך נעכטן אָנגעקלונגען... מאָרגן פאָרן מיר אַהין! הערסט וואָס איך רעד, דזשייק?

— געהערט, געהערט — האָט ער צוויי מאָל אומצופרידן איבערגע׳חזר׳ט. — אַט לויף איך שוין קיין בראָנזוויל זיי זען! איך האָב זיי בעסער ליב וואו זיי זיינען, מירנע.

אַן אומצופרידענער, סיי פון איר באַפעלנדיקן טאָן, סיי פון איר פאַרלאַנג, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער צייטונג. אָבער קיין וואָרט האָט ער פון דאָרט מער ניט געקאָנט אַרויסלייענען. זיין אַלטע אַנטיפּאַטיע צום שוואָגער און איר שוועסטער נאָך פון פאַר זיין חתונה מיט מירנע׳ן, האָט אויף ס׳ניי אויפגעוואַכט. דזשייק האָט נאָך ניט געהאַט פאַרגעסן, ווי כאַיטשע צוזאַמען מיט איר מאַן, אַליין קבצנים, וועלכע מוטשען זיך זייער גאַנצן לעבן אין אַ גראָשנדיקן קרעמל אין בראָנזוויל, איז ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט אים, און זיי האָבן געפּרואווט ניט דערלאָזן מירנע׳ן חתונה האָבן מיט אים — „דעם צעדרייטן אָפּערייטאָר", ווי זיי, די קרעמערלעך, האָבן אים באַטיטלט. און איצט, שוין פינף יאָר נאָך זייער חתונה, ווערט אָפּט זייער פאַרהייראַט לעבן געשטערט דורך אָט דער זעלבער כאַיטשע׳ן, וואָס פּרוווט לערנען מירנע׳ן ווי אָנצוגיין מיט׳ן מאַן.

אָבער מירנע איז פונדעסטוועגן ניט אָפּגעטראָטן פון דזשייק׳ן. זי האָט געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען, און מיטן

זעלבן שמייכל מיט וועלכן זי איז צו אים צוגעקומען, האָט זי זיך אָנ־גערופן:

— וואָסי, דזשייק... ביסט נאָך אַלץ ברוגז אויף מיין שוועסטער פּאַר — — —

דזשייק האָט איר ניט געלאָזט פאַרענדיקן. אָן אויפגערעגטער האָט ער געזאָגט:

— איך בין ניט ברוגז אויף קיינעם, מירנע. אָבער דו וועסט מיך ניט אַרומפירן, ווי מען פירט אַרום אַ בער! איך גיי נישט און אַ סוף!

ער האָט זיך איינגעגראָבן אינעם שטול, ווי ער וואָלט געזוכט צו באַפעסטיקן זיך, כדי קיינער זאָל אים מיט גוואַלד פון דאָרטן ניט אַוועק־נעמען און מיט הענט נערוועזע האָט ער ווידער גענומען די צייטונג, און מיט איר פאַרשטעלט דאָס פּנים וואָס האָט איצט פאַר אים אויסגעקוקט אינגאַנצן ווייס.

מירנע איז געווען דערשטוינט פון זיין מאָדנער אויפפירונג. זי האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס און ווי אַזוי זי זאָל איצט רעדן צו אים, אַז ער זאָל זי פאַרשטיין. האָט זי מיט אַ לייכטער האַנט פון אַ קראַנקן־שוועסטער באַרירט זיין צייטונג, פּאַמעלעך זי אַוועקגערוקט פון זיין פּנים און אָנגעהויבן פון דאָסניי:

— זע, דזשייק, מיין שוועסטער מיטן שוואָגער האָבן אונדז ביידן פאַרבעטן צו זיך אויף מאָרגן. איך האָב זיי דאָס צוגעזאָגט. זי איז דאָך מיין שוועסטער, באַרעכן זיך...

זי האָט פון צער מער ניט געקאָנט רעדן. ער האָט איר קאַלט געענט־פערט:

— נו? נעמט מען און מ׳פאָרט אַליין צו דער שוועסטער, וועמען דו האָסט צוגעזאָגט, און אַ סוף!

מירנע׳ס פּנים, וואָס האָט פריער אויסגעזען פריש און שמייכלדיק, האָט זיך מיטאַמאָל געביטן. זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסטן טאָן:

— אויב אַליין, דזשייק, וועט זיין אינגאַנצן אַליין! זאָלסט עס וויסן פון היינט־אָן!

זי האָט זיך אויף גיך אויסגעדרייט און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן ווייכן דיוואַן און האָט זיך צעוויינט, צוערשט אין דער שטיל, דערנאָך — העכער און העכער, און געדאַכט האָט זיך, אַז פון יעדן שטוב־ווינקעלע טראָגט זיך אַ געיאָמער, און אַזוי יאָמערדיק האָט זי געוואָרט און גע־האָפט, אַז ער, דזשייק, וועט דאָס מאָל ווי אין פריערדיקע ענלעכע פאַלן, קומען און בעטן ביי איר אַנטשולדיקונג. אָבער איר געוויין האָט אים דאָס מאָל ניט גערירט. פאַרקערט, ס׳האָט אים נאָך גערייצט וואָס זי באַנוצט

זיך מיט דעם באַנאַלן מיטל פון טרערן צו פאַרדעקן איר אומגערעכטיקייט. ער האָט געטראַכט פון זיין ביטערן מזל, וואָס סיי אין שאַפ וואו ער אַר־בעט, סיי אין זיין היים, ווערט ער געצוואונגען אויסצופאָלגן באַפעלן... ער האָט זיך ענדלעך אַ הויב געטאָן, אַ צאַרנדיקער אַריינגעשפּרייזט אין שלאָפצימער און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

מירנע האָט אויף אַ ווייל זיך איינגעשטילט, ווי איר מוח וואָלט פּלוצים פאַרטעמפּט געוואָרן און האָט זיך תיכף נאָך מער צעיאָמערט: איר מאַן, איר דזשייק, האָט זי געלאָזט אין אַזאַ צושטאַנד, און דערצו נאָך פאַרקלאַפּט פאַר איר די טיר — אַזוינס האָט קיינמאָל ביז איצט אין זייערע פינף יאָר צוזאַמענלעבן ניט פּאַסירט. דאָס האָט געעפנט ביי איר גאָר אַ נייעם קוואַל פון טרערן. אָבער ווען ער האָט זיך אַלץ ניט אָפּגע־רופן, איז זי ענדלעך מיד געוואָרן און אויפגעהערט וויינען. זי איז איצט געלעגן אַ מידע מיט אויסגעוויינטע אויגן און אַרויפגעקוקט צום ווייס־געפאַרבטן סופיט, ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט אַן ענטפער וואָרים עס האָט אַזוי פּאַסירט. אַ געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן, אַז ניט אַנדערש, ווי דאָ איז פאַרמישט עפּעס אַ צווייטע פרוי... איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן און איר מוח האָט געטראַכט און געניש‏טערט אַלע באַקאַנטע פרויען אין וועלכע פון זיי איר דזשייק האָט זיך געקאָנט פאַרליבן... ניין, זי האָט אַזאַ ניט געפונען.

האָט זי שוין רואיקער אָפּגעאָטעמט. מיטאַמאָל איז דזשייק געשטאַנען פאַר אירע אויגן אַ ריינער, אַ געטרייער — דאָס וואָס ער איז אַלעמאָל געווען צו איר און איצט, ווען זי האָט אין דער ליכט גענומען אַנאַליזירן וואָס עס איז געשען, האָט זי גענומען טראַכטן וועגן זיך... אפשר איז זי אַליין טאַקע שולדיק? פאַרוואָס האָט זי טאַקע צוגעזאָגט דער שוועסטער צו קומען מיט אים, ניט פרעגנדיק ביי אים און איז דערנאָך נאָך צו־געשטאַנען צו אים מיט טענות, אַז ער מוז מיט איר גיין? — — —

מירנע האָט לאַנג געטראַכט וועגן איר אייגענער האַנדלונג קעגן איר מאַן. אָבער דער קלאַפּ מיטן טיר האָט איר אַלץ געהילכט אין די אויערן. ווען זי איז איינגעשלאָפן, האָט זי געזען אַ שרעקלעכן חלום, ווי זי איז איינע אַליין אַ פאַרלאָזטע, אַ פאַרגעסענע. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פונעם שלאָף און געפילט אַ צעבראָכנקייט אין אירע אַלע אברים און אַ ביטער־קייט אין מויל. זי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און זיך צוגעהערט צו דער פוסטקייט, וואָס האָט זיך פונעם אַרום געשאַרט צו איר און זי געשראָקן.

דורך די פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַ ליכטיקער פרימאָרגן. דער זייגער האָט געוויזן האַלב נאָך ניין. מירנע האָט אויפגעהויבן די אויגן:

די טיר פונעם שלאָפצימער איז געווען צעעפנט. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ איז זי דעם שוועל אַריבערגעטראָטן און דזשייק׳ן ניט געטראָפן. ביידע בעטן — פאַרבעט נאָך פון נעכטן. בלויז איין ווינקל פון זיין בעט איז געווען איינגעקנייטשט, — אַ סימן, אַז אויך ער, דזשייק, איז די נאַכט ווייניק געשלאָפן... מיט אַ שווערן געמיט האָט זי אָפּגעזיפצט מיט אַ רחמנות־געפיל צו איר דזשייק׳ן, און מיט דעם זעלבן געפיל איז זי אַוועק צום פענצטער מיט איין באַגער — אויפצוזוכן דזשייק׳ן. ניין, ווי וועט אים קיין זאַך ניט דערמאָנען, ווי ס׳וואָלט גאָר ניט געשען! זי וועט בלויז בעטן ער זאָל אַריינקומען אין הויז, זי קען ניט זיין אַליין...

זי האָט צעעפנט דעם פענצטער. די פרישע מאָרגן־לופט האָט זי אָפּ־געפרישט. הויך אין הימל האָט פון מזרח־זייט געוואָרעמט די זון, באַ־לויכטן די שטילע זונטיקדיקע גאַס. מירנע האָט אויפן ווינקל פון גאַס באַמערקט דזשייק׳ן, ווי ער רעדט מיט אימעצן — יאָ, מיט דער שכנה, די רויט־האָריקע בערטאַ. מירנע איז געבליבן ווי צוגעשמידט צום פענצ־טער, שטאַר געקוקט פאַר זיך און גאָרניט געקאָנט זען. זי האָט בלויז געפילט ווי דער מוח הויבט זיך בײַ איר, און ווען זי האָט זיך פונעם פענצטער אויסגעדרייט — אַ דערשלאָגענע איז זי אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול און געטראַכט, אַז דאָס וואָס זי האָט איצט באַמערקט, איז דער שליסל צו דער נעכטיקער געשעעניש.

פאַר מירנע׳ן איז איצט קלאָר געוואָרן ניט בלויז די נעכטיקע פאַ־סירונג — ווי ער, איר מאַן, האָט זי איבערגעלאָזן אַ וויינענדיקע איינע אַליין אין צימער און פאַרקלאַפּט פאַר איר די טיר, נאָר זי האָט אָנגעה־הויבן פאַרשטיין אויך זיינע פריערדיקע באַנעמונגען. איצט האָט מירנע זיך דערמאָנט, ווי אָט די בערטאַ, איר שכנ׳טע, זינט זיי וואוינען אין דער גאַס, האָט פּלוצים זיך געגומען חבר׳ן מיט איר, קומען גאַנץ אָפט אין שטוב אַריין, כדי אויסצופיינען זיך; ווי אָפט זי רעדט פון מוזיק און פון שפּילן טעאַטער אין אַן אַמאַטאָרן־טרופּע. און דזשייק, ער ווערט פון איר באַצויבערט, שלינגט יעדעס וואָרט וואָס זי רעדט. אויפן געדאַנק איז איר איצט געקומען נאָך אַ געשעעניש פון אַנומעלטן, ווען זי מיט דזשייק׳ן האָבן שפּאַצירט, איז די רויט־האָריקע בערטאַ זיי אַנטקעגן געקומען אַ פאַרפּוצטע און גלייך זיך גענומען חנ׳דלען מיט איר אינטע־ליגענץ, און ווי דזשייק האָט זיך דאָס מיט איר אַרומגעכאַפּט, און זי, זיין אייגענע ווייב, אינגאַנצן איגנאָרירט...

זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן און גענומען אָנטאָן וואָס גיכער צו פאַר־לאָזן איר היים... נאָר ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך דערזען בײַם שפּיגל אינגאַנצן אַ צעקנייטשטע מיט אַן אויסגעבלייכטן פּנים און אויגן

מידע, פאַרביטערטע, — דאָס, וואָס זי׳ האָט גראָד איצט ניט געוואָלט האָבן. מירנע האָט דווקא געוואָלט אויסזען שיין, עלעגאַנט, פריש, פונקט ווי אין דער צייט ווען ער דזשייק האָט זיך פאַרליבט אין איר. האָט זי צוריק אויסגעטאָן דאָס קלייד, זיך גענומען וואַשן מיט קאַלט וואַסער און איז אַרויסגעקומען פון וואַשצימער אַן אַנדערע, אַן אָפּגעפרישטע.

זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל אַ צופרידענע פון איר איצטיקן אויסזען, זי האָט געקאַמט אירע טונקל־רויטע האָר, וואָס זיינען כוואַליעסווייז זיך צעפאַלן אַרום איר נאַקן. נאָכדעם האָט זי זיך צוגעפּאַסט אַ טונקל־באָרדאָ קלייד, וועלכע דזשייק האָט ליב אויף איר צום בעסטן. זי האָט כלומרשט זיך געאיילט אַוועקצוגיין און איז דאָך געשטאַנען און געוואַרט, ביז דזשייק איז געקומען אַ הונגעריקער, אַ ניט־דערשלאָפענער מיט אַן אויסגעמאַטערטן פּנים, אַז ביי איר האָט דאָס האַרץ אַזש פאַרקלעמט. דזשייק האָט זי פאַרוואונדערט באַטראַכט:

— וואָס... מירנע, גייסט טאַקע אַליין? און איך...

ער האָט מער גאָרניט גערעדט, ווי עפּעס וואָלט אים אָפּגעהאַלטן. מירנע האָט באַמערקט זיינע צוויי בליסטשענדיקע אויגן איבער דעם אויסגעבלייכטן פּנים און פאַרגעסן אין דער מינוט אַלע אירע טענות און קריוודעס...

.1949

בענקעניש

אין מיטן אַפּריל האָבן די קעלטן מיט די רעגנס, וואָס זיינען דורכן לאַנגן ווינטער דערגאַנגען די יאָרן, זיך גענומען איינשטילן. מיטאַמאָל איז געקומען דער ליבער פרילינג און באַצירט אין גרינס די הוילע נאַקעטע ביימער אויף די גאַסן און אין פּאַרק; אַ וואַרעמע ליכטיקע זון האָט באַשטראַלט און באַלויכטן די שמאָלע גאַסן, זיך דורכגעריסן דורך געדיכטע פאַרהאַנגען און געבראַכט פרייד אין די היימען. סימאָר, אַן עלנטער מענטש אין די פופציקער, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פריידיק געפיל, אַז היינט, אין אַ זוניקן טאָג, וועט ער, נאָך אַזוי פיל יאָרן, זיך ווידער באַגעגענען מיט דער רויט־האָריקער אַדעל — די וואונדערבאַרע מיידל, וועמען ער האָט אַמאָל באמת ליב געהאַט, און זי איז פאַרשוואונדן פון אים אַן אַ זיי־געזונט ערגעץ אין קאַליפאָרניע און אים געלאָזט אין אייבי־קער בענקעניש.

אַדעל'ן האָט סימאָר דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אינעם קליידער־שאַפּ, וואו ער האָט דעמאָלט — אין די יונגע יאָרן — געאַרבעט אינעם אָפּטיילונג וואָס שיקט אַרויס די באַשטעלונגען. זי, אַדעל, אַ יונג מיידל, מיט אַ קאָפּ רויטע געדיכטע האָר, וואָס האָבן באַ'חנ'ט איר צאַרט־אויסגעבלייכט פנים, האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אָפיס, וואו ער, סימאָר, האָט געדאַרפט אָפט קומען צו איר נאָך אינפאָרמאַציע. ער האָט באַוואונדערט די דאָזיקע שיינע מיידל און געפּרואווט מיט זיינע בחורישע מיטלען צו מאַכן אַן איינדרוק אויף איר.

אַדעל אָבער, האָט אים ניט דערמוטיקט. ניט ווייל ער איז איר ניט געווען געפעלן, נאָר פריער, — האָט זי גע'טענה'ט צו אים, — לערן זיך אויס עפּעס אַ „ריכטיקע" אַרבעט, וואָס דו זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר דעם „מאָרגנדיקן טאָג"... סימאָר האָט זי אָבער ניט אָפּגעלאָזן פונעם אויג: ער פלעגט קומען צו איר אַהיים, רעדן מיט איר, רעדן מיט אירע עלטערן. נאָר ווען ער האָט שוין געמיינט, אַז זיין מי איז ניט געווען אומזיסט, האָט אַדעל'ס משפחה צוזאַמען מיט איר פּלוצלונג פאַרלאָזן די שטאָט, זיך באַזעצט ערגעץ אין קאַליפאָרניע און ער האָט מער פון זיי ניט געהערט.

סימאָר האָט אַדעל'ן ניט געקאָנט פאַרגעסן. אַ לאַנגע צייט נאָך איר

פאַרשווינדן האָט ער מיט קיין אַנדערער זיך ניט געוואָלט פאַרבינדן. גע־טראַכט האָט סימאַר, אַז ער וועט טאַקע פּרוּוון אויסזוכן אַ בעסער־באַ־צאָלטע אַרבעט, ער וועט זען אָפּצושפּאָרן אויף רייזע־הוצאות, אַוועקפאָרן אַהין וואו אַדעל איז... ער וועט זי שוין אויפזוכן און רעדן צו איר... נאָר ווען ס׳איז געקומען די שוואַרץ־חנ׳עוודיקע פאַניע, אַ מיידל אַן עלנטע, פונקט ווי ער איז און וועלכע איז שוין מיד געוואָרן סיי פון איר שאַפּ־לעבן, סיי פון איר איינזאַמקייט, און זי האָט דערזען פאַר זיך אַן אָרענטלעכן שיינעם בחור, וואָס פאַרדינט אַפילו ווינציק, — אָבער וואו איז זי? וועט זי אים אַרויסהעלפן! — און סימאַר, וועלכער איז שוין מיד געווען פון בענקעניש, האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט גענומען, און סיי ער, סיי זי האָבן אויסגעפונען, אַז ביידע האָבן זיך גענאַרט. סימאַר האָט אַדעל׳ן ניט געקאָנט פאַרגעסן, און איצט נאָך מער געטראַכט פון איר סיי ביי דער אַרבעט, סיי דורך די נעכט. און פאַניע האָט איינגעזען, אַז זייער פאַרבינדונג האָט זי ניט באַ־פרייט ניט פון איר שאַפּ־לעבן און ניט פון איר איינזאַמקייט... די ערשטע צייט נאָך זייער חתונה האָט זי געטראַכט, אַז די סיבה וואָס סימאַר זוכט זי אויסצומיידן איז דאָס, וואָס ער ליידט אַוודאי, וואָס זי מוז אַרויסהעלפן מיט אירע פאַרדינסטן, ס׳שטייט אים ניט אָן! נאָר ווען עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים אָן ענדערונג, האָט פאַניע נאָך פיל טענות אים איינפאַך דערקלערט:

— ס׳וועט שוין נעמען אַן עק, סימאַר. מער קענען מיר ניט וואוינען צוזאַמען, איינער פון אונדז מוז אָפּטרעטן!

איז סימאַר אַוועק. מיט קיין אַנדערע האָט ער זיך מער קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרבינדן און קיינער האָט אים מער ניט געשטערט צו פירן זיין איינזאַם לעבן. אָבער נעכטן, ווען ער האָט זיך דורך אַ צופאַל דערוואוסט, אַז אַדעל איז געקומען פון קאַליפאָרניע און וואָלט אים גערן זען, האָט די בענקעניש נאָך איר צוריק אויפגעלעבט און אים שוין ניט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע.

פונקט ווי אַמאָל איז זי, אַדעל, געשטאַנען פאַר אים אין זיין זכרון אַ יונגע, אַ שלאַנקע, מיט אַ קאָפּ געקרויזטע רויטע האָר, וואָס באַ׳חנ׳ט איר שיין צאַרט פּנים, נאָר דאָס מאָל, האָט זיך אים געדאַכט, קוקט זי אויף אים אַנדערש, מיט אויגן וואָס דריקן אויס חרטה פאַר איר פאַרשווינדן פון אים אַזוי פּלוצלינג. דערפאַר טאַקע, — האָט זיך אים געוואָלט גלויבן, — איז זי געקומען פון אַזוי ווייט, כדי אים דאָס צו זאָגן. און אפשר פאַרריכטן איר טעות, ווער ווייסט?

אַזוי האָט סימאַר געטראַכט, זינט ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זי איז

געקומען פון אַזוי ווייט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן און ווען דער מאָרגן, אַ זוניקער, אַ וואַרעמער, איז געקומען, האָט ער דורכן פענצטער באַגריסט די ליכטיקע פרילינג־זון. אין אַ געהויבענער שטימונג איז ער פלינק, בחוריש, פונעם בעט אַרונטער אינעם וואַש־צימער אַריין און זיך גענומען ראַזירן.

ער האָט זיך פאָרזיכטיק ראַזירט די הויט, איינמאָל און נאָכאַמאָל, ניט חלילה, איבערצולאָזן דאָרט ערגעץ אַ סימן פון האָר. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אַ צופרידענער, מיט אַ געזאַנג, זיך געשטעלט אונטער דעם שפריץ און געפּרוווט איבערשטייגן דעם שטאַרקן וואַסער־גערויש פונעם שפריץ. אַביסל שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעטאָן זיין בעסטן אָנצוג, האָט ער לאַנג געטראַכט וועלכן קראַוואַט אָנצוטאָן, וואָס וועט שענער האַרמאָנירן מיט זיין בלוילעכן אָנצוג...

נאָך אַ לאַנגן ישוב מיט זיך, האָט סימאָר אויסגעקליבן אַ גרויען קראַוואַט. און ווען ער האָט אים אויסגעבונדן, האָט דער שפּיגל קעגן אים געוויזן, אַז דער גרויער קראַוואַט האַרמאָנירט שוין צופיל מיט זיין צעצויגענער גרויער הויט אויף די באַקן. סימאָר האָט דעם גרויען קראַוואַט גלייך פאַרביטן אויף אַ בלויען, אָבער דער שפּיגל האָט פון אים ווידער געחוזק'ט, וואָס ער האָט זיין פּנים פאַרבלויט און פאַרטונקלט און סימאָר האָט מיט רוגזה אים אַרונטערגעריסן פון האַלדז.

אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד איז סימאָר איצט געשטאַנען פאַר דעם שפּיגל און זיך אַליין באַטראַכט: דערזען האָט ער אַן עלטערן אָפּגעלעבטן מענטשן, מיט אַ פּנים אַ צעאַקערטן, אַן אויפגעבלאָזענעם, אַז ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פון שרעק. ער האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק, און ווי צום ערשטן מאָל געכאַפּט אַ בליק אויף זיין צעיוירענעם גוף מיט די קרומע פיס און געטראַכט בעת מעשה: אָט דער אַלטער, אָפּגעלעבטער מענטש קלייבט זיך עס איצט און פּוצט זיך צו טרעפן זיך מיט אַ יונגער שיינער אַדעל? ווען ער וועט זיך פיין אויספּוצן און קומען צו איר, קען ער דען איר געפעלן?

ער האָט ביטער געשמייכלט איבער זיך אַליין. ווען ער האָט זיך ווידער אַריינגעקוקט אין שפּיגל, האָט ער דאָרטן דערזען אַ מיטליאָריקע דיקלעכע פרוי, וואָס האָט אים אויסגעזען עטוואָס באַקאַנט. ער האָט באַטראַכט אירע אָפּגעבליאַקעוועטע רויטע האָר, געמישט אין גרוי, מיט אַ פעטן פּנים, וואו טיפע קנייטשן ציען זיך פונעם מויל־ווינקל ביז צו די היפּשע בלוילעכע זעקעלעך אונטער די אויגן, וואָס קוקן אויף אים אַזוי מאָדנע... אָט האָט זי זיך, דאַכט זיך, דערנענטערט צו אים און מיט אַ שמייכל זיך פאָרגעשטעלט: דאָס בין איך, אַדעל...

דאָס בילד איז פֿאַרשוואונדן. און סימאַר, אַן אַנטוישטער, האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אין דער זוניקער גאַס אַרויס. אַ פֿאַרטראַכטער האָט ער זיך געלאָזט אין פּאַרק, וואו דער פרילינג האָט ווידער געהערשט. ער איז פֿאַרביי אַ שפּיל־פּלאַץ פֿאַר קינדער, געהערט זייער פריידיק געלעכטער און איז פון דאָרט אַוועק צו דעם שפּיגלדיקן „לעיק", וואו די וואַסערן האָבן זיך געבלויט אונטער דער ליכטיקער פרילינג־זון.

אַרום דעם לעיק האָבן קינדערלעך געשטיפט און זיך געשפּילט. און ער, סימאַר, האָט אויף אַ באַנק זיך צוגעזעצט און געטראַכט פון יענער וואונדערבאַרער יונגער שיינער אַדעל, וועלכע איז פון אים אַן אַ זיי־געזונט פֿאַרשוואונדן — איצט שוין אויף אייביק...

1952.

באַגינען *)

(איין אַקט אין צוויי בילדער)

פּערזאָנען (אַרבעטער פון שוואַרצמאַנ׳ס שאַפּ):

הירשקע

„בייבי" גאַרבאַר

איסראַקע „שמש"

דער אַלטער שכנא

זעליג, דער שאַפּ־טשערמאַן

ראַכמיעל, דער שאַפּ־פּעדלער

מיכליע, זיין ווייב

(די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ דעצעמבער פרימאָרגן, 1910. דאָס ערשטע בילד: אין אַ טונקעלן קאָרידאָר פון שוואַרצמאַנ׳ס שאַפּ. דאָס צווייטע בילד: ביים פּעדלער ראַכמיעל אין שטוב.)

*) דראַמאַטיזירט פון אַ דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען.

באַגינען

(איין אַקט אין צוויי בילדער)

ערשט בילד:

די בינע שטעלט פאָר אַ טונקעלן קאָרידאָר פון אַ סוועט־שאַפּ אין אַ דעצעמבער־פרימאָרגן, ווען די אַרבעטער קומען צו דער אַרבעט. אין הינטערגרונט זעט זיך אַ פענצטער מיט בלינדע, לויזע שויבן, וואָס טרייסלען זיך איצט פונעם ווינט און רעגן. אויף דער (פאָרגרעסערטער) שאַפּ־טיר, לינקס, הענגט אַ שלאָס.

ווען די סצענע עפנט זיך, דערזעט מען דעם אַלטן פרעסער שכנא, אַ פרומער איד מיט אַ גראָלעכע באָרד, וואָרעם אָנגעטאָן; ער האַלט־צו זיין בלעכענעם קלומעק מיטן אָנבייסן. ער קוקט כמורנע אויפן הענגענדיקן שלאָס און בורטשעט אין באָרד אַריין. נעבן אים שטייט דער יוגנטלעכער עלעגאַנטער בחור, „בייבי" גאַרבאַר, מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל; וואוילינגעריש דרייט ער זיך אויפן קאָרעק, ווי ער וואָלט עפּעס אויסטאַנצן.

דער אַלטער שכנא (בורטשענדיק): **געהערט? שוין דאַכט זיך נאָך חנוכה, און ס'האַלט אין רעגענען ווי נאָך פּסח. אָט האָסטו דיר, אַמעריקע!**

„בייבי" גאַרבאַר (שקאָצעוואַטע): **ס'וועט נאָך זיין „פּלענטי" פרעסט, ר' שכנא! ניט געזאָרגט. דערווייל, אין שוואַרצמאַנ'ס שאַפּ, ביים ביגל־ברעט, רעגנט נאָך ברוך־השם ניט!**

דער אַלטער שכנא (מיט פאַרדרוס): **וואָלט ער שוין אַמאָל געקומען עפענען דעם שאַפּ, דער באַלעבאָס! ס'איז דאָ קאַלט און נאַס ווי אין קבר.**

„בייבי" גאַרבאַר (גאַנץ ערנסט): **הלוואַי קומט ער ניט, וועלן מיר גיין אַהיים. וואָס דענקט איר, ר' שכנא?**

דער אַלטער שכנא (אָנגעצויגן): **דיר, באָיעלע, איז גרינג צו זאָגן, גיין אַהיים! ביי דיר ליגט ניט אַ ווייב מיט געשוואָלענע פיס און פאַרקרעכצט דיר דעם קאָפּ, ווי מיר, באָיטשיקל!**

(מ'הערט אַ גערודער: די אַרבעטער, הירשקע מיט איסראָקע „שמש", קומען אַריין אין קאָרידאָר. הירשקע, אַ יונגער קרעפטיקער יונגערמאַן אין די אָנהויב דרייסיקער, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זיין מאַנטל, אַ קעפקע פאַררוקט איבער האַלבן שטערן. איסראָקע „שמש", אין די זעלביקע יאָרן, אַ באַבערדלטער

יונגערמאַנטשיק, שאַקלט בעת מעשה אָפּ ס'רעגנוואַסער פון זיין שוואַרצן קאַפּעליוש. הירשקע זעצט פאַר דעם געשפּרעך מיט אים.)

הירשקע (רעדט מיט אַ פעסטן קול) **אַזוי, איסראַקע, ביסט עס, ביסט פּרייטיק געווען אין שאָפּ? וואָס, אַ שטייגער, האָט עפּעס דער באַלעבאָס געזאָגט?**

איסראַקע „שמש" (פאַרביטערט): **הלוואי דערלעבט ער מער ניט צו זאָגן, דער כלב!**

הירשקע (דערשוינט): **אַזוי גאָר?**

דער אַלטער שכנא: וואָס טויג מיר די אַלע רייד? דער עיקר: באַנדלעך אַרבעט איז עפּעס אַריינגעקומען, איסראַקע?

איסראַקע „שמש" (דרייט זיך אויס מיט כעס): **אַז כ'האָב אים אין דער אדמה מיט די „באַנדלס", איז גוט?!**

„בייבי" גאַרבאַר (פאַרחידושט, נעמט אים אַרום די אַקסלען): **וואָס איז געשען צווישן דיר און דעם באַלעבאָס? דו, איסראַקע, דו?**

איסראַקע „שמש" (ער צעגעמט די הענט און טענה'ט פאַר־ביטערט): **איך זאָג אייך, עד כאן געווען אַ שמש! געגוג! מיט מיר האָט ער פאַרשטעקט אַלע לעכער, דער כלב! געלאָפן פאַר אים מיט אַלע שליחות אַהין און אַהער! דאָ איז מיר שוואַרצמאַן מכבד, אים העלפן צונויפבינדן באַנדלס פאַרטיקע אַרבעט פאַרן „עקספּרעסמאַן"; דאָ, אָפּ־טראָגן אַ ספּעציעלע שטיקל אַרבעט צום מאַנופעקטשורער! אַנומלטן, ווען די סוירטש־מאַשין איז פּלוצלונג קאַליע געוואָרן, האָב איך עס, אויף מיין קאַרק, באַדאַרפט אַוועקטראָגן, גאַסן ווייט, צום מעכאַניקער פאַרריכטן! און ווען איך קום צו שוואַרצמאַנ'ען נאָך אַ טובה, ניט קיין הלוואה חלילה, נאָר גוט זאָגן פאַר מיר אין באַנק, אַ שיפסקאַרטע פאַר מיין שרה'לען, וואָס פאַרוואַרפט מיר שוין צוויי יאָר מיט בריוו, אַז ס'צעגעמט דאָס האַרץ** (רעדט מיט צער), **האָט שוואַרצמאַן „ניט קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכן"! געזעסן דאַרט מיט זיין טראַיקע און זיך גע'סוד'עט, דער כלב.**

הירשקע (גיט זיך אַ כאַפּ, ציטערט אויף): **וואָס זאָגסטו, וואָס? די טראַיקע האָט זיך דאַרט גע'סוד'עט מיט אים, זאָגסטו? וואָס?**

„בייבי" גאַרבאַר (נייגעריק): **האָסטו אים געפרעגט, דעם באַלעבאָס, צי מען אַרבעט היינט, איסראַקע?**

איסראַקע „שמש": איך האָב געפרעגט, וואָדען?

הירשקע: אַזוי, האָסט געפרעגט! (ער באַטאַפּט דעם הענגענ־דיקן שלאָס, גיט אים אַ ריס ברומענדיק.)

הירשקע (צום הענגענדיקן שלאָס): ווער פאַרסאַרפּעט מיטן באַלעבאָס! געהייסן די פערד קומען באַגינען, און אַליין כאַליעט ער, צו אַלדי כאַליערעס!

דער אַלטער שכנא (פּרוּווט אים באַרואיקן): ער וועט מסתמא באַלד אָנקומען, דער פריץ. ס'איז נאָך פרי. דרויסן מבול'ט.

„ביבי" גאַרבאַר (מיט חוזק): פּונוואַנען, ר' שכנא, זענט איר עס אַזוי זיכער, אַז דער באַלעבאָס וועט באַלד קומען עפענען דעם שאַפּ? דער שאַפּ־טשערמאַן זעליג איז ניט געקומען, און די „טראַיקע" אויך ניט, איז אפשר אַרבעט מען גאָר ניט היינט?

איסראַקע (מיט אַ זיכערן טאָן): מע אַרבעט! מע אַרבעט! דאָס האָט ער מיר בפירוש געזאָגט, אַז מע אַרבעט.

„ביבי" גאַרבאַר (צעלאַכט זיך קלינגענדיק): כאַ־כאַ־כאַ — עפּעס אַ קליניקייט! דער גרויסער באַלעבאָס פון פּעלעם שטראַסע, מיסטער אייטש דאַבליו שוואַרצמאַן, האָט בפירוש געזאָגט — כאַ־כאַ־כאַ — ס'ערשטע מאָל וואָס ער בלאָפט!

הירשקע (שאָקלט צו מיטן קאָפּ): גאַרבאַר האָט רעכט, ווי איך בין אַ איד! דער באַלעבאָס וועט ניט קומען, מע אַרבעט היינט ניט און „געסעטלט"! אָט — האָט איר: ס'איז ניטאָ דער שאַפּ־טשערמאַן, ניט שרעטל און ווייץ. (שווייגט אַ ווייל, כאַפּט אַרויס ס'זייגערל, ער רעדט אימפּעטיק): אָט — האָסטו דיר, ס'איז שוין באַלד זיבן, און וואו איז די טראַיקע? וואו איז לייבעלע, שמיליק און דער באָס דזשימי — וואָס? זיי קומען שטענדיק די ערשטע זאָגן דעם באַלעבאָס „גוד מאָרנינג"! און וואו איז טאַקע זעליג, אונדזער שאַפּ־טשערמאַן — וואו איז ער? נאָר מיר זיינען די יאָלדן.

„ביבי" גאַרבאַר (דרייט זיך אוים צום אַרויסגאַנג): טאָ לאָמיר שוין גיין אַהיים, וואָס וואַרטן מיר?!

(די קאָרידאָר־טיר עפנט זיך. ס'קומט אַריין זעליג דער שאַפּ־טשערמאַן, אַ יונגערמאַן, נעט געקליידט, אויסגעבליכט, פאַרשלאָפן.)

דער שאַפּ־טשערמאַן זעליג (פאַרחידושט): וואָס? פאַרשלאָסן גאָר?

הירשקע (צעבייזערט): זע נאָר אַ פריץ, ס'ט אַזוי לעבן, זע נאָר! מיר שטייען דאָ פון באַגינען, פרירן ווי הינט. און ער, אַ שאַפּ־טשערמאַן, אונדזער פירער, קומט זיך צוגיין ווי אַ כּראַביע און פרעגט קלאָץ קשיות: „פאַרשלאָסן גאָר?" זעסט ניט, וואָס? אָט הענגט אַ שלאָס, פאַרסאַרפּעט זאָל עס ווערן!

„ביבי" גאַרבאַר (פאַרדרייט אַ ציגאַרעטל): פאָלגט

מיך, ברידער, מיר'ן גיין אַהיים! היינט וועלן מיר שוין ניט אַרבעטן, פֿאַרפֿאַלן!

דער אַלטער שכנא (בייז): ווען דו, שנעק, וואָלסט געהאַט מיינע צרות, וואָלסטו אַזוי זיך ניט געריסן אַהיים! דו וואָלסט, ווי איך, דאָ געשטאַנען אין געהאַקטע וואונדן און געוואַרט. געהערט?

(דער שאַפּ־טשערמאַן זעליג גיט מיט אַמאָל אַ טראַט צום הענגענדיקן שלאָס. ער בויגט דעם קאָפּ נידעריקער צום שליסל־לאָך פֿון דער שאַפּ־טיר. ער רופֿט פּלוצים איסראָקע „שמש“.)

זעליג: איסראָקע, זיי אַזוי גוט.

איסראָקע (גרייט): וואָס, זעליג?

זעליג (ראַפּטאַם, ווייך): וועסט זיין אַזוי גוט, איסראָקע, וועסט צולויפֿן צו אונדזער שאַפּ־פֿעדלער ראַכמיעל, פֿרעגן אים, אויב ער קאָן זאָגן, וואו ס'איז אַהינגעקומען דער באַלעבאָס שוואַרצמאַן מיטן שאַפּ! גיך, שטיי ניט!

(איסראָקע אָפּ.)

קולות פֿון אַרבעטער: וואָסי דען? וואָס איז געשען? וואָס־סס? (די אַרבעטער שטויסן זיך צום שליסל־לאָך).

זעליג (פֿאַרצווייפֿלט): ניטאָ מער קיין שאַפּ, ברידער! קוקט דורכן שליסל־לאָך — ליידיק, פּוסט! אַנטלאָפֿן מיט אונדזערע צוויי וואָכן שכירות, אָט וואָס!

הירשקע (הויבט אויף דעם קאָפּ פֿונעם שליסל־לאָך): זעליג האָט רעכט, ווי איך בין אַ איד! ס'איז דאָרטן פּוסט און וויסט! אַנטלאָפֿן איז דאָס פֿויגל! אַנטלאָפֿן צו אַלדי כאַליערעס!

„בייבי“ גאַרבאַר (פֿאַררויכערט שפּילעווודיק אַ פֿרישן ציגאַרעטל, דרייט זיך אויס צום אַלטן שכנא און צעזינגט זיך):

אַמאָל איז געווען אַ באַלעבאָסעלע,
אוי, אַ באַלעבאָסעלע,
אין פּעלעם שטראָסע פֿאַרמאָגט אַ שאַפּקעלע,
אוי, אַ שאַפּקעלע.
אין שאַפּקעלע — כשר'ע בהמה'לעך,
אוי — — —

דער אַלטער שכנא (מיט רוגזה): שווייג, אידיאָט! ס'רינט בלוט פֿון האַרצן, און ער שטעלט זיך זינגען! האָט איר געהערט?

„בייבי“ גאַרבאַר (פֿילאָזאָפֿיש): איצט, ר' שכנא, איז אַלץ געענדיקט. נאָר אויב איר ווילט דווקא, מעגט איר דאָ שטיין און וואַרטן

אויף משיח׳ן. מיך אַרט ניט. פון מיינעטוועגן, האָט שוואַרצמאַן שוין פון לאַנג געמעגט איינעמען אַ מיתה, מיט זיין שאַפּ, מיט זיינע פּאַראַנדקעס צוזאַמען! ניטאָ דער הויט־שינדער, וועט זיין אַן אַנדערער! וואָס, אייגנטלעך, איז דער אונטערשייד?

(אַן אומרואיקע שטילקייט. מ׳הערט ס׳פּויקן פונעם רעגן און ווי דער ווינט טרייסלט די לויזע שויבן. דער אַלטער שכנא שטייט ווי צו אַ לוויה, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; ער מורמלט עפּעס בייז; ער וואַרפט שטעכיקע בליקן אויפן יונגן זאָרגלאָזן גאַרבאַר, ווי ער שטייט זיך עס אַזוי אַצינד, אין עת צרה, שפּילעוודיק מיטן ציגאַרטעל אין מויל און טענצלט אונטער.)

איסראָקע (מיט איין אָטעם, קוים אַריין): דער פעדלער דאַוונט! ער וויל ניט מפסיק זיין! איך האָב אים געפרעגט אויף שוואַרצמאַנ׳ען, איז ער בייז געוואָרן און געמוקעט: מ־הו־מו — — —

הירשקע (צאָרנדיק): איין באַנדע שווינדלער, ווי איר זעט מיך אַ אידן.

„בייבי" גאַרבאַר: אָט וואָס איך טענה און טענה.

דער אַלטער שכנא (פאַרצווייפלט): וואָס הויבט מען אָן צו טאָן, וואָס?

זעליג (מיט כעס): הערט אויף, „פאָר גאָד׳ס סעיק", הערט אויף!

(פאָרהאַנג)

צ ו ו י י ט   ב י ל ד :

אַ רעסטאָראַן־צימער אין פעלעם סטריט, פאַר אַרבעטער צו עסן זייערע מיטאָגס. אין דער לענג — אַ לאַנגער שמאָלער טיש באַצויגן מיט אַ ווייסע סעראַטע. פון ביידע זייטן — לאַנגע בענק. די ווענט — איין קאָליר געפאַרבט ; ערטערווייז, זעען זיך שוין דורך אַנדערע קאָלירן. אין הינטערגרונט, לינקס — אַ פענצטער. אונטערן פענצטער שטייט אַן אַלט־מאָדיש שענקל. דורך ניט־זויבערע שויבן קוקן רחמנות׳דיק אַרויס אַ באַקסל טאָמייטאָ־הערינג, סאַרדינס, און עטלעכע געלבלעכע אייער־קיכלעך. פון הינטערגרונט, רעכטס — אַ טיר פון פעדלער׳ס שלאָפצימער ; נאָך אַ טיר פאַר אַריין און אַרויס.

ווען די סצענע עפנט זיך, דערזעט מען דעם פעדלער ראַכמיעל, אַ דאַר מענטשל, ס׳באָרדלאָזע קין איינגעוויקלט אין אַ טלית, מיטן קאָפ צו דער סטעליע. ער שפּרייזט ווי אַ ווילדער אויף און אָפ און דאַוונט.

שוואַרצמאַנ׳ס אַרבעטער קומען אַריין. זיי זעצן זיך אויס אויף דער פאָדערשטער באַנק ביים טיש. דער פעדלער ראַכמיעל ווערט בייז, הויבט אָן האַסטיקער שפּרייזן. ער דרייט זיך פּלוצים אויס צו זיי, דרייט מיטן קאָפּ, הויבט מיט די אַקסלען, און מיט דער רעכטער האַנט ווייזט ער זיי צום פענצטער.

ה י ר ש ק ע (אויפגעשטורעמט) : **וואָס מאַכט איר דאָ משוגענע שטיק מיטן קאָפ און מיט די הענט, ראַכמיעל ? אַזוי באַהאַנדלט איר קונדן, וואָס האָבן יאָרן אייך געגעבן פרנסה ? וואָס ווייזט איר אונדז דעם דרויסן, וואָס ? ס׳רעגנט ! דאַוונט אָפּ און כמאַליעט אַרויס !**

ר אַ כ מ י ע ל (איגנאָרירט) : **אָז ישיר משה ובני ישראל — — —**

ה י ר ש ק ע (טוט זיך אַ הויב) : **ווי געפעלט אייך אַזאַ אידיאָט !**

ז ע ל י ג (געלאַסן) : **מיר ווועלן האָבן געדולד, הירשקע. איך פאַר־זיכער אייך, אַז מיט ליידיקן וועלן מיר ניט אַוועקגיין.**

ה י ר ש ק ע (אויפגעשטורעמט) : **ער איגנאָרירט אונדז, דער אידיאָט !**

(די טיר פונעם פעדלער׳ס שלאָפצימער האָט פּאַמעלעך זיך געעפנט. ס׳באַווייזט זיך דעם פעדלער׳ס ווייב מיכליע, אַ יונגע חנ׳עוודיקע פרוי. איר נאַכט־העמד אַנט־בלויזט. אירע האָר צעוואָרפן אויף די נאַקעטע אַקסלען. זי בלייבט אַ ווילע שטיין, קוקט זיך אַרום. באַלד טוט זי קאָקעטיש אַ דריי מיטן קאָפּ, זי רופט אָפ אין דער זייט דעם שאַפ־טשערמאַן זעליג, און זיי סוד׳ען זיך.)

ר אַ כ מ י ע ל (קוקט ביידן נאָך פאַרדעכטיקט. ער וואַרפט שטעכיקע אויגן צו זיי. ער זיפצט, און נעמט שפּרייזן האַסטיקער איבערן שטוב,

בעת ער שרייט אויס דעם צער מיט): „אמת ויציב ונכון וקים וישר, ו־נ־א־מ־ן" — — —

„ביבי" גאַרבאַר (הויבט זיך פון באַנק מיט חוזק): ס'איז אַ רעגעלער טעאַטער, חברה! — כאַ־כאַ־כאַ — — —

הירשקע (לאַכט מיט): מ'קען אַזש צעזעצט ווערן פון דעם אידיאָט! זע נאַר, ווי דאָס ציטערט!

דער אַלטער שכנא (געלאַסן): איז דען אַן עוולה, וואָס? ס'איז דאָך זיין ווייב!

איסראָקע (פאַר'חלומ'ט, בעת ער קוקט אויף איר): מיין שרה'ע נעבעך, שוין דאָס דריטע יאָר! (ער רעדט מיט ווייטיק צום אַלטן שכנא): איר האָט געמעגט אָנקוקן מיין שרה'לען, אַ אשה צנועה — אַ פאַרשוין! אַז אָסור צי איר טרעפט נאָך איינע אין אַמעריקע!

„ביבי" גאַרבאַר (מיט זיין קלינגענדיק געלעכטער): דער־וויל, איסראָקע, הערט אויף צו עסן די פעדלערקע מיט די אויגן! מ'טאָר ניט, ברודערקע, מ'טאָר ניט!

(אַלע צעלאַכן זיך. ראַכמיעל שטייט אויף גיך אויס פון שמונה־עשרה. ער באַטראַכט די לאַכנדיקע פנימ'ער, און בעט זיך מיט צער.)

ראַכמיעל: מי־כ־ליע! ווער דאַרף דיך דאָ, מיכליע! גיי אין שלאָפצימער, גיי! זע נאָר אַ גאַנג! אַ אידישע טאָכטער גייט ניט אַזוי פאַר פרעמדע מאַנצבילן!

(אַ פיינלעכע שטימונג. ער טוט גיך אויס דעם טלית און שליידערט אים אַוועק אויפן שענקל. ער בלייבט אַ ווילע שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. ער הויבט אויף אויגן פול מיט צער; די אויגן קוקן מיט געבעט צו זעליג'ן, וועלכער שטייט נאָך אַלץ מיט זיין ווייב און סוד'עט זיך. זעליג באַמערקט עס און פּראָוואָט אַפּציען, אָבער זי, מיכליע, כאַפּט אים ביים אָרעם; זי טוליעט זיך, ווי אויף להכעיס, צו זעליג'ן.)

מיכליע (מיט פייער): זעליג וועט שטיין דאָ נעבן מיר! אַזוי וויל איך! (זי קוקט צו זעליג'ן). וואָס אַרט אייך? זאָל דער נאַר (אָנ־ווייזנדיק מיטן צייג־פינגער אויף איר מאַן) צעפּוקעט ווערן!

ראַכמיעל (מיט צער): אַוואָדע בין איך אַ נאַר! אויב נאָר אַ ווייב העלפט מיט פּרנסה, מוז סוף כל סוף דער מאַן בלייבן אַ נאַר, וואָדען?!

מיכליע (שפּייט מיט גאַל): טאָ ווער לאָזט דיך ניט זיין דער גאַנצער פּרנסה־געבער? פאַרוואָס טרייבסטו מיך ניט פון שטוב, ווען איך מוז טאָג־איין טאָג־אויס גרייטן עסן פאַר דיינע קונדן? וואָס בין איך דיינע, דענקסטו?

ראַכמיעל (דרייט מיט זשעדנע אויגן צו איר מיטן קאָפּ): אַ,

וויס איך! נאָך ווי! הלוואַי וואָלסטו אַזוי געוואוסט און געוואָלט וויסן! (ער בייט דעם געשפרעך). יאָ. איך זאָג, ס׳איז ניט אונדזער באָבע׳ס דאגה זיך צו מישן אין שוואַרצמאַנ׳ס געשעפטן. מיר וויסן גאָרנישט, גאָרנישט ניט!

מ י כ ל י ע (צו־להכעיס): איך ווייס אָבער יאָ, און איך וועל אָט די מענטשן (דרייט זיך אויס צו זיי) אויסזאָגן דעם ריינעם אמת. טאָ זייט וויסן! אייער באַלעבאָס שוואַרצמאַן האָט נעכטן באַגינען איבערגעצויגן אין בליקער סטריט נומער — —

ר אַ כ מ י ע ל (טופּעט צו איר מיטן פוס): שווייג, זאָג איך דיר! איך האָב שוואַרצמאַנ׳ען בפירוש צוגעזאָגט די זאַך צו האַלטן בסוד, כאָטש די ערשטע עטלעכע טעג!

מ י כ ל י ע (צערייצט, שטעלט זיך פנים אל פנים צו איר מאַן): און איך האָב שוואַרצמאַנ׳ען גאָרניט צוגעזאָגט! (די שטעכט אים דורך מיט די אויגן, דרייענדיק בעת מעשה מיטן קאָפּ). זאָג נאָר מיר, מיין פרומער־ערלעכער איד: וואָס גייט עס דיר אָזוי אין לעבן, אַז זייער באַלעבאָס זאָל פריער זיך דאָרטן איינפונדעווען? אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיינע מענטשן אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט? נאָכדעם, געהייסן זיי נאָך קומען כלומרשט צו דער אַרבעט — זוכן אַ נעכטיקן טאָג?! איז דאָס ערלעך, ראַכמיעל?

(מיכליע קערט זיך אָפּ פון אים מיט פאַראַכטונג אין שלאָפּצימער, און פאַר־קלאַפּט הינטער זיך די טיר. אַלע, שטיל, מיט דרך־ארץ, קוקן איר נאָך.)

ה י ר ש ק ע (מיט צער און צאָרן): זי איז גערעכט, ווי איך בין אַ איד! פאַרטאָג אונדז פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט! אין גוס־רעגן געלאָפן! ווי די הינט אונדז געלאָזט פרירן! ערשט איצט — וואו? ווען? וואָס? ס׳פויגל איז גאָר אַנטלאָפן מיט אונדזער פּראַצע! איר הערט, ראַכמיעל! איר דאַרפט אים אָסור מקנא זיין, ווען אָט דער לץ וועט אַריינפאַלן אין מיינע הענט! (פאַרענדיקט מיט געביילטע פויסטן).

ר אַ כ מ י ע ל (טענה׳ט ווייך): זאָרגט ניט פאַר די געלט. אייערע שכירות איז קוראַנט ווי אין די בענק אָוו ענגלאַנד! ער האָט מיר בפירוש פאַרזיכערט, אַז קומענדיקן פרייטיק — —

ז ע ל י ג (האַקט אים איבער): איך ווייס! איך ווייס! טויטערהייט וועלן מיר אַפילו אָפּקריגן די שכירות. ער מאַכט אָבער אַ טעות, שוואַרצ־מאַן, אויב ער דענקט, אַז מיט זיין אַנטלויפן אין בליקער סטריט איז ער שוין פּטור פון אַ יוניאָן־שאַפּ! ניין! מיר וועלן ניט דערלאָזן אים מיט דער „טראַיקע״ — דעם באָס דזשימי, לייבעלע גאַנאַווניק, און דעם פרומען שמיליק וואָס שווערט זיך ביי דער באָרד, גלאַצנדיק מיט

די גנבה׳שע אויגן צום באַלקן — איינפירן אים, דעם באַלעבאָס, אַ סקעב־שאָפּ! ניט דערלעבן וועלן זיי עס!

הירשקע (כאַפּט זיך מיטביידע הענט ביים קאָפּ): וואָס הער איך? וואָס? אָט־אָ־די סאַנאַ — — זיינען גאָר אַוועק מיט שוואַרצ־מאַנ׳ען איינפירן דאָרטן אַ סקעב־שאָפּ?! מיין גאָט! מיין גאָט! איך גיי שוין אַהין! איך ברעך זיי אַלעמען אונטער די פּיס, צו אַלדי כאָליערעס!

זעליג (געלאַסן, מיט באַרואיקונג): ניט געהיצט זיך, הירשקע. צוערשט גייען מיר עס רעפּאָרטן אין אונדזער יוניאָן. ס׳איז מעגלעך, אַז די „טראַיקע״ איז פּשוט פאַרפירט געוואָרן פון באַלעבאָס. און אפשר איז איינגאַנצן אַ טעות, די „טראַיקע״ ווייסט פון גאָרניט?!

הירשקע (אויפגעשטורעמט): ניין! ס׳איז ניט קיין טעות! ס׳איז אמת, זעליג! אמת, ווי כ׳לעב. אָט די חזיר׳שע „טראַיקע״ זיינען געבוירענע סקעבאַטשעס! זאָג מיר נאָר, טייערער שאַפּ־טשערמאַן (דרייט זיך אויס צו אים מיט כעס), הלמאַי האָסטו געשוויגן, ווען דו האָסט געזען שטענדיק, ווי זיי שושקען זיך מיטן באַלעבאָס? וואָס פאַר אַ סודות האָבן זיי געהאַט? און הלמאַי האָסטו צוגעלאָזט, אַז זיי זאָלן קריגן די בעסטע אַרבעט פון שאָפּ? וואָס? זיינען זיי טאַקע די בעסטע באַלמעלאָכעס? ניין! ס׳הויבט זיך ניט אָן! איך זאָג אָפן: אין אַלעמען ביסטו שולדיק! דו, אונדזער שאַפּ־טשערמאַן, מיט דיינע איצטיקע ריידעלעך: „סי גאָר ניט״, „ס׳איז אַ טעות״. (ער דרייט זיך אויס און רעדט פלאַמיק צו אַלעמען.)

אָט זעט איר אַ ביישפּיל: אַנומלטן, ווען שמיליק, מיט דער רויטער באָרד ווי אַ פּאָמעלע, האָט פאַר אַ „נאָווינע״ אונדז צוגע׳מסור׳ט פאַרן באַלעבאָס, אַז ער קען ניט פרעסן אונדזער אַרבעט, וואָס מיר „באַגראָבן״ — איר אַלע האָט עס געהערט, און איך האָב אים באַלד אויפן אָרט מכבד געווען מיט אַ בינטל פינגער גלייך אין שנוק אַריין! געדענקט איר, ווי אונדזער טשערמאַן האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט? איך פרעג אייך: איז דאָס אַ פירונג פון אַ טשערמאַן? האָב איך אַזאַ סקעבאַטש ניט באַדאַרפט אויסלושצען זיינע אַלע באַק־ציינער?

זעליג (נעמט אים אַרום גוט־ברודעריש): הירשקע ברודער, צו וואָס טויג אַזוי פיל רייד? (ער דרייט זיך אויס צו ראַכמיעל׳ן): איר האָט עפּעס צו דערוואַרעמען ס׳האַרץ? מאַכט עס גיך. מיר גייען שוין אין דער יוניאָן.

ראַכמיעל (געשעפטמעסיק): איך גיי שוין מאַכן קאַווע.

הירשקע (פאַרקרימט מיטן נאָז): קאַווע גאָר? ווער קריכט

עס איז גאָרגל? (ער רופט ראַכמיעל'ן פון קיך). העי, ראַכמיעל, אַהער גיי! דערלאַנג אָקאָרשט אַ קאַפּיטשקע פון יענע.

ר אַ כ מ י ע ל (טאַמעוואַטע): פון גרינעם פלעשל, מיינסטו? אָט, איך ברענג שוין.

(ראַכמיעל ברענגט צו טראָגן אַ פלעשל משקה און האַלט עס צו מיטביידע הענט.)

ה י ר ש ק ע: נו? נו? שטעלט דאָס אויפן טיש! קיינער וועט עס ניט צוכאַפּן!

(ראַכמיעל שטעלט פאָרזיכטיק אַוועק דאָס פלעשל אויפן טיש און ברענגט צו גלעזעלעך.)

ה י ר ש ק ע (באַגייסטערט): העי, חברה בראַצי — אַהער! ווער וויל אַ גלעזל בראַנפן? איך צאָל!

(חברה זעצן זיך פריילעכע אַרום טיש. ביים ברעג זיצט איסראָקע „שמש", נעבן אים דער אַלטער שכנא, פאַרטיפט אין אַ שמועס, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ. אין דער שטילקייט דערהערט מען ווי ביידע זיפצן.)

ה י ר ש ק ע (גוטמוטיק): העי, שכנא! וואָס פאַר אַ זיפצעניש, וואָס? איר באַקלאָגט אפשר אייער באַלעבאָס שוואַרצמאַן? איר הערט? אַזוי פיל מכות אים וויפיל וואָכן איר וועט נאָך אַרבעטן ביי אים! (ער גיסט אָן אַ גלעזל בראַנפן). נו, גענומען און אַריינגעגאָסן!

„ב י י ב י" ג אַ ר ב אַ ר (כאַפּט זיך ביי די קעשענעס, רופט ראַכמיעל'ן): העי, ראַכמיעל! וואָס האָט איר דאָרט צו פאַרבייסן? אַהער ברענגט — נו־נו!

ר אַ כ מ י ע ל (צופּט מיושב'דיק זיין באָרדלאָזע קין, דרייט אויס דאָס קאָפּ אויף אַ זייט): איך ווייס? אין שטוב איז גאָרנישט ניטאָ, אַ חוץ אַ טאָמייטע־הערינג, אַ באַקסעלע סאַרדינקעס, — שאַט! אפשר גאָר קיכלעך פון אמת'ע אייער געבאַקן?!

ה י ר ש ק ע (אומגעדולדיק): האַקט ניט קיין טשאַיניק, ראַכמיעל, מיט אייערע אמת'ע אייער. צובייסן ווילן מיר! איצט פאַרשטייט איר וואָס מיר ווילן? (ער דרייט אויס דעם קאָפּ, ווכט מיט די אויגן). וואו איז דאָ דער „שמש"? זע נאָר ווי ער זיצט אַ פאַרדומניעטער נאָך זיין שרה'לען! זי וועט קומען, ווי איך בין אַ איד, זי וועט קומען! (באַלד דרייט ער זיך אויס צו „ביבי" גאַרבאַר, גיט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ איבער דער פּליי צע). פאָלג מיך, גאַרבאַר, טו אַליין אַ שפּרונג אין פייפער'ס דעליקאַטעסן סטאָר, ברענג אַ שטיקעלע וואַרעמע פּאַסטראַמע, אַ פונטל וואַרעמע קאָרנד־ביף מיט טרימינגס. אָבער — אַ הויב מיט

די פּאָזנאַטשקעס, אַ רויך זאָל גיין! מיר גייען שוין אין דער יוניאָן — אַ ריר!

„ב י י ב י" ג אָ ר ב אָ ר (אָפּ מיט שטילן געזאַנג):

ס'איז געווען אַמאָל אַ באַלעבאָסעלע —
אַ באַלעבאָסעלע.
אין פּעלעם שטראָסע אַ שאַפּקעלע —
אַ שאַפּקעלע.
אין שאַפּקעלע אַ סקעבישע טראָיקעלע —
אַ טראָיקעלע — — —

(פאָרהאַנג)

סוף

אינהאַלט:

	זייט
יוגנט (נאָוועלע)	5
צוויי מענטשן	90
פרעמדע	126
דער אַלטער נחום	130
פלאָרענס	133
אַ האַרבע שאלה	138
די מאַמע מיט די קינדער	142
אַן אייגענע	146
מיסטער מאַלקינ׳ס אויגן	150
אין די בערג	157
זיך איבערגעבעטן	162
אָן אַ פּאַרוואָס	171
צוויי חבר׳טעס	175
געקריוודעטע	180
דער „גוטער" באַלעבאָס	184
אַ שווערע ליבע	189
„דער דזשענטלמאַן"	193
אין אַ שטורעם	197
אויף באַזונדערע וועגן	201
אַ שאַכטל קרעקערס	206
אַ נייע באַראַטונג	209
קאָנקורענטן	214
די עלטערע שוועסטער	219
„גליק"	223
אין אַן ענגער דירה	228

זייט

א פּאָר־פּאָלק — — — — — — — — — — — — — — 233
באַנייט די שותפות — — — — — — — — — — — — 237
אַנטוישונג — — — — — — — — — — — — — — 241
שרעק — — — — — — — — — — — — — — — 247
אין אַ שווערן גּעמיט — — — — — — — — — — — 251
די שפּיציקע שער — — — — — — — — — — — — 256
פאַרשפּילטע — — — — — — — — — — — — — 261
צעקריגט... — — — — — — — — — — — — — 266
בענקעניש — — — — — — — — — — — — — — 271
באַגינען (איינאַקטער) — — — — — — — — — — — 275